STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09530

# DOS TOGBUKH FUN ANA FRANK

Anne Frank

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Henry & Pearl Schour*
*in memory of*
*Judith Ann Schour*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אנא פראנק

# דאָס טאָגבוך
# פון אנא פראנק

12 יוני 1942 — 1 אויגוסט 1944

צווייטע אויפלאגע

די אויפלאגע איז אָפּגעדרוקט אויף דער ספּעציעלער באשטעלונג
פון פארלאג „יידיש־בוך“, ווארשע.

פארלאג פאר ליטעראטור
בוקארעשט
1961

איבערגעזעצט פון ש. רובינגער
הילע: י. מאָלנאַר

די דאָזיקע אויפלאַגע קאָן פאַרקויפט ווערן נאָר אין דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק.

דאָס בוך איז דערשינען אין האָלענדיש מיטן טיטל „העט אכטערהויז“, קאָנטאַקט אמסטערדאַם.

12. יוני. 1942.

איך האָף, אז איך וועל דיר אלץ קאָנען אָנפארטרויען, אזויווי איך האָב עס נאָך קיינמאָל נישט געקאָנט טון, און האָף, אז דו וועסט פאר מיר זיין א שטארקער אָנשפאר.

זונטיק, 14. יוני 1942.

פרייטיק האָב איך מיך אויפגעכאפט ארום 6 אזייגער. דאָס איז געווען פארשטענדלעך, ווייל ס׳איז געווען מיין געבוירנטאָג. אָבער אזוי פרי האָב איך נישט געטאָרט אויפשטיין און איך האָב געמוזט צוימען מיין נייגיריקייט ביז דריי פערטל אויף זיבן. דאן האָב איך עס מער נישט געקאָנט אויסהאלטן. איך בין אריין אין עסצימער, וו דאָס נעגערל, אונדזער קליינער קאָטער, האָט מיך באגריסט זייער פריינטלעך. נאָך זיבן בין איך אריינגעגאנגען צו די עלטערן און דאן מיט זיי אין וווינצימער, כדי אָנצוקוקן מיינע מתנות און זיי אויספאקן. דיך, מיין טאָגבוך, האָב איך קודם געזען, און דאָס איז זיכער געווען די שענסטע מתנה. דאן האָב איך נאָך געהאט א בוקעט רויזן און צוויי רויטע בלומען. דאָס זענען געווען די ערשטע בלומען־גריסן, אין יענעם טאָג האָב איך נאָך באקומען אסך בלומען. פון טאטע־מאמע האָב איך זייער אסך באקומען, און אויך מיינע פריינט האָבן מיך שטארק צעבאלעוועט. אזוי האָב איך באקומען צווישן אנדערע, די „קאמערא אָבסקורא“*, א געזעלשאפט־שפיל, אסך נאשערייען, שאָקאָלאד, א געדולד־שפיל, א בראָשע, די „האָלענדישע זאָגן און לעגענדן“ פון יאָזעף כוהן און נאָך א טייער ביכל, „דאיזיז פעריענרייזע אין די בערג“, און געלט. פאר דעם געלט האָב איך מיר דאן געקויפט די גריכישע און רוימישע העלדנזאגן. פרימא!

---

* א זייער באקאנט בוך אין האָלאנד.

דאן איז געקומען ליס מיך נעמען, און מיר זענען געגאנגען אין שול אריין. בעת דעם איבערייס האָב איך צעטיילט צוקערלעך פאר די לערערס און מיינע מיטשילערס* און דאן האָבן מיר זיך גענומען צו דער ארבעט.

און איצט גענוג. איך פריי מיך שטארק וואָס איך האָב היינט מיין טאָגבוך!

מאָנטיק, 15. יוני 1942.

שבת נאָכמיטאָג האָב איך געפייערט מיין געבוירנטאָג. מיר האָבן געוויזן א פילם „דער לייכט=טורם=וועכטער" (מיט רין=טין=טין), וועלכער איז שטארק געפעלן מיינע חברטעס. מיר האָבן געטריבן אסך נארישקייטן און זיך שטארק געפרייט. ס'זענען געווען אסך ייִנגלעך און מיידלעך. מיין מאמע וויל תמיד וויסן מיט וועמען איך וועל שפעטער חתונה האָבן. איך מיין, אז זי וואָלט זיך שטארק געוואונדערט, ווען זי ווייסט, אז דאָס וועט זיין פעטער וועסעל, ווייל איך מאך מיך כלא ידע, ווען זי הויבט אָן דערפון רעדן. מיט ליס גאָסענס און סאַנע האויטמאַן בין איך שוין יאָרנלאנג צוזאמען, און זיי זענען ביז איצט געווען מיינע בעסטע חברטעס. אינצווישן האָב איך קענענגעלערנט אין יידישן ליציי יאָפי וואן דער וואל. מיר זענען אסך אינאיינעם. און אצינד איז זי מיין בעסטע חברטע. ליס גייט מיט אן אנדער מיידל, און סאַנע באזוכט אן אנדערע שול און האָט דאָרט אירע חברטעס.

שבת, 20. יוני 1942.

א פאָר טעג האָב איך גאָרנישט געשריבן, ווייל איך האָב קודם געוואָלט ערנסט איבערטראכטן וועגן צוועק און זין פון א טאָגבוך. ס'איז אן אייגנארטיק געפיל, וואָס איך וועל אצינד פירן א טאָגבוך. נישט נאָר דערפאר ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל נישט „געשריבן". איך שטעל מיר פאָר, אז שפעטער וועל נישט איך און נישט עמיצער אנדערש האָבן קיין אינטערעס פאר די הארצזאכן פון א דרייצן יעריק שול=מיידל. אָבער אייגנטלעך איז דאָס נישט וויכטיק. איך האָב חשק צום שרייבן און וויל קודם כל מיר גוט אראָפרעדן פונעם הארצן.

---

* אזוי איז דער מנהג אין האָלאנדביי א געבוירנטאָג.

„פאפיר איז געדולדיקער ווי מענטשן“. אזוי האָב איך אָפט געטראכט, ווען איך פלעג אין מײַנע לײַכט־מעלאַנכאָלישע טעג אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אין מײַנע הענט און נישט וויסן וואָס אָנצוהייבן. אַט האָב איך געוואָלט בלײַבן אינדערהיים, דאַן ווידער אַוועקגיין, און מײַנסטענס בין איך געבליבן אויף דעם זעלבן אָרט זיצן און ווייטער געגריבלט. יאָ, פּאַפּיר איז געדולדיק! איך האָב נישט בדעה אַמאָל עמיצן צו ווײַזן דאָס געבונדענע העפט מיט דעם הויכקלינגענדיקן נאָמען טאָגבוך. סײַדן דאָס וועט שוין זײַן דער פרײַנט אָדער די חברטע, אַנדערע אינטערעסירט עס, ווײַזט אויס, נישט. און אַט בין איך צוגעקומען צו דעם פּונקט, אַרום וועלכן ס'דרייט זיך די גאַנצע טאָגבוך־אידייע: איך האָב נישט קיין חברטע! דאָס וויל איך אָבער בעסער דערקלערן, ווײַל קיינער פאַרשטייט נישט, אַז אַ דרײַצניעריק מיידל פילט זיך אַזוי אַליין. דאָס איז אויך אַ מערקווירדיקע זאַך. איך האָב ליבע, גוטע עלטערן, איך האָב אַ שוועסטער פון 16 יאָר און אַרום און אַרום מײַן הסתם אַ 30 באַקאַנטע אָדער וואָס מען רופט, פרײַנט. איך האָב אַ גאַנצע מחנה פאַרערערס, וועלכע לייגן מיר אַלץ אַראָפּ פון די אויגן און אפילו בעת די לעקציעס אָפּערירן זיי אַזוי לאַנג מיטן טאַשן־שפּיגעלע, ביז זיי כאַפּן אויף מײַנס אַ שמייכעלע. איך האָב קרובים, האַרציקע מומעס און פעטערס, אַ שיינע היים, און אייגנטלעך פעלט מיר גאָרנישט אַ חוץ, די חברטע! מיט קיינעם פון מײַנע פיל באַקאַנטע קאָן איך נישט עפּעס אַנדערש טון ווי שטיפן אָדער רעדן וועגן טאָגטעגלעכע ענינים. ס'איז מיר אָבער נישט מעגלעך זיך דורכצורעדן, און איך בלײַב ווי פאַרשלאָסן. אפשר בין איך שולדיק אין דעם מאַנגל אין צוטרוי, אָבער אַזוי איז דאָס שוין און ס'איז אַ שאָד, וואָס איך קאָן דאָס ווידער נישט גובר זײַן.

דערפאַר. שרײַב איך דאָס טאָגבוך. און כּדי צו שטײַגערן אין מײַן פאַנטאַזיע די אידייע פון דער לאַנג אויסגעבענקטער חברטע, וויל איך נישט, ווי אַ יעדער אַנדערער, אַרײַנשרײַבן אין מײַן טאָגבוך נאָר פאַקטן, נאָר דאָס טאָגבוך אַליין וועט זײַן מײַן חברטע, און די חברטע הייסט: קיטי!

קיינער וואָלט נישט געקאָנט פאַרשטיין מײַן אונטערהאַלטונג מיט קיטין, ווען איך פאַל אַרײַן סתם אַזוי, דעריבער וויל איך דערציילן מײַן לעבנס־געשיכטע, כאָטש איך טו עס זייער אומגערן.

ווען מיינע עלטערן האָבן חתונה געהאַט, איז דער טאַטע אַלט געווען 36 יאָר און מיין מאַמע 25 יאָר. מיין שוועסטער מאַרגאָ איז געבוירן אין 1926־טן יאָר אין פראַנקפורט ביים מיין, דעם 12־טן יוני 1929 בין איך נאָכגעקומען. אַלס יידן האָבן מיר אין 1933־טן יאָר עמיגרירט קיין האָלאַנד, ווו מיין טאַטע איז געוואָרן דירעקטאָר ביי דער טראַוויס אַקציען געזעלשאַפט. די דאָזיקע פירמע האָט געאַרבעט אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער פירמע קאָלען עט קאָמפּ. אין דער זעלבער געביידע.

אונדזער לעבן איז פאַרלאָפן מיט די געוויינטלעכע אויפרע־גונגען, ווייל די היטלערישע געזעצן האָבן נישט געשאַנעוועט אונדזערע קרובים וואָס זענען געבליבן אין דייטשלאַנד. נאָכן פּאָ־גראָם פון 1938 זענען ביידע ברידער פון מיין מאַמען אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. מיין באָבע איז געקומען צו אונדז. זי איז דעמלט אַלט געווען 73 יאָר. נאָך 1940 האָבן אָנגעהויבן די שלעכטע צייטן. קודם איז געקומען די מלחמה, דאַן די קאַפּיטולאַציע, דאַן זענען אַריין די דייטשן קיין האָלאַנד. און אַזוי האָט אָנגעהויבן די ביטערע צייט. איינס נאָכן אַנדערן זענען געקומען די דיקטאַטאָ־רישע געזעצן, און באַזונדערס פאַר יידן איז געוואָרן זייער שלעכט. זיי האָבן געמוזט טראָגן דעם מגן־דוד, זיי האָבן געמוזט אוועק־געבן זייערע ביציקלעטן, זיי האָבן מער נישט געטאָרט פאָרן מיטן טראַמוויי, פון אויטאָס איז שוין אָפּגערעדט. יידן האָבן געמעגט איינקויפן נאָר צווישן 3 און 5 אַזייגער — און אויך דעמלט נאָר אין יידישע געוועלבער. נאָך 8 אַזייגער אין אָוונט האָבן זיי זיך מער נישט געטאָרט געפונען אויף דער גאַס און נאָך דער צייט אויך נישט אין גאָרטן אָדער אויפן באַלקאָן. יידן האָבן נישט געטאָרט גיין אין טעאַטער אָדער אין קינאָ אָדער אין אַנ־דערע פאַרווייליונגס־ערטער. זיי האָבן אויך נישט געטאָרט שווימען, שפּילן טעניס און האָקעי, און קיין שום ספּאָרט נישט טרייבן. יידן האָבן נישט געטאָרט גיין אויף אַ באַזוך צו קריסטן. יידישע קינדער מוזן באַזוכן יידישע שולן. און אַזוי איז געקומען איין באַגרענעצונג נאָך דער אַנדערער. אונטער דעם דרוק איז פון איצט אָן געשטאַנען אונדזער גאַנץ לעבן. יאָפּי זאָגט תמיד: „איך האָב מורא אַז וואָס איך זאָל נישט טון איז פאַרבאָטן".

אין חודש יאַנואַר דאָס יאָר איז געשטאָרבן די באָבע. קיינער ווייסט נישט וויאַזוי איך האָב זי ליב געהאַט און וויאַזוי זי פעלט מיר. שוין אין 1934 בין איך אַריין אין קינדערגאָרטן פון דער מאָנטעסאָרי־שול און דאַן שפּעטער טאַקע אין דער שול געבליבן. אין לעצטן יאָר האָב איך געהאַט אַלס לערערן, די דירעקטאָרן

פון דער שול, פרוי ק. צום סוף פונעם יאָר האָבן מיר זיך אויף א רירנדיקן אופן געזעגנט און מיר האָבן ביידע געוויינט מיט הייסע טרערן. מארגאָ און איך זענען דאן געגאנגען — זינט 1941 — אין דער יידישער שול (ליציי), זי אין פערטן, איך אין ערשטן קלאס.

אונדז פיר גייט עס וויטער גוט, און אזוי בין איך צוגעקומען ביז צו דער קעגנווארט, צום היינטיקן טאָג.

שבת, 20. יוני 1942.

ליבע קיטי!

איך וויל טאקע שוין אָנהייבן. ס'איז אזוי פיין רויק. טאטע־מאמע זענען אוועקגעגאנגען און מארגאָ איז געגאנגען צו א חברטע שפילן פינג־פּאָנג. אין דער לעצטער צייט שפיל איך אויך גערן. אזויווי מיר, פינג־פּאָנג־שפילער, עסן זייער גערן, באזונדערס זומער, אייזקרעם, ענדיקט זיך געוויינטלעך די שפיל מיט אן אויספלוג אין איינער פון די קאָנדיטאָרייען, וואָס זענען צוגענגלעך פאר יידן: „דעלפי" אָדער „אָאזע". מיר מאכן זיך נישט קיין זאָרגן, צי מיר האָבן אסך אָדער ווייניק אין טעשל. דאָרט איז תמיד אזוי פול, אז מיר טרעפן שטענדיק צווישן דעם גרויסן עולם, הערן פון אונדזער באקענטן־קרייז אָדער פארערערס, און אזויפיל אייזקרעם וויפל ס'ווערט אונדז אָנגעבאָטן, קאָנען מיר אפילו אין א וואָך נישט פארצערן.

איך שטעל מיר פאָר אז דו הידושט זיך, וואָס כאָטש איך בין נאָך אזוי יונג, רעד איך פון פארערערס. לײדער איז דאָס ביי אונדז אין שול אומפארמיידלעך. אז איינער פון די ייִנגלעך פרעגט נאָר צי ער מעג מיט מיר אהיימפאָרן אויפן ביציקלעט, קאָן איך זיכער זיין, אז דאָס ייִנגל וועט זיך אין מיר פלוצלינג פארליבן ביז איבער די אויערן, און וועט די גאנצע וואָך נישט אראָפּנעמען אן אויג פון מיר. אין א שטיקל צייט ארום גייט עס אים איבער, באזונדערס, ווייל איך זע איבערהויפּט נישט די פארליבטע בליקן און פאָר מיר ווייטער מיט פארגעניגן. ווען ער כאפּט איבער די מאָס, פּענדל איך אביסל מיטן ביציקלעט, מיין טאש פאלט אראָפּ, און צוליב העפלעכקייט מוז דער יונגערמאן אראָפּגיין. ביז ער דערלאנגט מיר דעם טאש האָט ער זיך ווידער בארויקט. דאָס זענען נאָך די אומשולדיקסטע, אָבער ס'זענען דאָ אזעלכע, וואָס דערלאַנגען א קוש אין דער האנט און ווערן נאָך צודרינגלעכער.

אָבער ביי מיר האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף א פאַלשן אדרעס. איך
גיי אַראָפּ און דערקלער, אז איך פאַרציכטע אויף אזא מין געזעל=
שאַפט, אָדער איך בין אזוי צו זאָגן באַליידיקט און שיק זיי גלאַט
אוועק.
אָט אזוי, איז אוועקגעשטעלט דער גרונטשטיין פאַר אונדזער
פריינטשאַפט, קיטי! ביז מאָרגן!

דיין אנא.

זונטיק, 21. יוני 1942.

ליבע קיטי!

אונדזער גאַנצער קלאַס פיבערט: די לערער=קאָנפערענץ שטייט
פאַר דער טיר. א האַלבער קלאַס גייט אין א געוועט, ווער ס'וועט
אריבער דעם קלאַס און ווער נישט. מיפּ דע יונג און איך פּלאַצן
פאַר געלעכטער איבער אונדזערע שכנים, וואָס האָבן שוין פאַר=
וועט זייער גאַנץ טאַשנגעלט. „דו גייסט דורך, דו נישט, יאָ,
ניין...“ פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט גייט עס אזוי. נישט
מיפּס בעטנדיקע בליקן, נישט מיינע ענערגישע פרוון פון דער=
ציונג קאָנען נישט באַרויקן די צוויי חברה=לייט. ווען מ'פרעגט
מיך, וואָלט דער האַלבער קלאַס גהדאַרפט בלייבן רעפּעטענטן.
אזעלכע פוילאַקעס זענען דאָס. לערערס זענען שטאַרק צעדרייטע
מענטשן, אָבער אפשר זענען זיי אמאָל אויך צעדרייט אין גוטן זין.
בכלל פאַרשטיי איך מיך גוט מיט אלע לערערס און לערערנס.
אינגאַנצן זענען עס ניין, זיבן מענער און צוויי פרויען. הער קעפּלער
דער אלטער מאַטעמאַטיק=לערער, איז געווען א שטיק צייט
ברוגז אויף מיר, ווייל איך פּלאַפּל אזוי פיל. ער האָט מיך עטלעכע
מאָל געוואָרנט, ביז ער האָט מיר דערלאַנגט א שטראָפאַרבעט. איך
האָב גהדאַרפט שרייבן אן אויפזאַץ מיט דער טעמע „א פּלאַ=
פּלערן“. הם, א פּלאַפּלערן! וואָס קאָן מען שוין שרייבן? אָבער
וועגן דעם האָב איך מיר נישט געמאַכט קיין זאָרגן. איך האָב
אריינגעלייגט מיין אויפגאַבנהעפט אין טאַש און האָב געפּרוווט
האַלטן דאָס מויל. ווען איך בין אין אָוונט פאַרטיק געוואָרן מיט
מיינע שול=אויפגאַבן, האָב איך מיך ווידער דערמאַנט אין מיין
אויפזאַץ. איך האָב אביסל געגריזשעט מיין פּולפּעדער און האָב

געטראַכט וועגן דער טעמע. סתם עפּעס אָנשרייבן און ווי ווייט מעגלעך שיטערער, קאָן יעדער. אָבער די חכמה איז צו געפינען אַ ממשותדיקן באַווייז פאַר דער נויטווענדיקייט, אַז מען מוז פּלאַפּלען. איך האָב געטראַכט און געטראַכט. פּלוצלינג איז מיר איינגעפאַלן, איך האָב אָנגעשריבן די אויפגעגעבענע דריי זייטן נאָכאַנאַנד גיך און פּול, און ס'איז מיר געלונגען. אַלס אַרגומענט האָב איך אָנגעגעבן, אַז רעדן אַסך איז אַ ווייבערישער ענין און אַז איך וועל מיך באַמיען צו מעסיקן, אָבער אַז מיין מאַמע רעדט אויך אַזויפיל ווי איך, און אַז קעגן געירשנטע אייגנשאַפטן קאָן מען צום באַדויערן וויניק אויפטון.

הער קעפּלער האָט געלאַכט פון מיינע אויפקלערונגען. און ווען איך האָב אין דער קומענדיקער שעה ווידער געפּלאַפּלט, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ צווייטע שטראָפאַרבעט: „די אומפאַרבעסערלעכע פּלאַפּלערן". אויך דאָס האָב איך אָנגעשריבן און האָב מיך צוויי שעה צייט אויסגעצייכנט אויפגעפירט. אין דער דריטער שעה האָב איך אים ווידער אַרויסגעבראַכט פון די כלים: אַנאַ, אַלס שטראָפאַרבעט פאַרן פּלאַפּלען אין אויפזאַץ: „קוואַ, קוואַ, פריילן פּלאַפּלערן". דער קלאַס האָט געהילכט פון געלעכטער. איך האָב מיטגעלאַכט, כאָטש מיין דערפינדונגס-גייסט אויף דעם געביט פון פּלאַפּל-אויפזאַצן איז געווען אויסגעשעפּט. איך מוז עפּעס נייעס, עפּעס אָריגינעלס אויסגעפינען. מיין חברטע סאַנע, אַ פולקומענע דיכטערין, האָט מיר געראָטן, צו מאַכן פערזן, און צוגעזאָגט איר הילף. איך בין געווען באַגייסטערט. קעפּלער האָט געוואָלט פון מיר שפּעטן, דערפאַר האָב איך מיר פאָרגענומען פון אים חוזק צו מאַכן.

דאָס ליד איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. ס'איז געווען די רייד פון אַ מאַמע-קאַטשקע און אַ פאָטער-שוואַן מיט דריי קליינע קאַטשקעלעך, וואָס דער פאָטער האָט זיי פאַר צופיל פּלאַפּלען אַזוי לאַנג געביסן ביז ער האָט זיי דערהרגעט. צום גליק האָט קעפּלער פאַרשטאַנען דעם וויץ און האָט געלייענט דאָס ליד מיט דערקלערונגען אין אונדזער און אין די אַנדערע קלאַסן. פון דעמלט אָן מעג איך רעדן וויפל מיין האַרץ גלוסט און באַקום נישט קיין שטראָפאַרבעטן. קעפּלער וויצלט זיך נאָר וועגן דעם.

דיין אַנאַ.

מיטוואָך, 24. יוני 1942.

ליבע קיטי!

ס'איז גליענדיק הייס. יעדער סאַפּעט און שוויצט. און איך אזא היץ מוז איך יעדן וועג גיין צופוס. איצט האָב איך ערשט איינגעזען ווי אָנגענעם ס'איז דער טראַמוויי, באַזונדערס די אָפענע וואַגאָנען. אָבער דאָס פאַרגעניגן איז נישט מער פאַר אונדז יידן. נעכטן האָב איך געמוזט גיין מיטאָגצייט צום ציינדאָקטער אין יאַן לויקען סטראַט. דאָס איז אַ היפּשער מהלך פון אונדזער שול, וואָס איז ביים שטאָט-גאָרטן. נאָכמיטאָג בין איך שיער נישט אַנטשלאָפן געוואָרן בעת דעם אונטעריכט. ס'איז נאָך גוט, וואָס די מענטשן זענען אזוי לייטיש און גיבן איינעם אַליין עפּעס צו טרינקען. די שוועסטער ביים ציינדאָקטער האָט פאַר אונדז פאַרשטענדעניש.

נאָר מיט איין זאַך מעגן יידן נאָך פאָרן: מיטן פּראָם. ביי דער יוסף-ישראלקאַדע ליגט אַ קליינע לאָדקע, און אויף אונדזער ביטע האָט אונדז דער שיפער תיכף מיטגענומען צום אַנדערן ברעג. די האָלענדער זענען זיכער נישט שולדיק, וואָס ס'גייט אונדז יידן אזוי שלעכט. ווען איך וואָלט נאָר נישט געדאַרפט גיין אין שול אַריין! אין די פּסח-פּעריען האָט מען מיין ביציקלעט אַוועקגעגנבעט, און דער טאַטע האָט דער מאַמעס ביציקלעט באַהאַלטן ביי באַקענטע. אָבער צום גליק דערנענטערן זיך די פּעריען, נאָך איין וואָך און איך בין עס איבערגעקומען.

נעכטן נאָכמיטאָג האָט מיט מיר פּאַסירט אַ פיינע זאַך. ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען, וווּ איך פלעג געווייינטלעך אַוועקשטעלן מיין ביציקלעט, האָט מיך עמיצער גערופן. איך האָב מיך אויסגעדרייט און האָב געזען הינטער מיר שטיין אַ סימפּאַטיש יינגל, וועלכן איך האָב פאַריקן אָוונט געטראָפן ביי מיין שול-חברטע ווואַ. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַביסל שעמעוודיק: האַרי גאָלדבערג. איך בין געווען אַביסל דערשטוינט און האָב נישט געוווּסט וואָס ער וויל אייגנטלעך. דאָס האָט זיך אָבער גיך אַרויסגעוויזן. ער האָט מיך געוואָלט באַגלייטן אין שול אַריין. „אויב דו גייסט דעם זעלבן וועג, זאָל זיין“, האָב איך געענטפערט און אזוי זענען מיר אינאיינעם געגאַנגען. האַרי איז שוין אַלט 16 יאָר און קאָן

שיין דערציילן וועגן פארשידענע זאכן. היינט אינדערפרי האָט ער ווידער אויף מיר געוואַרט און אזוי וועט עס שוין פון היינט אָן זיין.

דיין אנא.

דינסטיק, 30. יוני 1942.

ליבע קיטי!

ביז היינט האָב איך באמת קיין צייט נישט געהאט דיר ווי־דער צו שרייבן. דאָנערשטיק בין איך דעם גאנצן נאָכמיטאָג געווען ביי באַקענטע, פרייטיק האָבן מיר געהאט געסט, און אזוי איז דאָס געגאנגען ביז היינט. האַרי און איך האָבן זיך אין משך פון דער וואָך גוט באַקענט. ער האָט מיר אסך דערציילט פון זיך. ער איז אליין געקומען אהער קיין האָלאנד צו זיין זיידע און באָבע, זיינע עלטערן זענען אין בעלגיע.

האַרי איז ביז אַצינד געגאנגען מיט א מיידל, פאַני. איך קען זי פאר א שטילע און לאַנגווייליקע. זינט האַרי האָט זיך מיט מיר באַקענט האָט ער אנטדעקט, אז לעבן פאַני ווערט ער כמעט אנטשלאָפן. איך בין פאר אים א מין באַלעבונגס־מיטל. א מענטש קאָן קיינמאָל נישט וויסן צוואָס ער קאָן נאָך דינען.

שבת האָט יאָפּי ביי מיר גענעכטיקט. אָבער זונטיק נאָכמיטאָג איז זי געווען ביי ליס און איך האָב מיך שרעקלעך גענודיעט.

אויפדערנאכט האָט האַרי געדאַרפט צו מיר קומען. ארום 6 אזייגער האָט ער אָנגעקלונגען:

— דאָ איז האַרי גאָלדבערג. קאָן איך רעדן מיט אנאַן?

— יאָ, דאָ איז אנא.

— א גוטן אָוונט אנא. וואָס מאכסטו?

— א דאנק, גוט.

— צום באַדויערן קאָן איך היינט אין אָוונט נישט קומען. אָבער איך וואָלט גערן מיט דיר געוואָלט רעדן. קאָנסטו אין א צען מינוט אראָפּקומען?

— יאָ, גוט, דערווייל א גוטן.

איך האָב מיך תיכף איבערגעטון און אביסל צוגעקעמט. דאַן בין איך געשטאַנען נערוועז ביים פענצטער. ענדלעך איז ער אָנגע־קומען. וואונדער איבער וואונדער. איך בין נישט תיכף אראָפּגעלאָפן די טרעפּ, נאָר איך האָב רויק געוואַרט, ביז ער האָט געקלונגען,

דאן בין איך אראָפּגעגאנגען, און ער איז תיכּף ארויס מיטן לשון.

— הער נאָר, מיין באָבע האלט, אז דו ביסט נאָך צו יונג פאר מיר. זי מיינט אז איך דארף גיין צו די לאָגערס. זי ווייסט אוודאי אז איך וויל מער נישט גיין מיט פאגין.

— או ווא, האָט איר אייך אפשר געקריגט?

— ניין, פארקערט, אָבער איך האָב פאגין געזאָגט, אז מיר פאסן נישט איינער צום אנדערן און אז דערפאר וואָלט איך נישט געוואָלט אזוי אָפט מיט איר זיך באגעגענען. זי מעג ווייטער צו אונדז קומען און איך צו זיי. א חוץ דעם האָב איך געמיינט אז פאגי גייט אויך מיט אנדערע יינגלעך. אָבער דאָס איז נישט אמת געווען. מיין פעטער האָט געזאָגט, אז איך מוז מיך ביי איר אנטשולדיקן. אָבער איך האָב נישט געוואָלט. און דערפאר האָב איך ליבער געמאכט א סוף. מיין באָבע וויל, אז איך זאָל ווייטער גיין צו פאגין און נישט צו דיר, אָבער איך טראכט אפילו נישט דערפון. אלטע מענטשן האָבן צומאָל אלטמאָדישע אידייען. איך דארף מיך נישט ריכטן לויט זיי. איך בין טאקע אָנגעוויזן אויף מיין באָבע, אָבער אין א געוויסן זין איז זי אויך אויף מיר אָנגעוויזן. מיטוואָך בין איך פריי און די באָבע מיטן זיידן מיינען אז איך גיי צו דער לעקציע פון האָלץ-שניצעריי. אָבער אנשטאָט דעם בין איך שטענדיק געגאנגען אין ציוניסטישן פאריין. מיר זענען נישט קיין ציוניסטן, אָבער ס'האָט מיך אינטערעסירט, עפּעס דערפון צו וויסן. אין דער לעצטער צייט איז מיר דאָרט נישט געפעלן געוואָרן. און איך האָב מער נישט געוואָלט גיין אהין. דערפאר קאָן איך מיטוואָך, שבת נאָכמיטאָג און אויפדער-נאכט און זונטיק נאָכמיטאָג זיין מיט דיר, און אפשר נאָך אָפטער.

— אויב דיינע זיידע און באָבע ווילן דאָס אָבער נישט, דארפסטו עס נישט טון הינטער זייערע פּלייצעס, הארי!

— צו ליבע קאָן מען נישט צווינגען!

מיר זענען פארבייגעגאנגען ביי דער בוכהאנדלונג. דאָ איז געשטאנען פעטער וועסל מיט אנדערע צוויי יינגלעך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אים ווידער געזען, און איך האָב מיך „שטאַרק" געפרייט. הארי און איך האָבן אביסל ארומשפּאצירט.

און צום סוף האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, אז קומענדיקן אָוונט פינף מינוט פאר זיבן זאָל איך אים אָפּוואַרטן ביי זיין טיר.

דיין אנא.

פרייטיק, 3. יולי 1942.

ליבע קיטי!

נעכטן איז הארי געווען ביי אונדז, כדי מיינע עלטערן זאָלן זיך מיט אים באקענען. איך האָב געבראכט טאָרט, זיסווארג און קיכלעך. דערצו איז געווען טיי. הארי און איך האָבן נישט געהאט קיין חשק צו בלייבן אינדערהיים. מיר זענען געגאנגען שפאצירן און ס'איז געווען 10 מינוט נאָך 8 ווען ער האָט מיך אהיים געבראכט. דער טאטע איז געווען זייער ברוגז וואָס איך בין אזוי שפעט געקומען. ס'איז זייער געפערלעך פאר יידן צו זיין אויף דער גאס נאָך אכט אזייגער אין אָוונט, און איך האָב צוגעזאָגט, אז פון איצט און ווייטער וועל איך פונקט 10 מינוט פאר 8 זיין אינדערהיים.

אויף מאָרגן בין איך פארבעטן צו הארין. מיין חברטע יאָפּי רייצט זיך מיט מיר תמיד. איך בין גאָרנישט פארליבט. איך מעג דאָך האָבן פריינט. ס'ארט אויך קיינעם נישט וואָס איך האָב א פריינט אָדער — ווי די מאמע זאָגט — א קאוואליר. עווא האָט מיר דערציילט, אז הארי איז אנומלט ביי איר געווען און אז זי האָט אים געפרעגט: „ווער איז הארציקער, פאני אָדער אנא?“ האָט ער געענטפערט: „דאָס גייט דיך גאָרנישט אָן“. זיי האָבן מער דערפון נישט גערעדט, אָבער ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האָט ער געזאָגט: „אוודאי אנא — אָבער דו דארפסט דערפון נישט רעדן“, און שוין איז ער אויסגעווען די צייט.

איך באמערק אז הארי איז זייער פארליבט אין מיר, און איך געפין אז ס'איז זייער פיין. מארגאָ וואָלט געזאָגט: „א ווילער בחור“. איך האלט אויך אזוי און אפשר נאָך מער. די מאמע איז אויך אנטציקט פון אים. „א שיין ייִנגל, זייער לייטיש און גוט דערצויגן“. איך בין זייער צופרידן וואָס הארי געפעלט אזוי גוט דער גאנצער משפחה, און ער האלט אויך, אז אלע זענען הארציק. נאָר מיינע חברטעס, האלט ער, זענען קינדיש, און דאָ האָט ער רעכט.

דיין אנא.

**זונטיק, 5. יולי 1942.**

פרייטיק איז געווען א שולפייער. ס'איז אלץ געווען זייער געלונגען. מיין צייגעניש איז גאָרנישט שלעכט. איך האָב איין 5=ער פאר אלגעברע, צוויי 6=ער, ווייטער לויטער 7=ער און צוויי 8=ער.* אינדערהיים איז מען געווען זייער צופרידן. מיינע עלטערן זענען אין דעם ענין נישט ווי אנדערע. זיי לייגן נישט אזא גרויסן ווערט אויף גוטע אָדער שלעכטע נאָטן און האלטן פאר וויכטיקער, אז איך זאָל מיך „לייטיש“ אויפירן און זיין געזונט און פריילעך. אויב דאָס אלץ איז פאראן, מיינען זיי, קומט דאָס אנדערע פון זיך. איך וואָלט אָבער גערן געוואָלט זיין אן אמת גוטע שילערן. מיך האָט מען מיט א באדינג אריינגענומען אין ליציי, ווייל מיר פעלט נאָך דער לעצטער קלאס פון דער מאָנטעסאָרי=שול. אָבער ווען אלע יידישע קינדער האָבן געמוזט גיין אין יידישע שולן, האָט דער דירעקטאָר נאָך לאנגע אונטערהאנדלונגען, מיך און ליס, אויפגענומען מיט א באדינג. איך וויל אים אוודאי נישט אנטוישן. מיין שוועסטער מארגאָ האָט אויך איר צייגעניש באקומען, אויסגעצייכנט ווי תמיד. ווען ס'איז פאראן „Cum Laude“ וואָלט זי אריבערגעגאנגען אין העכערן קלאס מיט אן אויסגעצייכנט, אזא גוט קעפּעלע! זינט דער טאטע קאָן אין דער לעצטער צייט נישט מער גיין אין געשעפט זיצט ער אסך אינדערהיים. דאָס מוז זיין שרעקלעך, זיך פלוצים איבעריק צו פילן. הער קאָפּהויס האָט איבערגענומען די „טראוויס“ און הער קראלער די פירמע קאָלען עט קאָמפּ., צו וועלכער מיין טאטע איז אויך א שותּף. ווען מיר זענען צוריק מיט עטלעכע טעג געגאנגען שפּאצירן, האָט דער טאטע מיט מיר גערעדט וועגן „אויסבאהאלטן זיך’’. ער האָט געזאָגט אז ס'וועט אונדז שווער זיין צו לעבן אזוי אָפּגעשניטן פון דער וועלט, איך האָב געפרעגט פארוואָס ער רעדט דערפון.

— דו ווייסט, האָט ער געזאָגט, אז שוין מער ווי א יאָר צייט טראָגן מיר אריבער אונדזערע קליידער, מעבל און לעבנסמיטל צו אנדערע מענטשן. מיר ווילן נישט אונדזער האָב און גוטס איבערלאָזן די דייטשן, אָבער נאָך ווייניקער ווילן מיר ארייפאלן אין זייערע הענט. דערפאר וועלן מיר אליין אוועקגיין און נישט וואַרטן, ביז זיי וועלן אונדז קומען נעמען.

מיך האָט געשראָקן מיין טאטנס ערנסט פּנים.

— יאָ, ווען טאטע ?

---

* צען איז די בעסטע נאָטע.

— וועגן דעם מאך דיר נישט קיין זאָרגן, קינד. דאָס וועסטו נאָך צו דער צייט געוואָר ווערן. געניס נאָך דיין פרייהייט, אזוי לאַנג ס'איז מעגלעך. דאָס איז געווען אלץ. איי, הלוואי וואָלט דער טאָג נאָך ווייט געווען!

דיין אנא.

מיטוואָך, 8. יולי 1942.

ליבע קיטי!

מיר דאכט זיך אז פון זונטיק אינדערפרי ביז היינט זענען פאַרגאַנגען יאָרן. ס'איז אזעלכע אסך געשען, ס'זעט אויס, ווי די ערד וואָלט זיך פאַרוואַנדלט! אָבער, קיטי, איך לעב נאָך, און דאָס, זאָגט דער טאַטע, איז דער עיקר. יאָ, איך לעב נאָך, פרעג מיך נאָר נישט, וויאזוי. מין הסתם פאַרשטייסטו מיך היינט שוין גאָרנישט. דעריבער וועל איך דיר קודם דערציילן, וואָס ס'איז געשען פון זונטיק אָן.

ארום דריי אזייגער (הארי איז נאָר־וואָס אוועקגעגאנגען און האָט געוואָלט שפּעטער ווידער קומען) האָט עס געקלונגען. איך האָב גאָרנישט געהערט. ווייל איך בין מיר פויל און געמיטלעך געלעגן אין ליגשטול און געלייענט. מארגאָ איז גאנץ אויפגערעגט צוגעקומען צו דער מיר. — אנא, פאַרן טאַטן איז געקומען א צעטל פון דער ס. ס., האָט זי געשעפּטשעט, די מאמע איז שוין געלאָפן צו הער וואן דאן. איך האָב מיך שטארק דערשראָקן. א צעטל... יעדער ווייסט וואָס דאָס באטייט: קאָנצענטראציע־לאַגער... איינזאמע קעמערלעך האָב איך געזען פאַר מיינע אויגן, און אהין זאָלן מיר לאָזן גיין דעם טאַטן! — ער גייט זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט, האָט מארגאָ מיט זיכערקייט געזאָגט, ווען מיר זענען איינגעזעסן אין וווינצימער, כדי צו וואַרטן אויף דער מאמען. — די מאמע איז געגאנגען צו די וואן דאנס, כדי איבער־צוריידן, צי מיר זאָלן שוין מאָרגן פאַרשווינדן. די וואן דאנס גייען מיט, אזוי וועלן מיר זיין 7! ס'איז געווען גאנץ שטיל. מיר האָבן מער נישט געקאָנט רעדן. דער געדאנק וועגן טאַטן, וועלכער האָט, נישט אנענדיק פון גאָרנישט, באזוכט זיינע אַלטי־משקע אין יידישן מושב זקנים, דאָס וואַרטן אויף דער מאמען, די היץ, די שפּאַנונג... מיר זענען אינגאנצן פאַרשטומט געוואָרן.

פּלוצלינג האָט עס געקלונגען. — דאָס איז הארי, האָב איך געזאָגט. — נישט עפענען, האָט מיך מארגאָ צוריקגעהאלטן, אָבער

ס'איז געווען איבעריק. מיר האָבן געהערט די מאמע און הער וואן דאן רעדן מיט הארין. ווען ער איז אוועק, זענען זיי אריינגעקומען און האָבן פארשלאָסן די טיר הינטער זיך. ביי יעדן קלונג האָט מארגאָ אָדער איך געמוזט אראָפּגיין גאַנץ שטיל צו זען, צי ס'איז נישט דער טאטע. ווייטער האָט קיינער נישט געטאָרט אריינקומען. מיר זענען ביידע ארויסגעשיקט געוואָרן פונעם צימער. וואן דאן האָט געוואָלט רעדן מיט דער מאמען אליין. ווען מיר האָב געוואַרט ביי אונדז אין צימער, האָט מיר מארגאָ דערציילט, אז דאָס צעטעלע איז נישט פארן טאטן, נאָר פאר איר. איך האָב מיך ווידער דערשראָקן און האָב אָנגעהויבן ביטער צו וויינען. מארגאָ איז אלט 16 יאָר. ווילן זיי אזעלכע מיידלעך ווי מארגאָ אליין פארשיקן!? מיר וועלן זי נישט אוועקלאָזן. די מאמע האָט עס געזאָגט, און דאָס האָט אויך געמיינט דער טאטע, ווען ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן זיך אויסבאהאלטן.

אויסבאהאלטן! ווו וועלן מיר זיך אויסבאהאלטן? אין שטאָט, אין דאָרף, אין עפּעס א געביידע, אין א הייזקע, ווען, וויאזוי, ווו? דאָס זענען געווען פראגן וועלכע איך האָב נישט געטאָרט שטעלן, וואָס האָבן ווידער אמאָל און אָבער אמאָל געקרייזט אין מיין מוח.

מארגאָ און איך האָבן אָנגעהויבן אריינצופּאקעווען דאָס נויטיקסטע אין די שול-טאַשן. דאָס ערשטע וואָס איך האָב גענומען, איז געווען דאָס דאָזיקע געבונדענע העפט, דאן אלץ וואָס ס'האָט זיך געלאָזט: לאָקנוויקלער, נאָזטיכלער, שולביכער, א קעמל און אלטע בריוו. איך האָב געטראכט וועגן זיך אויסבאהאלטן און האָב אריינגעשטופּט אין טאש לויטער פוסטע זאכן. אָבער ס'טוט מיר נישט באנג, דערינערונגען זענען ביי מיר מער ווערט ווי קליידער.

פינף אזייגער איז דער טאטע ענדלעך אהיים געקומען. ער האָט אָנגעקלונגען צו הער קאָפּהויס און האָט אים געבעטן, אָוונט אריינצוקומען צו אונדז. הער וואן דאן איז אוועקגעגאנגען, כדי צו ברענגען מיפּן. זי איז געקומען, האָט אָנגעהויבן איינפּאקעווען שיך, קליידער, מאנטלען, וועש און זאָקן אין א רענצל און צוגעזאָגט, אז אין אָוונט וועט זי ווידערקומען. דאן איז ביי אונדז שטיל געוואָרן. קיינער פון אונדז האָט נישט געוואָלט עסן. ס'איז געווען זייער היים, און אלץ איז געווען עפּעס אזוי מאָדנע.

דאָס גרויסע אויבערשטע צימער איז געווען פארדינגען צו א געוויסן הער גאודסמיט, א געגטער מאן אין די דרייסיקער. ער האָט, ווייזט אויס, דעם זונטיק נישט געהאט וואָס צו טון, איז

ער ביי אונדז געזעסן ביז 10 אזייגער און מיר האָבן פון אים
נישט געקאָנט פּטור ווערן. 11 אזייגער זענען געקומען מיט און
הענק וואן סאנטען. מיט ארבעט אין טאטנס אונטערנעמונג פון
1933=טן יאָר און איז אונדז געוואָרן א געטרייער פריינט, אזוי
אויך איר מאן, הענק. ווידער זענען פארשווינדן שיך, זאָקן,
ביכער און וועש אין מיפּס רענצל און אין הענקס טיפע קעשע=
נעס. ארום האלב צוועלף זענען זיי גאנץ באלאָדן אוועקגעגאנגען.
איך בין געווען טויט מיד; כאָטש איך האָב געוווסט אז דאָס
וועט זיין די לעצטע נאכט אין מיין אייגן בעט, בין איך תיכף
אנטשלאָפן געוואָרן און דעם אנדערן אינדערפרי אזייגער האלב
זעקס האָט מיך די מאמע געוועקט. צום גליק איז עס נישט
אזוי היים געווען ווי זונטיק. דעם גאנצן טאָג האָט געטריפט
א ווארעמער רעגן. מיר אלע פיר האָבן זיך אזוי ווארעם אָנגע=
טון, גלייך ווי מיר וואָלטן געדארפט איבערנעכטיקן אין אן אייז=
קאסטן. אָבער מיר האָבן געוואָלט מיטנעמען וואָס מער קליידער.
קיין שום ייד אין אונדזער לאגע האָט נישט געקאָנט וואגן, צו
גיין איבער דער גאס מיט א שווער רענצל. איך האָב אויף מיר
ארויפגעשלעפט צוויי העמדער און צוויי פּאָר זאָקן, דריי פּאָר
זאָקנהאלטער און א קליידל, אויף דעם א יאקע און ראָק און א
זומערמאנטל, מיינע בעסטע שיך, קאלאָשן, א שאל, א היטעלע
און נאָך אזעלכע זאכן, נאָך אינדערהיים בין איך שיער נישט
דערשטיקט געוואָרן, אָבער קיינער האָט דערצו נישט געטראכט.
מארגאָ האָט נאָך אָנגעשטאָפּט איר שולטאש פול מיט ביכער,
האָט גענומען איר ביציקלעט און איז געפאָרן הינטער מיפּן אין
א ריכטונג וואָס איז פאר מיר אומבאקאנט. איך האָב נאָך אלץ
נישט געוווסט ווו ס'איז דאָס געהיימניספולע אָרט, וואָס דארף
אונדז דינען פאר א באהעלטעניש... האלב אכט אזייגער האָבן
מיר הינטער אונדז פארמאכט די טיר. דער איינציקער מיט וועמען
איך האָב מיך געזעגנט איז געווען דאָס געגערל, מיין ליבער
קליינער קאָטער, וועלכער האָט געדארפט באקומען א נייע, גוטע
היים ביי שכנים. דאָס האָב איך געבעטן דעם הער גאודסמיט אין
א בריוול. אויפן קיכטיש איז געשטאנען א פונט פלייש פאר דער
קאץ, אויפן טיש איז אויך געשטאנען דאָס געשיר פון פרישטיק, די
בעטן זענען געווען צעוואָרפן. דאָס אלץ האָט געמאכט דעם איינ=
דרוק, אז מיר זענען אין גרוים איילעניש פארשוונדן. ס'איז
אונדז געווען אלץ איינס וואָס די מענטשן וועלן זאָגן. מיר האָבן
געוואָלט אוועק, גאָר אוועק און זיכער אָנקומען!
מאָרגן מער!

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 9. יולי 1942.

ליבע קיטי!

אזוי זענען מיר געלאָפן אין נאָסרעגן, דער טאטע, די מאמע און איך, יעדער מיט אן אקטנטאש און קויבערל, פול אָנגעשטאָפּט. די ארבעטער וואָס זענען פרי געגאנגען צו דער ארבעט, האָבן אויף אונדז געקוקט מיט רחמנות. מיר האָבן געקאָנט אראָפּלייענען פון זייערע פנימער דאָס באדויערן, וואָס מיר דארפן אזוי שווער טראָגן און טאָרן נישט פאָרן. דער אויפפאלנדער געלער מגן־דוד האָט שוין גענוג געזאָגט. אונטערוועגנס האָבן מיר די עלטערן דערציילט אלע פרטים, וויאזוי ס'איז אנטשטאנען דער פלאן זיך אויסצובאהאלטן. שוין צוריק מיט חדשים האָבן מיר א טייל פון אונדזער איינריכטונג און קליידונג באהאלטן אויף א זיכער אָרט. מיר זענען שוין געווען אזוי ווייט, אז דעם 16־טן יולי האָבן מיר געוואָלט פרייוויליק פארשווינדן. מחמת דעם צעטל איז דאָס געשען פריער מיט 10 טעג, און מיר האָבן געמוזט צופרידן זיין כאָטש די צימערן זענען נאָך נישט געווען צוועקמעסיק איינגעאָרדנט. די באהעלטעניש איז געווען אין דעם הויז ווו דער טאטע האָט געהאט זיין אונטערנעמונג. פאר זייטיקע מענטשן איז דאָס שווער צו פארשטיין. דערפאר וויל איך דאָס אויפקלערן. דער טאטע האָט קיינמאָל נישט געהאט קיין סך פערסאָנאל: הער קראלער, הער קאָפּהויס, מיפּ און עלי פאָסען, די 23 יעריקע סטענאָגראפּן. זיי ווייסן אלע אז מיר קומען. נאָר אין מאגאזין, הער פאָסען, עלים פאָטער, און צוויי הויזדינער ווייסן נישט דערפון.

די געביידע זעט אזוי אויס: אין פארטער איז פאראן א גרויס לאגער, פון וואנען ס'ווערן אויך אוועקגעשיקט די סחורות. לעבן דעם אריינגאנג צום לאגער איז פאראן די אייגנטלעכע הויזטיר, וועלכע פירט דורך א צווישן־טיר צו קליינע טרעפּ. גייט מען ארויף די דאָזיקע טרעפּ קומט מען אָן צו א טיר מיט מאטע שויבן, אויף וועלכער ס'איז אמאָל געשטאנען אָנגעשריבן מיט שווארצע אותיות „קאָנטאָר“. דאָס איז די גרויסע קאָנטאָר, זייער גרויס, זייער ליכטיק, זייער פול. א גאנצן טאָג ארבעטן דאָ מיפּ, עלי און הער קאָפּהויס. דורך א דורכגאנגס־צימער מיט גארדעראָבן, א גרויסער שאפע און פייערזיכערע שאנקען קומט מען אריין אין א טונקל הינטערצימער, אין וועלכן ס'פלעגט פריער זיצן הער קראלער און הער וואן דאן, איצט זיצט נאָר הער קראלער. מ'קאָן

אויך פונעם דורכגאנג גלייך אריינקומען אין דעם צימער דורך א גלאָזטיר וועלכע מ׳קאָן לייכט עפענען פון אינעווייניק אָבער נישט פון דרויסן. פון קראַלערס קאָנטאָר לעבנגויס דעם דורכגאנג ארויף 4 טרעפּלעך געפונט זיך: די צירונג פונעם הויז, דער פּרי־וואט־ביוראָ. עלעגאנטע, טונקעלע מעבל, אויפן דיל לינאָלעום און דעריבער טעפּיכער ראַדיאָ, עלעגאנטע לאָמפּן, אלץ פּרימא שעבע־פּרימא. דערנעבן א גרויסע קיך מיט א קעסל פאר ווארעם וואסער און צוויי גאזקאָכערס. דאן איז פאראן א טואלעט. דאָס איז דער ערשטער עטאזש.

פון דעם לאנגן גאנג פירן הילצערנע טרעפּ ארויף אין א קאָרידאָר. רעכטס און לינקס זענען פאראן טירן. די לינקע פירט צום פאָדערהויז מיט די לאגערס, לאגער און בוידעם. אין דער געביידע איז פאראן אין דער אנדערער זייט נאָך א לאנגע זייער שיפּע, עכט האָלענדישע טרעפּ צו דער צווייטער טיר פון דער גאס.

די רעכטע טיר פירט צום „הינטערהויז“. קיין מענטש וואָלט געקאָנט גלויבן, אז הינטער דער איינפאכער, גרוי געפארבטער טיר זענען פארבאָרגן אזויפיל צימערן. פאר דער טיר איז פאראן נאָך א טרעפּ און מען איז אינעווייניק. פונקט אקעגניבער פון דער ארייַנגאנגסטיר איז פאראן א שיפּע טרעפּ. לינקס פירט א קליינער גאנג אין א צימער, וואָס וועט ווערן דאָס וווין און שלאָפ־צימער פון דער משפחה פראנק, און דערנעבן איז פאראן א קלענער צימער: ארבעטס און שלאָפצימער פון ביידע יונגע דאמען פראנק. רעכטס פון דער טרעפּ איז פאראן א צימער אָן פענצטער מיט א וואשטיש און פארשלאָסענעם טואלעט. א טיר פירט צו מארגאָס און מיין שלאָפצימער, ווען מען גייט ארויף די טרעפּ און מען עפנט אויבן די טיר, ווערט מען דערשטוינט צו געפונען אין אזא אלטן הינטערהויז אזא גרויס, שיין און ליכטיק צימער. אין דעם צימער שטייט א גאז־קיך און א געשיר־טיש (וייל דאָ איז ביז אציגד געווען די לאבאָראטאָריע פון דער פירמע). אציגד איז דאָ די קיך, גלייכצייטיק דינט דאָס גרויסע צימער אלס עס־צימער, ארבעטס־צימער און אלס שלאָפצימער פארן פאָרפאָלק וואן דאן — א גאנץ קליין דורכגאנגסצימער וועט ווערן דאָס קיניגרייך פון פעטער וואן דאן. א קאמער און א בוידעם איז אויך נאָך פאראן, אזוי ווי אין פאָדערהויז. דו זעסט, אָט האָב איך דיר פאָרגעשטעלט אונדזער גאנץ הינטערהויז.

דיין אנא.

פרייטיק, 10. יולי 1942.

ליבע קיטי!

אפשר האָב איך דיך מיט מיין אויספירלעכער באשרייבונג פון דער וווינונג שטארק געגודיעט. אָבער סוף כל סוף מוזטו דאָך ווימן ווו איך האָב געלאנדעט! הערזשע אלזאָ די פּאָרזעצונג, ווייל איך בין נאָך נישט פארטיק. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דער פּרינזענגראכט, האָט אונדז מיפּ גיך ארויפגעפירט אין הינטערהויז. זי האָט הינטער אונדז צוגעמאכט די טיר און אָט זענען מיר דאָ. מארגאָ איז מיטן ביציקלעט פיל גיכער אָנגעקומען און האָט שוין אויף אונדז געווארט. אונדזער וווינצימער און אויך די אנדערע, זענען נאָך געווען אָנגעוואָרפן. ס'איז אומבאשרייבלעך! אלע שאכטלען און קעסטלעך, וואָס זענען אין משך פון חדשים צוגעשיקט געוואָרן אין געשעפט, זענען דאָ געווען אָנגעוואָרפן. דאָס קליינע צימער איז געווען אָנגעפולט ביז צום סופיט מיט בעטן און בעטגעוואנט. אויב מיר האָבן געוואָלט שלאָפן ביינאכט אין אָרנטלעכע בעטן, האָבן מיר זיך געמוזט נעמען צוראָמען. די מאמע און מארגאָ זענען נישט געווען בכח צו רירן מיט א פינגער. זיי זענען געלעגן אויף די מאטראצן און ס'איז זיי געווען ביטער אויפן הארצן. דער טאטע און איך, די צוויי „צוראָמערס“ אין דער משפחה, האָבן זיך תיכף א נעם געטון צו דער ארבעט. מיר האָבן אלץ אויסגעפאקט, עס פאראָמט, מיר האָבן אויסגעטרייסלט, געוואשן, ביז מיר זענען אין אָוונט טויט מיד ארייננעפאלן אין די ריינע בעטן. מיר האָבן דעם גאנצן טאָג קיין לעפל ווארעמס אין מויל ארײַן נישט גענומען. דאָס האָט מען אויך נישט באדארפט. די מאמע און מארגאָ זענען געווען צו נערוועז, כדי צו עסן. און דער טאטע און איך האָבן קיין צייט נישט געהאט. דינסטיק אינדערפרי איז דאָס ווייטער געגאנגען. עלי און מיפּ האָבן איינגעקויפט מיט אונדזערע לעבנסמיטל-קארטן, דער טאטע האָט פאריכט די נישט פולשטענדיקע פארטונקעלונג און מיר האָבן אָפּגעוואשן דעם דיל אין קיך און מיר זענען אלע געווען באשעפטיקט פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט. ביז מיטוואָך האָב איך איבערהויפט קיין צייט נישט געהאט, צו טראכטן וועגן די גרויסע איבערקערעניש וואָס זענען פאָרגעקומען אין מיין לעבן. דאן בין איך ערשט דערצו געקומען — צום ערשטן מאָל זינט מיר זענען אין הינטערהויז — מיר קלאָר צו מאכן און דיר צו דערציילן, וואָס ס'איז איינגטלעך געשען און וואָס ס'וועט נאָך געשען.

דיין אנא.

שבת, 11. יולי 1942.

ליבע קיטי!

דער טאַטע, די מאַמע און מאַרגאָ קאָנען זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינען צום קלינגען פון דעם וועסטערטורם=גלאָק, וואָס שלאָגט אויס יעדע פערטל שעה. איך יאָ, איך האַלט עס אַפילו פאַר זייער שיין און באַזונדערס ביינאַכט באַרויקט עס מיך. איך שטעל מיר פאָר, אַז דו ווילסט גערן וויסן, וויאַזוי ס׳געפעלט מיר אונדזער מקום מקלט. ערלעך געזאָגט, ווייס איך נאָך אַליין נישט. איך מיין, אַז דאָ וועל איך מיך קיינמאָל נישט פילן ווי אינדערהיים. דערמיט וויל איך אָבער נישט זאָגן אַז איך געפין עס אומהיימלעך, אָדער טרויעריק. טיילמאָל קומט מיר פאָר, ווי איך וואָלט געווען אין אַן עפּעס מערקווירדיקער פּענסיאָן. אַ מאָדנע אויפפאַסונג פון אויסבאַהאַלטן זיך, ווי מיינסטו? אונדזער הינטערהויז איז באמת אַן אידעאַלע באַהעלטעניש. כאָטשע ס׳איז פייכט און אַביסל קרום=קיילעכדיק, וועט מען, ווייזט אויס, נישט געפינען אין גאַנץ אַמסטערדאַם, אפשר אין גאַנץ האָלאַנד, אַזאַ מין קאָמפאָרטאַבלע באַהעלטעניש.

אונדזער צימער איז ביז אַצינד געווען ליידיק און לויז. צום גליק האָט מיין טאַטע מיטגענומען מיין גאַנצע זאַמלונג פון „פילמסטאַרן און אילוסטרירטע קאַרטן“ און איך האָב מיט ליים און פּינזל געמאַכט שיינע פּאָטאָמאָנטאַזשן. אַצינד זעט עס ביי אונדז אויס זייער לוסטיק. ווען די וואַן דאַנס וועלן שוין דאָ זיין, וועלן מיר פון דעם האָלץ, וואָס איז פאַראַן אויפן בוידעם, מאַכן שאַפקעלעך און אַנדערע נוצלעכע זאַכן.

מאַרגאָ און דער מאַמען גייט עס ווידער בעסער. נעכטן האָט די מאַמע געוואָלט צום ערשטן מאָל קאָכן. אַ זופּ פון אַרבעס! אָבער בעת דעם רעדן אונטן האָט זי אין אים אינגאַנצן פאַרגעסן, דער זופּ איז פאַרברענט געוואָרן און די אַרבעסלעך זענען געווען אַזוי קוילשוואַרץ, אַז מ׳האָט זיי נישט געקאָנט אָפּשאָבן פונעם טאָפּ. אַ שאָד וואָס איך קאָן נישט דערציילן קעפלערן די מעשה... ירושה=טעאָריע! נעכטן אין אָוונט זענען מיר אַלע געגאַנגען אין פּריוואַט=ביוראָ, כדי צו הערן די ענגלישע ראַדיאָ=טראַנסלאַציע. איך האָב שרעקלעך מורא געהאַט אַז עמיצער פון די שכנים זאָל דאָס נישט באַמערקן, און איך האָב דעם טאַטן זייער געבעטן, אַרויפצוגיין. די מאַמע האָט מיך פאַרשטאַנען און איז מיטגעגאַנגען. מיר זענען בכלל זייער אומרויק, אַז מ׳קאָן אונדז זען

אָדער הערן. דעם ערשטן טאָג שוין האָבן מיר אויפגענייט פירהענגלעך. אייגנטלעך זענען עס נאָר שמאטעס פון פארשידענער פאָרם און קאָליר, וועלכע איך און דער טאטע האָבן צונויפגעסטריגעוועט. די דאָזיקע פּראכטווערק זענען צוגעכאפּט מיט צוועקעס צום פענצטער, כדי זיי זאָלן בלייבן הענגען אין משך פון דער צייט וואָס מיר וועלן זיך אויסבאהאלטן.

אין דער רעכטער זייט איז פאראן א גרויס געשעפטסהויז, אין דער לינקער א מעבל-סטאָלעריי. אין די געביידעס איז נאָך דער ארבעט נישט פאראן קיין פּערסאָנאל, אָבער ווי ס'נישט איז וואָלטן גערוישן געקאָנט אדורכדרינגען. דערפאר האָבן מיר מארגאָן, וועלכע איז שטארק פארקילט, פארבאָטן אפילו ביינאכט צו הוסטן די אומגליקלעכע מוז נעבעך כסדר שלינגען קאָדעין.

איך פריי מיך זייער מיט די וואן דאנס, וואָס דארפן קומען דינסטיק. דאן וועט עס זיין געמיטלעכער און נישט אזוי רויק. די שטילקייט מאכט מיך שרעקלעך נערוועז, באזונדערס אין אָוונט און ביינאכט, און איך וואָלט אסך אוועקגעגעבן דערפאר, ווען עמיצער פון אונדזערע באשיצערס וואָלט אויך דאָ געשלאָפן. ס'פארפאָלגט מיך דער געדאנק, אז מיר וועלן גאָר קיינמאָל נישט קאָנען ארויס פון דאנען, און איך האָב מורא אז מיר וועלן אנטדעקט און דערשאָסן ווערן. דאָס גיט מיר נישט קיין רו. בייטאָג מוזן מיר אויך זייער שטיל זיין, טאָרן נישט ארומשפאנען און מיר רעדן כמעט שעפּטשענדיק, ווייל אונטן אין לאגער טאָר מען אונדז נישט הערן. גראָד איצט רופט מען מיך.

דיין אנא.

פרייטיק, 14. אויגוסט 1942.

ליבע קיטי!

א גאנצן חודש האָב איך דיך געלאָזט ווארטן. אָבער ס'איז אויך נישט פאראן יעדן טאָג עפּעס נייעס. דעם 13-טן יולי זענען געקומען די וואן דאנס. אייגנטלעך איז געווען אָפּגעשמועסט פארן 14-טן, אָבער אזוי ווי די דייטשן האָבן אין די טעג גערופן אסך יידן און ס'האָט בכלל געהערשט א גרויסע איבערקערעניש, זענען זיי ליבער געקומען מיט א טאָג פריער איידער צו שפּעט. האלב צען אזייגער אינדערפרי — מיר האָבן נאָך געהאלטן ביים פרי-

שטיק — איז געקומען פעטער וואן דאן, א זעכציניעריקער, אביסל לאנגווייליקער און שעמעוודיקער בחור. זיין געזעלשאפט זאָגט נישט צו ווער ווייסט וואָס. א האלבע שעה שפעטער איז דערשינען דאָס פּאָרל וואן דאן. צו אונדזער אלעמענס פארגעניגן איז זי אָנגערוקט מיטן נאכט־טאָפּ אין דער הוט־שאכטל. „אָן א נאכט־טאָפּ קאָן איך נישט לעבן", האָט זי דערקלערט און דער אוצר איז תיכף ארונטערגערוקט געוואָרן אונטערן בעט. ער האָט נישט געבראכט קיין נאכט־טאָפּ, נאָר א טיי־טישל וואָס לייגט זיך צונויף. מיר זענען דאן געמיטלעך געזעסן אינאיינעם און אין 3 טעג ארום האָבן מיר געהאט דאָס געפיל, אז מיר זענען פון תמיד אָן געווען איין גרויסע משפחה. זעלבסטפארשטענדלעך האָבן די וואן דאנס אין דער וואָך, וואָס זיי האָבן נאָך פארבראכט צווישן מענטשן, אסך דערלעבט און האָבן אונדז אלצדינג דערציילט. אונדז האָט באזונדערס אינטערעסירט, וואָס ס׳איז געשען מיט אונדזער וווינונג און מיט הער גאָודסמיט.

און וואן דאן האָט דערציילט: „מאָנטיק אינדערפרי 9 אזייגער האָט אָנגעקלונגען גאָודסמיט און האָט מיך געבעטן אריבערצוקומען. ער האָט מיר געוויזן דעם צעטל וועלכן איר האָט איבערגעלאָזט (אז ער זאָל אוועקנעמען די קאַץ). ער האָט שטארק מורא געהאט פאר א הויז־רעוויזיע און דערפאר האָבן מיר אלץ אראָפּגענומען פונעם טיש און סתם אביסל צוגעראָמט. פּלוצים האָב איך אנטדעקט א נאָטיץ אויפן קאלענדער פון דער פרוי פראנקס שרייבטיש מיט אן אדרעס פון מאסטריכט. איך האָב, פארשטייט זיך, געוווסט אז די דאָזיקע „נאכלעסיקייט" איז געווען א בכיוונדיקע, האָב איך מיך אָבער פארשטעלט אז איך בין זייער דערשטוינט און דערשראָקן און האָב געבעטן דעם הער גאָודסמיט תיכף צו פארברענען דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע פּאפּירל. די גאנצע צייט האָב איך מיך דערביי געהאלטן, אז איך האָב קיין אנונג נישט געהאט פון אייער כוונה צו פארשווינדן. פּלוצים איז מיר אויפגעקומען א געדאנק. — הער גאָודסמיט, האָב איך געזאָגט, אָט פאלט מיר פּלוצלינג איין, וואָס ס׳איז דער מיין מיט דעם אדרעס. צוריק מיט אן ערך א האלב יאָר איז געווען ביי אונדז אין ביוראָ א העכערער דייטשער אָפיציר, וועלכער איז געווען א יוגנט־פריינט פון הער פראנק. ער האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט אים העלפן, אויב ס׳וועט פאר אים דאָ געפערלעך ווערן. דער מאן האָט סטאציאָנירט אין מאסטריכט. איך מיין, אז ער האָט וואָרט געהאלטן און האָט די פראנקס אצינד איבערגעפירט קיין בעלגיע און פון דאָרט צו זייערע קרובים אין דער שווייץ. די גוטע באקענטע

פון די פראנקס, וואָס פרעגן אויף זיי, מעגט איר דאָס רויק דערציילן, אָבער דערמאָנט נאָר נישט מאסטריכט. דאן בין איך אוועקגעגאנגען. די מיינסטע ווייסן עס שוין און מיר האָט מען עס אויך שוין פארשידן איבערדערציילט אין דער ווערסיע.

אונדז איז די מעשה געפעלן און מיר האָבן הארציק געלאכט איבער דעם כוח הדמיון פון די מענטשן. אזוי דערציילט איין משפחה אז זיי האָבן אונדז געזען ווי מיר זענען אלע אין אז אינדערפרי ארויסגעפאָרן אויף די ביציקלעטן. און אנדערע דאמע האָט געוווסט אויף זיכער, אז מיר זענען האלבער נאכט אוועקגעפאָרן מיט א מיליטער-אויטאָ.

דיין אנא.

פרייטיק, 21. אויגוסט 1942.

ליבע קיטי!

אונדזער מקום מקלט איז געוואָרן אן אמתע באהעלטעניש. דער הער קראלער האָט געהאט די גוטע אידייע, צו פארבויען די ארייננאנגסטיר צו אונדזער הינטערהויז, ווייל ס'ווערן געמאכט אסך הויזרעוויזיעס נאָך ביציקלעטן. דעם פּלאן האָט אויסגעפירט הער פאָסען: ער האָט געמאכט א דרייבארע ביכערשאפע, וועלכע עפנט זיך אלס טיר. פארשטייט זיך, אז צוליב דעם האָט מען אים געמוזט „אָנפארטרויען" דעם סוד און ער איז אצינד גרייט אין אלעמען צו העלפן. ווען מיר גייען אראָפּ, מוזן מיר זיך אָנבייגן און דאן שפּרינגען. ווייל די טרעפּ זענען מער נישט פאראן. נאָך דריי טעג האָבן מיר אלע געהאט באלן אויפן שטערן, ווייל יעדער האָט, נישט אכטונג געבנדיק, זיך אָנגעקלאפּט אין דער נידעריקער טיר. אינצווישן האָט מען דאָרט אָנגעקלאפּט א קישעלע מיט הובלינקעס. ווען מיר זען צי ס'וועט עפּעס העלפן!

איך לייען נישט קיין סך. אינצווישן האָב איך אסך פון מיין שול-תורה פארגעסן. דאָ בייט זיך נישט קיין סך. איך אמפּער מיך זייער אָפט מיט הער וואן דאן. פארשטייט זיך, אז מארגאָן האלט ער פאר אסך וווילער פון מיר. די מאמע פירט זיך צומאָל מיט מיר אזוי. ווי גלייך איך וואָלט געווען א קליין קינד, און דאָס קאָן איך נישט אריבערטראָגן. פעטער האָט נאָך אלץ נישט גושא חן געווען אין מיינע אויגן. ער איז לאנגווייליק, א גאנצן

שטאָג ליגט ער אויף זיין בעט, סטאָליערט צוביסלעך און דרימלט דאן ווידער. אן אמתער פייפער!

דאָס וועטער איז ווארעם און מיר ליגן צעשטרעקט אויפן ליגשטול אין דער גרויסער קאמער.

דיין אנא.

מיטוואָך, 2. סעפטעמבער 1942.

ליבע קיטי!

הער און פרוי וואן דאן האָבן זיך שרעקלעך געקריגט. אזעלכעס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט דערלעבט. מיין טאטע-מאמע וואָלטן קיינמאָל נישט אזוי געשריגן איינער אויפן אנדערן. די סיבה איז געווען אזא נישטיקע, אז ס'לוינט זיך נישט דעריבער א וואָרט צו פארלירן. אָבער, ווי זאָגט דאָס ווערטל — יעדער לויט זיין פאסאָן! פאר פעטערן איז דאָס שרעקלעך, צו זיין אין דער מיט. אָבער אים נעמט אויך קיינער נישט ערנסט, ווייל ער איז א מפונק און א פוילער. געכטן האָט ער זיך שטארק אויפגערעגט, ווייל די צונג איז ביי אים געווען בלוי. דאָס איז אים אָבער תיכף פארגאנגען. היינט טראָגט ער א גראָבן שאל אויפן האלדז, זאָגט אז ס'שטעכט אים און די קריזשעם און ס'טוען אים ווי די לונגען, הארץ און נירן. און נאָך עפּעס! דער בחור איז אן אמתר היפּאָכאָנדער! (אזוי הייסט עס דאָך, ניין?).

צווישן דער מאמען און פרוי וואן דאן איז עס אויך נישט אזוי פויגלדיק, און ס'זענען פאראן גענוג סיבות. נאָר איין ביישפּיל: די פרוי וואן דאן האָט אין דער געמיינזאמער שאפע איבערגעלאָזט נאָר דריי ליילעכער מיט דער היימלעכער כוונה אירע ליילעכער צו שאנעווען און אונדזערע צו באנוצן. זי וועט זיין זייער דערשטוינט ווען זי וועט זען אז די מאמע האָט איר נאָכגעטון, תמיד איז מאדאם ברוגז וואָס מען באנוצט איר סערוויס און נישט אונדזערס. די גאנצע צייט פּרוווט זי ארויסצובאקומען וו ס'איז אונדזער פּאָרצעליי, און זי האָט נישט קיין אנונג ווי נאָענט זי איז דערפון! ס'איז באהאלטן אין קאמער הינטער אלערליי רעקלאמע-מאטעריאל און וועט דאָרט ליגן אזוי לאנג ווי מיר וועלן דאָ זיין. מיר לויפט תמיד נאָך דאָס שלימזל. נעכטן איז מיר ארויסגעפאלן פון דער האנט א זופּנטעלער. — א, האָט

זי געשריגן פול מיט כעס, „גיב אכטונג. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איך האָב נאָך!“ דער הער וואן דאן איז אין דער לעצטער צייט צו מיר צוגעלאָזט ווי א קעצל.

די מאמע האָט מיר היינט אינדערפרי ווידער געזאָגט מוסר. איך קאָן דאָס נישט ליידן. אונדזערע מיינונגען זענען צו פאַרשידן. דער טאטע פאַרשטייט עס גאנץ אנדערש, אפילו ווען ער איז אמאָל 5 מינוט ברוגז.

פאָריקע וואָך איז געווען א סיכסוך. די סיבה דערפאר איז געווען א בוך איבער פרויען און... פעטער. דו דאַרפסט וויסן אז מארגאָ און פעטער מעגן לייענען כמעט אלע ביכער וועלכע קאָפּהוים ברענגט פון דער ביבליאָטעק, אָבער דאָס בוך האָבן די דערוואקסענע זיי נישט געוואָלט געבן צו לייענען.

פאַרשטייט זיך, אז פעטערס נייגיריקייט איז געווען נאָך מער געריצט. וואָס קאָן אין אזא פאַרבאָטן ביכל שטיין? ער האָט עס בסוד אוועקגענומען ביי זיין מוטער, בשעת זי איז געווען אונטן, און איז פאַרשוואונדן מיט זיין זאקרויב אונטערן דאך. צוויי טעג איז דאָס צוגעגאנגען גלאטיק. זיין מוטער האָט עס באַמערקט אָבער נישט פאראטן, דאן איז אָבער זיין פאָטער געוואָר געוואָרן. ער איז געווען ברוגז. האָט ביי פעטערן אוועקגענומען דאָס בוך און האָט באטראכט דעם ענין פאר דערליידיקט. ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער נייגעריקייט פון זיין זון. פאר וועמען די ענערגישע ארייַנמישונג פון זיין פאָטער איז בשום אופן נישט געווען קיין סיבה די זאך אָפּצולאָזן. ער האָט צוגעטראכט מעגלעכקייטן וויאזוי ווידער צו דעראָבערן דאָס „סודותדיקע“ ביכל. פרוי וואן דאן האָט אינצווישן גערעדט מיט מיין מאמען דעריבער, וועלכע האָט געמיינט, אז אויך פאר מארגאָן טויג דאָס ביכל נישט, אָבער קעגן די מיינסטע אנדערע ביכער האָט זי נישט וואָס איינצוווענדן.

— צווישן מארגאָ און פעטער איז דאָך אויך א גרויסער אונטערשיד, פרוי וואן דאן, האָט געזאָגט די מאמע, ערשטנס זענען מיידלעך צומיינסט רייפער ווי יינגלעך, צווייטנס האָט שוין מארגאָ געלייענט זייער אסך ערנסטע און באדייטנדיקע ביכער, און דריטנס האלט זי אויך ווייטער, וואָס נוגע פאַרשטאנד און בילדונג. זי האָט דאָך סוף כל סוף פאַרענדיקט דעם ליצייִ!

פרינציפיעל איז פרוי וואן דאן מסכים געווען, אָבער זי האָט עס נישט געהאלטן פאר גוטיק צו לאָזן לייענען יונגע מענטש־

אזעלכע ביכער, וואָס זענען איינגעטלעך באַשטימט נאָר פאַר דער־וואַקסענע.

אינצווישן האָט פעטער נאָר געוואַרט אויף דער פּאַסיקער געלעגנהייט ווידער צו דערטאַפּן דאָס בוך. און ווען די גאַנצע משפּחה איז דאַן אין אַוונט געזעסן אין פּריוואַט קאַנטאָר, כּדי צו הערן ראַדיאָ, איז ער געזעסן מיט זיין אוצר אין קאַמער. אַרום האַלבער נײַן האָט ער געדאַרפט זײַן אונטן, אָבער בײַ דעם שפּאַנענדיקן בוך האָט ער, פאַרשטייט זיך, פאַרגעסן די צייט און האָט זיך ערשט אַראָפּגעגנבֿט די טרעפּ, גראָד ווען זיין פאָטער איז אַרײַנגעקומען אין צימער. דו קאָנסט דיר פאָרשטעלן וואָס דאָ איז געווען... מען האָט געהערט אַ שאַלנדיקן פּאַטש, אַ וואַרף, דאָס בוך איז געפלויגן אויפן טיש און פעטער אין אַנדערן עק צימער, דאָס פּאַרפאָלק איז אַליין געקומען צום עסן, פעטער איז געבליבן אויבן. קיינעם איז דאָס נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך געדאַרפט לייגן אומגעגעסן. מיר זענען אַריבערגעגאַנגען צו דער טאַגאָרדענונג און האָבן געגעסן. פּלוצים... אַ שטאַרקער פּייף... ווי פאַרשטייגערט און מיט בלייכע פּנימער האָבן מיר זיך אָנגעקוקט, דער ביסן איז אונדז שטעקן געבליבן אין האַלדז. דאַן האָט געשאַלט פעטערס קול דורכן קוימען:

— טראַצדעם קום איך נישט אַראָפּ!

הער וואַן דאַן איז אויפגעשפּרונגען אָנגעצונדן ווי אַ פייער:

— איך האָב אָבער גענוג!

מײַן טאַטע האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט, ווײַל ער האָט מורא געהאַט ס'זאָל נישט אַרויסקומען עפּעס אַן אומגליק, און זיי זענען ביידע אַרויפגעגאַנגען. נאָך אַ העפטיקן ווערן זיך און פיל צו פיל ליאַרעם איז פעטער צוריקגעקומען אין זײַן צימער און די טיר איז הינטער אים פאַרשלאָסן געוואָרן. די גוטע מאַמע האָט געוואָלט איבערלאָזן פאַרן זונדעלע אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, אָבער דער פּאַפּאַ האָט נישט געלאָזט.

— אויב ער בעט נישט תּיכף קיין אַנטשולדיקונג וועט ער מוזן שלאָפן אויפן בוידעם!

מיר האָבן פּראָטעסטירט און געטענהט אַז בלייבן אָן עסן איז שוין אַ גענוג גרויסע שטראָף, ווײַל אויב ער וועט זיך פאַר־קילן, קאָן מען אַפילו נישט רופן קיין דאָקטער.

פעטער האָט נישט געבעטן קיין אַנטשולדיקונג און איז גע־בליבן שלאָפן אויפן בוידעם, הער וואַן דאַן האָט זיך מער אויף אים נישט אומגעקוקט, האָט אָבער פעסטגעשטעלט דעם אַנדערן אינדערפרי, אַז פעטער איז דאָך געשלאָפן אין זײַן בעט. זיבן

אזייגער איז פעטער שוין ווידער געווען אויפן בוידעם, און איז דאן אראָפגעקומען ווייל מיין טאטע האָט אים איינגעבעטן.
דריי טעג זענען זיי ארומגעגאנגען אָנגעבלאָזן, הארטנעקיג געשוויגן, און דאן איז אלץ ווידער געווען אין אָרדענונג.

דיין אנא.

מאָנטיק, 21. סעפטעמבער 1942.

ליבע קיטי!

היינט וויל איך דיר עפעס דערציילן פון די טעגלעכע קלייניקייטן. די פרוי וואן דאן איז נישט צום אריבערטראָגן. כסדר מוסרט מען מיך פאר מיין צופיל רעדן. אייביק געפונט זי עפעס, כדי אונדז צו פארביטערן דאָס לעבן. אציגד וויל זי שוין ווידער נישט וואשן קיין געשיר. אויב זי טוט עס אָבער דאָך און ס'בלייבט, צום ביישפיל, א רעשטל אין טאָפ, באהאלט זי עס נישט אין א גלאָזטעלערל, ווי מיר טוען עס, נאָר לאָזט עס גיכער קאליע ווערן. ביים אנדערן מאָל געשירוואשן האָט מארגאָ צווייטאָל אזויפיל שמוציקע טעפ און דארף נאָך דערצו הערן פון דער מאמע: „דו האָסט אָבער באמת אסך צו טון, מארגאָ!“

דער טאטע און איך האָבן איצט א פיינע באשעפטיקונג, מיר שטעלן צונויף א שטאמבוים פון זיין משפחה, און דערביי דערציילט ער עפעס פון יעדן. דאָס אינטערעסירט מיך זייער. יעדע 14 טאָג ברענגט קאָפהויס פון דער ביבליאָטעק אויך עטלעכע ביכער פאר מיידלעך. איך בין באגייסטערט פון „דער יאָפ-טער-הויל“-סעריע און איך האלט אז אלץ איז פיין, וואָס סיסי וואן מארקסוועלט שרייבט. „זומערפרייד“ האָב איך שוין א פיר מאָל געלייענט און מוז ביי די קאָמישע סיטואציעס נאָך אלץ לאכן. מיר האָבן אויך אָנגעהויבן ווידער צו לערנען: טעגלעך חזר איך מיר איין פינף אומרעגלמעסיקע ווערבן, און איך לערן איבערהויפט אסך פראנצויזיש. פעטער זיצט זיפצנדיק ביי זיינע ענגלישע אויפגאבן. נייע שולביכער האָבן מיר אויך באקומען: א זאפאס פון בלייערס, העפטן, עטיקעטן, מעקערס א. אז. וו. האָב איך מיטגעבראכט פון דער היים.

איך הער זייער אָפּט דעם אָראַנישן ראַדיאָפּאָסטן (די האָלענדישע טראַנסלאַציע פון לאָנדאָן). נאָרוואָס האָט געזאָגט פּרינץ בערנהאַרד און האָט דערציילט אַז אין יאַנואַר דערוואַרטן זיי ווידער אַ קינדעלע. דאָ חידושט מען זיך וואָס איך בין פאַרליבט אין דער האָלענדישער דינאַסטיע.

צוריק מיט עטלעכע טעג האָבן מיר דערפון גערעדט, אַז איך וואָלט נאָך באַדאַרפט אַסך לערנען, און דער פּועל יוצא דערפון איז, אַז איך לערן טאָפּלט אַזוי פיל. איך האָב נישט קיין חשק, שפּעטער נאָכאַמאָל אָנצוהויבן פון אָנהויב. מ'האָט אויך גערעדט דערפון אַז איך האָב אין דער לעצטער צייט נישט געלייענט עפּעס ליטעריש. די מאַמע לייענט גראָד „הערן, פרויען און קנעכט". דאָס לאָזט מען מיך אָבער נישט לייענען, דערצו מוז איך ערשט זיין אַזוי געבילדעט ווי מיין קלוגע באַגאַבטע שוועסטער. מיר האָבן אויך גערעדט וועגן פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע (די שווערע ווערטער האָב איך אַרויסגענומען פון ביכער), פון וועלכע איך ווייס נאָך כמעט גאָרנישט. האָפנטלעך וועל איך איבעראַיאָר זיין אַסך ווייטער.

מיט שרעק האָב איך פּלוצים פעסטגעשטעלט, אַז איך האָב פאַר'ן ווינטער נאָר איין קליידל מיט לאַנגע אַרבל און דריי וואָלאַקן. דער טאַטע האָט מיר דערלויבט צו שטריקן אַ פולאָווער פון ווייסער וואָל. די וואָל איז שוין נישט אַזוי שיין, אָבער די הויפּטזאַך איז, אַז ס'וועט מיר זיין וואַרעם. מיר האָבן אַסך קליידער ביי אַנדערע מענטשן, אָבער מען קאָן זיי אָפּנעמען ערשט נאָך דער מלחמה, אויב ס'וועט נאָך עפּעס בלייבן.

ווען איך האָב דאָס לעצטע מאָל גראָד עפּעס געשריבן פון דער פרוי וואַן דאַן, איז זי אַריינגעקומען אין צימער. איך האָב, פאַרשטייט זיך, תיכּף צוגעמאַכט דאָס בוך.

— נו, אַנאַ מעג איך אַריינקוקן ?

— ניין, פרוי וואַן דאַן !

— נאָר די לעצטע זייט ?

— ניין, אויך נישט !

איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן. גראָד אויף דער זייט האָב איך זי נישט זייער שיין באַשריבן.

דיין אַנאַ.

פרייטיק, 25. סעפטעמבער 1942.

ליבע קיטי!

נעכטן בין איך ארויפגעגאנגען צו די וואן דאנס „אויף א באזוך“, כדי אביסל צו פלוידערן. צומאָל איז דאָרט זייער היימלער. מיר האָבן דאן געגעסן „נאפטאלין־קיכלער“ (די קיכלער זענען געשטאנען אין דער קליידער־שאפע, וואָס איז גוט נאפטאליט) און געטרונקען דערצו לימאָנאד.

מיר האָבן גערעדט וועגן פעטערן. איך האָב דערציילט אז צומאָל טשעפעט ער זיך צו מיר און מיר געפעלט דאָס נישט, ווייל איך קאָן נישט לײדן קיין יינגלער וואָס האָבן צו „לאנגע הענט“. און וויאזוי עלטערן זענען שוין, האָבן זיי געפרעגט, צי איך וואָלט דאָך נישט געוואָלט שליסן מיט פעטערן א נעענטערע פריינטשאפט. ווייל ער האָט מיך זיכער זייער ליב. איך האָב געטראכט „יאָ!“ און האָב געזאָגט „ניין!“ פעטער איז אביסל שעמעוודיק ווי אלע יינגלער, וועלכע זענען נאָך קיין סך נישט געגאנגען מיט מיידלעך.

די „אויסבאהאלט־קאָמיסיע“ פון הינטערהויז איז באמת זייער צוגעדערפינדעריש. הערט נאָר אויס, וואָס די הערן האָבן איצט צוגעטראכט! זיי ווילן גערן, אז הער וואן דיק, א גוטער באקענטער אונדזערער, און הויפּטפארטרעטער פון דער „טראוויס“, אגב באהאלט ער אויס אסך פון אונדזערע זאכן, — זאָל באקומען וועגן אונדז א ידיעה. האָבן זיי אָנגעשריבן א בריוו צו א דראָגיסט פון דרום־זעלאנד אין וועלכן זיי פרעגן עפּעס אָן. זיי האָבן אויך בייגעלעגט א קאָנווערט, וואָס דער קונה זאָל באנוצן פארן ענטפער. דעם אדרעס אָפן קאָנווערט — אונדזער געשעפטס־אדרעס האָט דער טאטע אָנגעשריבן מיט דער האנט. ווען דער בריוו וועט צוריקומען, וועט מען ארויסנעמען דעם ענטפער פונעם דראָגיסט און מ׳וועט ארײנלייגן א בריוו וואָס דער טאטע האָט אָנגעשריבן און אזוי וועט וואן דיק זען א לעבנסצייכן פונעם טאטן. זיי האָבן גראָד אויסגעקליבן זעלאנד, ווייל עס ליגט גאָר נאָענט ביי דער בעלגישער גרענעץ און מען קאָן זיך לייכט אָנשטויסן אז דער בריוו איז אריבערגעשמוגלט פון בעלגיע.

דײן אנא.

זונטיק, 27. סעפטעמבער 1942.

ליבע קיטי!

שוין ווידער זיך צעקריגט מיט דער מאמען און נישט צום ערשטן מאָל! אָפּט פאַרשטייען מיר זיך נישט, אויך מיט מאַרגאָן פאַרשטיי איך מיך נישט זייער גוט. כאָטש ביי אונדז אין דער משפּחה ווערן נישט פאָרקומען אַזעלכע סצענעס ווי אויבן, האַלט איך די לאַגע ביי אונדז אויך נישט פאַר זייער גוט. איך האָב אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער ווי די מאַמע און מאַרגאָ. טיילמאָל פאַרשטיי איך מיינע חבֿרטעס בעסער ווי מיין אייגענע מאַמע. אַ שאָד!

די פרוי וואַן דאַן דערגייט אונדז שוין ווידער די יאָרן. זי פאַרשליסט וואָס מער פון אירע זאַכן, וואָס זענען באַשטימט פאַר דער געמיינזאַמער באַלעבאַטישקייט. איך וואָלט געוואָלט אַז די מאַמע זאָל דאָס באַצאָלן מיט דער זעלבער מטבע!

פאַר אַ טייל עלטערן ווייזט אויס צו זיין אַ באַזונדער פאַרגעניגן, צו דערציען נישט נאָר זייערע אייגענע קינדער, נאָר אויך די קינדער פון זייערע באַקענטע. צו זיי געהערן די וואַן דאַנס. ביי מאַרגאָ האָט מען שוין נישט וואָס צו דערציען, זי איז די ליבע, גוטקייט און קלוגשאַפט גופא. אָבער וואָס זי האָט צופיל, האָב איך צו ווייניק! בעת דעם עסן האַלט עס אין איין רעגענען מיט מוסר, און איך קאָן מיך נישט אָפּלאָזן פון מיינע חוצפּהדיקע, צומאָל עזותדיקע ענטפערן. דער טאַטע און די מאַמע האַלטן תמיד מיט מיר, אָן זיי וואָלט איך פשוט נישט אויסגעהאַלטן. ווי אָפט די וואַן דאַנס טענהן, אַז איך זאָל נישט רעדן אַזויפיל, איך זאָל מיך נישט אריינמישן אין אַלע ענינים, איך זאָל זיין באַשיידענער... העלפט דאָס אַלץ גאָרנישט. ווען דער טאַטע וואָלט נישט געווען אַזוי געדולדיק, וואָלט איך שוין לאַנג אויפגעגעבן די האָפענונג מיך צו מענטשן. און סוף כל סוף מאָגען דאָך די עלטערן נישט ווער ווייסט וואָס.

ווען איך עס ווייניקער פון איין גרינצייג, ווייל איך האָב עס נישט ליב, און עס דערפאַר מער פון די קאַרטאָפל, ערגערן זיך די וואַן דאַנס שרעקלעך איבער דער „צעבאַלעוועטקייט“.

— נעם נאָך אביסל גרינס, טוט זי תיכף אַ זאָג.

— ניין, אַ דאַנק, איך וויל נאָר קאַרטאָפל, ענטפער איך.

— גרינס איז אַזוי געזונט, דאָס זאָגט דיין מאַמע אויך. עס נאָך. רעדט זי צו, ביז דער טאַטע מישט זיך אריין און מאַכט אַ סוף צו דעם ענין.

— זי וואָלט געדארפט זיין ביי אונדז אינדערהיים, ווערט זי אין כעס, — דאָרט איז אזעלכעס נישט פאָרגעקומען. דאָס איז דאָך נישט קיין דערציונג! אנא איז שטארק צעבאלעוועט. זי וואָלט געדארפט זיין מיין טאָכטער! — אייביק פארענדיקט זי די דרשה מיט די דאָזיקע ווערטער. א גליק וואָס איך בין עס נישט!

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער טעמע דערציונג. נעכטן איז ערשט שטיל געוואָרן, נאָכדעם וואָס פרוי וואן דאן איז ענדלעך פארטיק געוואָרן מיט דער פּלאפּלעריי. דאן האָט דער טאטע געענטפערט:

— איך האלט, אז אנא איז גוט דערצויגן. זי האָט דאָך שוין פארשטאנען, אז ס'איז בעסער נישט צו ענטפערן אויף אייערע לאנגע דרשות. און וואָס נוגע דאָס גרינס, קאָן איך נאָר זאָגן Vice Versa!

איצט האָט זי ענדגילטיק פארלוירן די שלאכט. דאָס Vice Versa איז געווען אן אָנצוהערעניש אויף די קליינע פּאָרציעס, וואָס זי אליין עסט. זי גיט אָן אלס סיבה, אז אסך גרינס פארן שלאָפן קאָן איר מאָגן נישט פארדייען. זאָל זי מיך כאָטש אָפּלאָזן! ס'טוט מיר הנאה וואָס די פרוי וואן דאן ווערט אזוי גיך רויט. איך ווער נישט רויט און דאָס דערצערנט זי.

דיין אנא.

מאָנטיק, 28. סעפּטעמבער 1942.

ליבע קיטי!

נעכטן בין איך געצוווּנגען געווען איבערצורייסן מיינע פארצייכענונגען, איידער איך בין פארטיק געוואָרן. איך מוז דיר ווידער דערציילן פון א שטרייט, אָבער קודם וויל איך דיר זאָגן, אז איך האלט עס פאר מיאוס און אומבאגרייפלעך, ווען דערוואקסענע רעגן זיך אויף און קריגן זיך אזוי גיך, אזוי אָפט און איבער יעדער קלייניקייט. ביז איצט האָב איך געמיינט אז נאָר קינדער אמפּערן זיך און אז שפּעטער קומט עס נישט פאָר. טיילמאָל איז פאראן א סיבה פאר אן אמתן קראך. אָבער די אייביקע שטעכווערטלעך זענען שוין באלד נישט צום אריבערטראָגן. אייגנטלעך וואָלט מען שוין געמוזט דערמיט געוווינט זיין, ווייל די קריגערייען געהערן כמעט צו דער טאָג-אָרדענונג. אָבער דאָס איז אומעג=

לעך, ווען די דיסקוסיע (אזוי ווערט דאָס דאָ אָנגערופן אָנשטאָט „קראך“) דרייט זיך ארום מיר. גאָרנישט געפעלט זיי נישט: מיין אויפטריט, מיין כאראקטער, מיינע מאניערן, אלץ ווערט בארעדט און קריטיזירט און... פאראורטיילט. איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט פון בייזע ווערטער און מען זאָל אויף מיר שרייען, און איצט זאָל איך דאָס אלץ אראָפּשלינגען. דאָס קאָן איך נישט. און איך טראכט אפילו נישט, דאָס אלץ צו נעמען אויף מיר. איך וועל זיי שוין ווייזן, אז אנא פראנק איז נישט קיין היינטיקע. זיי וועלן נאָך געוואָר ווערן און דאן וועלן זיי האלטן זייערע גרויסע פּיסקעס! זיי וואָלט מען געדארפט דערציען, נישט מיך. איך ווער יעדעס מאָל דערשיטערט פון אזויפיל מאנגל אין מאניערן און פון אזויפיל נארישקייט (פרוי וואן דאן). איך וועל מיך אָבער צוגעווינען און דאן וועל איך זיי ווייזן. בין איך טאקע באמת אזוי אינגאנצן אָן מאניערן, חוצפּהדיק, אָנגעבלאָזן, נאריש און פויל, ווי די וואן דאנס באהויפּטן שטענדיק? איך ווייס גאנץ גוט, אז איך האָב אסך פעלערס און שוואכקייטן, אָבער זיי טרייבן שרעקלעך איבער.

ווען דו ווייסט, קיטי, וויאזוי ס'קאָכט אין מיר בשעת די קריגערייען! אמאָל וועל איך מיין גאנצן צאָרן אויסגיסן צו זייער קאָפּ!

הגם איך האָב דיר שוין אפשר אָנגעטשאדעט דעם קאָפּ, מוז איך דיר נאָך דערציילן פון אן אינטערעסאנטן וויכוח ביים טיש. ס'איז געווען די רייד פון פּימס (דעם טאטנס פארצוויגענער נאָמען) גרויסער באשיידנקייט. דאָס איז אזא מין אומבאשטרייטבארער פאקט, אז אפילו די נארישעסטע מענטשן קאָנען דאָס נישט אָפּלייקענען. פלוצים זאָגט פרוי וואן דאן, וואָס מוז אלץ, אָבער טאקע אלץ אויף זיך באציען:

— איך בין אויך זייער באשיידן, פיל באשיידענער ווי מיין מאן!

הער וואן דאן האָט געוואָלט מילדערן די דאָזיקע באמערקונג און האָט געזאָגט זייער רויק:

— איך וויל גאָרנישט זיין באשיידן, ווייל איך מיין, אז אומבאשיידענע מענטשן דערגרייכן מער אין לעבן.

און דאן האָט ער זיך צו מיר געווענדט:

— זיי נאָר נישט צו באשיידן, אנא, דאן וועסטו פיל מער אויפטון!

די מאמע האָט צוגעשטימט צו דער מיינונג, אָבער פרוי וואן דאן האָט דאָך געמוזט צוגעבן איר פעפער און האָט געזאָגט, דאָסמאָל נישט צו מיר, נאָר צו מיינע עלטערן:

— איר האָט א משונהדיקן שטאנדפונקט, אז איר קאָנט אזוינס זאָגן אנאן. ווען איך בין יונג געווען איז דאָס געווען גאנץ אנדערש. און איך בין

זיכער אז אציגנד איז דאָס אויך אינערגעץ נישט אזוי, נאָר ביי אייך, אין אייער מאָדערנער משפּחה.

דערמיט האָט זי געמיינט דער מאמעס אָפּט ארויסגעזאָגטע און דיסקוטירטע אויפּאסונג וועגן דערציונג. זי איז געוואָרן רויט ווי א בוראק פון כעס, און אז מען צעהיצט זיך אזוי פארלירט מען במילא די שפּיל.

די מאמע וואָס איז געבליבן זייער רויק, האָט געוואָלט א סוף מאכן צו דער „דיסקוסיע" און האָט געזאָגט:

— פרוי וואן דאן, איך מיין אז ס'איז בעסער נישט צו זיין אזוי באשיידן. מיין מאן, מארגאָ, און פּעטער זענען באמת אויסער־אָרדנטלעך באשיידן, אייער מאן און איר, אנא און איך, זענען אויך נישט אומבאשיידן, אָבער מיר לאָזן זיך נישט שפּייען אין דער קאשע.

— איך בין דאָך באשיידן, פרוי פראנק! וויאזוי קאָנט איה זאָגן אז איך בין אומבאשיידן?

די מאמע: — איר זענט גראָד נישט אומבאשיידן, אָבעה קיינער וועט אייך נישט האלטן פאר באזונדערס באשיידן.

פרוי וואן דאן: — נו, וואָלט איך גערן געוואָלט וויסן, ווען איך בין אומבאשיידן. ווען איך זאָרג דאָ נישט אליין פאר מיר, וואָלט איך, ווייזט אויס, אויסגעגאנגען פון הונגער. איך בין פּונקט אזוי באשיידן ווי אייער מאן!

ביי די נארישע ליבגעזאנגען אויף זיך אליין האָט די מאמע געמוזט הארציק לאכן און דאָס האָט זי נאָך מער צערייצט און זי האָט אלץ ווייטער גערעדט ביז זי האָט זיך פארפּלאָנטערט און איז אויפגעשטאנען א באליידיקטע. צופעליק איז איר בליק דערביי אויף מיר געפאלן. צום אומגליק האָב איך, בשעת זי האָט אויסגעדרייט דעם רוקן, איראָניש געשאָקלט מיטן קאָפּ, אייגנטלעך, מער נישטוועלנדיק. זי האָט זיך אויסגעדרייט און האָט אָנגעהויבן קוויטשען, העסלעך און געמיין ווי א גראָבע, אלטע מארקזיצערן. ס'איז געווען א פארגעניגן אויף איר צו קוקן. ווען איך וואָלט געקאָנט צייכענען, וואָלט איך דאָס קליינע לעבערלעבע מאָדעל, פאראייביקט אין דער דאָזיקער האלטונג!

איינס קאָן איך דיר זאָגן: אויב דו ווילסט א מענטשן ריכטיק קענען, מוזטו דיך אמאָל מיט אים האָבן צעקריגט. דאן קאָנסטו ערשט אורטיילן.

דיין אנא.

דינסטיק, 29. סעפטעמבער 1942.

ליבע קיטי!

בײ אונדז האָט מען תמיד עפעס צו דערציילן! ווייל מיר האָבן נישט קיין באָד־וואַנע וואַשן מיר זיך אין א ציבער, און אזוי ווי אין קאָנטאָר (דערמיט מיין איך דעם גאנצן ערשטן שטאָק) איז פאראן וואַרעם וואסער, גייען מיר אלע זיבן לויט דער ריי תמיד אראָפּ. אזוי ווי מיר זענען אויך אלע גאנץ פארשידן, און איינער זשעגירט זיך מער ווי דער אנדערער, האָט יעדער, לויט זיין טאַלאַנט, זיך אויסגעזוכט אן אנדערן אָרט פאר זיין רייניקונגס־אקציע. פעטער באָדט זיך אין קיך. כאָטש זי האָט א גלאָזטיר. איידער ער באָדט זיך טיילט ער יעדן מיט זיין כוונה און בעט אז אין משך פון א האלבער שעה זאָל קיינער נישט פארבייגיין. זיין פאָטער באָדט זיך גאנץ אויבן. ביי אים איז ווערט די מי, דאָס וואַרעמע וואסער ארויפצושלעפּן, כדי צו געניסן די באקוועמלעכקייט פונעם אייגענעם צימער. פרוי וואן דאן האָט זיך נאָך ביז איצינד נישט געבאָדן. זי מוז ערשט זען וועלכער פלאץ ס'וועט זיין דער גינסטיקסטער. דער טאטע באָדט זיך אין פריוואט־ביוראָ, די מאמע אין קיך הינטער דעם שפאנישן ווענטל. מארגאָ און איך האָבן זיך אויסגעזוכט דעם גרויסן קאָנטאָר אלס באָד־צימער. יעדן שבת נאָכמיטאָג ווערן דאָ צוגעצויגן די פירהענגלעך און די פּראָצעדור קומט פאָר אין האלבטונקל. ווער פון אונדז ביידן ס'באָד זיך נאָך נישט, באאָבאכטעט דורך א שפּאלט פון די פירהענגלעך וואָס ס'קומט פאָר אין דרויסן, און מיר אמוזירן זיך אָפט איבער די קאָמישע הוויות פון די מענטשן. זייט דער פאָריקער וואָך געפעלט מיר אָבער נישט מער דאָס באָד־צימער און איך זוך א קאָמפאָרטאבלערן אפּארטאמענט. פעטער האָט געהאט א גוטע אידייע: ער האָט מיר פאָרגעלייגט, מיך איבערצופירן מיט מיינע באָד־רעקוויזיטן אין דער גרויסער טואלעט, וואָס געהערט אייגנטלעך צום ביוראָ. דאָ בין איך אליין, קאָן מיר אָנצינדן דאָס ליכט, פארשליסן די טיר און דאָס וואסער אויסגיסן אָן יעמענס הילף. היינט האָב איך באנייט מיין „באָד־צימער“ און איך בין צופרידן.

נעכטן איז געווען אין הויז דער וואסערלייטונג אינסטאלאטאָר, כדי איבערצושטעלן די רייערן פונעם אונטערן גאנג, וואָס פירן צו אונדזער וואסערלייטונג און צו דער טואלעט. דאָס האָט מען געמוזט מאכן, כדי צו פארהיטן אז זיי זאָלן נישט פרירן אויב ס'וועט זיין א זייער קאלטער ווינטער, דער באזוך איז גאָרנישט אָנגענעם

געוועזן פאר אונדז. נישט נאָר, ס'האָט נישט געטאָרט רינגען קיין וואסער, מיר האָבן אויך נישט געקאָנט באנוצן **די** טואלעט. נו, איז טאקע נישט פיין פון מיין זייט ווען איך דערצייל דיר, וואָס מיר האָבן געטון, כדי דעם איבל צו לינדערן. איך בין נישט אזא פּריצה, אז איך זאָל נישט רעדן פון אזעלכע זאכן. דער טאטע און איך האָבן שוין פון פריער געזאָרגט דערפאר און פאר יעדן פאל אָנגעגרייט סלויעס. מיר האָבן זיי באנוצט און ווילנדיק נישט ווילנדיק איבערן טאָג געהאלטן אין א ווינקל פון צימער. דאָס האָב איך נישט געהאלטן פאר אזוי עקלדיק, ווי דעם גאנצן טאָג צו זיצן שטיל און נישט טאָרן רעדן. דאָס איז זייער שווער געוועזן פארן פריילן קוואַ־קוואַ־קוואַ. סיידוי טאָרן מיר נישט אנ־דערש ווי נאָר שעפּטשען. אָבער טאקע גאָרנישט רעדן און דעם גאנצן טאָג זיצן שטיל און זיך אפילו נישט טאָרן באוועגן, איז נאָך צענמאָל ערגער. מיין הינטערהלק איז גאנץ צעפּלעטשט און שטייף געוואָרן און האָט דריי טאָג נאָכדעם נאָך ווי געטון! אין אָוונט האָבן מיר געמאכט גימנאסטיק. דאָס האָט געהאָלפן!

**דיין אנא.**

דאָנערשטיק, 2. אָקטאָבער 1942.

ליבע קיטי !

נעכטן האָב איך מיך שטארק דערשראָקן. 8 אזייגער האָט עס געקלונגען, און איך האָב מיר איינגערעדט ־עפּעס שרעקלעכס — וואָס, קאָנסטו דיר אליין פאָרשטעלן. אָבער אז אלע האָבן געטענהט אז דאָס האָבן באדארפט זיין גאסנקינדער, האָב איך מיך ערשט פאוואָלינקע ווידער בארויקט.

די טעג גייען דאָ אריבער שטיל! אין קיך ארבעט אן אפּטיי־קער, העך לעווין, כדי צו מאכן כעמישע עקספּערימענטן פאר דער פירמע. ער קען דאָס גאנצע הויז, און מיר האָבן צומאָל מורא, אז אים קאָן איינפאלן, אריינצוגיין אין דער פריערדיקער לאבאָרא־טאָריע. מיר פארהאלטן זיך זייער רויק. ווער וואָלט צוריק מיט דריי חדשים עם געהאלטן פאר מעגלעך, אז די קוועקזילבערדיקע אנא וועט מוזן אזוי לאנג זיצן שטיל און האלטן דאָס מויל?

דעם 29־טן האָט פרוי וואן דאן געהאט איר געבוירנטאָג. ס'איז נישט געווען קיין גרויסער יום טוב. זי האָט באקומען בלומען, קליינע מתנות, און מ'האָט געגעסן עקסטרא מאכלים. רויטע נעלקן פון איר מאן געהערן צו די טראדיציעס פון דער משפחה.

לאָמיר בלייבן ביי דער טעמע פּרוי וואַן דאַן: איך מוז דיר עפּעס זאָגן. ס'פאַרדריסן מיך זייער אירע שטענדיקע פּרוּוון צו פלירטעווען מיטן טאַטן. זי פּרוּווט אים א גלעט טון איבער דער באַק אָדער איבער די האָר, ווייזט גערן אירע „שיינע" פיס, פּרוּווט צו זיין וויציק און ציען אויף זיך פּימס אויפמערקזאמקייט, ווו ס'לאָזט זיך נאָר. איין גליק וואָס פּים האלט זי נישט פאַר קיין שיינער. ער מאכט זיך פון איר נישט קיין צימעס. איך בין זיכער נישט אייפערזיכטיק, אָבער דאָס קאָן איך נישט אריבערטראָגן. איך האָב איר אָפן געזאָגט אז די מאמע טוט דאָס נישט מיט הער וואַן דאַן. פּעטער קאָן צומאָל זיין זייער שפּאסיק. מיר האָבן ביידע ליב זיך צו פארשטעלן. צוריק מיט א פּאָר טעג איז ער אריינגעקומען אין א זייער ענגן קלייד פון זיין מוטער, אויפן קאָפּ א דאמענהיטעלע. איך בין דערשינען אין זיין אנצוג און אין זיין היטל. די דערוואקסענע האָבן זיך געקאטשעט פאַר געלעכטער, און האָבן אויך הנאָה געהאט.

עלי האָט געקויפט קליידער פאַר מארגאָן און מיר, זיי זענען אי שלעכט אי טייער. און דאַן האָבן מיר פּערספּעקטיוון אויף נאָך עפּעס פיינס: זי האָט באשטעלט פאַר אונדז דריי, פאַר מארגאָן, פּעטער און מיר, א שריפטלעכן סטענאָ־קורס. איבעראיאָר זענען מיר פולקומענע סטענאָגראפן. ס'איז זייער אינטערעסאנט צו קענען אזעלכע „געהיים"־שריפטן.

דיין אנא.

שבת, 3. אָקטאָבער 1942.

ליבע קיטי!

נעכטן איז ווידער געווען א שרעקלעכער צוזאמענשטויס. די מאמע האָט דעם טאַטן דערציילט אלע מיינע זינד, אָבער זייער איבערגעטריבן. זי האָט געוויינט און איך האָב געוויינט, און דערצו האָב איך געהאט שרעקלעכע קאָפּווייטיק. איך האָב אויך אציגד געזאָגט דעם טאַטן, אז איך האָב אים אסך ליבערשט. פּים האָט געזאָגט אז דאָס וועט איבערגיין, אָבער איך גלייב נישט. איך מוז מיר אָנטון א כוח, כדי רויק צו בלייבן לגבי דער מאמען. דער טאַטע וויל, אז איך זאָל איר צוהעלפן אין שטוב, ווען זי איז נישט מיט אלעמען, אָבער איך וועל דאָס נישט טון.

איך לערן גערן פראנצויזיש און לייען איצט „La belle Nivernaise".

דיין אנא.

פרייטיק, 9. אָקטאָבער 1942.

ליבע קיטי!

הייגט האָב איך נאָר טרויעריקע און דעפרימירנדיקע נייעס. אונדזערע יידישע פריינט און באקענטע ווערן מאסנווייז אוועקגעפירט. די געשטאפּאָ באהאנדלט זיי גאָרנישט ווייך. זיי ווערן אריינגעווארפן אין פי־וואגאָנעס און אוועקגעפירט אין יידן־לאגער וועסטערבאָרק. דאָס וועסטערבאָרק דארף זיין גרויליק. פאר די טויזנטער מענטשן זענען דאָרט פאראן צו ווייניק וואשגעלעגנהייטן און טואלעטן. מען דערציילט אז אין די באראקן שלאָפן אלע אויף דער קופּע: מענער, פרויען, קינדער. אנטלויפן איז אוממעגלעך. די מיינסטע מענטשן פונעם לאגער זענען באצייכנט דורך זייערע אָפּגעשוירענע קעפּ און אסך אויך דורך זייער יידישן אויסזען.

אז דאָ אין האָלאנד איז שוין אזוי ביטער, ווי שרעקלעך וועט עס ערשט זיין דאָרט וווהין זיי ווערן פארשיקט? דער ענגלישער ראדיאָ דערציילט פון גאזקאמערן, אָבער אפשר איז דאָס דער שנעלסטער פארניכטונגס־מעטאָד. מיפּ דערציילט פון גרויזאמע געשעענישן און איז אליין שרעקלעך אויפגערעגט. צוריק מיט עטלעכע טעג איז אן אלטע הינקענדיקע פרוי געזעסן ביינאכט פאר מיפּס טיר. זי האָט געמוזט ווארטן אויף דעם געשטאפּאָ־אויטאָ וואָס נעמט צונויף די מענטשן. די אלטע פרוי האָט געציטערט פאר שרעק. די זעניט־ארטילעריע האָט געהודיעט, די שטראלן פון די פּראָזשעקטאָרן האָבן דורכגעשניטן די פינצטערניש, דאָס דונערן פון די ענגלישע עראָפּלאנען האָט אָפּגעהילכט פון די הייזער. אָבער מיפּ האָט נישט געוואגט, אריינצונעמען די אלטע פרוי צו זיך. די דייטשן באשטראָפן פאר אזא זאך זייער הארט.

עלי איז אויך שטיל און טרויעריק. איר פריינט איז פארשיקט געוואָרן אויף צוואנגסארבעט קיין דייטשלאנד. זי האָט מורא ס'זאָלן אים נישט טרעפן די מיליאָנען קילאָגראמען באָמבעס וואָס די ענגלישע פּילאָטן ווארפן אראָפּ. אזעלכע נארישע וויצן ווי: „די מיליאָנען באקומט ער נישט" אָדער: „איין באָמבע איז אויך גענוג", האלט איך פאר זייער מאקטלאָז און ברוטאל. דירק איז נישט דער איינציקער, אוודאי נישט. טעגלעך פאָרן אוועק צוגן פול מיט יונגע מענטשן. איינעם אָדער דעם אנדערן געלינגט עס אונטערוועגנס צו אנטלויפן, אָדער זיך אויסצובאהאלטן. אָבער דאָס זענען זייער ווייניק.

דערמיט ענדיקט זיך נאָך נישט מיין טרויעריק ליד. האָסטו שוין עפּעס געהערט פון ערובניקעס? דאָס איז דאָס גייעסטע וואָס די מערדער האָבן צוגעטראכט. דאָס איז כמעט נאָך שרעקלעכער ווי אַלעם אַנדערע. אומשולדיקע מענטשן ווערן אָן א פּאַרוואָס אַרעסטירט און נישט מער אַרויסגעלאָזט. און אז ס׳ווערט דאָן ערגעצוווּ פּעסטגעשטעלט א „סאַבאָטאַזש“, און מען געפינט נישט די וואָס האָבן עס געטון, האָט מען דאָן א גרונט, א געוויסע צאָל פון די ערובניקעס צו דערשיסן. דאָס ווערט דאָן פאַרעפנט־לעכט אין דער צייטונג אַלס וואָרענונג. א שיין פאָלק, די דייטשן! און שטעל דיר פאָר אז איך האָב אויך אַמאָל געהערט צו זיי. אָבער היטלער האָט שוין לאַנג ביי אונדז אוועקגערויבט די ביר־גערשאַפט. און א גרעסערע שנאָה ווי צווישן דייטשן און יידן איז נישט פאַראַן אויף דער וועלט.

דיין אַנאַ.

פרייטיק, 16. אָקטאָבער 1942.

ליבע קיטי!

איך האָב זייער אסך צו טון. נאָר וואָס האָב איך איבערגע־זעצט א קאַפּיטל פון „La belle Nivernaise“ און אַרויסגעשריבן די וואָקאַבלען, דאַן האָב איך געמאַכט א באַזונ־דערס שווערע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע און געלערנט דריי זייטן פראַנצויזיש. מאַטעמאַטיק איז מיר נמאָס. אָבער דער טאַטע האַלט עס אויך פאַר א שווערן ענין, און טיילמאָל געלינגט עס מיר בעסער ווי אים, אָבער אין תוך קענען מיר ביידע נישט און נישט איינמאָל דאַרפן מיר אָנקומען צו מאַרגאָס הילף. אין דער סטענאָגראַפיע האַלט איך ווייטער פון אַלע דריי. נעכטן האָב איך געענדיקט לייענען „די שטורמער“, זייער א גוט בוך, אָבער נישט צו פאַרגלייכן מיט „יאָפּ טער הויל“. איך מוז דיר עס תמיד איבערחזרן, אז סיסי וואַן מאַרקסוועלט שרייבט אויסגעצייכנט. מיינע קינדער וועלן שפּעטער אויך מוזן לייענען די ביכער. דער טאַטע האָט מיר אויך געגעבן עטלעכע טעאַטער־פּיעסן פון קערנער „דער פּעטער פון ברעמען“, „די גובערנאַנטקע“, „דער גרינער דאָמינאָ“. א גוטער שריפטשטעלער.

די מאַמע, מאַרגאָ און איך זענען ווידער גאַנץ אייניק, און דאָס, האַלט איך, איז דאָס בעסטע. נעכטן אָוונט איז מאַרגאָ מיט

מיר געלעגן אין איין בעט. ס׳איז געווען שרעקלעך ענג, אָבער גראָד דערפאַר זייער הנעוודיק. זי האָט מיך געפרעגט צי זי מעג לייענען מיין טאָגבוך, האָב איך איר געזאָגט אַז „אַ טייל זאַכן יאָ" און האָב געפרעגט וועגן איר טאָגבוך. זי איז געווען מסכים. דאַן האָבן מיר גערעדט פון דער צוקונפט, און איך האָב זי געפרעגט וואָס זי וויל ווערן. אָבער דערפון מאַכט זי אַ גרויסן סוד. איך האָב עפּעס געהערט אַז זי וויל ווערן אַ לערערן און איך מיין אַז ס׳איז אמת. איך וואָלט אייגנטלעך נישט געדאַרפט זיין אַזוי נייגעריק.

היינט אינדערפרי בין איך געלעגן אויף פּעטערס בעט, נאָכדעם ווי איך האָב אים אַרויסגעטריבן. ער איז געווען מלא כעס, אָבער דאָס שטערט מיך נישט.

אייגנטלעך וואָלט ער געדאַרפט זיין אַביסל ליבער צו מיר, ווייל נעכטן אין אָוונט האָב איך אים געשענקט אַן עפּל.

ווען איך האָב מאַרגאָן געפרעגט צי זי האַלט מיך פאַר אַ מיאוסער, האָט זי געזאָגט, אַז איך האָב אַ מאָדנע צורה, נאָר שיינע אויגן. ס׳איז יענער ענטפער, ווי מיינסטו?

ביז צום אַנדערן מאָל!

דיין אַנאַ.

דינסטיק, 20. אָקטאָבער 1942.

ליבע קיטי!

מיינע הענט ציטערן נאָך פון דער שרעק, וואָס מיר האָבן שוין ווידער איבערגעלעבט, כאָטש ס׳זענען שוין צוויי שעה. מיר האָבן פינף מינימאַקס־פייערלעשערס אין הויז. קיינער האָט אונדז נישט געזאָגט, אַז עמיצער וועט קומען, זיי ווידער אָנפולן. מיר האָבן דאָס אויך נישט געהערט. איך האָב געמיינט אַז ס׳איז דער טעסלער און האָב אויפמערקזאַם געמאַכט עלין, וואָס איז גראָד געווען ביי אונדז, אַז זי טאָר נישט אַראָפּגיין. דער טאַטע מיט מיר זענען געשטאַנען הינטער דער טיר און זיך צוגעהערט ווען דער מענטש וועט פאַרטיק ווערן. נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט געאַר־בעט אַ פערטל שעה, האָט ער אוועקגעלייגט זיין וועדקצייג אויף דער שאַפע אין דרויסן (אַזוי האָבן מיר געמיינט) און האָט

געקלאַפּט אין אונדזער טיר. מיר זענען ביידע בלייך געוואָרן. זאָל ער האָבן עפּעס באַמערקט און וויל אויספאָרשן די באַהעלטעניש? אַזוי האָט עס אויסגעוויזן, ווייל דאָס קלאַפּן, ציען, רייסן האָט נישט אויפגעהערט. איך בין כמעט געפאַלן חלשות ביים געדאַנק, אַז דער ווילדפרעמדער מענטש זאָל האָבן אַנדעקט אונדזער מקום מקלט, און איך האָב געמיינט אַז ס'איז אויס וועלט, ווען איך האָב געהערט שרייען דעם הער קאָפּהויס: „מאַכט אויף, איך בין עס!"

מיר האָבן תיכף געעפנט. דער האָקן, מיט וועלכן די טיר איז פון אינעווייניק פאַריגלט, און וועלכער קאָן פון מענטשן וואָס וויסן דערפון, אויך אויפגעמאַכט ווערן פון דרויסן, האָט זיך פאַרקלעמט און דערפאַר האָט מען אונדז נישט געקאָנט צו דער געהעריקער צייט מודיע זיין אַז ס'וועט קומען אַ האַנטווערקער. דער מענטש איז געהאַט אַראָפּגעגאַנגען. ווען קאָפּהויס האָט געוואָלט רופן עלין, האָט ער נישט געקאָנט עפענען די דרייטיר און האָט דערפאַר אָנגעמאַכט דעם ליאַרעם. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פונעם האַרצן. איך האָב אין מיין פאַנטאַזיע געזען דעם מענטשן, וואָס האָט געוואָלט אַריין צו אונדז. אַלץ גרעסער ווערן און אויסוואַקסן צו אַן אומבאַזיגבאַרן ריז. נו, מיר קאָנען רעדן פון גליק, אַז אַלץ איז גוט אָפּגעלאָפן! מאָנטיק האָבן מיר געהאַט אַ גרויס פאַרגעניגן! מיפּ און הענק האָבן דאָ גענעכטיקט. מאַרגאָ און איך זענען געווען פאַר דער נאַכט „איינקוואַרטירט" ביי טאַטע-מאַמע, אַזוי אַז דאָס פאַרפאָלק האָט באַנוצט אונדזערע בעטן. דאָס עסן איז געווען געראָטן. אַ קליינער צווישנפאַל האָט אָבער אויך געמוזט זיין. דעם טאַטנס טישלאָמפּ האָט פּלוצים געהאַט אַ קורצשלוס, און מיט אַמאָל זענען מיר אַלע געזעסן אין דער פינצטער. דער עלעקטרישער ציילער, ווו מ'דאַרף אַריינשרויפן אַ זיכערונג, איז גאַנץ הינטן אין לאַגער, און ס'איז נישט קיין פאַרגעניגן צו טאַפּן אין דער פינצטער ביז אַהין. אָבער ס'איז געלונגען, און אין צען מינוט איז אַלץ פאַריכט געוואָרן. מיר האָבן ווידער געקאָנט אויסלעשן די ליכט. דעם אַנדערן טאָג זענען מיר פרי אויפגעשטאַנען. הענק האָט געמוזט האַלב ניין אַוועקגיין, און מיר האָבן נאָך געוואָלט געמיטלעך עסן פרישטיק. ס'האָט געגאָסן אַ רעגן און מיפּ האָט זיך געפרייט, וואָס זי האָט ביי דעם וועטער זיך איינגעשפּאָרט אַזאַ וועג. נאָכדעם וואָס דער טאַטע און איך האָבן צוגעמאַכט, בין איך מיר געגאַנגען צו מיין אַרבעט און האָב

געהזרט פראנצויזישע ווערבן. דערנאָך האָב איך געלייענט „און אייביק זינגען די וועלדער“, אַן אויסערגעוויינטלעך שיין בוך, וועלכעס איך האָב תיכף אויסגעלייענט.
קומענדיקע וואָך וויל עלי איינמאָל ביי אונדז נעכטיקן!

דיין אנא.

דאָנערשטיק. 29. אָקטאָבער 1942.

ליבע קיטי !

איך בין זייער אומרויק. דער טאטע איז קראנק. ער האָט הויכע טעמפעראטור און א רויטע עקזעמע ווי ביי מאָזלען. שטעל דיר פאָר, אז מיר האָבן אפילו נישט געקאָנט רופן קיין דאָקטער. די מאמע זאָרגט דערפאר אז ער זאָל גוט שוויצן. אפשר וועט דערפון אראָפּ דאָס פיבער.

היינט אינדערפרי האָט מיפּ דערציילט, אז די דייטשן האָבן אויסגעראָמט די וווינונג פון די וואן דאנס. מיר האָבן עס נאָך נישט דערציילט דער פרוי וואן דאן. זי איז אין דער לעצטער צייט שרעקלעך נערוועז און מיר האָבן נישט קיין חשק שעהן־לאנג ווידער צו הערן פון דעם שיינעם סערוויס און די טייערע מעבל, וואָס זענען געבליבן אינדערהיים. מיר האָבן דאָך אויך אַלץ וואָס איז שיין געווען, איבערגעלאָזט אויף הפקר. דאָ העלפט נישט קיין יאָמערן. אצינד מעג איך פון מאָל צו מאָל אויך לייענען ביכער פאר דערוואקסענע, און איך לייען אצינד „עוואס יוגנט“ פון ניקאָ וואן סוכטעלען. א גרויסן חילוק צווישן דעם בוך און די ראָמאנען פאר מיידלעך געפון איך אייגנטלעך נישט. זעלבסטפארשטענדלעך קומט דאָ אויך פאָר, אז פרויען פארקויפן זייער קערפער צו פרעמדע מענער און באקומען דערפאר אסך געלט. איך וואָלט מיך פאר אזא מאן שרעקלעך געשעמט. ס'רעדט זיך אויך דערפון אז עווא האָט באקומען די מענסטרואציע דאָס וואָלט איך אויך גערן געוואָלט, ווייל איך ווייס, ווי וויכטיק דאָס איז.

דער טאטע האָט ארויסגענומען פון דער שאפע די דראמעס פון געטע און שילער און וויל פאר אונדז לייענען יעדן אויפדער־נאכט. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט „דאָן קארלאָס“, דעם טאטנס גוט ביישפיל האָט אָנגערעגט די מאמע, מיר צו געבן א סידור.

איך האָב פון שלום־ווילן געלייענט עטלעכע תפילות אויף העלעניש. איך האַלט אז זיי זענען שיין, אָבער זיי זאָגן מיר גאָרנישט. פאַרוואָס וויל זי מיך צווינגען צו זיין פרום?

מאָרגן ווערט צום ערשטן מאָל אייגעהייצט. מיר וועלן גאַנץ וויל זיצן און רויך. דער קוימען איז שוין לאַנג נישט אויסגעפּוצט.

דיין אנא.

שבת, 7. נאָוועמבער 1942.

ליבע קיטי !

די מאמע איז זייער נערוועז, און דאָס איז פאַר מיר תמיד געפערלעך. איז דאָס א צופאַל וואָס מאַרגאָ מוסרן די עלטערן קיינמאָל נישט און תמיד לאָזט מען נאָר אויס אַלעס צו מיר? נעכטן אָוונט, למשל, האָט מאַרגאָ געלייענט א ביכל מיט זייער שיינע אילוסטראַציעס. זי איז אַרויפגעגאַנגען און האָט דאָס ביכל אַוועקגעלייגט, כדי שפּעטער ווידער צו לייענען. אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט עפּעס וויכטיקערס צו טון, האָב איך גענומען דאָס ביכל כדי אָנצוקוקן די בילדער. ווען זי איז צוריקגעקומען און האָט געזען „איר" ביכל אין מיין האַנט, האָט זי פאַרקנייטשט דעם שטערן און געוואָלט צוריק דאָס ביכל. איך וואָלט עס גערן ווייטער אָנגעקוקט, אָבער מאַרגאָ איז ברוגז געוואָרן. די מאמע האָט געזאָגט: „דאָס ביכל לייענט מאַרגאָ, גיב עס איר צוריק!" דער טאַטע איז אַריינגעקומען אין צימער אריין, האָט גאָרנישט געוווסט וואָס ס'איז פאָרגעקומען, האָט אָבער געמיינט, אז מאַרגאָ געשעט און אומרעכט און האָט צו מיר געזאָגט: „איך וואָלט דיך געוואָלט זען, ווען מאַרגאָ בלעטערט אין דיין בוך".

איך האָב תיכּף נאָכגעגעבן, אַוועקגעלייגט דאָס ביכל און בין אַרויס פון דער שטוב, ווי זיי האָבן געמיינט, באַליידיקט. אָבער איך בין נישט געווען באַליידיקט און נישט ברוגז, נאָר זייער דערשלאָגן.

דער טאַטע האָט נישט רעכט געהאַט צו אורטיילן, ווען ער האָט נישט געוווסט וואָס ס'איז פאָרגעקומען. איך וואָלט דאָס ביכל שוין אַליין צוריקגעגעבן מאַרגאָ און זיכער אסך גיכער, ווען די עלטערן מישן זיך נישט אריין און שטעלן זיך נישט תיכּף אויף

מארגאָס זייט. אז די מאמע נעמט זיך אָן פאר מארגאָן, איז זעלבסטפארשטענדלעך. זיי האלטן איינע צו דער אנדערער. דערמיט בין איך שוין אזוי געוווינט, אז איך בין שוין גלייכגילטיק צו דער מאמעס מוסר און מארגאָס רוגזה. איך האָב זיי ליב ווייל זיי זענען דאָך די מאמע און מארגאָ, מיטן טאטן איז עפּעס אנדערש. ווען ער ציט פאָר מארגאָן, לויבט זי, געפונט אז אלץ ביי איר איז גוט און איז מיט איר צערטלעך, דאן נאָגט עפּעס אין מיר. ווייל דער טאטע איז ביי מיר אלץ! ער איז מיין ליכטיק פאָרבילד, און איך האָב אים ליב ווי קיינעם נישט אויף דער וועלט. ער ווייסט דאָס נישט, אז ער איז צו מארגאָן אנדערש ווי צו מיר. אזוי איז דאָס שוין, מארגאָ איז די קלוגסטע, די שענסטע, די בעסטע. אָבער איך האָב דאָך אויך דאָס רעכט, מען זאָל מיך נעמען ערנסט. תמיד גילט איך אלס דער קלאָוון און דער לא יצלח אין דער משפחה און מוז דאן טאָפּלט אָפּקומען — איינמאָל פארן סילוק, און דאן פאר דער הארצקלעמעניש. די אויבערפלעכלעכע צערטלעכקייטן באפרידיקן מיך נישט מער, אפילו נישט די געשפּרעכן, וואָס זענען, אזוי צו זאָגן ערנסט געמיינט. איך דערווארט פונעם טאטן עפּעס, וואָס ער קאָן מיר גאָרנישט געבן. איך בין נישט איפערזיכטיק אויף מארגאָן און באגער נישט, נישט איר קלוגקייט נישט איר שיינקייט. וואָס איך ווינטש מיר יאָ, איז דעם טאטנס עכטע, אמתע ליבע, נישט נאָר אלס קינד, נאָר אלס דער מענטש אנא.

איך קלאמער מיך אָן דעם טאטן, ווייל ער איז דער איינציקער וואָס האלט נאָך הויך מיין פאמיליען-געפיל. ער באגרייפט נישט, אז איך מוז מיר צומאָל ארויפרעדן פונעם הארצן איבער דער מאמען. דער טאטע וויל נישט רעדן איבער דער מאמעס פעלער און מיידט אוים יעדעס געשפּרעך אין דער ריכטונג, און מיך טוט דאָס וויי. אָפּט קאָן איך מיך נישט איינהאלטן איר פאָרצוווארפן איר נאָכלעסיקייט, איר איראָניע און הארטקייט. ווייל נישט תמיד בין איך שולדיק.

איך בין אין אלעמען פונקט דער היפּוך פון מיין מאמען, און אזוי שטויסן מיר זיך צונויף. איך קאָן נישט משפּטן איר כאראקטער. איך באטראכט זי נאָר אלס מאמע. אָבער פאר מיר איז זי נישט די מאמע. איך מוז מיר אליין זיין א מאמע. איך האָב מיך פון זיי אָפּגעזונדערט, גיי מיינע אייגענע וועגן. ווער ווייסט, וווהין איך וועל נאָך פארוואָרפן ווערן? אין מיין דמיון זע איך — א מוטער — און פרויען-אידעאל, אָבער דערפון געפון איך קיין שמץ ביי דער פרוי וואָס איך דארף אָנרופן מאמע.

איך באמי מיך מיר נישט צו נעמען צום הארצן דער מאמעס חסרונות. איך זע נאָר אירע מעלות. און דאָס וואָס איך געפון נישט ביי איר, וויל איך אנטוויקלען ביי מיר. אָבער דאָס גייט נישט תמיד, און דאָס ערגסטע איז, וואָס נישט דער טאַטע און נישט די מאמע ווילן נישט פארשטיין, אז איך לייד דערונטער און דערפאר בין איך אויף זיי ברוגז. קאָנען עלטערן אמאָל זייערע קינדער אינגאנצן צופרידן שטעלן?

צומאָל טראכט איך אז גאָט וויל מיך אויספרווון. איך מוז מיך אליין פארפולקומען, אָן א פאָרבילד און אָן הילף, דאן וועל איך שפעטער זיין שטארק און ווידערשטאנדפעיק.

ווער חוץ מיר וועט שפעטער לייענען די דאָזיקע בריוו? ווער קאָן מיר העלפן? איך דארף הילף און טרייסט. אָפט בין איך שוואך און קאָן נישט זיין דאָס, וואָס איך וואָלט גערן געוואָלט זיין. איך ווייס דאָס און פרווו כסדר, יעדן טאָג פונדאָסניי, מיך צו בעסערן.

איך ווער נישט גלייכמעסיק באהאנדלט. איין טאָג געהער איך צו די גרויסע און מעג אלעס וויסן, און דעם אנדערן טאָג הער איך, אז אנא איז נאָך א קליין, נאריש שעפעלע, וואָס מיינט, אז זי האָט אסך געלערנט פון ביכער, אָבער ווייסט נאָך כמעט גאָרנישט. איך בין נישט מער קיין זויגקינד און נישט קיין טעקעלע, מיט וועלכן מען שפּילט זיך. איך האָב מיינע אידעאלן, מיינע אייגענע אידייען און פלענער, וועלכע איך קאָן נאָך נישט אויספורעמען אין ווערטער. אָבער וויפל מחשבות קומען אויף אין אָוונט ווען איך בין אליין, צו אפילו בייטאָג ווען איך בין צוגויפגעפרעסט מיט די אלע מענטשן, וועלכע זענען מיר שוין דערווידער, ווייל זיי פארשטייען נישט מיך און נישט מיינע פּראָבלעמען. דערפאר קער איך מיך סוף כל סוף אום צו מיין טאָגבוך דאָס איז מיין אָנהויב און מיין סוף. קיטי איז תמיד געדולדיק, און איך זאָג איר צו, אז איך וועל טראָץ אלעמען דורכהאלטן, מיינע יסורים גובר זיין און וועל מיר דורכשניידן א וועג. אָבער ווי גערן וואָלט איך שוין געוואָלט זען מיין דערפאָלג ווי גערן וואָלט איך געוואָלט דערמוטיקט ווערן פון א מענטשן וואָס האָט מיך באמת ליב.

פארורטייל מיך נישט! פארשטיי, איך בעט דיך, אז מיר דערעסט זיך אויך אמאָל!

דיין אנא.

**מאָנטיק, 9. נאָוועמבער 1942.**

ליבע קיטי!

נעכטן איז געווען פּעטערס געבוירנטאָג ער האָט באַקומען שיינע מתנות, צווישן אַנדערע, א שיינע שפּיל, א ראַזיר-אַפּאַראַט און א פייערצייג, נישט אַזוי צוליב דעם רויכערן, נאָר ווייל ס'פּאַסט זיך אַזוי.

די גרעסטע איבערראַשונג האָט געבראַכט הער וואַן דאַן מיט דער ידיעה, אַז די ענגלענדער זאָלן האָבן געלאַנדעט אין טוניס, קאַסאַבלאַנקאַ, אַלזשיר און אָראַן.
„דאָס איז דער אָנהויב פונעם סוף“, האָבן אַלע געזאָגט. אָבער טשערטשיל, דער ענגלישער פּרעמיער, וועלכער האָט אין ענגלאַנד מין הסתם אויך אַסך מאָל געהערט די מיינונג, האָט געזאָגט אין א רעדע:
„די דאָזיקע לאַנדונג איז א זייער וויכטיקער עטאַפּ, אָבער קיינער זאָל נישט מיינען אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָנ־הויב פונעם סוף. איך וואָלט גיכער געזאָגט, אַז זי איז דער סוף פונעם אָנהויב“.
דאָס איז אַן אונטערשיד, האַ? אָבער ס'איז דאָך פאַראַן א גרונט פאַר אָפּטימיזם. סטאַלינגראַד, די גרויסע רוסישע שטאָט, וואָס זיי באַלאַגערן שוין זייט דריי חדשים, האָבן די דייטשן נאָך נישט געקאָנט דעראָבערן.
לאָמיר זיך אומקערן צו טעגלעכע פראַגן: ווען איך רעד פונעם הינטערהויז, מוז איך אויך איינמאָל באַריכטן פון אונדזער לעבנסמיטל באַזאָרגונג. דו דאַרפסט וויסן, אַז „די פון אויבן“ זענען ריכטיקע נאַשערס. ברויט ליפערט אונדז א זייער פיינער בעקער, א באַקענטער פון קאָפּהויס. מיר באַקומען פאַרשטייט זיך, נישט אַזויפיל ווי מיר האָבן געהאַט אינדערהיים, אָבער פאָרט גענוג. די לעבנסמיטלקאַרטן ווערן געקויפט אויף שוואַרץ. דער פּרייז זייערער שטייגט כסדר. קודם האָבן מיר פאַר זיי געצאָלט 27 גילדן, און איצט שוין 33. פאַר אַזאַ קליין שטיקל פּאַפּיר!
כדי צו האָבן אין שטוב א חוץ די קאָנסערוון אויך עפּעס ממשותדיקס, האָט מען געקויפט 270 פונט פאַסאָליעס און אַרבעס, וועלכע הענגען אין זעק אויפן אינעווייניקסטן גאַנג ביי דער דרייטיר. פון דער לאַסט האָט געפּלאַצט **די נאָט**; דעריבער האָט מען באַשלאָסן, דעם ווינטער־זאַפּאַס ליבער צו באַהאַלטן

אין קאמער, פעטער האָט באקומען די אויפגאבע, די זעק ארויפ=צוטראָגן. פינף פון די זעקס זעק זענען שוין געווען אויבן און פעטער איז געווען דערמיט פארנומען, נומער 6 ארויפצוטראָגן, און פלוצים האָט זיך אויפגעריסן די אונטערשטע נאָט און ס'האָט א פלייץ געטון א רעגן, ניין, א האָגל פון ברוינע פאסאָליעס איבער די טרעפ. אונטן האָבן זיי געמיינט אז דאָס אלטע הויז פאלט איין איבער זייערע קעפ (צום גליק איז נישט געווען קיין שום פרעמדער אין ביוראָ). פעטער האָט זיך שטארק דערשראָקן, אָבער ער האָט פאָרט געמוזט שטארק לאכן, ווען ער האָט מיך געזען אונטן ביי די טרעפ, פארשיט מיט פאסאָליעס, וואָס האָבן מיר געגרייכט ביז צו די קנעכל. מיר האָבן אויף גיך אָנגעהויבן צונויפצונעמען, אָבער פאסאָליעס זענען אזוי קליין און גלאטיק, אז זיי גליטשן זיך אליץ ארוים דורך די פינגער און פארשווינדן אין די שפאלטן און לעכער. יעדעס מאָל, ווען עמיצער גייט ארויף די טרעפ, געפונט ער נאָך פאסאָליעס און ער ליפערט זיי אָפּ אויבן ביי פרוי וואן דאן.

איך האָב שיער נישט פארגעסן דאָס וויכטיקסטע: דער טאטע איז ווידער געזונט!

דיין אנא.

פּ. ס. נאָרוואָס איז אָנגעקומען די ראדיאָ=מעלדונג, אז אלזשיר איז געפאלן. מאראָקאָ, קאסאבלאנקא און אָראן זענען אויך זייט עטלעכע טעג און ענגלישע הענט. אצינד האָפן מיר ס'זאָל פאלן טונים.

דינסטיק, 10. נאָוועמבער 1942.

ליבע קיטי!

אן איבעראשנדיקע ידיעה! מיר ווילן אריינעמען אן אכטן אין אונדזער באהעלטעניש. מיר האָבן שוין אָפט דערצו געטראכט, אז דאָ איז פאראן אָרט און עסן פאר נאָך עמיצן. מיר האָבן נאָר נישט געוואָלט קראלערן און קאָפּהויסן נאָך מער באלאָדן. אזוי-ווי די באריכטן וועגן די גרויזאמע יידן=רדיפות אין דרויסן זענען אליץ ערגער געוואָרן, האָט דער טאטע אן עצה געהאלטן מיט די צוויי הערן און זיי זענען געווען מסכים, אז דאָס איז אן אוים=

געצייכנטע אידייע. „די געפאר איז די זעלבע פאר זיבן אָדער פאר אכט“, האָבן זיי זייער ריכטיק געזאָגט. אז מיר האָבן שוין געהאלטן אזוי ווייט, האָבן מיר איבערגעטראכט וועלכער אליין שטייענדיקער מענטש פון אונדזער באקענטן־קרייז וועט זיך גוט אריינפאסן אין אונדזער באהעלטעניש. ס'איז נישט געווען שווער עמיצן צו געפונען. נאָכדעם וואָס דער טאטע האָט אָפגעוואָרפן אלע פאָרשלאגן פון די וואן דאנס ארייננעמען עמיצן פון זייער משפחה, האָבן מיר זיך אנטשלאָסן פאר א באקענטן ציינדאָקטער מיטן נאָמען אלבערט דיסעל, וועמענס פרוי איז שוין אין אויסלאנד. ער איז באקאנט אלס שטילער מענטש, און ער איז אונדז און די וואן דאנס סימפאטיש. אזוי ווי מיפ קען אים גוט, קאָן זי אלץ איינאָרדענען. ווען ער וועט קומען, מוז ער שלאָפן אין מיין צימער אויפן אָרט פון מארגאָ, וועלכע וועט זיך דאן מיט איר בעטל אריבערפירן צו די עלטערן אין צימער.

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 12. נאָוועמבער 1942.

ליבע קיטי!

דיסעל איז געווען זייער גליקלעך, ווען מיפ האָט אים געזאָגט, אז זי האָט פאר אים א באהעלטעניש. זי האָט אים צוגעראָטן, וואָס גיכער צו קומען, אויב מעגלעך, איבערמאָרגן. ער האָט געהאט ספיקות, ווייל ער האָט געוואָלט צונויפליגן זיין קארטאָטעקע, באהאנדלען נאָך צוויי פאציענטן און פארטיק מאכן די רעכענונג. די ידיעה האָט מיפ געבראכט היינט אינדערפרי. מיר האָבן עס געהאלטן פאר ריכטיקער די זאך נישט אָפצולייגן. אזעלכע צוגרייטונגען פאָדערן דערקלערונגען צו פארשידענע מענטשן, וואָס דארפן בעסער גאָרנישט וויסן פון דעם אלעמען. מיפ האָט געדארפט דיסעלן איבערצייגן, ער זאָל קומען טאקע שבת. דיסעל האָט געזאָגט אז ער קומט ערשט מאָנטיק. ס'איז לעכערלעך, וואָס ער איז נישט תיכף דערויף איינגעגאנגען. ווען מען כאפט אים אין מיטן גאס, קאָן ער אויך נישט צונויפליגן די קארטאָטעק און נישט מאכן קיין קאסע און נישט באהאנדלען קיין פאציענטן. איך האלט אז דער טאטע האָט פאלש געהאנדלט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן!' ווייטער גאָר קיין נייעס!

דיין אנא.

דינסטיק, 17. נאָוועמבער 1942.

ליבע קיטי!

דיסעל איז דאָ, ס'איז אַלעס גוט צוגעגאַנגען. מיפּ האָט אים באַשטעלט פאַר דער הויפּט=פּאָסט. ער איז געווען פּינקטלעך. הער קאָפּהויס, וואָס האָט אים געקענט, איז אַהין געגאַנגען און האָט אים געזאָגט, אַז דער הער — צו וועלכן ער דאַרף כּלומרשט — קומט עפּעס שפּעטער, און דיסעל זאָל אינצווישן וואַרטן ביי מיפּ אין ביוראָ. קאָפּהויס איז צוריקגעפאָרן מיט דער טראַמוויי, דיסעל איז געגאַנגען צופוס און איז געווען האַלב צוועלף אַזייגער אין ביוראָ. ער האָט געמוזט אויסטאָן דעם מאַנטל, כּדי מען זאָל נישט זען דעם מגן=דוד, און וואַרטן ביי קאָפּהויס אין ביוראָ ביז ס'וועט אוועקגיין די פרוי וואָס מאַכט ריין. צוליב וואָס, האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט... מיטן תירוץ אַז אין ביוראָ וועט פאָרקומען אַ באַראַטונג איז מיפּ מיט דיסעלן אַרויפגעגאַנגען אויפן אויבערשטן שטאָק. פאַר דיסעלס פאַרגאַפּטע אויגן האָט זי געעפנט די דריטיר און ביידע האָבן זיך געטאָן אַ רוק אַריין.

מיר זענען געווען אויבן ביי די וואַן דאַנס, כּדי דעם נייעם איינוווינער צו באַגריסן מיט קאַווע און קאָניאַק. אינצווישן האָט אים מיפּ אַריינגעפירט אין אונדזער וווינצימער. ער האָט תּיכּף דערקענט אונדזערע מעבל, ס'איז אים אָבער נישט איינגעפאַלן, אונדז צו זוכן אַזוי נאָענט. ווען מיפּ האָט עס אים דערציילט, האָט ער עס נישט געקאָנט פאַרשטיין. זי האָט אים אויך נישט געגעבן קיין צייט דערצו און האָט אים אַרויפגעפירט אויבן. דאָ איז דיסעל קודם אַנידערגעפאַלן אויף אַ בענקל, האָט אונדז אַלע נאָך דער ריי אָנגעקוקט און נישט געגלייבט זיינע אויגן. דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען: — אָבער... ניין... אָבער, זענט איר דען נישט אין בעלגיע? איז דער אָפיצער נישט געקומען? דאָס אויטאָ? איז אייך די פּליטה נישט געלונגען...?

מיר האָבן אים דערציילט, אַז מיר אַליין האָבן פאַרשפּרייט די מעשה פון דעם אָפיציר מיט דעם אויטאָ, כּדי אָפּצונאַרן די מענטשן און באַזונדערס די דייטשן, ווען זיי וועלן אונדז קומען זוכן. דיסעל האָט געעפנט מויל און אויגן פון אַזויפיל דערפינדונגס=גייסט און איז נאָך מער דערשטוינט געוואָרן, ווען ער האָט זיך גוט אַרומגעקוקט אין אונדזער פיין צוגעטראַכטער באַהעלטעניש. מיר האָבן איניינעם געגעסן, דערנאָך האָט ער זיך

אביסל אויסגערוט, האָט מיט אונדז געטרונקען טיי און צוגויפ־געלייגט זיין ביסל אָרעמקייט, וואָס מיר האָט שוין פריער גע־בראכט. ער האָט זיך גיך געפילט היימיש, באזונדערס נאָכדעם ווי מען האָט אים דערלאנגט די הויז־אָרדענונג. (פראָיעקט וואן דאן).

## פראָספעקט און וועגווייזער פונעם הינטערהויז

אנשטאלט, אייגנס געשאפן צום צייטווייליקן אויפענטהאלט פאר יידן און זייערגלייכן.

אָפן אין משך פון א גאנץ יאָר

שיינע, רויקע וואַלדפֿרייע סביבה אין הארץ פון אמסטער־דאם. צו דערגרייכן מיט די ליניעס 13 און 17, מיט אויטאָ און ביציקלעט. די יעניקע, וועמען די דייטשן האָבן פארבאָטן דעם באנוץ פון סיוואָספארא טראנספּאָרטמיטל, קאָנען קומען אויך צופוס.

דירה־געלט

אומזיסט.

דיעטעטישע קיך

אָן פעט.

פליסנדיק וואסער

אין באָד־צימער (אָן א וואנע) און ליידער אויך פון פארשי־דענע ווענט.

א גראָמער מאגאזין

פאר פארשידענע סחורות.

אייגענער ראדיאָצענטער

מיט א דירעקטער פארבינדונג קיין לאָנדאָן, ניו־יאָרק, תל־אביב און אסך אנדערע סטאציעס. דער אפאראט איז און רשות פון די איינוווינער פון 6 אזייגער און אָוונט.

רו־צייט

פון 10 אזייגער אין אָוונט ביז 7.30 אינדערפרי, זונטיק ביז 10 אזייגער. צוליב די הערשנדיקע אומשטענדן ווערט אויך בייטאָג איינגעפירט רו־צייט, לויט די אָנווייזונגען פון דער הויז־פארוואל־

טונג. לטובת דער אלגעמיינער זיכערקייט מוז די הויזאָרדענונג שטרענג אויסגעפירט ווערן!!!

פערי

דערווייל נישט.

שפראַכן

אלע קולטור־שפּראַכן... אָבער שטיל!!!

גימנאסטיק

טעגלעך.

אונטעריכט

סטענאָגראפיע א שעה אין דער וואָך (שריפטלעך). ענגליש, פראנצויזיש, מאטעמאטיק און געשיכטע צו יעדער צייט פון טאָג.

מאָלצייטן

פרישטיק, טעגלעך — חוץ זונטיק און יום טובים — פונקט 9 אזייגער. מיטאָג פון 1.15 ביז 1.45 אזייגער.
אָוונטברויט, קאלט אָדער ווארעם, צו פארשידענע צייטן, צוליב די ראדיאָ־אוידיציעס.

פארפליכטונגען לגבי די פארזאָרגערס

צו יעדער צייט גרייט צו העלפן ביי די ביוראָ־ארבעטן.

באָדן

דאָס באָד „וואנע" שטייט יעדן זונטיק פון 9 אזייגער צו דער דיספּאָזיציע פון די איינוווינער. מען באָדט זיך אין טואלעט, אין קיך, אין פריוואט־ביוראָ אָדער קאָנטאָר, ווו איינעם געפעלט.

שארפע געטראנקען זענען דערלויבט נאָר מיט אן אטעסט פונעם דאָקטער.

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 19. נאָוועמבער 1942.

ליבע קיטי!

אזויווי מיר האָבן אַלע דערוואַרט, איז דיסעל א זייער פיינער מענטש. למען האמת, מוז איך זאָגן, אז ס'פרייט מיך גאָרנישט אזוי שטאַרק וואָס א פרעמדער וועט זיך באַנוצן מיט מיינע זאַכן. אָבער מען מוז דאָך עפּעס מקריב זיין פאַר א גוטער זאַך. „אויב מען קאָן נאָר עמיצן ראַטעווען, איז אַלעס אַנדערע א טפל“, זאָגט דער טאַטע, און ער האָט פולקומען רעכט.

שוין דעם ערשטן טאָג האָט מיך דיסעל אויסגעפרעגט וועגן אַלץ: ווען די פרוי מאַכט ריין אין ביוראָ, ווען מ'קאָן באַנוצן די טואַלעט, און ווען מ'באָדט זיך אַמבעסטן. דו לאַכסט אפשר, קיטי, אָבער אין באַהעלטעניש איז דאָס אַלץ זייער וויכטיק, ווייל אונטן קומען אָפט אַריין מענטשן, וואָס ווייסן נישט פון דער באַהעלטעניש, מוזן מיר זיך פאַרהאַלטן זייער רויק, ווען עמיצער איז דאָ, און מיר ווייסן דאָך אין וועלכער צייט דאָס קומט פאָר. דאָס אַלץ האָב איך דיסעלן גוט דערקלערט, איך בין אָבער געווען זייער דערשטוינט, ווייל ער באַגרייפט שרעקלעך שווער, ער פרעגט אַלעס צווייַמאָל און דערנאָך געדענקט ער ערשט רעכט נישט. אפשר איז ער נאָך אזוי פאַרווירט פון דער איבעראַשונג, און שפּעטער וועט עס בעסער ווערן. ווייטער איז אַלץ אין אָרדענונג.

דיסעל האָט אונדז אַסך דערציילט פון דער אויסנוועלט, פון וועלכער מיר זענען שוין אזוי לאַנג אָפּגעשניטן. וואָס ער האָט דערציילט איז געווען טרויעריק. אומצייליקע פריינט און באַקאַנטע האָט געטראָפן א שרעקלעכער גורל. יעדן אָוונט יאָגן די גרויע און גרינע מיליטער־אויטאָס איבער די גאַסן. די „גרויע“ (דאָס איז די דייטשע ס. ס.) און די שוואַרצע (דאָס איז די האָלענדישע נאַצי־פּאָליציי) זוכן יידן. ווו זיי געפונען איינעם, נעמען זיי מיט די גאַנצע משפחה. זיי קלינגען ביי יעדער טיר, און אז ס'איז קיינער נישט פאַראַן, גייען זיי ווייטער מיט א הויז. טיילמאָל גייען זיי מיט רשימות און שלעפּן דאַן אַרויס סיסטעמאַטיש די „אָנגעצייכנטע“. קיינער קאָן זיך נישט ראַטעווען פון דעם גורל אויב ער באַהאַלט זיך נישט אויס צו דער צייט. טיילמאָל לאָזן זיי זיך באַצאָלן אויסלייזגעלט. זיי ווייסן וואָס ס'פאַרמאָגן זייערע קרבנות.

דאָס איז ווי א געיעג אויף שקלאַפן אין אַמאָליקע צייטן. איך זע אָפט פאַר מיינע אויגן: רייען מיט גוטע, אומשולדיקע מענטשן

מיט ווייגעגדיקע קינדער, וואָס ווערן געטריבן פון די מנובלים, וואָס ווערן געשלאָגן און געפייניקט ביז זיי פאלן אנידער. קיינעם שאנעוועט מען נישט. אלטע, זויגקינדער, שוואנגערע פרויען, קראנקע, זקנים... אלע, אלע, מוזן אריין אין דעם טויטנטאנץ!

ווי גוט ס'איז אונדז דאָ, ווי גוט און רויק. דאָס גאנצע אומגליק וואָלט אונדז נישט געדארפט אָנגיין. ווען מיר זענען נישט שטענדיק אין פחד און זאָרגן פאר די אלע וואָס זענען אונדז טייער און וועלכע מיר קאָנען נישט העלפן.

איך האלט מיך פאר א גאנץ שלעכטע. ווייל איך ליג מיר דאָ אין מיין ווארעם בעט, בשעת מיינע בעסטע חברטעס ליידן אפשר ערגעצווו שרעקלעך פון ווינט און וועטער, און אפשר זענען זיי שוין גאָר צוזאמענגעבראָכן. מיר טוט אזוי וויי, ווען איך טראכט צו די אלע, מיט וועלכע איך האָב מיך געפילט אזוי ענג פארבונדן. און וועלכע זענען היינט אין די הענט פון די גרויזאמסטע תליינים פון דער געשיכטע. און דאָס אלץ נאָר דערפאר ווייל זיי זענען יידן.

דיין אנא.

פרייטיק, 20. נאָוועמבער 1942.

ליבע קיטי!

מיר האָבן זיך אייגנטלעך אלע אביסל פארלוירן. ביז אציגד זענען צו אונדז דורכגעדרונגען ווייניק ידיעות וועגן יידן. ס'איז אפשר אויך גוט געווען וואָס מיר האָבן נישט געוווסט אזוי גענוי וועגן אלץ. ווען מיפ האָט פון מאָל צו מאָל עפעס דערציילט וועגן דעם טרויעריקן גורל פון באקענטע, האָט די מאמע און פרוי וואן דאן תמיד אָנגעהויבן וויינען, אזוי אז מיפ האָט בעסער גאָרנישט מער דערציילט. אָבער דיסעלן האָט מען תיכף באוואָרפן מיט פראגן, און וואָס ער האָט דערציילט, איז גרוילִיק און בארבאריש. מען קאָן דאָס נישט פארגעסן. צי וועלן מיר נאָך קאָנען לאכן און שטיפן, ווען דער ערשטער רושם וועט אריבער? אָבער מיר נוצן דערמיט נישט אונדז און נישט די אין דרויסן, ווען מיר גייען ארום מיט א שווער געמיט און פארוואנדלען אונדזער הינטערהויז אין א טרויערהויז. ביי אלץ וואָס

איך טו, מוז איך טראכטן צו די אלע, וואָס זענען אוועק. ווען איך לאַך אַמאָל הארציק, דערשרעק איך מיך אליין און מיין, אז ס'איז א בושה צו זיין פריילעך. דארף מען דען דעם גאנצן טאָג פרויערן?

איך קאָן עס נישט, און די דאָזיקע דערשלאָגנקייט וועט מען הסתם אויך באלד אריבער.

צו אָט דער צרה איז צוגעקומען נאָך איינע, א פערזענלעכע, אָבער וועלכע האָט נישט קיין באדייטונג לגבי דעם גרויסן אומ־גליק, פון וועלכן איך האָב נאָרוואָס גערעדט. איך מוז דיר זאָגן אז איך פיל מיך אין דער לעצטער צייט אזוי איינזאם! איך פיל א גרויסע ליידיקייט און מיר. פריער האָב איך וועגן דעם נישט געטראכט. מיינע פארגעניגנס און מיינע פריינטשאפטן האָבן אויסגעפולט מיין טראכטן. אצינד אָבער באשעפטיקן מיך ערנסטע פראָבלעמען. אזוי ארום האָב איך דערקענט, אז דער טאטע, וויאזוי ליב איך זאָל אים נישט האָבן, קאָן מיר פאָרט נישט פארבייטן מיין גאנצע פריערדיקע וועלט.

אָבער וואָס וויל איך פון דיר, קיטי? טיילמאָל מיין איך, אז איך וועל דאָס קוים אריבערטראָגן: די אלע שרעקלעכע זאכן צו הערן, די אייגענע שוועריקייטן און צום סוף נאָך זיין דאָס כפרה־הינדל פאר אלץ.

דײַן אנא.

שבת, 28. נאָוועמבער 1942.

ליבע קיטי!

מיר האָבן פארנוצט צופיל עלעקטרישן שטראָם. דער סוף איז, אז מיר דארפן איצט שפּאָרן. אנדערש וואָלט נעקאָנט פאסירן אז מען זאָל אונדז אָפּשניידן דעם שטראָם און מיר זאָלן זיצן 14 טעג אָן ליכט. פון פיר, האלב פינף קאָנען מיר נישט מער לייענען. פארטרייבן מיר די צייט מיט כלערליי פארוויילונגען: רעטעניש, גימנאסטיק אין דער פינצטער, רעדן ענגליש אָדער פראנצויזיש, און וועגן ביכער, וואָס מיר האָבן געלייענט... אָבער מיט דער צייט ווערט אלעם לאנגווייליק. איך האָב עפּעס נייעס אנטדעקט: ארייַנצוקוקן מיט א שטארקן בינאָקל אין די העל

באלויכטענע צימער פון די שכנים! בייטאָג טאָרן מיר נישט אוועקרוקן אונדזערע פירהענגלעך אפילו אויף א צענטימעטער, אָבער אויפדערנאכט איז עס נישט אזוי געפערלעך. פריער האָב איך אפילו נישט געטראכט, אז שכנים זענען אזוי אינטערעסאנט. אייניקע האָב איך באָבאכטעט ביים עסן, ביי איין פאמיליע האָט מען גראָד געוויזן א פילם, און דער ציינדאָקטער פון אקעגן האָט באהאנדלט אן אלטע, דערשראָקענע דאמע.

אפראָפּאָ ציינדאָקטער! הער דיסעל, פון וועלכן מען האָט געזאָגט, אז ער טויג זיך אזוי אוים צו קינדער און האָט זיי אזוי ליב, ווייזט זיך ארוים אלס אלטמאָדיש און האלט אין איין דרשנען וועגן מאניערן און אויפירונג. ווי דו ווייסט האָב איך דאָס „גליק” צו וווינען מיט דעם „הויכגעשאצטן” הער אין איין צימער, אזוויווי מען האלט מיך פאר דעם גרעסטן עזות־פּנים פון אונדזז דריי יונגע, האָב איך מיך אין דער ארבעט, און כדי מיך ארויסצודרייען פון די אייביקע טענות, שפּיל איך דעם טויבן. אָבער דאָס וואָלט נאָך געווען צום דערליידן, ווען דיסעל וואָלט נישט געהאט אזא לאנגע צונג און וואָלט מיך נישט פארקלאָגט פונקט ביי דער מאמען. ווען איך האָב שוין פון אים אריינגע־כאפּט מיין שווארצן סוף, קומט די מאמע און שיט נאָך זאלץ אויף די וווּנדן, און אז איך האָב נאָך גאָר א גליקלעכן טאָג, רופט מיך שפּעטער מיט פינף מינוט די פרוי וואן דאן און האָט אויך צו מיר טענות.

יאָ קיטי, ס'איז נישט קיין קלייניקייט, צו זיין דער מיטל־פונקט, בעסער געזאָגט דער בליצאָפּלייטער, פון אן אויסבאהאל־טענער משפּחה, וואָס האלט אין איין קריטיזירן און דערציען!

אָוונט, אין בעט, ווען איך טראכט וועגן אלע מיינע זינדע און בלומרשטע פעלער, בין איך אזוי פארווירט פון די טענות, אז איך הויב אָן צו וויינען אָדער צו לאכן, לויט מיין שטימונג. דאן ווער איך אנטשלאָפן מיט די משונהדיקסטע געדאנקען, צו זיין אנדערש ווי איך וויל זיין, אָדער אז איך בין אנדערש ווי איך וואָלט עס געוואָלט און אויך אלעס אנדערש צו מאכן ווי איך וויל. איך וויל אנדערש זיין ווי איך בין און איך בין אנדערש ווי איך וואָלט געוואָלט...

נו, פארדריי איך דיר אויך נאָך דעם מח, זיי נישט ברוגז! אָבער איך מעק נישט אוים, וואָס ס'שטייט שוין שווארץ אויף ווייס, און ארויסרייסן דאָס בלעטל קאָן איך אויך נישט ביי דעם היינטיקן פּאפּירמאנגל, דאָס וואָלט געווען אן עבירה! אזוי קאָן

איך דיר נאָר געבן די עצה, דעם לעצטן זאַץ נישט נאָכאמאָל איבערצולייענען, אָדער חלילה אין אים זיך פארטיפן, ווייל דו וועסט דיך שוין גאָרנישט אויספלאָנטערן!

דיין אנא.

מאָנטיק, 7. דעצעמבער 1942.

ליבע קיטי!

חנוכה און דער הייליקער ניקאָלאוס* פאלן דאָס יאָר אויס כמעט אין איין טאָג. חנוכה האָבן מיר נאָר ליכטלעך אָנגעצינדן, אָבער ווייל זיי זענען איצט אזוי טייער, האָבן מיר זיי געלאָזט ברענען נאָר צען מינוט. ווען מען זינגט דאן דערצו דאָס ליד, איז טאקע זייער יום-טובדיק! הער וואן דאן האָט אויסגעשניצט א זייער שיין הילצערן חנוכה-לעמפל.

דער הייליקער ניקאָלאוס-אָוונט וואָס איז אויסגעפאלן שבת איז אָבער געווען נאָך שענער. עלי און מיפּ האָבן אונדז זייער בייגעריק געמאכט און שטענדיק ווען זיי זענען געווען אויבן, האָבן זיי זיך געסודעט מיטן טאַטן, אזוי אז מיר האָבן זיך געריכט, אז זיי האָבן עפּעס פיר. און באמת, אכט אזייגער זענען מיר אלע אראָפּגעגאנגען די טרעפּ לענג אויס דעם פינצטערן גאנג צו דעם קליינעם צווישן-קאָנטאָר. מיך האָט עס געשווינדערט, און איך האָב מיר שטילערהייט געוווּנטשן, איך זאָל שוין געזונ-טערהייט זיין צוריק. אזוי ווי דאָס קליינע צימער האָט נישט קיין פענצטער, האָבן מיר געקאָנט אָנצינדן דאָס ליכט. דער טאַטע האָט געעפנט די גרויסע שאפע און אלע האָבן אויסגערופן „אוי, ווי שיין!“. דאָ איז געשטאנען א גרויסער קויבער, שיין פארצירט מיט פארביקן פאפיר און סימבאָליש פארפּוצט מיט דער מאסקע פונעם שווארצן פעטער.

ווען מיר זענען מיטן קויבער בשלום אָנגעקומען ארויף, האָט יעדער באקומען, מתנות מיט די פאסיקע פערזן דערצו. דו קענסט געוויס אזעלכע פערזן, אזוי אז איך וויל זיי נישט אויפשרייבן. איך האָב באקומען א פּופּע פון לעקער, דער טאַטע ביכער-שטענ-דערס, די מאמע א קאַלענדער, א. אז. וו. פאר יעדן האָט מען עפּעס פיינס צוגעטראכט, און אזוי ווי מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געפייערט דעם הייליקן ניקאָלאוס, האָבן מיר געהאלטן אז די פּרעמיערע איז געווען א געלונגענע.

דיין אנא.

---

* איז אין האָלאנד א גרעסערער יום טוב ווי ווייַנאַכט.

דאָנערשטיק, 16. דעצעמבער 1942.

ליבע קיטי!

הער וואן דאן איז געווען פון דער פלייש-ווורשט און געווירץ-בראנש. די פירמא האָט אים אנגאזשירט, ווייל ער איז אן אויסגעצייכנטער פאכמאן. איצט באווייזט ער זיך, צו אונדזער אלעמענס פרייד, פון דער „ווורשטזייט“!

מיר האָבן באשטעלט אסך פלייש צום קאָנסערווירן (פארשטייט זיך אויף שווארץ!), כדי צוצוגרייטן פאר שלעכטע צייטן. ס'זעט אויס זייער שיין ווען מען מאָלט דאָס פלייש אין דער מיל צוויי ביז דריי מאָל. דערנאָך גיט מען אריין אלע געווירצן, זיי ווערן גוט אויסגעמישט און סוף כל סוף ווערט די מאסע אָנגעפולט אין קישקעס. די בראָט-ווורשט מיט קרויט האָבן מיר געגעסן צומיטאָג! די דויער-ווורשט מוז טרוקענען און דערפאר האָט מען זי אויפגעהאָנגען אויף א שטאנג אונטערן סופיט. ווער ס'קומט אריין אין צימער לאכט, ווען ער זעט הענגען די ווורשט. ס'איז א קאָמישער אָנבליק.

איבעריקנס איז אין צימער געווען אן איבערקערעניש. הער וואן דאן באשפריצט מיטן פלייש, האָט אויסגעזען אין דעם פארטוך פון זיין פרוי נאָך דיקער ווי תמיד. מיט זיינע בלוטיקע הענט, מיט דעם רויט-פארפלאמטן פנים און מיט דעם פארשמירטן פארטוך האָט ער אויסגעזען ווי אן אמתער קצב. פרוי וואן דאן וויל תמיד טון אלעס מיט אמאָל: זי לערנט האָלענדיש, שעפט אָפּ די יויך, קוקט צום פלייש און קרעכצט גלייכצייטיק וועגן איר צעקוועטשטער ריפּ. דאָס קומט דערפון, ווען איידלע, עלטערע (!!) דאמען ווילן מאכן די משונהדיקסטע גימנאסטיק-איבונגען, כדי פטור צו ווערן פון דעם דיקן הינטן. דיסעל האָט געהאט א רויט אויג, איז ער געזעסן ביים אויוון און האָט צוגעלייגט קאָמפּרעסן. דער טאטע איז געזעסן ביים פענצטער און ס'האָט אויף אים געשיינט א שמאָלער זונשטראל. מין הסתם האָט ער ווידער זיין רעומאטיזם, ווייל ער איז געזעסן אביסל קרום און האָט צוקעקוקט מיט אן אומגליקלעך פנים צום הער וואן דאנס ארבעט. פעטער האָט זיך געשפילט מיט דער קאץ אין צימער. די מאמע, מארגאָ און איך האָבן געשיילט קארטאָפל. מיר האָבן עס אָבער געטון מער מעכאניש, ווייל אויך מיר האָבן פאסצנירט נאָכגעפאָלגט וואן דאנס טעטיקייט.

דיסעל האָט ווידער אָנגעהויבן צו ארבעטן אלס ציינדאָקטער, און דו וועסט האָבן דאָס פארגעניגן צו הערן וועגן זיין ערשטער באהאנדלונג. די מאמע האָט געפרעסט, בשעת די פרוי וואן דאן איז געווען דער ערשטער קרבן. זי איז געזעסן אין מיטן צימער אויף א בענקל, בשעת דיסעל האָט מיט גרויס כוונה אויסגעפאקט זיינע אינסטרומענטן. ער האָט געבעטן קעלנישוואסער צום דעזינפיצירן און וואזעלין אויפן אָרט פון וואקס. דאן האָט ער אריינגעקוקט דער פרוי וואן דאן אין מויל אריין, האָט געקלאפט און געשקראבעט אין א באקצאָן, בעת וועלכן פרוי וואן דאן האָט זיך געקרומט, גלייך זי וואָלט אויסגעגאנגען פון ווייטיק, און האָט פון זיך ארויסגעלאָזט קולות אָן א צוזאמענהאנג. נאָך א לאנגער אויספאָרשונג — אזוי האָט זיך לכל הפחות אויסגעוויזן דער פאציענטקע, אין דער אמתן האָט עס געדויערט קוים צוויי מינוט — האָט דיסעל געוואָלט אָנהויבן היילן א קאליע צאָן. אָבער דערפון האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין! פרוי וואן דאן האָט געוואָרפן מיט הענט און פיס, אזוי אז דער אינסטרומענט איז געבליבן שטעקן אין צאָן! נו, איז ערשט רעכט געווען אן אמתדיקע פּיארנע! זי האָט געפאָכט אהין און אהער, ווי ווייט דאָס איז מעגלעך געווען מיט דעם אינסטרומענט אין מויל, זי האָט אים געפרוווט ארויסנעמען אָבער ער איז נאָך טיפער אריין אין צאָן. דיסעל איז דערביי געשטאנען גאנץ רויק, מיט די הענט פארלייגט, און האָט זיך צוגעקוקט צו דעם טעאטער. אלע האָבן מיר געלאכט. דאָס איז געווען נידערטרעכטיק. איך וואָלט מין הסתם אויך געשריגן.

נאָך שווערער מי, נאָך זיפצן און קרעכצן האָט פרוי וואן דאן ארויסגענומען דעם אינסטרומענט, און דיסעל האָט ווייטער געארבעט, גלייך ס'איז גאָרנישט געשען. ער האָט עס אזוי גיך געמאכט, אז זיין פאציענטקע האָט מער נישט קיין צייט געהאט, צו מאכן פוילע שטיק. אָבער ער האָט אויך געהאט אזויפיל הילף, ווי קיינמאָל נישט אין זיין פראקטיק. הער וואן דאן און איך זענען געווען די אסיסטענטן, און דאָס גאנצע האָט געמוזט אויסזען ווי א בילד פונעם מיטלאלטער: „א רופא ביי דער ארבעט“ סוף כל סוף האָט די פאציענטקע פארלוירן די גאנצע געדולד. זי האָט געוואָלט פונקט איצט א קוק טון צו דער יויך און צום עסן! איינס איז זיכער. אזוי גיך וועט זי נישט גיין צום ציינדאָקטער!

דיין אנא.

זונטיק, 13. דעצעמבער 1942.

ליבע קיטי!

איך זיץ געמיטלעך ביים פענצטער פונעם גרויסן קאָנטאָר און קוק דורך א שפּאלט פון די גראָבע פירהענגלעך, וואָס ס'קומט פאָר אין דרויסן. עס דעמערט, אָבער עס איז נאָך גענוג העל, כדי דיר צו שרייבן.

ס'איז אייגנארטיק צו זען, וויאזוי מענטשן לויפן דאָרט אלע! ס'ווייזט אויס אז זיי איילן זיך זייער און פארפּלאָנטערן זיך כמעט אין די אייגענע פיס. די ביציקליסטן פאָרן אזוי גיך, אז מען קאָן שוין קוים אונטערשיידן, צי ס'איז א פרוי, צי א מאַן.

די מענטשן פון דעם קווארטאל זענען פאָלקס-מענטשן און זעען אָרעמלעך אויס, און בפרט די קינדער זענען אָפטמאָל אזוי שמוציק, אז מען וואָלט זיי געוואָלט אָנרירן נאָר מיט א צווענגל. דאָס זענען אזעלכע עכטע קינדער מיט פארסמארקעטע נעזלעך און מיט א דיאלעקט, אז מ'פארשטייט זיי קוים!

נעכטן, ווען מארגאָ און איך האָבן זיך דאָ געבאָדן, האָב איך געהאט אן אידייע: ווען מען קאָן א פּאָר פון דער קליינער געזעלשאפט אהער ארויפציען מיט א ווענטקע, זיי ארייגזעצן אין באָד, ריין אָנטון און ווידער לאָזן לויפן, דאן... „וועלן זיי מאָרגן ווידער ארומלויפן אזוי שמוציק און אָפּגעריסן", האָט מיר מארגאָ איבערגעהאקט די רייד.

אָבער מען קאָן נאָך זען פארשידענע זאכן: אויטאָס, שיפן און דעם רעגן. איך הער דעם ליארעם פון דעם טראמוויי און איך פאנטאזיר וועגן נישט געשטויגנס און נישט געפלויגנס. אונדזערע געדאנקען האָבן פונקט אזוי ווייניק אָפּוועקסלונג ווי מיר אליין און דרייען זיך אין א קרייז: פון די יידן צום עסן, פונעם עסן צו דער פּאָליטיק..., פון דער פּאָליטיק... אגב, גערעדט פון יידן: נעכטן האָב איך, ארויסקוקנדיק דורכן פאָרהאנג, געזען צוויי יידן. דאָס איז אן אייגנהארטיק געפיל, אזוי ווי איך זאָל זיי האָבן פאראטן און זיץ דאָ, כדי נאָכצושפּירן זייער אומגליק.

פונקט אקעגניבער פון אונדז שטייט א שיפל, אין וועלכן ס'וווינט א שיפער מיט זיין משפחה. אויך א קליין הינטל איז פאראן. מיר זעען זיין שווענצל ווען עס לויפט אויפן ראנד פונעם שיפל און דערקענען עס לויטן האווקען.

איצט גיסט ווידער א רעגן און די מייסטע מענטשן באהאלטן זיך אונטער זייערע שירעמס. איך זע נאָר רעגנמאנטלען און פון מאָל צו מאָל א רעגנקאפּל.

מער דאַרף מען אויך נישט זען. ווייל פאַזאָליע דערקען איך די פרויען אויך אזוי, ווען זיי קומען מיט זייערע רויטע אָדער גרינע מאַנטלען, מיט אָפּגעטרעטענע קנאָפּל, מיט אן אָפּגעריבענער טאַש אין דער האַנט, מיט שווערע אויפגעבלאָזענע קערפּערס, ווייל זיי עסן צופיל קאַרטאָפּל און ווייניק אנדערע מאכלים. איינע מאַכט אן אומגליקלעך פּנים, די אנדערע א צופרידנס, לויט דער שטימונג פונעם מאַן.

דיין אנא.

דינסטיק, 22. דעצעמבער 1942.

ליבע קיטי!

דאָס „הינטערהויז" האָט מיט פרייד געהערט, אז צו ווייגאַכט וועט יעדער באַקומען עקסטרא א פערטל פונט פוטער. אָפיציעל איז דאָס א האַלב פונט, אָבער דאָס גילט פאַר די גליקלעכע וואָס לעבן אינדרויסן אויף דער פריי. אויסבאַהאַלטענע, אזוי ווי מיר, וואו אַכט קאָנען נאָר קויפן 4 לעבנסמיטל-קאַרטן, פרייען זיך אויך מיט א פערטל פונט. מיט דער פוטער ווילן מיר אַלע עפּעס באַקן. איך מאַך פאַר אונדז קיכלעך און צוויי טאָרטן. די מאַמע האָט מיר פאַרבאָטן צו לייענען אָדער צו לערנען, ביז איך האָב נישט געענדיקט מיינע שטובאַרבעטן.

פרוי וואַן דאַן ליגט מיט א צעקוועטשטער ריפּ אין בעט, קלאָגט א גאַנצן טאָג, לאָזט זיך באַדינען און צולייגן קאָמפּרעסן און איז קיינמאָל נישט צופרידן. איך וועל זיין גליקלעך, ווען זי וועט ווידער שטיין אויף אירע פיס און קאָנען אליין טון איר אַרבעט. איין זאַך מוז איך זאָגן: זי איז א גרויסע בריה און ווען זי פילט זיך גוט פיזיש און זעליש, איז זי אויך א פריילעכע.

אזוי ווי מען טאָרעט מיך, ווייזט אויס, צו ווייניק א גאַנצן טאָג מיט „פּסט, פּסט", ווייל איך בין כלומרשט צו א ליאַרעם-דיקע, האָט זיך מיין הער צימער-חבר צוגעוווינט אויך ביינאַכט מיך צו לאָזן הערן זיין „פּסט, פּסט". לויט אים וואָלט איך מיך נישט געטאָרט אפילו אויסדרייען אין בעט. איך מאַך מיך נישט ווייסנדיק, אָבער אן אנדערט מאָל וועל איך פּשוט ענטפערן מיט „פּסט". זונטיק בין איך סיי-ווי-סיי אויף אים אין כעס, ווען ער צינדט גאַנץ פרי אָן דאָס ליכט, כדי צו מאַכן זיין גימנאַסטיק. מיר קומט פאָר אז דאָס דויערט שעהנלאַנג, און אזוי ווי ער גיט

נישט אכטונג און שטויסט זיך אָן אין די בענקלעך וואָס פאַר־לענגערן מיין בעט. וועקט ער מיך אויף. דערביי בין איך נאָך נישט אויסגעשלאָפן, און וואָלט וואָלט נאָך געוואָלט האָבן רו. ווען ס'פאַרענדיקן זיך די „וועגן צו קראַפט און שיינקייט", הויבט זיך אָן די טאָאַלעט. די הונטערהויזן הענגען אויף א האָקן, מוז מען גיין אהין און דאן צוריק אָבער דאָס קראַוואַטל, וואָס ליגט אויפן טיש האָט ער, פאַרשטייט זיך, פאַרגעסן. מוז ער דאָך ווידער אהין און אהער לויפן און קלאַפּט ווידער אָן די בענקלעך. מיין זונטיק רו איז ענדגילטיק פאַרביי!

אָבער וואָס נוצט עס, זיך צו באַקלאָגן איבער קאָמישע אַלטע הערן? טיילמאָל קוצלען מיך די פינגער, אים אָפּצוטון א שפּיצל: פאַרשליסן די טיר, אַרויסדרייען דעם לאָמפּ, באַהאַלטן די קליי־דער?! אָבער צוליב שלום־בית טו איך עס נישט.

אוי, איך ווער דאָך אזאאא חכמה! צו אַלעמען געהערט דאָ חכמה: האַלטן דאָס מויל, פאָלגן, זיין פריינטלעך, גרייט צו העלפן, נאָכגעבן, און איך ווייס נישט, וואָס נאָך! איך וועל מיין פאַרשטאַנד, וואָס איז אזוי אויך נישט ווער ווייסט וואָס, צו גיך פאַרברויכן, און איך האָב מורא, אז ס'וועט פאַר די גאַנ־מלחמהדיקע יאָרן גאָרנישט איבערבלייבן.

דיין אנא.

מיטוואָך, 13. יאַנואַר 1943.

ליבע קיטי!

היינט זענען מיר אַלע ווידער גאַנץ צעטראָגן, און מען קאָן נישט רויק זיין אָדער אַרבעטן. אינדרויסן איז שרעקלעך. טאָג און נאַכט ווערן די אָרעמע מענטשן אַוועקגעשלעפּט, און טאָרן נישט מער מיטנעמען, ווי א רוקזאַק און עפּעס געלט. (דאָס דאָ־זיקע פאַרמעגן ווערט ביי זיי שפּעטער אויך צוגענומען).

די משפחות ווערן צעריסן, עקסטער די מענער, פרויען און קינדער. ס'קומט פאָר אז קינדער, וואָס קומען אהיים פון דער שול, טרעפן נישט מער זייערע עלטערן, אָדער אז פרויען, וואָס זענען געגאַנגען איינקויפן, קערן זיך אום צו פאַרזיגלטע וווינונגען, די משפחה האָט מען אינצווישן אַוועקגעפירט.

אין די קריסטלעכע קרייזן איז מען אויך שוין זייער אומרויק, ווייל די יונגע לייט, די זין, ווערן אוועקגעשיקט קיין דייטשלאנד. יעדער האָט יסורים!

יעדע נאכט פליען איבער האָלאנד הונדערטער אוויאָנען, כדי צו פארשפרייטן אויף דייטשע שטעט א באָמבע־רעגן, יעדע שעה פאלן אין רוסלאנד און אין אפריקע טויזנטער מענטשן! דעם גאנצן ערדקיילעך האָט ארומגעכאפט א שגעון, און אומעטום איז פארניכטונג. די לאגע איז זיכער גינסטיקער פאר די אליאטן, אָבער מ'זעט נאָך אלץ נישט קיין סוף.

אונדז איז גוט, בעסער ווי מיליאָנען אנדערע מענטשן. מיר זיצן רויק און זיכער און קאָנען מאכן פלענער פאר די נאָכמלחמה־יאָרן און זיך פרייען מיט קליידער און ביכער, אָנשטאָט צו טראכטן, אז מען טאָר נישט אויסגעבן קיין איבעריקן גראָשן, ווייל מען וועט מוזן העלפן אנדערע מענטשן און ראטעווען, וואָס מען קאָן ראטעווען.

אסך קינדער לויפן ארום אין א דינער בלוזקע מיט האָלץ־שיכלעך אויף די נאקעטע פיס, אָן א מאנטל, אָן א היטל, אָן הענטשקעס. זיי האָבן א ליידיקן מאָגן, גריזשען א מייער, לויפן אוועק פון דער קאלטער וווינונג אויף דער נאסער, ווינטיקער גאס און קומען אין שול אריין, אין א פייכטן, נישט געהייצטן קלאס. יאָ, מען איז שוין אזוי ווייט אין האָלאנד, אז קינדער בעטן אין די גאסן ביי די פארבייגייער, א שטיקל ברויט. שעהן־לאנג וואָלט איך געקאָנט דערציילן פון דער נויט, וואָס די מלחמה ברענגט מיט זיך, אָבער דאָס מאכט מיך טרויעריקער, ס'בלייבט אונדז גאָרנישט איבעריק, ווי רויק און מיט ישוב־הדעת אָפצו־ווארטן דעם סוף פון דער ביטערער צייט. ס'ווארטן די יידן פונקט ווי די קריסטן, ס'ווארט די גאנצע וועלט און... אסך ווארטן אויפן טויט!

**דיין אנא.**

**שבת, 30. יאנואר 1943.**

ליבע קיטי!

איך בין אויסער זיך פון כעס. אָבער איך טאָר דאָס נישט ארויסווייזן. איך וואָלט געטופעט מיט די פיס, געשריגן, די מאמע דורכגעטרייסלט און איך ווייס נישט וואָס נאָך איך וואָלט געטון פאר די בייזע ווערטער. די שפעטישע בליקן, די באַשולדיקונגען,

וואָס טרעפֿן מיך יעדן טאָג ווי שאַרפֿע פײַלן פֿון אַ זייער געשפּאַנטען בויגן. איך וואָלט דער מאַמען, מאַרגאָן, דיסעלן, די וואַנס און אַפֿילו דעם טאַטן געשריגן אין פּנים אַרײַן: לאָזט מיך אָפּ, פֿאַרגינט מיר דאָס ביסל רו! מוז איך יעדן אָוונט באַנעצן מײַן קישן מיט טרערן און אַנטשלאָפֿן ווערן מיט ברענענדיקע אויגן און אַ שווערן קאָפּ? לאָזט מיך אָפּ, איך וואָלט פֿון אַלעמען אַנטלאָפֿן, איך וואָלט מיר אַמליבסטן גענומען דאָס לעבן! אָבער ס׳העלפֿט גאָרנישט. זיי האָבן קיין אַנונג נישט פֿון מײַן פֿאַרצווייפֿלונג! זיי ווייסן גאָרנישט פֿון די וווּנדן וואָס זיי זענען מיר גורם.

זייער רחמנות און זייער איראָניע קאָן איך שוין גאָרנישט אַריבערטראָגן. איך וואָלט אַזש געשריגן פֿון ווייטיק.

יעדער האַלט מיך פֿאַר איבערגעטריבן. מאַך איך נאָר אויף דאָס מויל, בין איך לעבערלעך, זיץ איך שטיל, בין איך אַן עזות־פּנים, ענטפֿער איך אָפּ, בין איך ראַפֿינירט, האָב איך אַמאָל אַ גוטן געדאַנק, הייסט עס, אַז איך בין פֿויל, בין איך מיד, הייסט עס, אַז איך בין עגאָיסטיש, ווען איך נעם אַמאָל איין לעפֿל מער, זאָגט מען מיר אַז איך בין נאַריש, אַ פּחדן, אויסגערעכנט א. אַז. וו., א. אַז. וו. דעם גאַנצן טאָג הער איך נאָר, אַז איך בין אַן אומדערטרעגלעך באַשעפֿעניש, און אַפֿילו ווען איך לאַך דערפֿון ווי גלײַך ס׳אַרט מיך נישט, איז עס מיר אָבער אין דער אמתן נישט אַלץ איינס.

איך וויל גאָט בעטן, ער זאָל מיר שענקען אַ כאַראַקטער, וואָס זאָל נישט אויפֿברענגען אַלע קעגן מיר. דאָס גייט אָבער נישט. מײַן כאַראַקטער איז שוין אַזעלכער, אָבער איך פֿיל, אַז איך קאָן נישט זײַן שלעכט. איך באַמי מיך יעדן צופֿרידן צו שטעלן. אסך מער וויפֿל זיי אַנען. איך לאַך מיט זיי, כּדי נישט אַרויסווײַזן מײַן טיפֿן ווייטיק. נישט איינמאָל האָב איך דער מאַמען אַ זאָג געטון בעת אַ שטרייט, ווען זי איז געווען אומגערעכט קעגן מיר: „ס׳איז מיר אַלץ איינס, וואָס דו זאָגסט. נעם אַוועק דײַנע הענט פֿון מיר, איך בין דאָך אַ האָפֿנונגסלאָזער פֿאַל“.

דערנאָך הייסט עס, אַז איך בין אַן עזות־פּנים, און איך ווער צוויי טעג נישט אין אַכט גענומען. פּלוצים איז מען אַלץ מוחל און מען פֿאַרגעסט אָן אַלץ. איך קאָן נישט זײַן איין טאָג מיט עמיצן לאַקריץ־זיס און דעם אַנדערן טאָג אים פֿײַנט האָבן! ליבער קלויב איך אויס דעם גילדענעם מיטלוועג, וואָס איז גאָרנישט

קיין „גילדעגער“ און באהאלט מיינע געדאנקען פאר מיר און פרווו צו זיין לגבי זיי פונקט אזוי גרינגשעציק, ווי זיי זענען צו מיר, וואָלט איך עס נאָר געקאָנט!

דיין אנא.

פרייטיק, 5. פעברואר 1943.

ליבע קיטי!

פון די אמפּעריען האָב איך דיר שוין לאנג נישט געשריבן, אָבער דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט. הער דיסעל האָט לכתחילה טראגיש אויפגענומען די קריגערייען, אינצווישן האָט ער זיך צוגעוווינט און פּרווט נישט מער זיך אריינצולייגן אין שלום.

מארגאָ און פּעטער זענען גאָרנישט אזוי „יונגטלעך“, ביידע זענען לאנגווייליק און רויק, פארשטייט זיך, אז איך בין דער היפּוך פון זיי און הער כסדר: „נעם דיר א ביישפּיל פון מארגאָ און פּעטער, זיי טוען דאָס אויך נישט!“.

איך האַלט אז דאָס איז שווידערלעך! איך בין מיך פאר דיר מודה, אז איך וויל בשום אופן נישט ווערן אזוי ווי מארגאָ. זי איז, לויט מיין מיינונג, צו ווייך און פארבלאָזן. לאָזט זיך פון יעדן באיינפלוסן און גיט תמיד נאָך. מען מוז דאָך האָבן אן אייגענע מיינונג! אָבער די דאָזיקע טעאָריע באהאלט איך פאר מיר, ווייל אנדערש וועט מען פון מיר לאכן.

ביים טיש איז די שטימונג אָפט זייער געשפּאנט. זי ווערט אָבער געמילדערט דורך די געסט — די מענטשן פונעם קאָנטאָר, וואָס עסן ביי אונדז צומיטאָג א טעלער זופּ.

היינט צומיטאָג האָט הער וואן דאן ווידער פעסטגעשטעלט, אז מארגאָ עסט צו ווייניק. „זיכער צוליב דער שלאנקער ליניע“, האָט ער פארענדיקט זיין רעדע אין א בייסנדיקן טאָן. די מאמע, וואָס נעמט זיך תמיד אָן פאר מארגאָן האָט געזאָגט אויף א קול: „איך פארטראָג נישט מער אייערע נארישע רייד!“ פרוי וואן דאן איז געוואָרן אָנגעצינדן און ער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן פאר בושה.

אָפט לאכן מיר אינאיינעם. אנומלט האָט פרוי וואן דאן דערציילט בלערליי לוסטיקע מעשיות פון אירע יוגנט־פלירטן און וויאַזוי זי האָט באהערשט איר פאָטער.

„ווען א הער ווערט אביסל צודרינגלער, האָט געזאָגט מיין טאטע. מוזטו זאָגן: „מיין הער, איך בין א דאמע! דאן ווייסט ער ווו ער האלט!“ מיר האָבן אזוי געלאכט ווי פון דעם בעסטן וויץ.

אפילו מיט פעטערן, וואָס איז בכלל זייער א שטילער, פארוויילן מיר זיך אויך צומאָל א מחיה. ער האָט א שוואכקייט פאר פרעמדווערטער און ווייסט נישט תמיד זייער באדייטונג. „אין א געוויסן טאָג, ווען אין פריוואט=קאָנטאָר איז געווען א באזוכער, האָבן מיר נישט געטאָרט ארייננגיין אין טואלעט. פעטער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאלטן, און איז טאקע געגאנגען אָבער, ער האָט נישט אָפגעצויגן דאָס וואסער. ער האָט אונדז געוואָלט וואָרענען און האָט אויפגעהאָנגען א צעטל אויף דער טיר פון דער טואלעט: „S’il vous plaît“ דערמיט האָט ער געוואָלט זאָגן „פאָרזיכטיק, גאז!“ און האָט געמיינט, אז „S’il vous plaît“ קלינגט פיינער. מין הסתם האָט ער נישט געהאט קיין אנונג אז דאָס הייסט „ביטע“.

דיין אנא.

שבת, 27. פעברואר 1943.

ליבע קיטי!

מיר דערווארטן טעגלעך די אינוואזיע. טשערטשיל האָט געהאט א לונגענאנטצינדונג. ס׳גייט אים אָבער שוין בעסער, גאנדי, דער אינדישער פרייהייטס=קעמפער, איז שוין ווידער אין הונגער=שטרייק.

פרוי וואַן דאַן טענהט, אז זי איז א פאטאליסטקע. אָבער ווער האָט אמיינסטן מורא, ווען מען שיסט? פעטראנעלא! הענק האָט מיטגעבראכט די פאסטאָראלע פון די בישאָפס. וועלכע מ׳האָט געלייענט אין אלע קירכן. זי איז גרויסארטיק און רופט די מענטשן: „בלייבט נישט רויק נידערלענדער! יעדער מוז מיט זיינע וואָפן קעמפן פאר דער פרייהייט פונעם פאָלק, פארן פאָטערלאנד און רעליגיע! העלפט, גיט, שטייט נישט אָפ!“ אזוי פרעדיקן זיי. וועט דאָס עמיצן העלפן? די יידן זיכער נישט!

שטעל דיר פאָר וואָס ס׳איז שוין ווידער געשען. דער אייגנטימער האָט פארקויפט דאָס הויז, נישט מיטיילנדיק פריער, נישט דעם הער קאָפהויס און נישט קראלערן. אין אן אינדערפרי איז

געקומען אומדערוואַרט דער נייער הויזבאַזיצער מיט אַן אַרכי־טעקט, כּדי אָנצוקוקן דאָס הויז. קאָפּהויס איז דאַנקען גאָט, דאָ געווען און האָט די הערן אַלעס געוויזן חוץ דעם הינטערהויז. כּלומרשט האָט ער געהאַט פאַרגעסן אינדערהיים די שליסל פון דער צווישנטיר. די הערן האָבן אויך ווייטער גאָרנישט געפרעגט. האָפנטלעך וועלן זיי נישט קומען נאָכאַמאָל אָנקוקן דאָס הינטער־הויז. דאָס וואָלט געווען זייער ביטער פאַר אונדז.

דער טאַטע האָט אונדז געגעבן אַ קאַרטאָטעק־קאַסטן מיט נייע קאַרטן. אַצינד האָבן מיר, מאַרגאָ און איך, אַ ביכער-קאַר־טאָטעק. מיר פאַרצייכענען נעמלעך, אַלע ביכער וואָס מיר האָבן געלייענט, נישט נאָר מיט זוטאָר און טיטל, נאָר אויך מיט אַנ־דערע באַמערקונגען. פאַר פרעמדווערטער און ציטאַטן האָב איך מיר געמאַכט אַ באַזונדער העפט.

אין דער לעצטער צייט קום איך בעסער אויס מיט דער מאַמען. אָבער גאָר נאָענט וועלן מיר קיינמאָל נישט זיין. מאַרגאָ גייט אַרום אויפגערעגטער ווי תּמיד. דעם טאַטן קוועטשט אויך עפּעס, אָבער ער איז שטענדיק ליב!

אַ נייע פאַרטיילונג פון פּוטער און מאַרגאַרינע ביים טיש! יעדער באַקומט זיין טאָגראַציע אויפן טעלער. איך האַלט, אַז זוען די וואַן דאַנס מאַכן די דאָזיקע פאַרטיילונג, גייט עפּעס נישט ערלעך צו, אָבער מיינע עלטערן זענען זאַט פון די אייביקע קריגערייען און זאָגן גאָרנישט. אַ שאָד! לויט מיין מיינונג וואָלט מען געדאַרפט אַזעלכע מענטשן אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע!

דיין אַנאַ.

מיטוואָך, 10. מערץ 1943.

ליבע קיטי!

נעכטן אָוונט איז געווען קורצשלוס, חוץ דעם האָט די גאַנצע צייט געדונערט די זעניט־אַרטילעריע. איך האָב נאָך אַלץ מורא פאַר שיסן און פאַר די אַוויאָנען און אַנטלויף כּמעט יעדן אויפ־דערנאַכט צום טאַטן אין בעט אַריין. דאָס איז אפשר קינדיש, אָבער דו וואָלסט געדאַרפט אַמאָל אַזוינס מיטמאַכן! דו קאָנסט דיין אייגן וואָרט נישט הערן בעת ס'הודיען די קאַנאָנען. פרוי וואַן דאַן, די פאַטאַליסטקע, וויינט כּמעט און זאָגט גאַנץ דער־

שראָקן: „אוי, ס'איז שרעקלעך, וואָס זיי שיסן אַזוי!“ הייסט דאָס נישט מיט אַנדערע ווערטער: „איך האָב אַזוי מורא!“? בייטאָג וויזט עס מיר אויס נישט אַזוי שלעכט ווי אין דער פינצטער. איך האָב געשריגן ווי פון הויך און האָב געבעטן דעם טאַטן, אָנצוצינדן דאָס ליכט. אָבער איך האָב מיך ביי אים נישט געקאָנט דערבעטן. ס'איז געבליבן פינצטער. פּלוצים האָט אָנגעהויבן דאָס קנאַקן פון מאַשינען־געווער וואָס איז נאָך אַסך ערגער פון קאַנאָנען. די מאַמע איז אַרויס פונעם בעט און האָט אָנגעצינדן אַ ליכט, באָטש פּים איז געווען קעגן. איר שאַרפער ענטפער איז געווען: „אַנאַ איז דאָך נישט קיין אַלטער סאָלדאַט ווי דו!“ און דערמיט פאַרטיק!

האָב איך דיר שוין דערציילט וועגן די „צושטאַנדן“ פון דער פרוי וואַן דאַן? דו מוזט דאָך אַלעס וויסן, וואָס ס'גייט פאָר אין הינטערהויז. איינמאָל האָט זי געהערט גנבים, שווערע שריט אין קאַמער, און האָט אַזוי מורא באַקומען, אַז זי האָט אויפגעוועקט איר מאַן. גראָד דעמלט איז געוואָרן שטיל און דער הער וואַן דאַן האָט נאָר געקאָנט הערן דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ פון דער פּאַטאַליסטקע.

„איי, פּוטי“ (הער וואַן דאַנס צונאָמען), „זיי האָבן זיכער אוועקגעגנבעט די ווורשט און אונדזערע פּאַסאָליעס. און פּעטער! צי איז פּעטער נאָך דאָ?“ „פּעטערן האָבן זיי זיכער נישט אוועקגעגנבעט. האָב נישט קיין מורא! לאָז מיך שלאָפן!“ אָבער פון דעם איז געווען אָפּגערעדט, ווייל זי האָט פאַר מורא נישט מער געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. שפּעטער מיט אַ פּאָר נעכט איז די גאַנצע משפּחה אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ טייוולאָנישן ליאַרעם. פּעטער איז געגאַנגען מיטן טאַשנלאָמפּ אין קאַמער אַריין, און ווי ער האָט נאָר אָנגעצינדן, דרררטטטט, איז אַנטלאָפן אַ גאַנצע טשאַטע שטשורעס. אַזוי־ווי מיר זענען געוואָר געוואָרן ווער ס'זענען די גנבים, האָבן מיר מושין געלאָזט שלאָפן אין קאַמער, און די אומגעבעטענע געסט האָבן זיך נישט מער געוויזן, לכל הפּחות נישט בייגאַכט. צוריק מיט עטלעכע טעג האָט פּעטער געדאַרפט אויפדערנאַכט אַרויפגיין אויפן בוידעם (ס'איז געווען האַלב אַכט און נאָך ליכטיק), כדי אַראָפּצוברענגען עטלעכע אַלטע צייטונגען. ביים אַראָפּגיין מוז מען זיך גוט צוהאַלטן ביים ראַנד פון דער עפענונג. פּעטער האָט נאָר אָנידערגעלייגט די האַנט און... איז פאַר ווייטיק און שרעק שיער נישט גאַנדיק אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ. אַ שטשור האָט אים געטון אַ שרעקלעכן ביס אין דער האַנט. זיין פּיזשאַמאַ איז געווען פול מיט בלוט. ער איז

אראָפּגעקומען ווייס ווי קאַלעך, און געציטערט פאַר שרעק. גאָר
קיין חידוש נישט, אומדערוואַרט אַרויפליינגן די האַנט אויף אַ
שטשור איז שרעקלעך, און נאָך דערצו אַזאַ ביס!...

דײַן אַנאַ.

פרייטיק, 12. מערץ 1943.

ליבע קיטי!

מעג איך פאָרשטעלן? מאַמאַ פראַנק, קעמפערין פאַר דער
יוגנט! אַן עקסטראַפאָרציע פוטער פאַר די יונגטלעכע, איז דאָס
אַקטועלסטע יוגנט=פּראָבלעם! תמיד נעמט זיך די מאַמע אָן פאַר
אונדז און פעטערן — און נאָך אַ געהעריקן שטרייט פועלט זי
אײַרס.

אַ סלוי מיט קאָנסערווירטער צונג איז קאַליע געוואָרן. אַ ווונ=
דערבאַרע מאָלצײַט פאַר מושין און מאָפּין. אַ, מאָפּין קענסטו נאָך
נישט. זי איז שוין געווען אין הויז אײדער מיר זענען געקומען.
איצט איז זי די מאַגאַזין און קאָנטאָר קאַץ און פאַרטרייבט די
שטשורעס פונעם לאַגער. איר פּאָליטיש קלינגענדיקער נאָמען איז
לײַכט צו דערקלערן. פריער האָט די אונטערנעמונג געהאַט צווי=
קעץ, איינע פאַרן לאַגער און איינע פאַר דער קאַמער. ווען זיי
האָבן זיך ערגעצוואו געטראָפן, זענען תמיד געווען שווערע קאַמפן.
די פונעם לאַגער האָט תמיד אָנגעהויבן, אָבער די פון דער קאַמער
איז געבליבן דער זיגער. פונקט אַזוי ווי אין דער פּאָליטיק האָט
מען אויך זיי גערופן: די פונעם לאַגער איז געווען די דײַטשע,
אָדער מאָפּי, און די פון דער קאַמער, די ענגלישע, אָדער טאָמי,
טאָמין האָט מען משלח געווען און מאָפּי דינט אונדז אַלס שפּי=
לעכל ווען מיר גייען אַראָפּ.

מיר האָבן אַזויפיל מאָל געגעסן ווייסע פאַסאָליעס, אַז איך
קאָן זיי מער נישט אָנקוקן און ס׳ווערט מיר שלעכט. ווען איך
טראַכט נאָר דערפון. אויפדערנאַכט עסן מיר מער נישט קיין
ברויט.

נאָרוואָס האָט דער טאַטע טאַקע געזאָגט, אַז ער האָט יסו=
רים. ער האָט געבעך ווידער אַזעלכע טרויעריקע אויגן!

איך בין גאנץ משוגע פון דעם בוך: „De klop op de deur" * פון אינא בודיא-באקער. א פאמיליען ראָמאן, אָנגעשריבן מיט גרויס טאלאנט. די אנדערע פראגן וואָס דער ראָמאן באהאנדלט, ווי למשל, קריג, פרויען, שרייבערס זענען מיר נישט געפעלן, און דעם אמת געזאָגט, אינטערעסירן זיי מיך נישט.

שרעקלעכע באָמבארדאמענטן אויף דייטשלאנד.

הער וואן דאן איז צוליב דעם ציגארעטן-מאנגל אין א שלעכטער שטימונג.

די פראגע, צי די קאָנסערוון זאָלן איצט געגעסן ווערן צי נישט איז אויסגעפאלן לטובת אונדזער פארטיי. איך קאָן א חוץ די סקי שיך מער קיין שום שיך נישט אָנטון, און דאָס איז אין שטוב זייער אומבאקוועם. א פּאָר שטרוי-סאנדאלן האָבן געהאלטן א וואָך, דאן זענען זיי צעפליקט געוואָרן. אפשר וועט מיפּ עפּעס קאָנען באזאָרגן אויף „שווארץ". איצט דארף איך נאָך אָפּשערן פימען. ער זאָגט, אז ער וועט אויך שפּעטער קיינמאָל נישט גיין צו אן אנדערן פריזער, ווייל איך מאך עס זייער גוט. ווען איך צופּ אים נאָר נישט אזוי אָפּט אין אויער.

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 18. מערץ 1943.

ליבע קיטי!

די טערקיי איז אריינגעטרעטן אין קריג. גרויסע אויפרעגונג. מיר קאָנען גאָרנישט דערוואַרטן די ראדיאָ-מעלדונגען.

דיין אנא.

פרייטיק, 19. מערץ 1943.

ליבע קיטי!

די אנטוישונג איז געקומען תיכף נאָך דער פרייד און איז דערפאר נאָך גרעסער! די טערקיי איז נאָך נישט אריינגעטרעטן אין קריג! דער טערקישער אויסערנמיניסטער האָט בלויז גערעדט

---

* דער קלאפּ אין דער טיר.

פון א באַלדיקער אָפּשאַפונג פון דער נייטראַליטעט. דער ציי־טונגספאַרקויפער אויפן דאַם* האָט אויסגערופן:

„טערקיי אויף דער זייט פון די ענגלענדער!"

אַזוי איז אַנטשטאַנען דער קלאַנג און איז אויך דורכגעדרונ־גען ביז צו אונדז. ❀

די באַנקנאָטן פון 500 און 1.000 גולדן ווערן דערקלערט פאַר אומגילטיק. דאָס איז א גרויסער שאָדן פאַר די שוואַרצהענדלער, אָבער אויך פאַר אַסך מענטשן וואָס באַהאַלטן זיך אויס. ווען מען בייט אויס 1.000 גולדן, מוז מען נאָכווייזן פון וואַנען זיי שטאַמען. לעת־עתה, ביז סוף קומענדיקער וואָך, קאָן מען מיט זיי נאָך באַצאָלן שטייערן.

דיסעל האָט אַצינד באַקומען א האַנטבויער־מאַשין און וועט מיך באַלד נעמען אין דער אַרבעט.

דער „פירער פון אַלע גערמאַנען" האָט גערעדט פאַר פאַר־וווּנדעטע סאָלדאַטן און האָט זיך נאָכדעם מיט זיי „דורכגע־שמועסט". ס'איז געווען טרויעריק צו הערן. למשל:

— מיין נאָמען איז היינריך שעפּל!

— ווו פאַרוווּנדעט?

— ביי סטאַלינגראַד!

— וואָספאַרא ווונדן?

— ביידע פיס אָפּגעפרוירן און די לינקע האַנט געבראָכן!

פּונקט אַזוי האָט דער ראַדיאָ איבערגעגעבן דאָס עקלהאַפטע מאַריאָנעטן־טעאַטער. ס'מאַכט כמעט דעם איינדרוק, ווי די פאַר־ווונדעטע וואָלטן נאָך שטאָלץ געווען מיט זייערע וווּנדן. וואָס מער, אַלץ בעסער! איינער האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן א וואָרט, אַזוי גערירט איז ער געווען, וואָס ער האָט געמעגט געבן דעם פירער די האַנט (אויב ער האָט נאָך א האַנט).

דיין אַנאַ.

דאָנערשטיק, 25. מערץ 1943.

ליבע קיטי!

די מאַמע, דער טאַטע, מאַרגאָ און איך זענען נעכטן געזעסן געמיטלעך צוזאַמען, ווען פּעטער איז אַריינגעקומען און האָט איינ־געראָמט א סוד דעם טאַטן. איך האָב עפּעס ו:י געהערט: „א

---

* דער פּלאַץ פאַרן קיניגלעכן שלאָס.

פעסל האָט זיך איבערגעקערט אין מאגאזין" און „עמיצער האָט זיך געפּאָרעט ביי דער טיר". מארגאָ האָט אויך פארשטאנען אָבער זי האָט געפּרוווט מיך צו בארויקן, ווייל איך בין געוואָרן ווייס ווי קאַלעך פאר פּחד, ווען דער טאטע איז תיכף ארויסגעגאנגען מיט פעטערן.

מיר דריי האָבן געווארט. צוויי מינוט שפּעטער איז דערשינען פרוי וואן דאן, וואָס האָט געהערט ראדיאָ אין פריוואט־קאָנטאָר און האָט געזאָגט אז דער טאטע האָט זי געבעטן אָפּצושטעלן דעם אפּאראט און גאנץ שטיל ארויפצוגיין. ווען מען וויל אָבער זיין באַזונדערס פאָרזיכטיק, געלינגט עס מיינסטנס נישט, און זי האָט געהאט דאָס געפיל, אז די אַלטע טרעפּ האָבן שוידערלעך געסקריפּעט אונטער אירע טריט. ווידער פינף מינוט... דאן זענען דער טאטע און פעטער צוריקגעקומען. ביידע בלייך ווי די וואנט, און האָבן דערציילט וואָס זיי האָבן געזען. זיי האָבן זיך אונטן אוועקגעזעצט אויף די טרעפּ און זיך אונטערגעהערט. פּלוצים האָבן זיי דערהערט צוויי שטארקע קלאַפּ, ווי מען שלאָגט צו טירן. פים איז מיט איין שפּרונג געווען אויבן, פעטער האָט גערופן דיסעלן, וועלכער האָט קודם זייער פאוואָליע צונויפגענומען זיינע זיבנזאכן. דערווייל זענען מיר אלע אין די הוילע זאָקן ארויפגעגאנגען צו די וואן דאנס. ער איז פארקילט און איז שוין געלייגן אין בעט. מיר האָבן זיך אלע ארומגעזעצט ארום זיין בעט און האָבן ארויסגעזאָגט אונדזער חשד, פארשטייט זיך, שעפּטשענדיק. יעדעס מאָל ווען ס'האָט אים אָנגעכאפּט דער הוסט, איז זיין פרוי און איך דערציטערט געוואָרן פאר פּחד, ביז איינעם פון אונדז איז איינגעפאלן מען זאָל אים געבן קאָדעין. תיכף האָט ער אויפגעהערט צו הוסטן.

מיר האָבן געווארט און געווארט... אזוי־ווי מען האָט אָבער שוין גאָרנישט געהערט, איז געבליבן, אז די גנבים זענען אנטלאָפן, ווען זיי האָבן אין אָט דעם שטילן הויז פּלוצים דערהערט טריט. די צרה איז נאָך געווען וואָס דער ראדיאָ איז געווען איינגעשטעלט אויף דעם ענגלישן פאָסטן און די בענקלעך זענען נאָך אזוי ארומגעשטאנען, אז יעדער האָט געקאָנט פארשטיין, אז דאָ איז מען נאָר וואָס געזעסן. ווען די טיר וואָלט חלילה געווען אויפגעבראָכן און די לופטשוצוואך וואָלט דאָס דערזען, וואָלט זי דאָס זיכער מודיע געווען דער פּאָליציי, און אזוי וואָלט דערפון געקאָנט ארויס א ביטערע זאך. הער וואן דאן איז דאָך אויפגעשטאנען, האָט זיך אָנגעטון דעם מאנטל, געגומען דעם הוט און איז מיטן טאטן שטיל אראָפּגעגאנגען די טרעפּ. פעטער איז אויך אראָפּגעגאנגען און צוליב זיכערקייט זיך באוואָפנט מיט א האמער. די פרויען און בפרט

מאַרגאָ, און איך האָבן געוואַרט מיט שפּאַנונג, ביז די מענער זענען שפּעטער מיט פינף מינוט צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז אַלעס איז אין אָרדענונג. מיר האָבן באַשלאָסן, נישט צו באַנוצן די וואַסערלייטונג און נישט אָפּציען דאָס וואַסער אין טואַלעט. דער פּחד האָט זיך כמעט ביי אונדז אַלע געלייגט אויפן מאָגן, און דו קאָנסט דיר פאָרשטעלן די לופט אין דעם געוויסן אָרט, נאָכדעם ווי אַלע האָבן עס באַנוצט.

אָבער א צרה קומט געוויינטלעך נישט אַליין. אַזוי אויך דאָסמאָל. ערשטנס קלינגט שוין נישט דער גלאָק פונעם וועסטער־טורעם. ער פלעגט מיך תמיד באַרויקן. צווייטנס, כאָטש מיר האָבן טאַקע געוווסט, אַז הער וואָסען איז נעכטן אין אָוונט פריער אַוועקגעגאַנגען; זענען מיר אָבער נישט זיכער געווען צי עלי האָט מיטגענומען די שליסלען און צי זי האָט נישט פאַרגעסן צו פאַר־שליסן די טיר. מיר זענען אַלע געווען אומרויק, כאָטש פון אכט אַזייגער — און איצט איז שוין האַלב עלף — איז גאָרנישט געשען. ווען אונדזער אויפרעגונג האָט זיך געלייגט, האָט אונדז ביי א רויקן ישוב הדעת אויסגעוויזן אומגלויבלעך, אַז א גנב זאָל האָבן אויסגעבראָכן די טיר, פאַרנאַכט ווען מענטשן זענען נאָך אויף דער גאַס. חוץ דעם איז אייגעה געקומען אויפן געדאַנק, אַז אפשר האָט דער לאַגערפאַרוואַלטער פונעם שכנותדיקן הויז נאָך געאַרבעט. ביי די דינגע ווענט קאָן מען אין דער אויפרעגונג לייכט האָבן א טעות פון וואַנען דער רעש קומט, און איינרעדעניש שפּילט אין אַזא צייט א גרויסע ראָלע. אַזוי האָבן מיר זיך אַנידערגעלייגט, אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט באמת אַנטשלאָפן ווערן. דער טאַטע, די מאַמע און דיסעל האָבן זיך אַלץ אויפגעכאַפּט מיט שרעק. איך קאָן אויך זאָגן מיט אביסל גוזמה, אַז איך האָב קיין אויג נישט צוגעמאַכט...

אינדערפרי זענען די מענער אַראָפּגעגאַנגען. כדי צו זען צי די דרויסנטיר איז נאָך צוגעמאַכט. אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין אין אָרדענונג. די געשעענישן, וואָס האָבן אונדז אַזוי דערשראָקן זענען מיט אַלע פּיטשעווקעס דערציילט געוואָרן דעם פּערסאָנאַל. מיר האָבן אַליין געלאַכט פון אונדז, אָבער נאָך אַלעמען איז גוט צו לאַכן! נאָר עלי האָט דעם ענין ערנסט גענומען.

דיין אנא.

שבת, 27. מערץ 1943.

ליבע קיטי!

דער סטענאָ־קורס האָט זיך געענדיקט. מיר הייבן איצט אָן צו איבן, כדי צו באקומען געניטשאפט. מיר וועלן נאָך ווערן גוטע ספעציאליסטן.

איך וועל דיר נאָך עפּעס דערציילן פון מיין ארבעט; כדי אָפּצוטויטן די צייט (דעם טערמין האָב איך דערפאר דערפונדן, ווייל אלעם געשעט דאָך, כדי די צייט ווי מעגלעך אויסצופולן ביז מיר וועלן ארויס פון דער באהעלטעניש): איך בין פארכאפּט פון דער מיטאָלאָגיע און בפרט פון די גריכישע און רוימישע געטער.

דאָ מיינט מען אז דאָס זענען צייטווייליקע נייגונגען, ווייל זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אז א מיידל זאָל זיך אָפּגעבן מיט געטער. נשקשה, וועל איך זיין די ערשטע!

הער וואן דאן איז אביסל פארקילט, בעסער געזאָגט, ס׳קראצט אים אין האלדז און ער מאכט דערפון א גאנצן צימעס: גאָרגלען, קאמילנטיי, פּינדזלען מיט טינקטור, זאלב פאר דער נאָז, פארן האלדז און פאר דער צונג און צום סוף... איז ער ערשט נישט גוט אויפגעלייגט.

ראסטער, איינער פון די דייטשע גדולים האָט געהאלטן א רעדע: אלע יידן מוזן ביז צום ערשטן יולי פארשווינדן פון די גערמאנישע לענדער. פונעם ערשטן אפּריל ביז צום ערשטן מאי ווערט די פּראָווינץ אוטרעכט אויסגערייניקט (ווי ווען דאָס וואָלטן געווען קנאפּערס), פונעם ערשטן מאי און ביז צום ערשטן יוני צפון און דרום־האָלאנד. ווי א טשערעדע קראנקע און פארלויזטע בהמות ווערן די אָרעמע מענטשן געפירט צו דער שחיטה. אָבער לאָמיר ליבער שווייגן. איך באקום קאָשמארן פון מיינע אייגענע געדאנקען.

א גוטע בשורה איז אויך פאראן: דאָס ארבעטסאמט איז דורך סאבאָטאזש אונטערגעצינדן געוואָרן, און איניקע טעג שפּע־טער דאָס אמט וואָס פארעגיסטרירט די באפעלקערונג. מענער אין דייטשע פּאָליציי־מונדירן האָבן גובר געווען די וואכפּאָסטנס און דאן האָבן זיי פארניכטעט די וויכטיקע קארטאָטעקן, אזוי אז איצט איז דאָס אויסגעפונען מענטשן זייער שווער געוואָרן.

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 1. אפריל 1943.

ליבע קיטי!

פון שטימונג צו שפּאסן (זע די דאטע) איז אָפּגערעדט! פאַרקערט. ביי אונדז פּאסט זיך אצינד דאָס שפּריכוואָרט: „א צרה קומט קיינמאָל נישט אליין". ערשטנס, האָט הער קאָפּהויס — דער מענטש וואָס פלעגט אונדז דערמוטיקן — נעכטן געהאט א שווערע בלוטונג פון מאָגן און מוז לכל הפחות 3 וואָכן ליגן אין בעט. צווייטנס: איז עלי קראנק אויף גריפּע. דריטנס: הער וואָסן מוז קומענדיקע וואָך גיין אין שפּיטאָל אריין. ווייזט אויס אז ער האָט א געשוויר אין מאָגן און מוז אָפּערירט ווערן.

ס'זענען געווען געפּלאנט וויכטיקע געשעפטלעכע אונטערהאַנדלונגען וועגן וועלכע דער טאטע האָט אלץ ארומגערעדט מיט הער קאָפּהויס. קראַלער קאָן, פאַרשטייט זיך, נישט אזוי גיך אינפאָרמירט ווערן, און דער טאטע ציטערט, ווען ער טראכט וועגן פאַרלויף פון די אונטערהאנדלונגען. „ווען איך קאָן נאָר זיין דערביי", זאָגט ער, „וואָלט איך נאָר געווען אונטן". „לייג דיך אנידער אָפּן דיל. די הערן אונטערהאנדלען דאָך אין פּריוואט-קאָנטאָר. דו וועסט דאן זיכער אלעס הערן".

דעם טאטנס פּנים האָט אָנגעהויבן שיינען, און ארום האלב עלף האָבן ער און מארגאָ פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס אלס אונטערהערערס. צוויי הערן מער ווי איינער. די אונטערהאנדלונגען זענען פּאָרמיטאָג נישט פאַרענדיקט געוואָרן, אָבער נאָכן מיטאָג איז דער טאטע נישט מער בכוח געווען, זיך נאָכאמאָל אנידערצולייגן אָפּן דיל. ער איז געווען ווי צעבראָכן. ארום האלב דריי, ווען מיר האָבן אונטן געהערט שטימען, האָבן מיר, מארגאָ און איך, פאַרנומען זיין אָרט. דאָס געשפּרעך איז געווען צעצויגן און לאנגווייליק און פּלוצים בין איך אויף דעם קאלטן, הארטן לינאָלעום אנטשלאָפן געוואָרן. מארגאָ האָט נישט געוואגט, מיך א טאָרע צו טון אָדער צו רופן, פאר מורא, מען זאָל אונטן נישט עפּעס הערן. איך האָב געשלאָפן א גוטע האלבע שעה, און ווען איך האָב מיך אויפגעכאפּט, האָב איך אלעס וויכטיקע פאַרגעסן. אָבער צום גליק האָט מארגאָ בעסער אכטונג געגעבן.

דיין אנא.

**פרײַטיק, 2. אפּריל 1943.**

**ליבע קיטי!**

איך האָב שוין ווידער שווער געזינדיקט. נעכטן אָוונט ווען איך האָב געוואַרט, אַז דער טאַטע זאָל — ווי תּמיד — אַרײַנקומען מיט מיר לייענען קריאת שמע, איז גאָר געקומען די מאַמע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף מײַן בעט און האָט געפרעגט זייער באַשיידן, קווענקלענדיק זיך:

— אַנאַ, דער טאַטע קומט נישט אַזוי גיך, ווילסט מיט מיר לייענען קריאת שמע?

— ניין, מאַמע. — האָב איך געענטפערט.

די מאַמע איז אויפגעשטאַנען, איז שטיין געבליבן לעבן מײַן בעט און איז פּאַוואָליע צוגעגאַנגען צו דער טיר. פּלוצים האָט זי זיך אויסגעדרייט און האָט מיט אַ פאַרצערטן פּנים געזאָגט: „איך בין נישט ברוגז, אַנאַ. ליבע קאָן מען נישט אויפצווינגען". ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען זענען איר געריגען טרערן איבערן פּנים.

איך בין געבליבן ליגן גאַנץ שטיל און האָב תּיכּף געפילט, ווי געמיין ס'איז געווען פון מײַן זײַט, זי אַזוי ברוטאַל צוריקצושטויסן, אָבער איך וואָלט אַנדערש נישט געקאָנט ענטפערן. איך קאָן נישט הנפּענען און קעגן מײַן ווילן מיט איר לייענען קריאת שמע, ניין, דאָס קאָן איך נישט.

איך האָב רחמנות אויף דער מאַמען, גרויס רחמנות, ווײַל צום ערשטן מאָל האָב איך געפילט, אַז איר איז נישט אַלציינס וויאַזוי איך פיר מיך אויף. איך האָב אַראָפּגעלייענט פון איר פּנים דעם צער, בעת זי האָט געזאָגט, אַז ליבע לאָזט זיך נישט אויפצווינגען, ס'איז שווער צו זאָגן דעם אמת, און דאָך איז עס אמת, אַז זי אַליין האָט מיך פון זיך דערווײַטערט. זי איז שולדיק, וואָס איך נעם אויף אַזוי קיל יעדן סימן פון איר ליבע. איך פאַרטראָג נישט אירע טאַקטלאָזע באַמערקונגען, אירע האַרבע וויצן איבער זאַכן, ווען וועלכע מען שפּאַסט סתּם נישט. אַזוי ווי אַלעם שרומפּט זיך צונויף אין מיר יעדעסמאָל ווען זי איז אַזוי האַרט, אַזוי האָט זיך איצט צונויפגעקאָרטשעט איר האַרץ, ווען זי האָט געפילט, אַז די ליבע צווישן אונדז איז פאַרלאָשן. דער טאַטע קוקט מיך נישט אָן, און ווען ער טוט עס דאָך אַמאָל, לייען איך אין זײַנע אויגן דעם פאָרוואָרף: „ווי קאָנסטו אַזוי שלעכט זײַן און דער מאַמען אָנטון אַזוינע צרות".

זיי דערוואַרטן, אַז איך זאָל מיך אַנטשולדיקן. אָבער איך קאָן עס נישט, ווײַל איך האָב איר נאָר געזאָגט דעם אמת, און פריער

אָדער שפּעטער דאַרף עס די מאמע דאָך וויסן. ס'ווייזט אויס, אַז איך בין געוואָרן גלייכגילטיקער צו דער מאמעס טרערן און דעם טאַטנס בליקן. זיי פילן אַצינד צום ערשטן מאָל וואָס איך פיל שוין פון לאַנג. איך קאָן אויף דער מאמען נאָר רחמנות האָבן, אָבער דעם וועג צו מיר וועט זי אַליין דאַרפן געפינען. איך וועל אויך ווייטער שווייגן, קיל בלייבן און זיך נישט שרעקן פאַרן אמת. ס'איז בעסער נישט אָפּצולייגן, דאָס וואָס מען האָט צו זאָגן.

דיין אנא.

דינסטיק, 27. אפּריל 1943.

ליבע קיטי!

אין גאַנצן הויז איז אַן איבערקערעניש; די מאמע מיט מיר, די וואַן דאַנס מיטן טאַטן, די מאמע מיט פרוי וואַן דאַן, אַלע זענען מיר ברוגז איינער מיטן אַנדערן. אַן אָנגענעמע אטמאָספערע, האַ? אַלע חטאים פון אַנאַן זענען ווידער אין זייער גאַנצן פאַרנעם אויף דער טאָגאָרדענונג!

הער וואָסען איז שוין אין שפּיטאָל. הער קאָפּהויס איז שוין ווידער געזונט. דאָסמאָל איז די בלוטונג פון זיין מאָגן גיכער אָפּגעשטעלט געוואָרן ווי פריער. קאָפּהויס האָט אונדז דערציילט, אַז מ'האָט דאָס אידענטיטעטס-אמט בעתן לעשן די שריפה ערשט רעכט א תל געמאַכט. אַנשטאָט נאָר צו לעשן דאָס פייער, האָבן די פייערלעשער די גאַנצע געביידע פאַרפלייצט מיט וואַסער, אַזוי אַז דער שאָדן איז נאָך פיל גרעסער!

דאָס קאַרלטאָן=האָטעל איז אינגאַנצן צעשטערט. צוויי ענגלישע עראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגעוואָרפן אַסך בראַנדבאָמבעס פּונקט אויף דעם אָפיצירס-היים און דער גאַנצער קוואַרטאַל עק ווילסטראַט=סינגאַל איז אָפּגעברענט.

ביינאַכט איז אינדרויסן שוין גאָרנישט רויק. איך האָב שוואַרצע רינגען אונטער די אויגן, ווייל איך שלאָף צו ווייניק. אונדזער עסן איז זייער שלעכט געוואָרן: צום פרישטיק טרוקן ברויט מיט קאַווע=ערזאַץ, צו מיטאָג שוין זייט 14 טעג, איינמאָל שפּינאַט, איינמאָל סאַלאַט, די קאַרטאָפל זענען אויסגעוואַקסן, זענען גאַנץ רויטלעך און זיס. ווער ס'וויל נאָר שלאַנק ווערן, דאַרף וווינען אין הינטערהויז! די וואַן דאַנס האַלטן זיך אין איין באַקלאָגן. מיר האַלטן אַז ס'איז נישט אַזוי טראַגיש.

אלע מענער, וואָס האָבן מיטגעקעמפט אין דעם פינפטאָג־קריג, אָדער זענען געווען מאָביליזירט, זענען דערקלערט געוואָרן אלס „קריגסגעפאנגענע“, כדי צו ארבעטן פארן „פירער“. ווידער א פארהיטונגס־מיטל אין פאל פון אן אינוואזיע.

דיין אנא.

שבת, 1. מאי 1943.

ליבע קיטי!

ווען איך טראכט דאָ וועגן אונדזער לעבן, קום איך יעדעס־מאָל צום אויספיר, אז מיר זענען דאָ ווי אין א גן־עדן, אין פאר־גלייך מיט די נישט אויסבאהאלטענע יידן. איך בין מיך משער אז שפעטער, ווען איך, ווייזט אויס, זיין דערשטוינט ווי נידעריק מיר זענען געפאלן. מיר האָבן צ. ב., פון זינט מיר זענען דאָ, א סעראטע אויפן טיש, וועלכע איז שוין נישט איבעריק ריין. מיט א טישטוך, וואָס איז מער לאָך ווי טישטוך, פרוו איך איר ווי־דער צו געבן דעם אלטן גלאנץ, אָבער קיין גרויסן פאראָנדעק קאָן מען דערמיט מער נישט מאכן. די וואן דאנס האָבן זייערע ליילעכער שוין דעם גאנצן ווינטער נישט געקאָנט לאָזן וואשן, ווייל דער זייפן־פראָשעק איז צו קנאפ און צו שלעכט דערפאר. דער טאטע לויפט ארום אין א פאָר אָפגעריבענע הויזן. און אויך זיין קראוואט איז שוין זייער אָפגענוצט. דער מאמעס קאָרסעט איז זיך היינט איינגאנצן צעפאלן, און מארגאָ האָט א ברוסטן־לייבל וואָס איז מיט 2 נומערן צו ענג. די מאמע און מארגאָ האָבן געמוזט דעם גאנצן ווינטער אויסקומען מיט דריי העמדער. איך בין פון מיינע אזוי ארויסגעוואקסן, אז זיי גרייכן מיר נאָר ביז צו די היפטן. איצט גייט עס נאָך, אָבער איך טראכט מיט שרעק: „וויאזוי זאָלן מיר, אָפגעריסענע און אָפגעשליסענע פון מיינע זוילן ביז צום טאטנס ראזירפענזל, ווידער קומען צו אונדזער פארמלחמדיקן מצב?“.

היינט האָט מען ווידער מוראדיק געשאָסן, באזונדערס ביי־נאכט. איך האָב בייטאָג צונויפגענומען מיין ביסל אָרעמקייט און איינגעפאקט אין א קליין רענצל, גרייט צו אנטלויפן. אָבער די מאמע פרעגט מיט רעכט: „וואוהין ווילסטו אנטלויפן?“ גאנץ האָ־לאנד ווערט באשטראָפט, ווייל אין יעדן ווינקל סאבאָטירט מען. מ'האָט אויסגערופן באלאגערונגס־צושטאנד און ביי יעדן אראָפ־

גענומען א ראציע פוטער. אזוי באשטראָפט מען פארשייטע קינדער!

היינט אין אָוונט האָב איך דער מאמען געוואשן דעם קאָפּ. דאָס איז דאָ אויך נישט אזוי איינפאך. ערשטנס מוזן מיר באַנוצן קלעפּיקע שמירזייף און צווייטנס קאָן די מאמע נישט צעקעמען אירע געדיכטע האָר, ווייל אונדזער פאמיליען־קאם האָט איינגאנצן צען ציין.

דיין אנא.

דינסטיק, 18. מאי 1943.

ליבע קיטי!

מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו א לופטשלאכט צווישן דייטשע און ענגלישע פּילאָטן. ליידער האָבן געמוזט די מאנשאפטן פון צוויי ענגלישע מאשינען אראָפּשפּרינגען. אונדזער מילך־ליפעראנט וווינט אויפן האלבן וועג קיין הארלעם און האָט באגעגנט אוטערוועגנס פיר קאנאדער, פון וועלכע איינער האָט גערעדט א גוט האָלענדיש און האָט זיך ביי אים פארויכערט א ציגייער. זיי האָבן אים דערציילט, אז די מאנשאפט פון זייער אוויאָן איז באשטאנען פון זעקס מענטשן, דער פּילאָט איז אָבער ליידער פארברענט געוואָרן און זייער פינפטער קאמעראד, האָט זיך ערגעץ אויסבאהאלטן. דערנאָך איז געקומען די גרינע פּאָליציי, כדי צו נעמען אין געפאנגענשאפט די פיר פּילאָטן. זיי זענען ביי זיך גאָרנישט נעפאלן, דאָס איז באמת צום באוואונדערן.

כאָטש ס'איז שוין גוט ווארעם, האָבן מיר היינט ווידער געמוזט איינהייצן, כדי צו פארברענען דעם אָפּפאל פון גרינס און אנדער מיסט. מיר מוזן זיך היטן פאר די הויזדינער און טאָרן דערפאר גאָרנישט אריינווארפן אין מיסט־קעסטל. יעדע קליינע אומפאָרזיכטיקייט וואָלט אונדז געקאָנט פאראטן.

אלע סטודענטן דארפן חתמענען א לאָיאליטעטס־דערקלערונג, אז זיי זענען מסכים מיט די מאָכטמיטלען פון די אָקופּאנטן. דאן מעגן זיי ווייטער שטודירן. 80 פּראָצענט האָבן פאָרט נישט געקאָנט האנדלען קעגן זייער געוויסן און פארקויפן זייער איבערצייגונג. די פאָלגן האָבן נישט געלאָזט אויף זיך ווארטן. אלע סטודענטן, וואָס האָבן נישט געחתמעט, מוזן גיין אויף צוואנגסארבעט קיין דייטשלאנד. וואָס וועט בלייבן פון דער האָלענדישער יוגנט, אויב דאָס וועט ווייטער אזוי גיין?

הײנט בײַנאַכט האָט די מאַמע צוגעמאַכט דאָס פענצטער, װײַל דאָס שיסן איז װידער געװען כמעט אומדערטרעגלעך. איך בין געװען בײַ פּים אין בעט. פּלוצים דערהערן מיר אַ ליאַ! ... פּרוי װאַן דאַן אַרויסשפּרינגען פונעם בעט װי געביסן פון אַ גרויסער שפּין. דאַן אַ שטאַרקן קלאַפּ... איך האָב געמײנט אַז אַ בראַנדבאָמבע איז אַראָפּגעפאַלן לעבן בעט און האָב געשריגן: „ליכט, ליכט!!!"

פּים האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט און איך האָב דערװאַרט, אַז דאָס צימער זאָל אין עטלעכע מינוט אַרום ברענען אין העליש פײַער. אָבער אַלעס איז געװען אומפאַרענדערט. מיר זענען אַלע אַרויף אויבן, כּדי צו זען, װאָס ס'איז געשען. די װאַן דאַנס האָבן דורך דעם אָפענעם פענצטער געזען אַ פײַער. ער האָט געמײנט אַז ס'איז זײער נאָענט, און זי האָט געמײנט אַז אונדזער הויז ברענט שוין. בײַם קלאַפּ איז זי שוין געשטאַנען אויף אירע ציטערנדיקע פיס. אַזױװי מ'האָט שוין גאָרנישט געזען און געהערט, זענען מיר אַלע װידער אַרײַנגעקראָכן אין אונדזערע בעטן. אין אַ פערטל שעה אַרום האָבן װידער אָנגעהויבן דונערן די קאַנאָנען. די פרוי װאַן דאַן איז תּיכּף אַנטלאָפן, איז אַראָפּ די טרעפּ און זיך באַהאַלטן בײַ דיסעל אין צימער, כּדי בײַ אים צו זוכן שוץ, װאָס זי האָט נישט געקאָנט געפינען בײַ איר מאַן.

דיסעל האָט זי אויפגענומען מיט די װערטער: „קום אַרײַן צו מיר אין בעט, מײַן קינד!".

מיר האָבן אַלע אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, און די שרעק פון הײַנטיקן טאָג איז פאַרבײַ.

דײַן אַנאַ.

זונטיק, 13. יוני 1943.

ליבע קיטי!

דאָס ליד װאָס דער טאַטע האָט אָנגעשריבן צו מײַן געבוירנ־טאָג איז אַזוי שײן, אַז איך מוז עס דיר אויך װײַזן. נאָך אַ רעזומאַט פון דעם װאָס מיר האָבן איבערגעלעבט דאָס יאָר, זאָגט זיך װײַטער:

יונגער פון אַלע און דאָך נישט קײן קינד
איז דיר טאָקע שװער ס'װיל יעדער אַצינד
שפּילן דײַן לערער מען גיט דיר קײן רו:
„מיר האָבן דערפאַרונג, הער זיך צו אונדז צו,
מיר האָבן געזען שוין אַזױנע װי דו,
מיר װײסן בעסער אַלץ װאָס מען מעג".

יאָ, אזוי ציען אין פיין זיך די טעג.
די אייגענע פעלער וועגן נישט שווער,
ביי אנדערע אָבער, זעט מען זיי מער.
מען מוטשעט דיך, אָדער מען מוסרט דיך גלאט,
דו ביסט מסתם שוין; פון אלעמען זאט.
זיין מוז מען בויגעוודיקער אין דעם לעבן
צוליב שלום וועגן מאכט מען די שפיל
און מען שלינגט אראָפּ די ביטערע פיל.

דאָס יאָר וואָס דו האָסט אצינד פארענדיקט,
האָסטו אויסגענוצט גוט און פארשטענדיק.
לערנען ארבעטן און שרייבן
פלעגן די „לאנגווילע“ פארטרייבן.
אצינד וועגן קליידער; איך הער דיך זאָגן:
„וואָס קאָן איך אצינד נאָך טראָגן?
די קליידער זענען נישט מער צו פארווענדן,
די העמדלעך שיצן קוים די לענדן
די שיך, איך קאָן דיר גארנישט זאָגן,
ווי זיי מאטערן מיך און פלאָגן.
אויסגעוואקסן אין דער לענג,
איז מיר אלץ געוואָרן ענג.

אויף דער טעמע עסן האָט מארגאָ אָנגעשריבן א ליד, אָבער אזוויי דער גראם איז אביסל שטומפּיק, שרייב איך עס נישט איבער.

ווייטער האָט מען מיך צעבאלעוועט מיט אסך שיינע מתנות. צווישן אנדערע האָב איך באקומען א דיק בוך, די מיטאָלאָגיע פון העלאס און רוים. איבער מאנגל אין זיסקייטן קאָן איך מיך אויך נישט באקלאָגן. יעדער האָט ארויסגענומען פון זיינע לעצטע זאפּאסן. אלס בנימין פון דער הינטערהויז=משפחה בין איך באמת מער צעבאלעוועט געוואָרן ווי איך פארדין עס.

דיין אנא.

דיונסטיק, 15. יוני 1943.

ליבע קיטי!

עס האָבן ווידער אסך זאכן פּאסירט, אָבער איך טראכט צומאָל אז מיינע נישט אינטערעסאנטע פלוידערייען לאנגווײלן דיך שטארק און אז דו מאכסט דיר נישט אזא צימעס פון אזעלכע בריוו. דערפאר וועל איך דאָס מאכן בקיצור.

הער וואָסען איז נישט אָפּערירט אויף א מאָגן=געשוויר. ווען די דאָקטוירים האָבן געמאכט דעם שניט, האָבן זיי פעסטגעשטעלט קאנסער, וועלכער איז לײַדער שוין אזוי פאָרגעשריטן אז אן אָפּעראַציע איז נישט מער מעגלעך געווען. זיי האָבן דעם שניט צוריק פארנייט, האָבן אים געפלעגט נאָך דריי וואָכן און האָבן אים דאן ווידער אהיימגעשיקט. איך האָב גרויס צער דערפון, און איך פיל עס באזונדערס שווער, וואָס מיר קאָנען נישט ארויס פון דאנען. איך וואָלט אים אָפט באזוכט, כדי אים אביסל פארווײַלן. עס איז אזא שאָד, וואָס אונדזער וואָסען קאָן אונדז מער נישט באריכטן, וואָס ס'פּאסירט אין לאגער און וואָס מען דערציילט דאָרט. ער איז געווען אזא גוטע שטיצע און האָט פאר אונדז רירנדיק געזאָרגט.

קומענדיקן חודש וועלן מיר, ווײַזט אויס, מוזן אָפּליפערן אונדזער ראַדיאָ. דער הער קאָפּהויס האָט אינדערהיים נאָך אן אזוי=גערופענעם בעבי=אפּאראט, וועלכן מיר וועלן בסוד באקומען אויפן אָרט פון אונדזער גרויסן פיליפּס. ס'איז זייער באדויערלעך, וואָס מען מוז אָפּליפערן דעם שיינעם אפּאראט. אָבער א הויז אין וועלכן מענטשן באהאלטן זיך אויס, טאָר גאָרנישט ריזיקירן און מוז אויף יעדנפאל פּרווון צו האלטן פון דערווייטנס די „הויכע אויטאָריטעטן“. דעם קליינעם אפּאראט וועלן מיר ארויפנעמען. ביי אויסבאהאלטענע יידן, וואָס קויפן מיט באהאלטן געלט אויף שווארץ, מעג אויך זײַן א פארבאָטענער ראַדיאָ. יעדער פּרווט זיך צו דערשלאָגן צו עפּעס אן אלטן אפּאראט, כדי אים אָפּצוליפערן אויפן אָרט פונעם אייגענעם. דער ראַדיאָ איז דאָך אייגנטלעך די איינציקע פארבינדונג מיט דער וועלט. און עס איז אמת: ווען די שטימונג איז א געדריקטע, העלפט די וואונדערלעכע שטימע פונעם עטער, וואָס הויכט ווידער אין אונדז אריין מוט און פון וועלכער ס'קלינגט: „האלט הויך דעם קאָפּ, ס'וועלן נאָך קומען בעסערע צייטן“.

דײַן אנא.

זונטיק, 11. יולי 1943.

ליבע קיטי!

לאָמיר זיך אומקערן צו דער טעמע דערציונג. איך מוז דיר זאָגן, אז איך האָב מיר געגעבן די גרעסטע מי, צו זײַן העפלעך, גוט און צערטלעך, אזוי אז די שטורמישע כוואליעס פון מוסר האָבן זיך באמת אָנגעהויבן צו באַרויקן. אָבער ס'איז ביטער

שווער זיך גוט אויפצופירן מיט מענטשן וואָס דו קאָנסט נישט לײדן. איך זע איין, אז איך טו מער אויף, ווען איך חנפע אביסל, אָנשטאָט מיין אַלטער טבע, יעדן צו זאָגן דעם אמת אין פנים אריין (כאָטש קיינער שאצט דאָס נישט).

דערצו פאַל איך נאָך אַלץ אָפּט ארויס פון דער ראָלע און קאָן נישט איינהאַלטן מיין כעס איבער אומגערעכטיקייטן. אזוי, אז מ׳רעדט ווידער גאנצע וואָכן איבער דעם חוצפּהדיקסטן מיידל פון דער וועלט! האלטסטו נישט אז ס׳איז אויף מיר א רחמנות? איין גליק וואָס איך האָב פיינט צו וואָרטשען, ווייטער וואָלט איך פארביטערט געוואָרן און ס׳וואָלט געווען א סוף צו מיין גוטער שטימונג!

חוץ דעם האָב איך מיר פירגענומען צו פארלאָזן אביסל די סטענאָגראפיע, ערשטנס כדי צו האָבן מער צייט פאר די אנדערע ארבעטן און צווייטנס צוליב מיינע אויגן. ס׳איז זייער נישט אָנגענעם, אָבער איך בין אין דער לעצטער צייט זייער קורצזיכטיק געוואָרן און וואָלט געדארפט האָבן א בריל (אין וועלכער איך וועל אויסזען ווי א סאָווע), אָבער דו ווייסט דאָך: אז אויסבא־האלטענע טאָרן נישט...

נעכטן האָט דאָס גאנצע הויז גערעדט אין טעמע. די מאמע האָט געהאט די אידייע, מיך צו שיקן מיט דער פרוי קאָפּהויס צום אויגנדאָקטער. קודם האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן. ווען איך האָב דאָס דערהערט. ס׳איז דאָך נישט קיין קלייניקייט: ארויס אויף דער גאס, הער נאָר, אויף דער גאס! אין ערשטן מאָמענט האָבן מיך באשלאָגן אנגסטן, דאן בין איך געווען גליקלעך! אָבער אזוי פשוט איז דאָס נישט. מ׳האָט קודם געדארפט איבערטראכטן וועגן אלע שווערקייטן און געפארן, און די אינסטאנצן, וואָס האָבן צו אנטשיידן איבער אזא שריט, האָבן זיך אזוי גיך נישט געקאָנט אייניקן. מיפּ האָט תיכף געוואָלט מיט מיר אוועקגיין. איך האָב שוין געהאט ארויסגע־נומען מיין גרויען מאנטל פון דער שאפע, אָבער ער איז געווען אזוי קליין, אזוי־ווי פון א יינגערער שוועסטער. איך בין נייגעריק צי איך וועל טאקע גיין צום דאָקטער, אָבער מיר דאכט, אז דער פּלאן ווערט נאָך אָפּגעלייגט.

אינצווישן האָבן די ענגלענדער געלאנדעט אין סיציליע, און דער טאטע מיינט, אז די מלחמה וועט פאַרט איצטיקן נעמען א סוף. עלי גיט מארגאָן און מיר אסך ביוראָ־ארבעט. מיר ביידע מאכן עס זייער גערן. און עלי רוקט זיך שנעלער פאָרויס.

קאָרעספּאָנדענץ קלאַסירן און פֿאַרשרייבן אין בוך. קאָן יעדער, אָבער מיר זענען באַזונדערס געווײסנהאַפֿט.

מיפּ רייסט זיך אונטער פֿאַר אונדזערטוועגן, זי איז אַ ריכ־טיק לאַסטפּערד. כמעט טעגלעך געפֿונט זי ערגעצוו אויס גרינס און ברענגט עס אונדז אין גרויסע טאַשן אויפֿן ביציקלעט. זי זאָרגט אויך דערפֿאַר אַז מיר זאָלן יעדן שבת באַקומען פֿינף נייע ביכער פֿון דער ביבליאָטעק. דעריבער וואַרטן מיר שוין תמיד אויף דעם שבת, פּונקט ווי קליינע קינדער, וואָס ווייסן, אַז ס'זענען פֿאַראַן אויסזיכטן אויף מתנות. מענטשן וואָס פֿירן אַ נאָרמאַל לעבן, קאָנען נישט משיג זיין, וואָס ס'באַטייטן ביכער פֿאַר אונדז פֿאַרשפּאַרטע. לייענען. לערנען און ראַדיאָ זענען דאָך אַצינד אונדזער וועלט!

דיין אנא.

דינסטיק, 13. יולי 1943.

ליבע קיטי!

נעכטן נאָכמיטאָג האָב איך מיטן טאַטנס הסכמה געפֿרעגט דיסעלן צי ער וואָלט גאָרנישט געהאַט קעגן (און איך בין געווען באַזונדערס העפֿלעך), ווען איך באַנוץ צוויי מאָל אַ וואָך דעם טיש און אונדזער צימער אויך נאָכן מיטאָג, פֿון פֿיר ביז האַלב זעקס. פֿון האַלב דריי ביז פֿיר אַזייגער זיץ איך סיי־ווי־סיי יעדן טאָג ביי דעם טיש, בשעת הער דיסעל שלאָפֿט. אָבער שפּעטער זענען דער טיש און דאָס צימער פֿאַר מיר אַ פֿאַרבאָ־טענע טעריטאָריע. דאָרט, אין געמיינזאַמען צימער, איז עס נאָכמיטאָג צו רעשיק, כדי צו אַרבעטן און חוץ דעם זיצט דער טאַטע אויך אַמאָל גערן ביי זיין שרייבטיש. די סיבה פֿאַר דער פֿראַגע איז געווען באַרעכטיקט און אייגנטלעך נאָר אַ פֿאָרם זאַך. וואָס מיינסטו, האָט דער גרויסער תּלמיד־חכם, הער דיסעל, געענטפֿערט? „ניין!“ פּשוט „ניין!“ איך בין געווען אויפֿגע־בראַכט, האָב מיך אָבער נישט געלאָזט אָפּ־פּטורן און האָב געפֿרעגט פֿאַרוואָס. תיכף האָב איך באַקומען אַ קאַלטן דוש:

— וואָס מיינסטו! איך מוז אויך אַרבעטן! אויב איך קאָן נישט אַרבעטן נאָכמיטאָג, בלייבט פֿאַר מיר איבערהויפּט נישט קיין צייט. איך דאַרף אויך פֿאַרענדיקן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן לערנען. דו טוסט דאָך סיווי נישט ווער ווייסט וואָס! דיין מיטאָלאָגיע איז נישט קיין ממשותדיקע אַרבעט. שטריקן און

לייענען, איז אויך נישט קיין ארבעט! ניין, דעם טיש באקומסטו נישט!

איך האָב געענטפערט: — מיין ארבעט איז דאָך אן ערנסטע. אינעווייניק קאָן איך נאָכמיטאָג נישט ריכטיק ארבעטן. טראכט נאָכאמאָל איבער, איך בעט אייך.

מיט די ווערטער האָט זיך די באַליידיקטע אנא אויסגעדרייט און האָט אזוי געטון, ווי גלייך דער דאָקטער וואָלט געוועזן לופט. דערביי האָב איך געקאָכט פון כעס, און האָב געהאלטן דיסעלן פאר שרעקלעך אומהעפלעך (דאָס איז ער טאקע געוועזן) און מיך פאר זייער פריינטלעך. אזויווי איך האָב אין אָווגט דערטאפט פימען, האָב איך אים דערציילט דעם נעגאטיוון רעזולטאט, און מיר האָבן איבערגעשמועסט וויאזוי איך זאָל מיך אצינד נוהג זיין. נאָכגעבן, האָב איך, פארשטייט זיך, נישט געוואָלט, אָבער איך האָב געוואָלט פרוון די זאך אליין אין אָרדענונג צו ברענגען. דער טאטע האָט מיר לפי ערך געזאָגט, וויאזוי איך זאָל מיך נוהג זיין, ער האָט אָבער געוואָלט, אז איך זאָל נאָך ווארטן א טאָג, ווייל איך בין געוועזן זייער אויפגערעגט. די עצה האָב איך אָפּגעוואָרפן, און נאָך דעם געשירוואשן האָב איך אָפּגעווארט דיסעלן. דער טאטע איז געזעסן אין דערבייִיקן צימער, און זיין נאָענטקייט האָט מיך באַרויקט און דערמוטיקט.

— הער דיסעל, האָב איך געזאָגט מין הסתם האָט איר עס נישט געהאלטן פאר וויכטיק נאָכאמאָל זיך מיישב צו זיין וועגן מיין פראגע. אָבער איך בעט אייך נאָכאמאָל!

מיט זיין פריינטלעכסטן שמייכעלע האָט ער געענטפערט:

— דער ענין איז א קלאָרער, אָבער איך בין תמיד גרייט דעריבער צו רעדן.

אצינד בין איך נאָכאמאָל ארויס מיט מיינע טענות און ער האָט מיך געהאלטן אין איין איבערייסן:

— ווען איר זענט אהערגעקומען, הער דאָקטער, איז די איינטיילונג פונעם צימער, וואָס געהערט צו אונדז ביידן, געווען ארומגערעדט געוואָרן. דעמלט האָט עס געהייסן, אז איר ווילט ארבעטן פאָרמיטאָג און איך באקום דעם גאנצן נאָכמיטאָג, אָבער איך פארלאנג דאָס גאָרנישט, און איר מוזט דאָך צוגעבן, אז צוויי נאָכמיטאָגן זענען א גאנץ גערעכטע פאָדערונג?

דיסעל איז אויפגעשפרונגען אזויווי אן אָפּגעברימער:

— דו האָסט שוין גאָרנישט וואָס צו רעדן פון רעכט. וווהין זאָל איך גיין? איך וועל פרעגן דעם הער וואן דאן צי ער וויל

פאר מיר אויבן, אויפן בוידעם, אויסבויען אזא מין בודקעלע ווי פאר א הונט, וווּ איך זאָל קאָנען זיצן. איך האָב אויך אינערגעץ נישט קיין רו פאר מיין ארבעט. מיט דיר האָט מען תמיד נאָר צרות. ווען דיין שוועסטער מארגאָ, וואָס האָט מער סיבות דערצו, וואָלט מיר געבעטן, וואָלט איך תיכף געווען גרייט, אָבער דו...

און דאן זענען ווידער געקומען די פוסטע רייד וועגן דער מיטאָלאָגיע און וועגן לייענען און שטריקן, און אנא איז געווען טיף געקרענקט. דאָס האָט זי אָבער נישט ארויסגעוויזן און האָט געלאָזט דיסעלן ווייטער דרשנען:

— מיט דיר קאָן מען נישט רעדן. דו ביסט א שרעקלעכע עגאָיסטקע. אויב דו קאָנסט נאָר דורכזעצן דיין ווילן איז דיר אלץ איינס, וואָס ס'געשעט מיט דעם אנדערן. איך האָב נאָך נישט געזען אזא קינד! אָבער סוף כל סוף וועל איך מוזן נאָכגעבן. אז נישט וועט דאָס שפּעטער הייסן, אז אנא פראנק איז ביים עקזאמען דורכגעפאלן, ווייל דער הער דיסעל האָט זי נישט געלאָזט געניג זיצן ביים שרייבטיש.

און אזוי האָט ער ווייטער געשיט ווי א וואסערפאל. ס'איז שוין נישט מעגלעך געווען צוצוהערן. מיין ערשטער אימפּולס איז געווען: איי, ווען איך קאָן אים דערלאנגען איינס, אז ער זאָל פליען ביז צו דער וואנט. דער אלטער ליגנער! און דאן האָב איך ווידער געטראכט: — רויק בלייבן, דער יאָלד פאר־דינט באמת נישט, אז דו זאָלסט דיך אזוי אויפרעגן.

ענדלעך איז אים דער כעס איבערגעגאנגען און ער איז ארויס פונעם צימער מיט א פּנים, פון וועלכן מ'האָט גלייכצייטיק געקאָנט אראָפּלייענען אי כעס אי טריומף. זיינע קעשענעס זענען ווי תמיד געווען אָנגעשטאָפּט מיט עסנווארג, וואָס מיפּ פלעגט פאר אים קויפן און ברענגען. איך בין געגאנגען צום טאטן, כדי אים גענוי צו באריכטן וועגן געשפּרעך, אויב ער האָט נישט אליין געהערט.

פּים האָט באשלאָסן, נאָך א'ן דעמזעלבן אָוונט צו רעדן מיט דיסעלן, און אזוי איז טאקע געווען. זיי האָבן גערעדט א האלבע שעה. דער טאטע האָט דערמאנט דיסעלן, אז זיי האָבן שוין איינמאָל גערעדט וועגן דערזעלבער זאך, און ער האָט אים דעמלט, אזויצוזאָגן, נאָכגעגעבן, כדי נישט צו באעוולען אן עלטערן לגבי א יינגערן, אָבער ער האָט עס שוין דעמלט נישט געהאלטן פאר ריכטיק. דיסעל האָט געטענהט, אז איך זאָל האָבן געזאָגט, אז ער איז אן ארייַנדרינגער, וואָס פארנעמט אלץ.

דער טאַטע האָט אַנטשידן פּראָטעסטירט, ווייל ער האָט אַליין געהערט דעם שמועס און האָט געוווסט, אַז מיט קיין וואָרט האָב איך דאָס נישט דערמאָנט. אַזוי האָבן זיי ביידע דיסקוטירט, דער טאַטע פאַרטיידיקנדיק מיין בלומרשטן עגאָיזם און מיין „אומנוציקע" אַרבעט און דיסעל וואָרטשענדיק, מוסרנדיק, אומצופרידן. ענדלעך האָט ער נאָכגעגעבן, און מ'האָט אָפּגעשמועסט, אַז איך וועל צווײמאָל אַ וואָך קאָנען אַרבעטן ביז פינף אַזייגער. דיסעל איז געווען דער געשלאָגענער. צוויי טעג האָט ער מיך נישט אָנגעקוקט, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינע רעכט און איז דאַן נאָך געזעסן די האַלבע שעה פון פינף ביז האַלב זעקס ביים טיש... אַזויווי אַ נאַריש ייִנגל. אויב ער איז מיט 54 יאָר אַזאַ פּעדאַנטנער און קליינלעכער כאַראַקטער, האָט אים מין הסתם די נאַטור אַזוי באַשאַפן, און ער וועט זיך זיכער נישט מער ענדערן.

דיין אַנאַ.

פרייטיק, 16. יולי 1943.

ליבע קיטי!

נאָכאַמאָל אַ גניבה, אָבער דאָסמאָל שוין אַן עכטע! אינדערפרי איז פּעטער ווי שטענדיק געגאַנגען אין לאַגער און האָט פעסטגעשטעלט, אַז די טירן צום לאַגער און צו דער גאַס זענען געשטאַנען אָפן. ער איז תיכף געקומען צו פים, וועלכער האָט קודם איינגעשטעלט דעם ראַדיאָ אויף די דייטשע פּאָסטנס און דאַן פאַרשלאָסן די טיר. דאַן זענען זיי אַינייִנעם אַרויפגעגאַנגען. די הויזאָרדענונג שרייבט פאָר אין אַזעלכע פאַלן: נישט לאָזן רינען קיין וואַסער, גאַנץ שטיל זיין, פינקטלעך אַכט אַזייגער פאַרטיק זיין מיט אַלעמען און נישט גיין אין טואַלעט. מיר זענען אַלע אַכט צופרידן געווען, וואָס מיר האָבן ביינאַכט גוט געשלאָפן און גאָרנישט געהערט. ערשט אַזייגער האַלב צוועלף איז געקומען הער קאָפּהויס און האָט דערציילט, אַז די גנבים האָבן געעפנט די דרויסנטיר מיט אַ ברעכייזן און דאַן צעבראָכן די לאַגערטיר. אַזויווי זיי האָבן געזען אַז אין לאַגער איז נישט געווען ווער ווייסט וואָס, האָבן זיי געפּרוווט זייער גליק מיט אַ טרעפּ העכער. זיי האָבן צונעגנבעט אַ געלטקאַסעטע מיט 40 גולדן און בלאַנקאָ-טשעקביכער, אָבער ערגער איז, וואָס אין

זייערע העגט זענען אריינגעפאַלן די קאַרטן פאַרן גאַנצן צוגע־טיילטן צוקער פון אן ערך 150 קג.

הער קאַפּהויס מיינט אַז דאָס זענען די זעלבע גנבים, וואָס האָבן שוין איינמאָל, צוריק מיט 6 וואָכן, געפּרוווט אויפצו־ברעכן איינע פון די טירן. דעמאָלט האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן.

די דאָזיקע געשעעניש האָט ווידער צערייצט די געמיטער. ווייזט אויס אַז אָן סענזאַציעס קאָן מען זיך ביי אונדז אין הינטער־הויז נישט באַגיין. מיר זענען צופרידן, וואָס די שרייבמאַשינען און די קאַסע זענען געווען אויף א זיכער אָרט, ביי אונדז אין שאַפע, וו זיי ווערן יעדן אויפדערנאַכט באַהאַלטן.

דיין אנא.

מאָנטיק, 19. יולי 1943.

ליבע קיטי!

זונטיק איז צפון־אַמסטערדאַם שטאַרק באָמבאַרדירט גע־וואָרן. די חרבות דאַרפן זיין שוידערלעך. גאַנצע גאַסן זענען איינגעפאַלן. און ס'קאָן נאָך גדויערן אַסך טעג, ביז מען וועט אַלע פאַרשיטע אַרויסגעפונען. ביז איצט האָט מען איבערגע־געבן וועגן 200 טויטע און אָן א שיעור פאַרוווּנדעטע. די שפּי־טאָלן זענען איבערגעפּאַקט. קינדער בלאָנקען אַרום און זוכן צווישן די חרבות זייערע עלטערן. ס'כאַפּט מיך אָן א דראָזש, ווען איך טראַכט פון דעם דומפּן הודיען און קנאַקן, וואָס איז פאַר אונדז געווען א סימן פון נאָענטער פאַרניכטונג.

דיין אנא.

פרייטיק, 23. יולי 1943.

ליבע קיטי!

עלי האָט ווידער אויסגעפונען אַן אָרט, וו ס'זענען נאָך פאַראַן העפטן, קודם כל קאָנטאָר־ביכער פאַר מאַרגאָן, וואָס לערנט איצט בוכהאַלטונג. אויך אַנדערע העפטן באַקומט מען דאָ אָן קאַרטן. אָבער דו טאָרסט נישט פרעגן וויאַזוי זיי זען

אוים: גרוי, קרום ליגירט פּאפּיר, צוועלף זייטלער, דערפאר אָבער קאָסטן זיי זייער טייער!

אצינד וועל איך דיר דערציילן, וואָס מיר אלע ווינטשן זיך ווען מיר וועלן ווידער זיין פריי.

מארגאָ און הער וואן דאן ווילן קודם א היים באָד אין א גאנץ פולער וואנע. אין וועלכער זיי וועלן ליגן כאָטש א האלבע שעה. פרוי וואן דאן וויל תיכף גיין אין א קאָנדיטאָריי און זיך גוט אָנעסן מיט טאָרט. דיסעל וויל נאָר איינס: זיך ווידער זען מיט זיין פרוי, מיט זיין לאָטכען; די מאמע גארט נאָך א טעפּל קאווע. דער טאטע וויל צום ערשטן באזוכן דעם הער וואָסען, פּעטער וויל תיכף אין שטאָט אריין, אין א קינאָ — און איך?? איך וואָלט פון גרויס פרייד נישט געוווסט וואָס איך זאָל צוערשט טון.

אמיינסטן ווונטש איך מיר, אז מיר זאָלן ווידער זיין אין אן אייגענער וווינונג, ווו מיר קאָנען טון וואָס מיר ווילן, דאן, אז איך זאָל מיך קאָנען פריי באוועגן און האָבן א הילף אין דער ארבעט, דאָס הייסט די שול!

עלי קאָן באקומען אויבס אויף „שווארץ“, אָבער ס'קאָסט „א קליינינקייט“: טרויבן 5 גולדן, אגרעסן 70 סענט, איין פע־רעשקע 50 סענט, 1 קג. הארבוז 1,50 גולדן. אין די צייטונגען שטייט אָבער יעדן טאָג מיט גרויסע אותיות: געשוואָלענע פרייזן הייסט ספעקולאציע!

דיין אנא.

מאָנטיק, 26. יולי 1943.

ליבע קיטי!

נעכטן איז ווידער געווען א זייער אומרויקער טאָג, און מיר זענען נאָך אלע גאנץ אויפגערעגט. אייגנטלעך וואָלטסטו גע־דארפט פרעגן צי ביי אונדז גייט אמאָל אויך דורך א טאָג אָן אויפרעגונג.

ווען מיר זענען געזעסן ביים פרישטיק, האָבן די סירענעס געבלאָזן אלארם. דאָס שטערט אונדז נישט דירעקט, ווייל דאָס באטייט נאָר, אז די פיינטלעכע פליער דערנענטערן זיך צום ברעג. נאָכן פרישטיק האָב איך מיך ווידער צוגעלייגט, ווייל איך האָב געהאט שטארקע קאָפּווייטיק, און בין דאן שפּעטער

alles alleen omdat je niet naar de goede raad
van je eigen goede helft luistert hè, ik zou wel
willen luisteren, maar het gaat niet, als ik stil
en ernstig ben denken allen dat het een nieuwe
comedie is en dan moet ik me wel met een
grapje eruit redden nog niet eens van mijn
eigen familie gesproken, die beslist denkt dat
ik ziek ben, me hoofdpijnpillen en kalmeer-
tabletten laat slikken me in hals en voorhoofd
voelt of ik koorts heb, naar mijn ontlasting
vraagt en mijn slechte bui bekritiseert; dat
houd ik niet vol, als er zo op me gelet
wordt dan word ik eerst snibbig, dan verdrie-
tig en tenslotte draai ik mijn hart weer om
draai het slechte naar buiten, het goede naar
binnen en zoek steeds naar een middel om te
worden zoals ik zo erg graag zou willen zijn
en zo als ik zou kunnen zijn, als ... er geen
andere mensen in de wereld zouden wonen.

je Anne M. Frank.

די לעצטע זייט פון אנאס טאָגבוך, פאַרקלענערט.

אַראָפּגעגאַנגען. עס איז געווען אַרום צוויי אַזייגער. אַרום האַלב
דריי איז מאָרגנאָ פּאַרטיק געוואָרן מיט איר ביוראָ-אַרבעט. זי
האָט נאָך נישט געהאַט אָפּגעראַמט, ווען מען האָט שוין ווידער
געבלאָזן אַלאַרם, אָבער דאָסמאָל טאַקע גרויס-אַלאַרם. אַזוי אַרום
זענען מיר ווידער אַרויפגעגאַנגען, און ס'איז טאַקע שוין געווען
צייט, ווייל פינף מינוט שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס משו-
געת אינדרויסן און ס'איז געוואָרן אַזוי ביטער, אַז מיר האָבן
געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן אין אונדזער: „שוץ"-ווינקל אין דורך-
גאַנג. דאָס הויז האָט זיך געטרייסלט און מיר האָבן דײַטלעך
געהערט ווי ס'רייסן אויף די באָמבעס. איך האָב צוגעדריקט
מיין טאַש אונטער דער אָרעם, כדי זיך אין עפּעס אָנצוהאַלטן.
אַוועק קאָנען מיר דאָך סיווי נישט, ווען מיר מוזן אָבער אין
ערגסטן פאַל אַנטלויפן, איז די גאַס פאַר אונדז פּונקט אַזוי
געפערלעך ווי א באָמבאַרדאַמענט.

אין א האַלבער שעה אַרום איז דאָס פליען שוואַכער געוואָרן,
אָבער דער גערודער אין הויז איז גרעסער געוואָרן. פּעטער איז
אַראָפּגעקומען פון זיין באַאָבאַכטונגס-פּאָסטן פונעם בוידעם,
דיסעל איז געווען אין גרויסן קאָנטאָר, פּרוי וואַן דאַן האָט
זיך געפילט זיכערער אין פּריוואַט-קאָנטאָר, הער וואַן דאַן האָט
צוגעקוקט פונעם בוידעם. מיר זענען איצט אויך אַרויפגעגאַנגען,
פון וואַנען מיר האָבן דײַטלעך געזען דעם רויך איבער דעם האַפן.
מ'האָט טאַקע באַלד געפילט די בראַנד ריחות, און ס'האָט אויס-
געזען ווי א געדיכטער נעפּל וואָלט געהאַנגען איבער דער שטאָט.

אַזאַ מין גרויסע שריפה איז נישט קיין שיינער אָנבליק. מיר
זענען געווען דאַנקבאַר, וואָס אַלץ איז פאַר אונדז גוט דורכגע-
גאַנגען, און יעדער האָט זיך גענומען צו זיין אַרבעט. אין אָוונט
ביים עסן: ווידער לופט-אַלאַרם! מיר האָבן דאָסמאָל געהאַט א
באַזונדער גוט מאכל, אָבער ס'איז מיר שוין פאַרגאַנגען דער
אַפּעטיט ביי דעם שרעקלעכן געיאָמער פון די סירענעס. ווייטער
איז אַלץ געבליבן שטיל, און שפּעטער מיט דרייפערטל שעה איז
געווען נאָכן אַלאַרם. נאָכן געשירוואַשן האָט עס זיך ווידער אָנ-
געהויבן: אַלאַרם. א מוראדיקע שיסעריי, זייער אסך פליער
איבער אונדז. מיר האָבן אַלע געמיינט, אַז איצט הייבט זיך
אָן דער אמתער גהינום. ווידער האָט עס גערעגנט מיט באָמבעס,
דאָסמאָל אויף דער אַנדערער זייט, אויפן אַעראָדראָם, לויט ווי
די ענגלענדער האָבן געמאָלדן. די פליער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט
גידיציק, זענען ווידער אויפגעשטיגן, האָבן געשאָסן, די גאַנצע

לופט האָט געברויזט. יעדן אויגנבליק האָב איך מורא געהאַט, אַז איינער וועט אַראָפּפאַלן.

איך קאָן דיר זאָגן אַז 9 אַזייגער ווען איך בין געגאַנגען שלאָפן, האָב איך מיך מער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. ביינאַכט האָב איך מיך דורכגעוועקט, ס'איז געווען פּונקט 12 אַזייגער: פליער! דיסעל האָט געהאַלטן ביים אויסטון. מיר איז געווען אַלץ איינס. ביים ערשטן שוס בין איך גאַנץ וואַך אַרויסגעשפּרונגען פונעם בעט. צוויי שעה זענען זיי אומויפהערלעך געפלויגן, און איך בין געבליבן ביים טאַטן. דאַן האָט מען אויפגעהערט צו שיסן, בין איך ווידער אַריבער צו מיר. אַרום האַלב דריי בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן.

7 אַזייגער. אַ דערשראָקענע, האָב איך מיך אויפגעכאַפּט. וואָס דאַן איז געווען ביים טאַטן. „אַלעס" האָב איך געהערט זאָגן. „גנבים, איז געווען מיין ערשטער געדאַנק, און איך האָב געמיינט אַז אַלעס האָט מען צוגענגבעט. אָבער ניין! אַציינד איז געקומען אַזאַ גוטע ידיעה, אַז אַזעלכע האָבן מיר שוין חדשים לאַנג, אפשר אין משך פון דער גאַנצער מלחמה, נישט געהערט: מוסאָליני איז געפאַלן, דער קיניג פון איטאַליע האָט איבערגענומען די רעגירונג.

מיר האָבן געיובלט. נאָך דעם פחד פון נעכטן, ענדלעך ווידער עפּעס גוטס און... האָפענונג! האָפענונג אויפן סוף. האָפענונג אויף שלום!

גראָד איצט איז קראַלער אָנגעקומען און האָט דערציילט, אַז „פאָקער" איז שטאַרק באַשעדיקט. אינצווישן האָבן מיר ביינאַכט ווידער געהאַט אַלאַרם מיט אַ שטאַרקער פליעריי און אויך נאָכמאָל פאַר-אַלאַרם. איך ווער דערשטיקט פון די לופט-אַלאַרמעס, בין נישט אויסגעשלאָפן און קאָן, פאַרשטייט זיך, אויך נישט אַרבעטן ווי ס'געהער צו זיין. אָבער אַציינד האַלט אונדז וואַך די שפּאַנונג און האָפענונג אויפן סוף. אפשר נאָך דאָס יאָר.

דיין אַנאַ.

דאָנערשטיק, 29. יולי 1943.

ליבע קיטי!

פרוי וואַן דאַן, דיסעל און איך האָבן געוואַשן געשיר, און איך בין געווען אויסערגעוויינלעך רויק, אַ זאַך וואָס קומט זעלטן פאָר און איז, זיי זיכער, אויך אויפגעפאַלן. כדי צו פאַרמיידן

נייגיריקע פראַגן, האָב איך געזוכט א נייטראַלע טעמע און האָב אָנגעהויבן א געשפּרעך איבער דעם בוך, „העגרי וואַן דיר אָוואָרקאַנט". אָבער איך האָב געהאַט א טעות. אויב די פרוי וואָן דאַן פאַלט אויף מיר נישט אָן, דאַן טוט עס דיסעל. די זאַך איז געווען אַזוי: דיסעל האָט אונדז באַזונדערס צוגערעדט צו דעם בוך. מאַרגאָ און איך מיינען אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי אויסגעצייכנט. דאָס יינגל איז זייער שיין געשילדערט, אָבער דאָס איבעריקע... לאָמיר בעסער שווייגן. איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג. נו, מער האָב איך שוין נישט באַדאַרפט. — וואָס ווייסטו פון דער פסיכאָלאָגיע פון מענער בפרט ווען ס'איז די רייד פון א קינד! דו ביסט נאָך צו יונג פאַר אַזא בוך. א צוואַנציק יעריקער קאָן דאָס קוים פאַרשטיין. (פאַרוואָס־זשע האָט ער מאַרגאָ און מיך אַזוי צוגערעדט דערצו?) און ביידע זענען אַרויס מיט לשון:

— דו ווייסט צופיל זאַכן וואָס גייען דיך גאָרנישט אָן. דו ביסט אויך שלעכט דערצויגן. שפּעטער וועט דיר שוין גאָרנישט פאַרשאַפן קיין פרייד אָדער פאַרגעניגן. דאַן וועסטו זאָגן: דאָס, בע, דאָס האָב איך שוין צוריק מיט 25 יאָר געלייענט אין ביכער. איל דיך צו אויב דו ווילסט נאָך האָבן א מאַן אָדער זיך ריכטיק פאַרליבן. דיר וועט דאָך קיינער נישט געפעלן! אין דער טעאָריע ביסטו פולקומען, אין דער פּראַקטיק זעט עס גאַנץ אַנדערש אויס.

זייער אויפפאַסונג פון גוטער דערציונג באַשטייט, ווייזט אויס, דערין, מיך תמיד אָנצורייצן קעגן מיינע עלטערן, און דאָס טוען זיי גערן. ס'איז אויך, מין הסתם, פונקט אַזא אויסגעצייכנטער מעטאָד נישט צו רעדן מיט א מיידל אין מיין עלטער וועגן טעמעס פאַר „דערוואַקסענע". דער רעזולטאַט פון אַזא מין דערציונג האָט זיך זייער אָפט אַרויסגעוויזן אַלס ביטערער פעלער!

איך וואָלט זיי אַמליבסטן אָנגעפּאַטשט פאַר זייערע לעבערלעבע רייד. איך בין געווען מלא כעס. ווען איך וואָלט שוין געקאָנט ציילן די טעג, ווען איך וועל זיי פּטור ווערן! פרוי וואַן דאַן איז דער אמתער פאַרשוין... זי קאָן דינען פאַר א ביישפּיל, יאָ, פאַר א ביישפּיל — וויאַזוי מען דאַרף נישט זיין!

זי איז באַקאַנט אַלס אומבאַשיידן. עגאָיסטיש, כיטרע־נאַריש, אויסגערעכנט און מיט גאָרנישט צופרידן. איבער דער מאַדאַם וואָלט איך געקאָנט אָנשרייבן גאַנצע ביכער, און ווער ווייסט צי איך וועל דאָס נישט טון. זי שפּילט די ווילע, פריינטלעכע, באַזונדערס צו מענער, אָבער זי פאַרבלענדזט די

אויגן ! די מאמע האלט זי פאר צו נאריש, כדי צו פארלירן א וואָרט וועגן איר, מארגאָ, פאר צו אומבאַדייטנדיק. פים זאָגט, אז זי איז מיאוס (ווערטלעך און בילדלעך), און איך האָב נאָך לאנגע באַאָבאכטונגען דערקענט — ווייל איך גיי קיינמאָל נישט צו מיט קיין פאָרורטייל — אז די אלע אָנשויונגען זענען אמת און נאָך אסך מער ! זי האָט אזויפיל חסרונות, וועלכע זאָל איך דאָ קודם אויסרעכענען ?

דיין אנא.

פ. ס.: די ליבע לייענערן ווערט געבעטן אין אכט צו נעמען, אז דער בריוו איז געשריבן געוואָרן ווען דער כעס איז נאָך נישט געווען אָפּגעקילט.

דינסטיק, 3. אויגוסט 1943.

ליבע קיטי !

פּאָליטיש גייט עס אויסגעצייכנט. אין איטאליע איז די פא-שיסטישע פארטיי פארבאָטן. אין פארשידענע געגנטן קעמפט דאָס פאָלק קעגן די פאשיסטן. אפילו סאָלדאטן באטייליקן זיך אין דעם קאמף. וויאזוי קאָן נאָך אזא פאָלק פירן מלחמה קעגן ענגלאנד ?

דאָ האָט מען צום דריטן מאָל שווער באָמבארדירט. איך האָב צוגעביסן די ציין און מיר „געמאכט מוט“. די פרוי וואן דאן, וואָס האָט ביז איצט תמיד געזאָגט : „בעסער א סוף מיט שרעק איידער שרעק אָן א סוף“, איז איצינד דער גרעסטער פחדן פון אונדז אלע. זי האָט היינט אינדערפרי געציטערט ווי א פיש אין וואסער און דאן האָט זי אויסגעבראָכן אין א געוויין. איר מאן, מיט וועלכן זי האָט שוין ווידער א גאנצע וואָך אָפּגע-לעבט ווי א הונט מיט א קאץ, אָבער מיט וועלכן זי האָט זיך נאָרוואָס איבערגעבעטן, האָט זי ליבלעך געטרייסט. מען וואָלט געקאָנט ווערן סענטימענטאל ביי דער שיינער סצענע. אפראָפּאָ קאץ ! אז זיי זענען נישט נאָר גוצלעך, האָט באוויזן מושי ! מיר האָבן באקומען פליי, און די פלאָג ווערט מיט יעדן טאָג ערגער. הער קאָפּהויס האָט אומעטום אָנגעשיט א מין געלן פראָשעק. וועלכער שטערט, ווייזט אויס, נישט די פליי. מיר זענען שוין

אלע גאנץ נערוועז. כסדר טראכט מען דערפון און מען פילט ווי עס בייסט אין די הענט, אין די פיס און נאָך ערגעץ, און אלע מאכן די קאָמישיסטע באוועגונגען בעת דעם געיעג אויף די קליינע פייניקער. דער מאנגל אין קערפערלעכער באוועגונג איז זיך איצט נוקם. מיר זענען שטייף געוואָרן, ווייל מיר מאכן צו ווייניק גימנאסטיק.

דיין אנא.

מיטוואָך, 4. אויגוסט 1943.

ליבע קיטי!

אזויווי מיר זענען שוין מער ווי א יאָר פארשפארט אין אונדזער הינטערהויז, ווייסטו שוין אסך פון אונדזער לעבן. א טייל זאכן לאָזן זיך כמעט נישט באשרייבן. אלעס איז זייער קאָמפּליצירט און גאנץ אנדערש ווי אויף דער פריי. כדי דו זאָלסט בעסער זען אונדזער לעבן, וויל איך דיר פון מאָל צו מאָל עפעס דערציילן פון אונדזער טאָגטעגלעכקייט און איך הייב הייגט אָן מיטן אָוונט און מיט דער נאכט.

אָוונט נײַן אזייגער הייבן אָן לעבעדיקע צוגרייטונגען פארן שלאָפנגייען. בענקלעך ווערן גערוקט, בעטן אפגענומען, קאָלדרעס אויסגעשפרייט. אייגנטלעך בלייבט גאָרנישט שטיין אויף דעם זעלבן אָרט, ווי בייטאָג. איך שלאָף אויף דער קליינער שעסלאָן וועלכע איז אן ערך 1.50 מעטער לאנג און דארף בענקלעך צום פארלענגערן. בייטאָג זענען מיין קאָלדרע, מיינע דעקן, קישן און ליילעכער אין דיסעלם בעט.

פונעם דערבייייקן צימער הערט מען דאָס טיפּישע סקריפּען און קראכן: מארגאָס בעטל ווערט געעפנט און ווידער באוויזן זיך קאָלדרעס און קישנס.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז אויבן דונערט, ווען מען ווייסט נישט, אז איצט ווערט צוגערוקט צום פענצטער דאָס בעט פון פרוי וואן דאן, „איר וווילגעבוירן" אין ראָזע בעטיא־קעלע מוז פון גאנץ נאָענט אריינאָטעמען דעם פרישן אָזאָן דורך איר שיין, קליין נעזעלע!

נאָכדעם ווי פּעטער ווערט פארטיק — ארום 9 אזייגער — גיי איך אין „באָד־צימער", כדי מיך גרינטלעך אָפּצוואשן, און זייער אָפט מוז דאן א קליינער פלוי פאלן א קרבן. דאן ציין

פוצן, וויקלען די לאָקן, מאניקירן און אנדערע קליינע טאָאַלעטן...
און דאָס אַלץ מוז געשען אין משך פון א האלבער שעה!

ארום האלב צען גיך אריין אין באָדמאנטל, אין איין האנט די זייף. אין דער אנדערער די האָרנאָדלען, לאָקנוונקלער, וואטע, א. א. וו., די וועש איבערן אָרעם און ארויס. אָבער אָפט ווער איך ווידער צוריקגערופן, ווייל איך האָב באציירט דעם וואשטיש מיט מיינע שיינע, טונקעלע האָר, וואָס געפעלן, ווייזט אויס נישט, מיין נאָכפאָלגער.

צען אזייגער: אראָפ דעם קאמופלאזש. א גוטע נאכט! א פערטל שעה הערט מען נאָך סקריפען די בעטן און דאָס זיפצן פון די צעבראָכענע מאטראצן. דאן ווערט אַלץ שטיל, אויב ס'איז צופעליק נישט קיין דיספוט צווישן פאָרפאָלק, אויבן.

ארום האלב צוועלף עפנט זיך די טיר פון באָד־צי־מער. ס'פאלט אריין א דינער ליכטשטראל, שיך שקראבען. אין א פיל צוברייטן מאנטל, קומט אריין דיסעל, נאָכדעם ווי ער האָט געארבעט אין קראלערס קאָנטאָר. צען מינוט דרייט ער זיך ארום, רוישט מיטן פאפיר (פון דעם פרעסעכץ וואָס ער באהאלט ווידער), מאכט פאוואָליע זיין בעט און פארשווינדט דאן נאָכאמאָל, און פון צייט צו צייט הערן זיך פארדעכטיקע טענער פון דער טואלעט.

ארום דריי אזייגער מוז איך מיינסטנס אויפשטיין, כדי צו דערליידיקן א קליינעם ענין. אונטער דער בלעכפושקע, וואָס דינט דערפאר, ליגט, צוליב זיכערקייט, א שטיקל גומי, טאָמער באקומט דאָס עסק א לעכל. איך האלט איין דעם אָטעם ווייל דאָס רוישט אזוי איבערן בלעך, ווי א טייכל איבער שטיינדלעך. גיך פארשווינדט ווידער אונטער דער קאָלדרע די ווייסע גע־שטאלט, וואָס ווערט יעדן אָוונט פון מארגאָן וויציק אָנגערופן: „א, דאָס אומזיטלעכע נאכטהעמד!“

א פערטל שעה הער איך מיך דאן צו צו דעם ביינאכטיקן גערויש. קודם, צי אונטן איז נישטאָ קיין גנב, דאן צו די פארשידענע שכנים, אויבן, דערנעבן און ביי מיר, פון דעם גערויש וואָלט מען געקאָנט מאכן א רעזומאט פון די טעמפע־ראמענטן. א טייל שלאָפן גאנץ שטארק, אנדערע זענען האלב־וואך. דאָס איז נישט אָנגענעם, באזונדערס ווען ס'איז דער הער דיסעל. קודם הערט עס זיך, ווי א פיש וואָלט געשנאפט נאָך לופט, אזוי אַן ערך צענמאָל. דאן ווערן פייכט געמאכט די ליפן צמאָטשקענדיק. דערביי ווארפט ער זיך אהין און אהער און שלעפט און רוקט די קישן, ביז ער געפונט זיך די ריכטיקע

לאַגע. מיט קליינע צווישנפּויזן הזרט זיך איבער די גאַנצע פּראָצעדור וויניקסטנס דריימאָל, ביז דער גוטער דאָקטער האָט זיך ענדלעך פאַרווינגט אין שלאָף.

אָפּט קומט פאָר, אַז ביינאַכט צווישן איינס און פיר ווערט געשאָסן. איך האָב עס קוים באַנומען און שוין שטיי איך האַלבוואַך ביי מיין בעט. צומאָל חלום איך אויך פון אומרעגל־מעסיקע ווערבן אָדער א קריג פונעם פאַרפאָלק איבער אונדז. שפּעטער באַמערק איך ערשט, אַז איך האָב גליקלעך פאַרשלאָפן די שיסעריי. אָבער מייגסטנס, כאַפּ איך מיך אויף, נעם צונויף מיינע קישן און א נאָזטיכל, קריך אריין אין באָדמאַנטל און פּאַנטאָפל און לויף צום טאַטן זוכן שוץ. אזוי ווי מארגאָ, האָט עס באַשריבן אין א געבוירנטאָגליד.

ביים ערשטן שאָס א יעדע נאַכט,
ניט קיין סך געשענישן געטראַכט,
קומט א מיידעלע גאָר פיין
גלייך אין טאַטנס בעט אַריין.

ווען איך באַהאַלט מיך דאָ אויס, בין איך פּטור פון א האַלבן שרעק, אויב די שיסעריי ווערט נישט צו דראַמאַטיש.

דריי פערטל זיבן: קררר, אויבן קלינגט דער וועקער. קנאַק... פּאַנג, פרוי וואַן דאַן האָט אים אָפּגעשטעלט. איר מאַן הויבט זיך אויף, שטעלט צו וואַסער און גייט אַלס ערשטער אין באָד־צימער. א האַלבע שעה שפּעטער גייט דיסעל. ענדלעך אַליין, הויב איך אויף די פאַרטונקעלונג. דער נייער טאָג אין הינטערהויז האָט זיך אָנגעהויבן.

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 5. אויגוסט 1943.

ליבע קיטי!

היינט וויל איך דיר עפּעס דערציילן פון דער מיטאָג פּויזע: ס'איז האַלב איינס: דער גאַנצער עולם אָטעמט אויף. אַצינד זענען אוועקגעגאַנגען די הויזדינער. אויבן הערט מען

דעם שטויבזויגער, מיט וועלכן פרוי וואן דאן באארבעט דעם טעפיך, איר „טייערן אוצר“. מארגאָ נעמט אירע ביכער אונטערן אָרעם און גייט לערנען האָלענדיש מיט איר שילער דיסעל, וואָס האָט אביסל א שווער קעפל. פים ציט זיך צוריק אין א רויקן ווינקל מיט זיין געליבטן דיקענס. די מאמע גייט ארויף א שטאָק העכער, כדי עפעס צוצוהעלפן דער גרויסער באלעבאָסטע, און איך גיי אין באָד-צימער, פאראָמען און מיך אביסל צורעכטמאכן.

דרייפערטל איינס: צוביסלעך קומען אלע ארויף צו אונדז, וואן סאנטען, הער קאָפהויס, אָדער קראלער, עלי און מיינסטנס איך מיט.

איינס אזייגער: געשפאנט הערן אלע ביים ראדיאָ די ידיעות פון בי-בי-סי. דאָס איז די איינציקע צייט, אין וועלכער די איינוווינער פונעם הינטערהויז פאלן זיך נישט אריין אין די רייד, ווייל דאָ רעדט עמיצער, וועלכן אפילו הער וואן דאן קאָן נישט איבערשפארן.

איין פערטל צוויי: קליינע מאָלצייט. יעדער באקומט א טעלער זופ און אויב ס'איז ביי אונדז דאָ א צווייטער גאנג, אויך א טעלער דערפון. צופרידן זיצט הער וואן סאנטען מיט דער צייטונג אין אן עק פונעם דיוואן, די קאַץ לעבן אים, דאָס טעפל אויפן טיש. לויטער אטריבוטן פון זיין געמיטלעכקייט. הער קאָפהויס דערציילט די נייעס פון דרויסן. ער איז אן אויסגעצייכנטע קוועלע. אינדערגיך לויפט קראלער ארויף די טרעפ, א קורצער קלאפ, דאן קומט ער אריין רייבנדיק די הענט, לויט דער שטימונג, לעבעדיק און פריילעך, אָדער געדריקט און שטיל.

דרייפערטל צוויי: די געסט געזעגענען זיך, און יעדער גייט ווידער צו זיין ארבעט. די מאמע און מארגאָ וואשן געשיר, הער און פרוי וואן דאן גייען שלאָפן, פעטער פארשווינדט אין זיין בנין, דער טאטע לייגט זיך אביסל צו, דיסעל אויך, און איך לייען און שרייב. דאָס איז די שענסטע צייט. ווען אלע שלאָפן, קאָן קיינער נישט שטערן.

דיסעל חלומט פון גוטע מאכלים. דאָס זע איך אויף זיין פנים. אָבער איך שטודיר עס נישט לאנג, ווייל די צייט פארגייט אזוי גיך און איין מינוט נאָך פיר שטייט דער פעדאנט לעבן מיר און וואָרטשעט אז איך האָב נאָך נישט אָפגעראָמט דעם טיש.

דיין אנא.

שבת, ד. אויגוסט 1943.

ליבע קיטי!

א קליינעם איבעררייס אין מיין באשרייבונג פון אונדזער לעבן. צוריק מיט א פאר וואכן האב איך אנגעהויבן שרייבן א דערציילונג, עפעס פריי אויסגעטראכטס, און דאס פארשאפט מיר אזויפיל פרייד, אז איך האב שוין אנגעזאמלט אן א שיעור פון מיינע „פעדער-קינדער“.

אזוי ווי איך האב דיר צוגעזאגט, געטריי און אויפריכטיק צו באריכטן איבער אלע מיינע איבערלעבענישן, וואלט איך גערן געוואלט וויסן, צי די האלטסט, אז די קינדער וועלן הנאה האבן פון מיינע דערציילונגען.

# קאטיע

קאטיע איז א קינד פון אונדזערע שכנים. ווען איך קוק ארויס ביי שיין וועטער, זע איך ווי זי שפילט זיך אין גארטן. קאטיע האט א ווייגרויט סאמעטן קליידל פאר יום טובים און א בלויוואלן קליידל פאר אינדערוואכן. זי איז פלאקסבלאנד און האט עפעס געפלאכטענע צעפלעך און שטראלנדיקע בלויע אויגן. זי האט א זייער ליבע מאמע, אבער קיין טאטע האט זי נישט מער. קאטיעס מאמע איז א וועשערן. בייטאג גייט זי ראמען אין פרעמדע הייזער. אויפדערנאכט וואשט זי וועש פאר אירע קונים, דאן הענגט זי אויף די וועש שפעט ביינאכט און פוצט נאך דעקן און קליידער.

חוץ קאטיען זענען נאך פאראן זעקס קינדערלעך, א קלענער שרייער איז אויך דערביי, וועלכער באהאלט זיך הינטער קאטיעס קליידל, ווען די מוטער וויל זיי לייגן שלאפן. קאטיע האט אויך א קעצעלע, שווארץ ווי א נעגערל. זי פלעגט זייער גוט דאס קעצעלע און יעדן אוונט רופט זי: „קעצעלע, קעצעלע, קאטיע, קא... טיע!“ פון דא נעמט זיך אויך דער נאמען קאטיע. זי הייסט אפשר גאר נישט אזוי, אבער זי זעט אזוי אויס. קאטיע האט אויך צוויי קרוליקעס, איינס א ווייס און איינס א ברוינס. האפ, האפ, שפרינגען זיי קאמיש ארום אין גארטן און קומען צו נאענט כמעט ביז אין שטוב אריין. קאטיע קאן אויך זיין א שאלטיק פונקט ווי אנדערע קינדער, אבער נאך דעמאלט ווען זי אמפערט זיך מיט אירע ברידערלעך. אוי ווערט זי בייז. שלאגט און באכעט און

בייסט אפילו! אָבער עס האַלט ביי איר לאנג נישט אָן. די ברי־דערלעך האָבן דורך־אַרײַן פאַר דעם קרעפּטיקן מיידל.

„קאטיע איינקויפן“, שרייט די מאמע. קאטיע האַלט זיך פעסט צו די אויערן, כדי זי זאָל דערנאָך קאָנען זאָגן ערלעך, אז זי האָט גאָרנישט געהערט. קאטיע האַלט, אז איינקויפן איז א נמאסע זאַך, אָבער עס לוינט זיך נישט צו זאָגן א ליגן כדי זיך איינצו־שפּאָרן דעם וועג. קאטיע זאָגט נישט קיין ליגן, דאָס זעט מען אין אירע בלויע אויגן.

קאַטיעס עלטערער ברודער איז שוין אַלט 16 יאָר און אַרבעט אַלס לערנייִנגל. ער האָט ליב אַביסל צו שפּילן דעם באַלעבאָס און באַפעלן די ייִנגערע. אַפילו קאטיע וואָגט נישט אַקעגנצוריידן פעטערן. ער קאָן דערלאַנגען, דאָס ווייסט זי פון דערפאַרונג. אָבער זי ווייסט אויך אז זי קאָן באַקומען צוקערלעך, אויב זי פאָלגט אים, און זיסקייטן האָבן אַ זי אַ די אַנדערע קינדערלעך זייער ליב.

זונטיק, ווען די גלאָקן רופן מיט זייער טיפן און העלן קלאַנג אין קירך אַרײַן, גייט קאטיעס מוטער מיט אַלע קינדערלעך אין קירך. קאטיע בעט גאָט פאַר איר פאָטער און אַז די מוטער זאָל איר זײַן געזונט. שפּעטער גייען זיי אַלע שפּאַצירן. קאטיע וואַרט שוין אויף דעם שפּאַציר די גאַנצע וואָך, זיי גייען אין פּאַרק, און צומאָל אויך אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, אָבער דאָס קאָן נאָר געשען אין חודש סעפּטעמבער, ווײַל דעמלט איז ביליקער, אָדער צו קאַ־טיעס געבוירנטאָג, אויב זי ווינטשט זיך דאָס אומבאַדינגט. דאָס איז דײַן מתנה, ווײַל פאַר גרעסערע מתנות האָט איר מאַמע קיין געלט נישט.

ווען די מוטער קומט צומאָל אַהיים שטאַרק מיד נאָך דער שווערער אַרבעט און וויינט, דעמלט טרייסט זי קאטיע. זי זאָגט איר צו אַלץ וואָס זי ווינטשט זיך אַליין ווען זי וועט זײַן גרויס. קאטיע וואָלט שוין זייער געוואָלט זײַן אַ גרויסע כדי זי זאָל פאַר־דינען געלט און קאָנען קויפן שיינע קליידער און זיסקייטן פאַר די קינדער — אַזוי ווי פעטער. אָבער קאטיע מוז נאָך אַסך לערנען און גיין אין שול אַרײַן. די מוטער וויל דערנאָך קאטיען שיקן אין דער הויזווירטן־שול, אָבער קאטיע האָט גאָרנישט קיין חשק דערצו. זי וויל נישט זײַן קיין דינסט. זי וויל ווערן אַן אַרבעטערן אין פאַבריק, ווי די האַרציקע מיידלעך וואָס זי זעט יעדן טאָג פאַרבייגיין. אין פאַבריק וועט זי נישט זײַן אַליין און וועט זיך קאָנען געמיטלעך פאַרוויילן. זי האָט דאָך אַזוי ליב צו פּלוידערן. אין שול מוז זי צומאָל שטיין אין ווינקל, ווײַל זי קאָן נישט

האלטן דאָס פּיסקל, אָבער זי לערנט גוט. זי האָט אויך זייער ליב די לערערן. זי איז א שיינע און א קלוגע! עס דארף זיין זייער שווער צו ווערן ווי די לערערן. אָבער אפשר איז אויך געגוג, אז מ'ווערט נישט פּונקט אזוי. די־מאמע זאָגט תמיד אז קאטיע וועט נישט חתונה האָבן אויב זי וועט צופיל וויסן, און דאָס וועט זיין זייער שלעכט. זי וויל דאָך האָבן אסך קינדערלעך, אָבער נישט אזעלכע ווי אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך. קאטיעס קינדער דארפן זיין אסך שענער און פיינער. זיי דארפן האָבן ברוינע לאָקן און נישט קיין פלאקסהאָר. דאָס איז נישט פאָרנעם. און קלייען אויפן פּנים זאָלן זיי אויך נישט האָבן! — קאטיע איז באשיט. קאטיע וויל אויך נישט אזויפיל קינדער ווי איר מוטער, צוויי אָדער דריי קינדער איז גענוג. אָבער ס'וועט נאָך אסך געדויערן! זי מוז כאָטש צווייטאָל אזוי פיל אלט ווערן!

— קאטיע, רופט די מוטער, גיך אין בעט אריין! ווו ביסטו געווען? צי האָסטו ווידער געחלומט?

קאטיע זיפצט שטיל... זי האָט פּונקט געחלומט וועגן די שענסטע צוקונפט־פּלענער!

## קאטרינטיע

קאטרינטיע איז געזעסן טיף פארטראכט אויף א גרויסן שטיין, זיך געוואָרעמט אין דער זון פאר דעם פויערישן הייזל. זי איז געווען א רויק מיידל. וועגן וואָס דאָס קינד אין פויערישן פּארטוכל האָט געטראכט, האָט נאָר זי אליין געוווסט. קיינמאָל וועט זי אירע געדאנקען קיינעם נישט מיטיילן, זי איז צו שטיל און פאר־שוויגן. קיין חברטעס האָט זי נישט און זי וועט מין הסתם אויך קיינמאָל נישט האָבן. איר מוטער מיינט אז זי איז מאָדנע און קאטרינטיע פילט דאָס. דער פאָטער, אן עכטער פויער, האָט צופיל ארבעט כדי צו געפונען צייט פאר זיין איין און איינציק קינד. אזוי האָט קאטרינטיע זיך געדארפט אליין אין זין האָבן. זי האָט דאָס נישט געארט, וואָס זי איז תמיד אליין. זי האָט אנדערש נישט געקאָנט און איז געווען צופרידן דערמיט.

אין יענעם זומער־אָוונט האָט זי טיף געזיפצט ווען זי האָט א קוק געטון איבער די ווייטע קאָרנפעלדער. ווי שיין דארף עס זיין זיך דאָרט צו שפּילן מיט די מיידלעך! זע נאָר, ווי זיי לויפן און לאכן, ווי גליקלעך זיי זענען! אָט קומען זיי נענטער, אלץ נענ־טער... צי ווילן זיי עפּעס פון איר? אוי, ווי מיאוס זיי לאכן פון איר, זי הערט שוין קלאָר איר צונאָמען, אוי, ווי פיינט זי האָט אים! ווידער און ווידער קלינגט הינטער איר: „פּוסטעפּאסניצע,

פוסטעפאסניצע!” ווי עלנט זי פילט זיך! וואָלט זי כאָטש געקאָנט אנטלויפן אין שטוב אריין, אָבער זי ווייסט אז די קינדער וועט זי נאָך מער אויסלאכן. אָרעם קינד, עס איז מין הסתם נישט דאָס ערשטע מאָל אין דיין יונגן לעבן. וואָס דו פילסט דיך אזוי עלנט און ביסט מקנא אנדערע מיידלעך!

„קאטרינטיע, קאטרין, קום עסן!” דאָס מיידל האָט נאָכאמאָל זיך אָפגעזיפצט, דאן איז זי פאוואָליע אויפגעשטאנען, כדי צו פאָלגן די מאמע. „סארא פריינטלעך פנים אונדזער טאָכטער האָט ווידער, סארא צופרידן קינד מיר האָבן!” שרייט די פויערטע, ווען קאטרינטיע איז לאנגזאם און נאָך פארדריסלעכער ווי תמיד אריינגעקומען אין שטוב. „צי האָסטו פארלוירן דאָס לשון? האָט די מוטער אויף איר אָנגעשריגן. זי האָט אליין נישט געוווּסט ווי הארט איר טאָן איז, אָבער די טאָכטער איז אויך נישט געווען לויט איר באנער, א פריילעך, לעבעדיק קינד. „יאָ מאמע”, האָט זי קוים געענטפערט. „דו ביסט מיר יענץ מיידעלע, דעם גאנצן אינדערפרי זיך ארומצודרייען פוסט און פאס! ווו ביסטו שוין ווידער געוועזן?” „אינדרויסן”. קאטרינטיען האָט עס געוואָרגן אין האלדז. אָבער די מוטער האָט נישט פארשטאנען די פארלוירנקייט פונעם קינד און האָט ווידער אָנגעהויבן נייגיריק צו פרעגן: „ענטפער קלאָר, איך וויל וויסן ווו דו ווערסט פארפאלן, האָסט פארשטאנען? איך קאָן נישט מער אויסשטיין ווי דו גייסט ארום פוסט און פאס!” ביי אָט דעם וואָרט, וואָס האָט זי דערמאנט אין איר צונאָמען האָט זיך קאטרינטיע נישט מער געקאָנט איינהאלטן און האָט אויסגעבראָכן אין א ביטער געוויין. „נו וואָס איז שוין ווידער? דו ביסט דער אמתער פחדן. דו מעגסט דאָך זאָגן ווו דו וואלגערסט דיך ארום. צי איז דאָס טאקע אזא גרויסער סוד?” דאָס קינד האָט נישט געקאָנט ענטפערן ווייל עס האָבן זי געשטיקט די טרערן. פלוצים איז זי אויפגעשפרונגען אומווארפנדיק דערביי דאָס בענקל און איז וויינענדיק ארויף אויפן בוידעם. דאָרט איז זי אנידערגעפאלן אין א ווינקל אויף עטלעכע זעק און הארצרייסנדיק ווייטער געיאָמערט... די מוטער האָט געצויגן מיט די אקסלען, האָט אָפגעראָמט פונעם טיש און זיך נישט מער געוווּנדערט וועגן איר קינד. אזעלכע נארישקייטן זענען אָפט פאָרגעקומען, אמבעסטן איז, אז מען לאָזט זי צורו. מ׳קאָן פון איר גאָרנישט געוואָר ווערן, תיכף וויינט זי. און זי איז דאָך שוין א 12 יעריק מיידעלע.

קאטרין האָט זיך אויפן בוידעם פאוואָליע בארויקט און האָט אָנגעהויבן איבערצוטראכטן. זי האָט געוואָלט אראָפגיין צו דער מוטער און איר זאָגן אז זי איז נאָר געזעסן אויפן שטיין און וויל איצט אלעס טון וואָס זי האָט פארזאָמט. אזוי וואָלט די מוטער געזען, אז ארבעט מאכט ביי איר נישט אויס. און ווען זי וואָלט געפרעגט פארוואָס זי איז דעם גאנצן אינדערפרי געזעסן, וואָלט זי געענטפערט, אז זי האָט געמוזט טראכטן וועגן וויכטיקע זאכן. ווען זי וועט גיין פארנאכט פארקויפן די אייער, וויל זי דער מאמען קויפן א נייעם פינגערהוט, א שיינעם, א זילבערנעם, וואָס בלישטשעט אזוי פרעכטיק, דאָס געלט האָט זי דאָך. אזוי וואָלט די מוטער געזען, אז זי איז נישט טאקע אזא פוסטעפאסניצע. זי האָט איבערגעטראכט וויאזוי צו פטרן דעם מיאוסן צונאָמען, און אָט וואָס זי וויל טון. פון דעם געלט וואָס ס'וועט איר בלייבן וועט זי קויפן א גרויסן בייטל צוקערלעך און וועט זיי דעם אנדערן טאָג צעטיילן אין שול די מיידלעך. אזוי ארום וועלן זיי זען, אז זי איז אויך א ווילע און וועלן זי פרעגן, צי זי וויל זיך אויך שפילן. אלע וועלן זען אז זי קאָן זיך אויך שפילן און קיינער וועט זי נישט מער רופן אויפן צונאָמען. קווענקלענדיק גייט קאטרינטיע אראָפ די לייטער. ווען די מוטער האָט זי באגעגנט אויפן גאניק און געפרעגט: „האָסט דיך שוין אויסגעוויינט?“ האָט זי נישט געהאט דעם מוט עפעס צו זאָגן וועגן איר פארפאלן ווערן. זי האָט זיך געאיילט אויסצופוצן די שויבן אײדער ס'פאלט צו די נאכט.

די זון האָט שוין געהאלטן ביים אונטערגיין ווען קאטרינטיע האָט גענומען דעם קויבער מיט אייער און זיך געגרייט אין וועג אריין. נאָך א האלבער שעה לויפן איז זי אָנגעקומען צו דעם ערשטן קונה, וועלכער איז שוין געשטאנען מיט דער פאָרצעלייענער שיסל אויף דער שוועל. „איך וואָלט געדארפט צען אייער“, האָט פריינטלעך א זאָג געטאָן די פרוי. קאטרין האָט איר אָפגעציילט די אייער, האָט זיך געזעגנט און איז ווייטער געגאנגען. נאָך א דרייפערטל שעה איז איר קויבערל געווען ליידיק, און זי איז אריינגעגאנגען אין א געוועלב וו מען האָט געקאָנט אלץ קויפן. באלד האָט זי זיך אומגעקערט מיט א שיינעם פינגערהוט און מיט צוקערלעך אין איר קויבערל.

אפן האלבן וועג זענען איר אנטקעגן געקומען צוויי מיידלעך וועלכע האָבן זי אינדערפרי אויסגעלאכט. זי וואָלט זיך אמליבסטן באהאלטן, זי איז אָבער ווייטער געגאנגען מיט הארצקלאפן. „זע נאָר די פוסטעפאסניצע, די משוגענע פוסטעפאסניצע!“ קאטרינ-

טיע איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט. אינגאַנצן אַנטמוטיקט אין איר פאַרצווייפלונג, האָט זי דערלאַנגט די קינדער דאָס בייטעלע מיט די צוקערלעך. איינס פון די מיידעלעך האָט אויף גיך אַרויסגע־ריסן די צוקערלעך פון איר האַנט און איז אַוועק. די אַנדערע איז איר נאָכגעלאָפן און קאַטרינטיען אַרויסגעשטעלט די צונג.

פאַרביטערט פון יסורים און איינזאַמקייט איז קאַטרינטיע אַנידערגעפאַלן אויפן גראָז, ביים ראַנד פונעם וועג און האָט געוויינט, געוויינט, אָן אַ שיעור געוויינט. ס'איז שוין געווען טונקל ווען זי האָט אַ נעם געטון דאָס קויבערל, וואָס איז געלעגן איבער־געקערט און איז אַהיימגעגאַנגען...

ערגעץ אין גראָז האָט געבלישטשעט אַ זילבערנער פינגערהוט.

מאָנטיק, 9. אויגוסט 1943.

ליבע קיטי!

און אַט באַשרייב איך ווייטער אונדזער סדר־היום.

אונדזער מיטאָג: הער וואַן דאַן איז דער ערשטער. קודם גוט מען אים, ער נעמט אַסך פון אַלעמען... אויב ס'איז לויט זיין געשמאַק. ער מישט זיך אַריין אין יעדן שמועס, זאָגט אַרויס זיין מיינונג און איינמאָל אַרויסגעזאָגט קאָן מען אים שוין נישט איבערשפּאַרן. ווײ דעם וואָס וואַגט אים אַקעגן צורעדן. ער הייבט אָן שפּייען ווי אַ קאָטער... מ'זאָל מיט אַזעלכן נישט זייפּדרווט ווערן. ער האָט די איינציק ריכטיקע מיינונג, ער ווייסט אַלעס בעסער! אַוודאי, ער איז טאַקע אַ חכם, אָבער צו שטאַרק פאַרגלייבט אין זיך.

די גנעדיקע פרוי: שוין בעסער שווייגן. אייניקע מאָל און בפרט ווען זי איז שלעכט אויפגעלייגט, וואָלט איך זי בעסער נישט אָנגעקוקט. זי איז אייגנטלעך שולדיק אין אַלע דיסקוסיעס. נישט אַלס אָביעקט! ניין יעדער היט זיך מיט איר צו טון צו האָבן, אָבער זי איז די העצערן. דאָס קאָן זי אויסגעצייכנט! קעגן פרוי פראַנק און אַנאַן גייט עס! אָבער קעגן טאַטן און מאַרגאָ גייט עס נישט אַזוי לייכט. זיי גיבן נישט קיין געלעגנ־הייט.

אָבער לאָמיר זי זען ביים טיש: די פרוי וואַן דאַן פאַרטיילט מען נישט, כאָטש זי מיינט אַז יאָ. די קלענסטע קאַרטאָפל, דער פיינסטער ביסן און פון אַלעמען דאָס בעסטע, דאָס איז איר

לאָזונג. די אנדערע באַקומען ערשט דאַן ווען זי האָט אויסגעכאַפּט דאָס בעסטע! און זי שיט!... צי עמיצער הערט זיך צו, דאָס גייט זי נישט אָן. זי איז איבערצייגט אַז אירע גאָלדענע ווערטער זענען פאַר אַלע אַ פאַרגעניגן.

זי שמייכלט קאָקעט, ווי גלייך זי ווייסט אַלץ, גיט יעדן עצות, און וויל דערמיט יעדן געפעלן. אָבער אַז מען קוקט זיך גענויער צו, זעט מען וואָס זי איז אויסן.

פלייסיק, אויפגעלייגט, קאָקעט, דאָס איז פּעטראָנעלאַ וואַן דאַן.

דער דריטער ביים טיש: אים הערט מען נישט קיין סך. דער יונגער הער וואַן דאַן איז כמעט תמיד שטיל און ציט נישט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. זיין מאָגן איז אַ מין „דאַנאַידן פאַס" וואָס ווערט קיינמאָל נישט פול, ווייל נאָכן בעסטן אָנבייסן, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרצערט אַ היפּשע פּאָרציע, דערקלערט ער מיט אַ ביז גאָר ערנסט פּנים, אַז ער וואָלט געקאָנט גרינג אויפעסן נאָכאַמאָל אַזויפיל.

גומער פיר איז מאַרגאָ: זי רעדט ווייניק און עסט ווי אַ פייגעלע. דאָס אייניציקע וואָס זי שלינגט נאָך אַראָפּ איז גרינס און אויבס. „אַ מפונק" מיינען די וואַן דאַנס, מיר זאָגן: „צו ווייניק לופט און באַוועגונג".

דערנעבן — די מאַמע: זי עסט גוט, רעדט אַסך און גערן. אָבער להיפּך צו דער פרוי וואַן דאַן שפּילט זי נישט די באַלעבאָסטע. דער חילוק איז, מאַדאַם קאָכט און די מאַמע גרייט צו און וואַשט נעשיר.

גומער זעקס און זיבן: וועגן טאַטן און מיר וועל איך קיין סאַך נישט רעדן. פים איז ביים טיש דער באַשיידנסטער. ער קוקט קודם צי די אַנדערע האָבן גענוג. ער דאַרף קיינמאָל גאָרנישט, דאָס בעסטע פאַר די קינדער. ער איז אַ פּאָרבילד פון שלימות... און לעבן אים זיצט דאָס בינטל נערוון פונעם הינטערהויז!

דר. דיסעל: נעמט און קוקט נישט. עסט און רעדט נישט. אָבער אַז מען מוז שוין יאָ רעדן, דאַן, למען השם, נאָר וועגן עסן; ס'קומט נישט צו קיין קאָנפליקט, נאָר צו אַביסל באַרימעריי. ער פאַרטיליקט ריזיקע פּאָרציעס, זאָגט קיינמאָל נישט „ניין", נישט ביי אַ גוטן ביסן, אָבער אויך נישט ווען ס'געפעלט אים נישט.

די הויזן זענען ביז אים צו הויך אונטערגעגאַרטלט, דערצו טראָגט ער אַ רויט לייבל, שוואַרצע פאַנטאָפל, און אויף דער נאָז טראָגט ער אַ טונקעלע האָרן־בריל. אַזוי קאָן מען אים זען ביים

ארבעטס־טיש, ביים עסן, ביים דרימלען און ווען ער גייט אין זיין ליבלינגס־אָרט, אין טואַלעט.

דריי, פיר, פינפמאָל אין טאָג שטייט איינער פון אונדז אומ־געדולדיק ביי דער טיר פון דער טואַלעט און האָפּקעט פון איין פיס אויפן אַנדערן און קאָן זיך קוים איינהאַלטן. מיינסטו אז ער לאָזט זיך שטערן? ווייס איך וואָס! פון א פערטל אכט ביז האלב אכט, פון האלב איינס ביז איינס, פון צוויי ביז א פערטל אויף דריי, פון פיר ביז א פערטל אויף פינף, פון זעקס ביז א פערטל אויף זיבן און פון האלב צוועלף ביז צוועלף אזייגער, די דאָזיקע זיצונגען מעג מען פאַרצייכענען. דערפון טרעט ער נישט אָפּ אפילו ווען א בעטנדיק קול זאָגט אָן הינטער דער טיר אז ס'גע־שעט אן אומגליק.

גומער גיין: געהערט נישט צו דער משפחה פון הינטער־הויז, אָבער דאָך א שותף צום טיש. עלי האָט א גוטן אַפּעטיט, נישט קיין איבערקלויבערן און עסט אויף אינגאַנצן. פון אַלץ האָט זי הנאָה און דאָס פאַרשאַפט אַלע גרויס פאַרגעניגן. זי איז תמיד גוט אויפגעלייגט, צוגעלאָזט און וויל, לויטער מעלות.

דיין אנא.

דינסטיק, 10. אויגוסט 1943.

ליבע קיטי!

א נייע אידייע! ביים טיש רעד איך מער צו זיך אַליין, ווי מיט אַלע אַנדערע. דאָס איז אינצווייען פּראַקטיש. ערשטנס, זענען מין הסתם אַלע צופרידן, וואָס איך רעד נישט אַזויפיל. און צוויי־טנס, פאַרשפּאָר איך צו האָבן יסורים פון זייערע מיינונגען. איך האַלט, אז כמעט אַלע זענען נאַריש, און מיין מיינונג איז, פאַר־שטייט זיך, די ריכטיקע. דערפאַר איז שוין בעסער ווען איך שווייג. אַזוי טו איך, ווען מען גיט עפּעס עסן, וואָס איך האָב פיינט. איך רעד מיר איין, אז ס'איז זייער גוט און איידער איך הויב אָן איבערצוטראַכטן, איז דאָס שוין אַראָפּגעשלונגען. אינ־דערפרי ביים אויפשטיין — אויך א זאַך וואָס געפעלט מיר נישט — שפּרינג איך אַראָפּ פונעם בעט און זאָג צו זיך אַליין: „לייג דיך צוריק“, דאַן רוק איך אַוועק דאָס פירהענגל, אָטעם אביסל פרישע לופט און בין תיכף וואַך. ווען איך בעט צו, איז דער

נסיון זיך צוריק צו לייגן שוין פארביי. דו ווייסט וויאזוי די מאמע רופט דאָס? „א לעבנס־קינסטלערן“! א שפּאַסיק וואָרט, איאָ? זייט סוף וואָך, ווייסן מיר נישט ווי מיר האלטן פּינקטלעך מיט דער צייט, ווייל מ'האָט אונדזער ליבן, געטרייעם וועסטערטורם־גלאָק אוועקגענומען, מין הסתם מאכט מען פון אים קאנאָנען, דערפאר ווייסן מיר קיינמאָל נישט וויפל ס'האלט דער זייגער. איך האָף, אז מ'וועט עפּעס געפונען, וואָס זאָל דערמאנען די איינוווינער פון דער געגנט דעם שיינעם קלאנג, פונעם וועסטער־טורם.

וווהין איך זאָל נישט גיין, ארויף אָדער אראָפּ, גאפט יעדער אויף מיינע פיס, אויף וועלכע ס'גלאנצן שיינע נייע שיך. זיי זענען פון וויינרויטן לעדער מיט הויכע קנאַפּל. מיפּ האָט זיי אָפּגעקויפט פון דער צווייטער האנט פאר 27,50 פלאָרין. איך גיי ווי אויף שטאָלצן און זע אויס גרעסער ווי איך בין. נעכטן האָב איך געהאט אן אומגליקלעכן טאָג. איך האָב מיר פארשטאָכן דעם גראָבן פינגער מיט א דיקער נאָדל. דער סוף איז געווען אז מארגאָ, האָט געמוזט אויף מיין אָרט שיילן די קארטאָפל. דאן האָב איך מיר צעקלאפּט דעם שטערן אָן דער שאפע, אז איך האָב מיך שיער נישט איבערגעקערט. אזוי־ווי דאָס האָט אָנגעמאכט א גרויסן ליארם, איז מען מיך נאָך באפאלן און איך האָב אפילו נישט געקאָנט מיר אָפּקילן דעם שטערן, ווייל מ'האָט נישט געטאָרט לאָזן רינען דאָס וואסער. איצט האָב איך א גרויסע בייל איבערן רעכטן אויג. דערצו האָב איך מיר נאָך פארקלעמט דעם קלענסטן פינגער פונעם רעכטן פוס אין שטויב־זויגער. אָבער איך האָב געהאט אזויפיל אנדערע צרות, אז איך האָב מיך מער דערויף נישט אומגעקוקט. דאָס איז טאקע געווען נאריש פון מיין זייט, ווייל אצינד איז די ווונד אינפיצירט, דער פוס איז גראָב ארום־געוויקלט און... איך קאָן נישט מער אָנטון מיינע שיינע שיך.

דיסעל האָט אונדז נישט ווילנדיק געבראכט אין סכנה. ער האָט זיך געלאָזט ברענגען פון מיפּן — וועלכע האָט דערפון קיין אנונג נישט געהאט — א פארבאָטן ביכל, א פאמפלעט אויף היטלערן און מוסאָליני. פונקט אין יענעם אינדערפרי האָט זי שיער נישט איבערגעפאָרן אן ס. ס. מאָטאָציקל. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאלטן און האָט זיי נאָכגעשריגן „הזירים“. ס'איז אָבער צום גליק גאָרנישט געשען. מיר ווילן אפילו נישט טראכטן דערצו, וואָס ס'וואָלט געווען, ווען מען ארעסטירט זי!

דיין אנא.

מיטוואָך, 18. אויגוסט 1943.

ליבע קיטי!

היינט וויל איך דיר דערציילן וועגן אונדזערע אַלגעמיינע פליכטן: קאַרטאָפל שיילן.

דער ערשטער ברענגט צייטונגען (פאַר דער שאָלעכץ). דער צווייטער די מעסערס (פון וועלכע ער נעמט, פאַרשטייט זיך, דאָס בעסטע פאַר זיך), דער דריטער די קאַרטאָפל און דער פערטער אַ גרויסן טאָפּ מיט וואַסער.

הער דיסעל הייבט אָן, ער שיילט געוויינטלעך שלעכט, אָבער ער האַלט אין איין קוקן אויף רעכטס און אויף לינקס צי אַלע טוען אַזוי ווי ער. ניין!

— אַנאַ, זע נאָר, איך האַלט דאָס מעסער אַזוי און שייל פון אויבן אַראָפּ. ניין, נישט אַזוי, נאָר אַזוי!

— מיר איז אַזוי באַקוועמער, וואָג איך באַשיידן צו ענטפערן.

— אָבער אַזוי איז דאָך בעסער, מעגסט מיר גלויבן, מיר איז אַלץ איינס, דאָס דאַרפסטו אַליין פאַרשטיין.

מיר שיילן ווייטער. איך קוק בגנבה אויף מיין שכן, ווי ער שאָקלט מיטן קאָפּ. מין הסתם מיינט ער מיך. אָבער ער זאָגט מער גאָרנישט. איך שייל ווייטער, דאַן קוק איך צום טאַטן, וואָס זיצט מיר אַקעגניבער. פאַר אים איז קאַרטאָפל שיילן נישט קיין שפּילעכל, נאָר אַ פּרעציזע אַרבעט. ווען ער לייענט, האָט ער אַ טיפן קנייטש אויפן שטערן, אָבער ווען ער שיילט קאַרטאָפל, אָדער העלפט צוגרייטן אַרבעס, אָדער גרינס, איז ער אַזוי פאַר־טיפט, אַז ער זעט און הערט גאָרנישט. דעמלט האָט ער זיין קאַרטאָפל פּנים, און ער וועט קיינמאָל נישט דורכלאָזן אַ קאַר־טאָפל וואָס איז נישט פּינקטלעך אָפּגעשיילט. דאָס וואָלט אפילו נישט געפּאַסט פאַר אַזאַ מין פּנים.

איך אַרבעט פלייסיק ווייטער, כאַפּ נאָר אַ קוק און ווייס שוין אַלץ. „מאַדאַם" פּרוווט ווידער אויפמערקזאַם מאַכן דיסעלן אויף מיר. זי קוקט צו אים, אָבער ער מאַכט זיך נישט זעענדיק. דאַן ווינקט זי צו אים. ער שיילט ווייטער. דאַן לאַכט זי, ער איגנאָ־רירט אָבער אויך דאָס. אַצינד מוז די מאַמע לאַכן. פרוי וואַן דאַן האָט גאָרנישט דערגרייכט און טראַכט שוין עפּעס אַנ־דערש צו.

— פוטי, (דאָס איז איר מאַן), נעם דיר דאָס פארטוך, זאָגט זי, אויב נישט, וועל איך דיר מאָרגן ווידער דארפן פוצן דעם אנצוג.
— איך שמיר מיך נישט אוים. זי טראכט ווייטער.
— פוטי, פארוואָס זיצסטו נישט?
— איך שטיל בעסער שטייענדיק.
ווידער א ווײַלע שטיל.
— פוטי, דו זעסט, אָט האָסטו דיך אָפּגעשפריצט.
— יאָ מאמי, איך וועל שוין אכטונג געבן. זי טראכט צו א נייער טעמע.
— פוטי, זאָג מיר, פארוואָס באָמבארדירן אצינד נישט די ענג־לענדער?
— איך מיין ווײַל דאָס וועטער איז שלעכט.
— אָבער נעכטן איז דאָך געווען א שיין וועטער און זיי זענען אויך נישט געפלויגן.
— אוי, חזר נישט איבער אלץ דאָס אייגענע.
— פארוואָס זאָל מען נישט ארויסזאָגן א מיינונג?
— ניין.
— פארוואָס, ניין.
— נו, זײַ שוין שטיל מאמעלע!
— דער הער פראנק ענטפערט דאָך אויך זיין פרוי, ווען זי וויל עפּעס וויסן.
הער וואן דאן הערט דאָס נישט גערן. דאָס איז זיין שוואכער פונקט. ער קעמפט מיט זיך, כדי נישט שארף צו ענטפערן.
נאָך א ווײַלע הייבט זי ווידער אָן:
— די אינוואזיע קומט גאָר אינגאנצן נישט!
ער ווערט בלייך פאר כעס, זי ווערט רויט, ווען זי דערזעט דאָס, אָבער זי קאָן פאָרט נישט אָפּשווייגן.
— די ענגלענדער טוען גאָרנישט!
איצט פּלאַצט שוין די באָמבע: — האלט שוין דעם פּיסק, דאָנער־וועטער־נאָך־איינמאָל!
די מאמע האלט זיך קוים איין נישט צו לאכן. איך קוק צו קיינעם נישט. אזוי, אָדער כמעט אזוי, חזרט זיך דאָס איבער יעדן טאָג, אויב זיי זענען נישט צעקריגט, ווײַל ווען זיי זענען צעקריגט עפענען זיי ביידע נישט דאָס מויל.
איך מוז גיין אויפן בוידעם אראָפּברענגען נאָך אביסל קאר־טאָפל. פעטער איז דאָרט באשעפטיקט מיט דער קאץ... ער לויזט

זי. ער קוקט צו מיר, די קאץ באמערקט אז ער האלט זי נישט אזוי שטארק און האָפּ!, שפּרינגט ארויס דורכן אָפענעם פענצטער. פּעטער שעלט, איך לאך, און פארשווינד.

דיין אנא.

פרייטיק, 20. אויגוסט 1943.

ליבע קיטי!

פינקטלעך האלב זעקס אזייגער גייען די ארבעטער אוועק פונעם לאגער און דאן הייבט זיך אָן פאר אונדז די פרייהייט.

אויב עלי קומט אין דער צייט ארויף, איז דאָס א סימן אז די לופט איז ריין און ביי אונדז קאָן אלץ אויפלעבן. קודם גיי איך מיט עלין ארויף, וו ס'שטייט פאר איר אָנגעגרייט עפּעס א נאש. עלי זיצט נאָך נישט און פרוי וואן דאן הייבט שוין אָן מאכן אירע באשיידענע באשטעלונגען: „אוי, עלי, איך וואָלט גערן געוואָלט...“

עלי ווינקט צו מיר. זעלטן ווען עמיצער קומט ארויף, אז פרוי וואן דאן זאָל נישט האָבן עפּעס א באשטעלונג. דאָס איז אויך א סיבה פארוואָס זיי קומען נישט אזוי גערן ארויף.

דריי פערטל זעקס. עלי גייט אוועק און איך גיי אראָפּ צוויי עטאזשן טיפער. קודם אין קיך, דאַן אין פּריוואט־קאָנטאָר, דאן עפן איך די טיר פונעם קוילן־קעלער פאר מושין, וועלכע לויערט אויף די מייז. סוף כל סוף קום איך אָן אין קראלערס צימער, וו וואן דאן, ראַיעט זיך אין אלע שיפלאָדן און מאפּעס, כדי צו לייענען די בריוו. פּעטער ברענגט די שלעסלעך פונעם לאגער און מאָפּין. פים טראָגט ארויף די שרייב־מאשינען. מארגאָ זוכט א רויקן ווינקל, כדי צו מאכן די ביורא־ארבעט, פרוי וואן דאן שטעלט אויף א גרויסן קעסל מיט וואסער און די מאמע קומט אראָפּ מיט א גרויסן טאָפּ קארטאָפל. יעדער האָט זיין באשטימטע ארבעט.

פּעטער קומט גיך ארויף פונעם לאגער. זיין ערשטע פראגע איז וועגן ברויט, וואָס איז יעדן טאָג צוגעגרייט פאר אונדז אין קראלערס צימער. זיי האָבן עס פארגעסן! ס'בלייבט אים גאָרנישט איבעריק, ווי צו זוכן אין גרויסן קאָנטאָר. ער בייגט זיך איין אין דרייען, קריכט אויף הענט און פיס צו דער שאפע, כדי מען זאָל אים נישט זען פון דרויסן, ער נעמט דאָס ברויט און פאר־שווינדט, אָבער בעת דער עקסקורסיע האָט מושי זיך באהאלטן

אונטערן שרייבטיש. פעטער זוכט זי אין אלע עקן. ענדלעך זעט ער זי. ער קריכט ווידער אריין אין צימער און פּרוּווט זי כאַפּן ביים עק. די קאַץ שפּייט, פעטער זיפצט. מושי זיצט מיט פאַר־גענינגן ביים פענצטער און וואַשט זיך. דאָס לעצטע לאָק־מיטל איז אַ שטיקל ברויט, מיט וועלכן ס׳געלינגט טאַקע פעטערן זי צו כאַפּן. מושי גיט אַ ביס און די טיר ווערט אויף גיך צוגעמאַכט.

די גאַנצע צייט האָב איך אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַרינע. דאַן האָב איך מיך ווייטער גענומען צו דער אַרבעט.

טיק, טיק, טיק!... דריי מאָל קלאַפּן הייסט: אָוונטברויט!

דיין אַנאַ.

מאָנטיק, 23. אויגוסט 1943.

ליבע קיטי!

דער המשך פונעם סדר־היום אין הינטערהויז.

א י נ ד ע ר פ ר י ה א ל ב נ י י ן א ז י י ג ע ר.

די מאַמע און מאַרגאָ זענען נערוועז.

— פּססססט; מאַמע... אָטאָ, פּסססט... פּים!

— ס׳איז האַלב ניין, איצט טאָר מען נישט מער לאָזן רינען דאָס וואַסער.

— גיי שטילער!

דאָס זענען די טענות צום טאַטן, וועלכער געפינט זיך נאָך אין באָד־צימער. קיין טראָפּן וואַסער, די טואַלעט טאָר נישט באַנוצט ווערן, מען טאָר נישט אַרומלויפן, ס׳מוז זיין שאַ, שטיל. אַז אין ביוראָ איז נאָך קיינער נישטאָ, הילכן די גערוישן פיל מער אָפּ אונטן אין לאַגער.

אויבן ביי די וואַן דאַן עפנט מען פאַר האַלב ניין די טיר און מען קלאַפּט דריי מאָל אין דיל:

— די קאַשע פאַר אַנאַן איז פאַרטיק!

איך קלעטער גיך אַרויף, כדי צו נעמען מיין הינטיש־שיסעלע. ווען איך קום צוריק, מוז אַלץ אינדערגיך געמאַכט ווערן: קעמען, אויסגיסן דאָס נאַכט־טעפּל, צובעטן. שטיל, דער זייגער קלינגט. אויבן גייען אַרום די וואַן דאַנס אין פּאַנטאָפל. דאַן ווערט אַלץ שטיל.

אצינד וואָלסטו געקאָנט באוווּנדערן אַ אידעאַל פאמיליען־בילד. איך וויל לייענען אָדער שרייבן, אויך מארגאַ און די עלטערן גוצן גערן אוים אָט די רויקע האלבע שעה צו דעם דאָזיקן צוועק. (דער טאטע, פארשטייט זיך, מיט זיין באליבטן דיקענס). ער זיצט אויפן ראנד פון זיין סקריפּענדיקן בעט, וואָס האָט אפילו ניט קיין אָרנטלעכע מאטראַצן. צוויי קאָלדרעס דינען אלס ערזאַץ.

— איך קאָן מיך באגיין אויך אָן דעם! זאָגט ער.

אזוי ווי ער פארטיפט זיך אין זיין בוך, הייבט ער אפילו נישט אויף דעם קאָפּ, ער לאכט נאָר צומאָל שטיל און פרווט עפּעס שושקענדיק פאָרצולייענען דער מאמען. זי זאָגט: — איצט נישט. איך האָב נישט קיין צייט.

ער איז אביסל אנטוישט, דאן לייענט ער ווייטער. שפּעטער, ווען ער געפונט ווידער עפּעס שיינס, פרווט ער נאָכאמאָל:

— דאָס מוזטו לייענען, מוטער!

די מאמע ליגט אויפן בעטל, לייענט ניט, שטריקט און לערנט דערביי. פּלוצים פאלט איר עפּעס איין, וואָס זי מוז אומבאדינגט זאָגן:

— אנא דו ווייסט... מארגאָ שרייב דאָס אויף. א ווײַלע איז שטיל. פּלוצים מאכט מארגאָ צו איר ביכל מיט א לייכטן קלאפּ. דער טאטע פארזשמורעט די אויגן גאנץ שפּאסיק, באלד אָבער באוויזט זיך ווידער דער קנייטש אויפן שטערן און ער איז ווידער פארטיפט אין לייענען. די מאמע הייבט אָן א שטיל גע־שפּרעך מיט מארגאָן. איך ווער נייגעריק און הער מיך צו.

פים ווערט אויך ארייננעצויגן אין שמועס... גיין אזיינער! פרישטיק!

דיין אנא.

פרייטיק, 10. סעפּטעמבער 1943.

ליבע קיטי!

יעדעס מאָל ווען איך שרייב דיר איז א סימן אז ס'איז עפּעס געשען. דאָס רוב זענען עס נישט קיין אָנגענעמע געשעענישן. אצינד האָב איך פאר דיר א גוטע בשורה. מיטוואָך אין אָוונט (8 סעפּטעמבער) זענען מיר אלע געזעסן זיבן אזייגער ביים ראדיאָ.

איטאליע האָט באדינגונגסלאָז קאפּיטולירט!!!

אכט אזייגער האָבן מיר געהערט די האָלענדישע טראנסלאַציע פון לאָנדאָן:

„ליבע צוהערער! ווען איך האָב צוריק מיט א שעה פארענדיקט מיין בולעטין: לעצטע נייעס, האָבן מיר באקומען די וואונדערבארע ידיעה וועגן דער קאפיטולאציע פון איטאליע. מיין פארעלטערטן באריכט האָב איך מיטן גרעסטן פארגעניגן אריינגעוואָרפן אין קויבער!“.

ס'ווערט געשפילט Good save the King, דער אמעריקאנער הימן און דער אינטערנאציאָנאל. דער ראדיאָפּאָסטן איז געווען דערקוויקנדיק ווי תמיד, אָבער נישט צו אָפּטימיסטיש.

מיר האָבן אויך יסורים פון קאָפּהויסן. דו ווייסט דאָך אז מיר האָבן אים זייער ליב. כאָטש ער איז אָפט קראנק און ליידט זיך אָן אסך ווייטיקן. טאָר נישט עסן קיין סך, און נישט ארומלויפן, מוז זיך שאנעווען, ער איז פונדעסטוועגן תמיד פריילער, האַ־ציק און אויפגעלייגט.

— ווען הער קאָפּהויס קומט ארײַן אין שטוב, גייט אויף די זון, האָט די מאמע אנומלט געזאָגט. און זי איז טאקע גערעכט. אצינד דארף מען אים מאכן א שווערע דארם־אָפּעראציע און ער וועט מוזן ליגן אין שפּיטאָל כאָטש פיר וואָכן. האָסט געמעגט זען וויאזוי ער האָט זיך פון אונדז געזעגנט. נישט ווי איינער וואָס גייט אין שפּיטאָל אריין, נאָר ווי גלייך ער וואָלט געגאנגען עפּעס איינקויפן.

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 16. סעפּטעמבער 1943.

ליבע קיטי!

וואָס לענגער ס'געדויערט אלץ ערגער ווערן די באציונגען צווישן אונדז. ביים טיש וואגט קיינער נישט צו עפענען דאָס מויל. (חוץ פארשטייט זיך, צום עסן), ווייל וואָס מ'זאָל נישט זאָגן ווערט פארשטאנען קאפויער. איך נעם איין יעדן טאָג וואלעריאַן־פּילן, קעגן מיינע דעפּרעסיעס, אָבער דאָס העלפט נישט: דעם אנדערן טאָג איז מיין שטימונג נאָך ערגער. איינמאָל לאכן פון גאנצן הארצן וואָלט מיר גיכער געהאָלפן ווי צען פון די ווייסע קליינע פּילעכלעך. אָבער מיר האָבן שוין כמעט

פֿאַרגעסן ווי מען לאַכט. אייניקע מאָל האָב איך מורא, אַז נאָך אָט דער שווערער צייט וועל איך ווערן שטאַרק מיאוס, מיט אַ פֿאַרקרימט מויל און קנייטשן אויפֿן שטערן. די אַנדערע גייט עס אויך ניט בעסער. אַלע שרעקן זיך פֿאַרן ווינטער.

נאָך עפּעס וואָס מאַכט אונדז אָפּהענטיק, איינער פֿון די אַרבעטער פֿונעם לאַגער, מ. האָט עפּעס אַ חשד אויפֿן הינטערהויז. דאָס וואָלט נאָך גאָרנישט געווען, ווען ער זאָל נישט זיין אַזוי נייגיריק און ווען ער זאָל זיך לאָזן אָפּ=פּטורן פּשוט מיט ווערטער. מיר ווייסן אויך נישט ווי ווייט פֿאַרלעסלעך ער איז.

אַנומלט האָט קראַלער געוואָלט זיין באַזונדערס פֿאָרזיכטיק, האָט ער גענומען צען מינוט פֿאַר איינס דעם קאַפּעליוש און דעם שטעקן און איז אַריבערגעגאַנגען אין דער דראָגעריע פֿון אַקעגנאיבער. פֿינף מינוט שפּעטער איז ער ווידער צוריקגעקומען און האָט זיך אַריינגעגנבעט צו אונדז דורך דער הינטער טרעפּ. אַ פֿערטל אויף צוויי האָט ער געוואָלט אַוועקגיין, עלי האָט אים אָבער צוריקגעהאַלטן, ווייל מ. האָט זיך באַזעצט אונטן אין קאָנטאָר. קראַלער איז צוריקגעקומען און איז געבליבן ביי אונדז ביז האַלב צוויי. דאַן האָט ער גענומען די שיך אין די הענט און איז אַראָפּגעלאָ... אין די זאָקן ביז צו דער טיר פֿון דעם פֿאָדערשטן אַריינגאַנג, ער האָט פֿאָרזיכטיק באַלאַנסירט איבער יעדן טרעפּל און איז דאַן פֿון דער גאַס ווידער אַריינגעקומען אין ביוראָ. עלי, וועלכע האָט אינצווישן מיט עפּעס אַ תירוץ אַרויסגעשיקט מ. פֿונעם ביוראָ, איז געקומען באַריכטן קראַלערן. ער איז שוין אָבער געהאַט אַוועקגעגאַנגען. וואָס זאָלן האָבן געטראַכט די מענטשן, וואָס האָבן געזען ווי דער הער טוט זיך אָן די שיך אויף דער גאַס? הא, אַ הער אין זאָקן!

דיין אַנאַ.

מיטוואָך, 29. סעפּטעמבער 1943.

ליבע קיטי!

פֿרוי וואַן דאַן האָט געבוירנטאָג. מיר האָבן איר געשענקט חוץ קעז, פֿלייש, אַ ברויט=קאַרטע, אויך אַ גלאָז מאַרמעלאַד. פֿון איר מאַן, פֿון דיסעלן און פֿון אונדזערע ליבע באַשיצער, האָט זי אויך באַקומען, חוץ בלומען, עסנוואַרג. דאָס איז אַ צייכן פֿון דער צייט!

עלי האָט די וואָך כמעט באַקומען א נערוון־שאָק. זי מוז די גאַנצע צייט אַרומלויפן, כדי עפּעס צו ברענגען און כמעט תמיד שיקט מען זי צוריק, ווייל זי האָט, כלומרשט, געבראַכט פּונקט דעם היפּוך. אַז מען גיט אַ טראַכט וויפל אַרבעט זי האָט אין ביוראָ, אַז קאָפּהויס איז קראַנק און מיפּ ליגט אינדערהיים פאַרקילט, און זי אַליין האָט אַן אויסגעווייכנטן פוס און נאָך דערצו צרות פון ליבע און אַ טאַטע, וואָס איז נישט מסכּים מיטן שידוך, קאָן מען פאַרשטיין, אַז אַמליבסטן וואָלט זי זיך אַרויסגעריסן די האָר פון איר קאָפּ. מיר האָבן זי געטרייסט און איר געראָטן זי זאָל וואָס אָפטער זאָגן, אַז זי האָט פשוט קיין צייט נישט, וועט די רשימה פון באַשטעלונגען שוין ווערן קלענער.

מיט די וואַן דאַנס איז מין הסתם שוין ווידער עפּעס געשען. דער טאַטע איז, איך ווייס נישט פאַרוואָס, זייער אין כּעס. באַלד וועט עס ווידער דונערן און בליצן. וואָלט איך נאָר נישט געדאַרפט זיין דערביי, וואָלט איך נאָר געקאָנט אַוועק! זיי מאַכן אונדז אַלע משוגע!

דיין אַנאַ.

זונטיק, 17. אָקטאָבער 1943.

ליבע קיטי!

קאָפּהויס איז דאַנקען גאָט שוין ווידער דאָ. ער זעט אויס זייער בלייך. אָבער ער גייט שוין צו דער אַרבעט און באַמיט זיך צו פאַרקויפן בגדים פאַר די וואַן דאַנס. דאָס איז זייער פיינלעך, אָבער זייער געלט האָט זיך אויסגעלאָזט. די פרוי וואַן דאַן וויל גאָרנישט אוועקגעבן פון אירע זאַכן, און זיין אַנצוג קאָן מען שווער פאַרקויפן, ווייל ער מאָנט פאַר אים אַ הויכן פּרייז. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ס'איז געווען אַ מעשה מיטן פּעלץ־מאַנטל! וועגן דעם איז ביי זיי אויבן געווען אַ שרעקלעכער קראַך, נאָך וועלכן זיי האָבן זיך איבערגעבעטן און מען קאָן שוין אַצינד הערן:

— אוי; ליבסטער פּוטי!

— יאָ, קערלי, מיין שאַץ!

ס'דרייט זיך מיר שוין דער קאָפּ פון די קריגערייען און פון די מיאוסע ווערטער, וואָס שוועבן דערביי אַרום אין אונדזער

בכבודיק הויז. דער טאטע לויפט ארום מיט צונויפגעפרעסטע
ליפן, און אז מען זאָגט אים עפעס, דערשרעקט ער זיך און מיינט
אז ס'איז שוין ווידער עפעס געשען, וואָס פאָדערט פון אים ער
זאָל זיך אריינמישן און מאכן שלום.
די מאמע באקומט פון אויפרעגונג רויטע פלעקן אויף די
באקן, מארגאָ קלאָגט, אז זי האָט קאָפווייטיק, דיסעל קאָן נישט
שלאָפן, די פרוי וואן דאן זיפצט א גאנצן טאָג און איך קאָן
מיר נישט געפונען קיין אָרט. דעם אמת געזאָגט: צומאָל פאר=
געס איך ווער מיט וועמען ס'איז ברוגז און מיט וועמען מען
פארטראָגט זיך. די איינציקע צעשטרייונג איז ארבעט, און איך
ארבעט.

דיין אנא.

פרייטיק, 29. אָקטאָבער 1943.

ליבע קיטי!

ס'איז שוין ווידער געווען א קראך צווישן די וואן דאנס. די
מעשה איז געווען אזוי: איך האָב אנומלט געשריבן, אז זיי
האָבן נישט מער קיין געלט. איינמאָל האָט קאָפהוים גערעדט
פון א באקענטן פעלץ=הענדלער. אזוי ארום אז דעם הער וואן
דאן איינגעפאלן, צו פארקויפן זיין ווייבס פעלצמאנטל. ס'איז
א פעלץ פון קרוליקעס, וואָס זי האָט אים שוין געטראָגן 17 יאָר,
און זיי האָבן פאר אים באקומען 375 גולדן. דאָס איז אסך
געלט! די פרוי וואן דאן האָט אוודאי געוואָלט דאָס גאנצע
געלט פאר זיך, כדי שפעטער צו קויפן נייע זאכן. ס'האָט גע=
קאָסט אסך מי, ביז איר מאן האָט זי איבערצייגט, אז דאָס
געלט דארף אומבאדינגט באנוצט ווערן פאר דער שטוב. דו
קאָנסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלן דאָס שעלטן, שרייען, טופען
מיט די פיס... ס'איז אויף איינעם געפאלן א פחד. מיר פיר
זענען געשטאנען מיט איינגעהאלטענעם אָטעם ביי די טרעפ,
גרייט די הענער צו צעטיילען. אזעלכע סצענעס רעגן מיך אזוי
אויף, אז איך ליג אויפדערנאכט וויינענדיק אין בעט, צופרידן
וואָס איך בין ענדלעך אליין.
הער קאָפהוים מוז ווידער בלייבן אינדערהיים. זיין מאָגן
לאָזט אים נישט צורו, און מען ווייסט נאָך נישט זיכער צי די

בלוטונג האָט זיך אָפּגעשטעלט. צום ערשטן מאָל האָבן מיר אים געזען דעפּרימירט. ווען ער האָט אונדז דערציילט אַז ער פילט זיך שלעכט און מוז אהיים גיין.

מיר גייט עס גאַנץ גוט, אָבער איך האָב נישט קיין אַפּעטיט. מ'זאָגט מיר אַלץ: „דו זעסט שלעכט אויס!“.

איך מוז צוגעבן אַז מײַן משפּחה גיט זיך די גרעסטע מי כדי מיך צו דערהאַלטן געזונט און שטאַרק. דערפאַר גיט מען מיר טרויבנצוקער, הייוון, קאַלציום, פיש-אייל א. אז. וו.

צום באַדויערן קאָן איך נישט תמיד באַהערשן מײַנע נערוון. זונטיק פיל איך דאָס מער ווי תמיד. אין גאַנצן הויז איז די שטימונג א געדריקטע, א שלעפעריקע און א בלייערנע. מ'הערט קוים א גערויש פון דרויסן, אין שטוב איז דושנע צום דער-שטיקן.

איך פיל ווי גלייך ס'ציט מיך אַראָפּ א שווערע לאַסט. אין אַזאַ צייט גייען מיך נישט אָן נישט דער טאַטע, נישט די מאַמע און נישט מאַרגאָ. איך בלאָנקע אַרום אין שטוב פון איין צימער אין אַנדערן, די טרעפּ אַרויף, די טרעפּ אַראָפּ. איך פיל מיך ווי א זינגפייגעלע מיט אונטערגעשניטענע פליגל, וואָס פליט אין דער טונקל און שלאָגט זיך אָן אין די גראַטעס פון אן ענגער שטייג.

„אַרויס, אַרויס“, רופט עס אין מיר, „איך בענק נאָך לופט און לאַכן!“.

אָבער איך ווייס, קיין ענטפער אויז נישט פאַראַן. און לייג מיך שלאָפן, כדי צו קירצן אָט די צייט פון שטילקייט און שרעקלעכן פחד.

דײַן אַנאַ.

מיטוואָך, 3. נאָוועמבער 1943.

ליבע קיטי!

דער טאַטע, וואָס טראַכט שטענדיק אונדז צו פאַרווײַלן און אין דערזעלבער צייט אונדז אויסצובילדן, האָט באַשטעלט א פּראָספּעקט פון אן אינסטיטוט פאַר עקסטערנע קורסן. מאַרגאָ האָט שוין דרײַמאָל דורכשטודירט דעם גראָבן בוך און האָט

נישט געפונען עפּעס פּאסיקס. נישט לויט איר געשמאק און נישט לויט איר קעשענע. דער טאטע האָט אָבער באשטעלט א פּראָבע־לעקציע: לאטיין פאר אָנפאנגער. מארגאָ האָט זיך תיכף גענומען צו דער ארבעט מיט באגייסטערונג, און האָט אויך תיכף באַשטעלט דעם גאנצן קורס. פאר מיר איז ער לוידער צו שווער. איך וואָלט אויך גערן געלערנט לאטיין.

כדי איך זאָל לערנען עפּעס נייעס, האָט דער טאטע געבעטן קאָפּהויסן ער זאָל זוכן א קינדער־ביבל, אז איך זאָל מיך באַקענען מיט דעם נייעם טעסטאמענט.

— דו ווילסט אנאן שענקען א ביבל אויף חנוכה? האָט מארגאָ פארוואונדערט געפרעגט.

— יאָ,... הם... מיר דאכט זיך, צו דעם יום־טוב פון הייליקן ניקאָלאוס וואָלט עס זיך בעסער געפּאסט. יעזוס פּאסט נישט צו חנוכה, האָט דער טאטע געענטפערט.

דער שטויבזויגער איז קאליע געוואָרן. אצינד מוז איך יעדן אָוונט רייניקן דעם טעפּיך מיט אן אלטער בארשט, ביי געשלאָסענע פענצטער, אין דער שטיקנדיקער לופט און ביי עלעקטריש ליכט!

„פון דעם וועט קיין גוטס נישט ארויסקומען“, האָב איך מיר געטראכט. די מאמע האָט באקומען קאָפּווייטיק פונעם שטויב. דער טעפּיך איז אלץ געבליבן שמוציק און דער טאטע איז געווען ברוגז, וואָס ס׳איז אזא הקדש. שוין א וועלט אזא, פאר ברויט צאָלט מען מיט שטיינער!

דערווייל קריגט מען זיך נישט. אָבער דיסעל איז ברוגז מיט די וואן דאנס. אז ער רעדט וועגן דער פרוי וואן דאן, זאָגט ער נאָר „די נארישע קו“ אָדער „די אלטע ציג“. זי ענטפערט אים אָפּ מיט: „אלטער בחור“, „פריקרע בורלאק!“

„איין אייזל זאָגט דעם אנדערן חמור!“

דיין אנא.

מאָנטיק אָוונט, 8. נאָוועמבער 1943.

ליבע קיטי!

אז דו וועסט אמאָל איבערלייענען מיינע בריוו נאָכאנאנד, וועסטו באמערקן אין וואָס פארא פארשידענע שטימונגען זיי זענען געשריבן. ס׳איז נאריש, וואָס איך בין דאָ, אין הינטערהויז, אָפּהענגיק פון שטימונגען. אָבער נישט נאָר איך, אלע זענען

מיר אזוי. אז איך לייען א ביכל און בין שטארק באיינפלוסט פון אים, מוז איך קודם אָרדענען מיינע געדאנקען, כדי די אנדערע זאָלן נישט מיינען, אז איך בין צעדרייט. דו באמערקסט ווידער, אז איך געפון מיך אין א שרעקלעך געדריקטער שטימונג. פארוואָס, ווייס איך נישט, ס'זענען נישט פאראן קיין סיבות. איך מיין אָבער, אז דאָס איז א געוויסע פחדנות וואָס איך קאָן צייטווייליק נישט גובר זיין. היינט אויפדערנאכט בעת עלי איז נאָך געווען דאָ, האָט מען לאנג און שארף געקלונגען. איך בין געוואָרן בלייך ווי די וואנט, ס'האָט מיר אָנגעהויבן ווייטון דער קאָפּ און דער גאנצער גוף און איך בין כמעט אויסגעגאנגען פאר שרעק. ביינאכט אין בעט האָב איך שרעקלעכע קאָשמארן. איך זע מיך אליין אין תפיסה אָן טאטע-מאמע. אייניקע מאָל בלאָנקע איך ערגעץ ארום, אָדער איך זע אונדזער הינטערהויז אין פלאמען, אָדער אז זיי קומען ביינאכט אונדז אוועקנעמען.

איך פיל דאָס אלץ ווי ס'וואָלט געווען ווירקלעכקייט און קאָן נישט פּטור ווערן פונעם געדאנק, אז אָט מוז עפּעס שרעקלעכס געשען. מיפּ זאָגט אָפּטמאָל, אז זי איז אונדז מקנא, ווייל מיר לעבן דאָ רויק. אין פּרינציפּ איז זי גערעכט, אָבער זי טראכט נישט וועגן דעם וואָס מיר לעבן שטענדיק אין פּחד. איך קאָן מיר כמעט נישט פאָרשטעלן, אז די וועלט וועט נאָך אמאָל זיין פאר אונדז ווי זי איז געווען. איך זאָג טאקע זייער אָפט: „נאָך דער מלחמה!“ אָבער דאָס איז אזוי ווי גלייך איך וואָלט גערעדט פון לופט-שלעסער, וועגן עפּעס וואָס קאָן קיינמאָל נישט פארווירקלעכט ווערן. וועגן אונדזער אינדערהיים, וועגן די חברטעס, וועגן דער שול מיט אירע פרייד און לייד, וועגן אלץ וואָס איז געווען, טראכט איך ווי גלייך נישט איך, נאָר אן אנדערער האָט דאָס איבערגעלעבט!

איך זע אונדז אכט דאָ אין הינטערהויז, ווי גלייך מיר וואָלטן געווען אויף א בלויען שטיקל הימל, צווישן שווערע, טונקלע כמארעס. אונדזער אָרט איז נאָך דערווייל זיכער, אָבער די כמארעס ווערן אלץ געדיכטער און דער רינג, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון דער געפאר, ווערט אלץ ענגער. מיר זענען אזוי איינגעהילט אין פינצטערניש, אז מיר שלאָגן זיך אָן איינער אין אנדערן אין דעם פארצווייפלטן דראנג צו פרייהייט. מיר זעען ווי די מענטשן קעמפן אונטן און קוקן ארויף צו גליק און רו, מיר אָבער זענען אָפּגעטיילט מיט אן אומדורכדרינגלעכער וואנט, וואָס

פֿאַרשפּאַרט אונדז דעם וועג, וואָס רינגלט אונדז אַרום, וואָס וועט אונדז צעשמעטערן וויאַזוי ס'וועט נאָר קומען די צייט, און איך קאָן נאָר רופֿן און בעטן: „אָ רינג, רינג, עפֿן דיך פֿאַר אונדז!“.

דיין אַנאַ.

דאָנערשטיק, 11. נאָוועמבער 1943.

ליבע קיטי!

א לויבגעזאַנג צו מיין פּולפּעדער
„זכרונה לברכה“.

מיין פּולפּעדער איז ביי מיר תמיד געווען א טייערער אוצר. איך האָב זי ליב געהאַט דערפֿאַר, ווייל זי האָט געהאַט א קיילעכ־דיקן שפּיץ און איך קאָן נאָר שרייבן מיט אַזא מין פּען. זי האָט געהאַט א לאַנג און אינטערעסאַנט פּולפּעדער־לעבן; דאָס וויל איך טאַקע באַשרייבן.

ווען איך בין אַלט געווען ניין יאָר, האָב איך באַקומען די פּולפּעדער (איינגעוויקלט אין וואַטן), „אַלס מוסטער אָן ווערט“. די שיינע מתנה האָט מיר געשיקט מיין באָבע, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין אַכען. איך בין דעמאָלט געלעגן קראַנק אויף גריפּע; אינדרויסן האָט געוואָיעט א פֿעברואַר ווינט. די באַרימטע פּול־פּעדער איז געלעגן אין א רויט לעדער־שאַכטל. איך האָב זי תיכף געוויזן אַלע מיינע חברטעס און באַקאַנטע. איך, אַנאַ פֿראַנק, בין די באַזיצערין פֿון א פּולפּעדער!

ווען איך בין אַלט געוואָרן צען יאָר, האָב איך זי געמעגט מיט־נעמען אין שול אריין און די לערערין האָט מיר דערלויבט צו שרייבן מיט איר.

אָבער אַז איך בין אַלט געוואָרן עלף יאָר, האָב איך געמוזט מיין אוצר לאָזן אינדערהיים, ווייל די לערערין פֿונעם זעקסטן קלאַס האָט דערלויבט צו שרייבן נאָר מיט פּשוטע טינט און פּעדער.

ווען איך בין אַלט צוועלפֿיאָריקע געקומען אין יידישן ליצײ, האָב איך באַקומען א ניי שאַכטל מיט איין אָרט פֿאַר א בליי־שטיפֿט. דאָס האָט שוין געמאַכט א באַזונדערן רושם, ווייל ס'האָט זיך פֿאַרמאַכט מיט א פֿערמואַר.

און אז איך בין אלט געוואָרן דרייצן יאָר, איז די פּולפּעדער געקומען מיט מיר אין הינטערהויז און מיך געטריי באַגלייט צו דיר און ביי מיין אַרבעט. אַצינד בין איך שוין אַלט פערצן יאָר און די פּולפּעדער האָט מיט מיר פאַרבראַכט דאָס לעצטע יאָר אינאיינעם.

פריטיק נאָכמיטאָג בין איך אַרויס פון מיין צימער און האָב געוואָלט מיך זעצן ביים טיש, כדי צו שרייבן, מ'האָט מיך אָבער אָן רחמנות אוועקגערוקט, ווייל מאַרגאָ און דער טאַטע האָבן געלערנט לאַטיין. די פּולפּעדער איז געבליבן ליגן אויפן טיש, און די איינגעטימערן פון דער פּעדער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל ביים טיש און זיפּצנדיק „געריבן פּאַסאָליעס", דאָס הייסט, פאַרשימלטע פּאַסאָליעס ווידער ריין געמאַכט.

דריי פערטל אויף זעקס האָב איך אויסגעקערט און האָב אַריינגעוואָרפן דאָס מיסט אינאיינעם מיט די רעשטלעך פון פּאַסאָליעס אין אויוון אַריין. אַ שטאַרקער פלאַם האָט מיר אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין און איך האָב מיך געפרייט וואָס דאָס כמעט אָפּגעלאָשענע פייער האָט זיך ווידער צעברענט. די „רוימער" זענען אוועקגעגאַנגען און איך האָב מיך געקאָנט אַוועקזעצן צום טיש צו מיין אַרבעט. אָבער איך האָב געזוכט און נישט געקאָנט געפונען מיין פּולפּעדער. איך האָב געזוכט, מאַרגאָ האָט מיר געהאָלפן זוכן, און די מאַמע, דער טאַטע און דיסעל האָבן אויך געזוכט — אָבער מיין פען איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— אפשר איז זי אינאיינעם מיט די פּאַסאָליעס אַריינגעפאַלן אין אויוון? — האָט געפרעגט מאַרגאָ.

— ניין, נישט מעגלעך — האָב איך געענטפערט. אָבער אַז מיין פּולפּעדער האָט זיך ביז אויפדערנאַכט נישט באַוויזן, זענען מיר געווען כמעט זיכער אַז זי איז פאַרברענט געוואָרן, בפרט ווייל צעלולויד ברענט אַזוי גוט. און באמת האָט זיך די טרויעריקע השערה טאַקע באַשטעטיקט דעם אַנדערן טאָג, ווען דער טאַטע האָט געפונען רעשטלעך פון דער פּעדער אין אַש. פון דער גאָלדענער פען איז קיין סימן נישט געבליבן. „מין הסתם צעשמאָלצן געוואָרן", — האָט געזאָגט דער טאַטע. איין טרייסט האָב איך געהאַט, הגם אַ זייער טרויעריקע: מיין פּולפּעדער איז פאַרברענט געוואָרן; נאָכן טויט וואָלט איך געוואָלט מען זאָל מיט מיר אויך אַזוי טון!

דיין אנא.

**מיטוואָך, 17. נאָוועמבער 1943.**

ליבע קיטי!

גרויסע פארענדערונגען. ביי עלין אינדערהיים הערשט דיפטעריע, און זי טאָר נישט קומען צו אונדז זעקס וואָכן! הוץ דעם וואָס ס׳טוט אונדז פערזענלעך וויי, האָבן מיר שוועריקייטן וואָס נוגע שפייז און אנדערע באזאָרגונגען! הער קאָפּהויס ליגט אין בעט און קאָן שוין זייט דריי וואָכן נישט עסן עפּעס אנדערש ווי מילך און קאשע. קראַלער איז זייער באשעפטיקט!

מארגאָ האָט צוגעשיקט אירע לאטייניש לעקציעס, כדי א לערער זאָל זיי קאָריגירן. ער וויזט אוים צו זיין ליב און גייסטרייך און וועט זיך מין הסתם פרייען צו האָבן אזא גוטע שילערן. די קאָרעספּאָנדענץ גייט אויף עלים נאָמען.

דיסעל איז גאנץ מבולבל. קיינער ווייסט אייגנטלעך נישט פארוואָס. ס׳האָט אָנגעהויבן דערמיט, וואָס ער רעדט נישט מיט הער און פרוי וואן דאן. דאָס איז יעדן אויפגעפאלן און נאָך עטלעכע טעג האָט אים די מאמע געזאָגט, ער זאָל נישט אָנארבעטן עפּעס אן אומגליק. די פרוי וואן דאן איז אימשטאנד דערפון צו מאכן מער ווי ס׳איז. דיסעל מיינט, אז דער הער וואן דאן האָט אים אָנגעהויבן צו איגנאָרירן און מיט אים נישט צו רעדן, און ער האָט אפילו נישט בדעה זיך איבערצובעטן. אצינד דארפסטו וויסן אז נעכטן איז געווען דער 16=טער נאָוועמבער, א יאָר זינט דיסעל איז צו אונדז געקומען. די מאמע האָט מיט דער געלעגנהייט באקומען פון אים בלומען. די פרוי וואן דאן האָט אין די לעצטע וואָכן געגעבן אָנצוהערן, אז ביי אזא געלעגנהייט דארף דיסעל געבן כיבוד. ער האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאכט. אָנשטאָט צו דאנקען פאר דער אומייגנוציקייט מיט וועלכער מ׳האָט אים אויפגענומען, האָט ער געשוויגן.

ווען איך האָב אים אינדערפרי געפרעגט, צי איך זאָל אים גראטולירן אָדער קאָנדאָלירן, האָט ער געענטפערט אז אים איז אלץ איינס. די מאמע, וואָס האָט געוואָלט שפּילן דעם רודף שלום, האָט אויך גאָרנישט אויפגעטון און אלץ איז געבליבן ווי ס׳איז געווען.

דיין אנא.

שבת, 27. נאָוועמבער 1943.

ליבע קיטי!

נעכטן אויפדערנאַכט, פאַרן אנטשלאָפֿן ווערן, איז מיר פלוצים געשטאַנען דאָס בילד פון ליז פאַר די אויגן.

זי איז געשטאַנען איינגעהילט אין שמאַטעס, מיט א מאָגער, איינגעפאַלן פּנים. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע טרויעריקע אויגן, ווי גלייך זי וואָלט מיר פאָרגעהאַלטן: „א״א, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט? העלף מיר! ראַטעווע מיך פון אָט דעם גהינום!“

און איך קאָן איר נישט העלפן, איך מוז צוקוקן ווי אנדערע מענטשן ליידן און שטאַרבן, און קאָן גאָר בעטן צו גאָט, ער זאָל זיי דערהאַלטן ביים לעבן. גראָד ליז האָב איך געזען, ווייטער קיינעם נישט, און איך פאַרשטיי פאַרוואָס. איך האָב זי פאַלש אָפּגעשאַצט, איך בין נאָך געווען צו קינדיש, כדי צו פאַרשטיין אירע זאָרגן. זי האָט געקלעפּט צו איר חברטע און האָט מורא געהאַט, אז איך וויל זי ביי איר צונעמען. זי האָט מין הסתם דערפון אסך געליטן! איך קען דאָס געפיל אויך גאַנץ גוט!

איך האָב צומאָל געטראַכט וועגן איר, אָבער דאַן האָב איך מיך עגאָאיסטיש ווידער אומגעקערט צו מיינע פאַרגעניגנס און זאָרגן.

איך האָב מיאוס געהאַנדלט, און אַצינד קוקט אויף מיר איר בלייך פּנים מיט בעטנדיקע אויגן, אזוי טרויריק, אוי... ווען איך קאָן איר העלפן!

אוי גאָט, איך האָב דאָ אַלץ וואָס איך ווינטש מיר און זי איז אויסגעזעצט דעם האַרטן גורל! זי איז געווען, לכל הפחות, אזוי פרום ווי איך, זי האָט געוואָלט תמיד נאָר גוטס טון. פאַרוואָס דאַרף איך לעבן און זי אפשר שטאַרבן? וואָס פאַרא חילוק איז געווען צווישן אונדז? פאַרוואָס זענען מיר אזוי צעשיידט?

דעם אמת געזאָגט, האָב איך טעלעכע חדשים, כמעט א יאָר, וועגן איר נישט געטראַכט. פאַרגעסן אינגאַנצן האָב איך זי קיינמאָל נישט, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט א ז ו י געטראַכט צו איר, א ז ו י ווי אַצינד, ווען איך האָב געזען איר אומגליק.

אוי, ליז, איך האָף אז אויב דו וועסט איבערלעבן די מלחמה, וועסטו ווינען ביי אונדז, כדי איך זאָל מיר אויסקויפן מיינע זינד קעגן דיר.

אָבער דעמלט, ווען איך וועל איר קאָנען העלפן, ווען זי מער נישט דארפן מיין הילף. צי טראכט זי נאָך אמאָל וועגן מיר? וואָס פילט זי?

גאָט מיינער, העלף איר, פארלאָז זי נישט! ווען איך קאָן איר נאָר זאָגן, אז איך טראכט צו איר מיט ליבע און מיט געפיל. אפשר וואָלט איר דאָס געגעבן כוח אריבערצוטראָגן די צרות. איך טאָר נישט מער טראכטן וועגן דעם. תמיד זע איך פאר מיר אירע גרויסע אויגן, וואָס ווענדן זיך נישט אָפּ פון מיר. גלויבט טאקע ליז פונעם הארצן, צי האָט מען זי דערצו געצווונגען? דאָס ווייס איך נישט, איך האָב זי קיינמאָל נישט געפרעגט. ליז, ליז, וואָלט איך געקאָנט דיך צוריקברענגען, וואָלט איך געקאָנט מיט דיר טיילן אַלץ וואָס איך געניס דאָ! ס'איז שוין צו שפּעט, איך קאָן נישט מער העלפן און גוט מאכן, וואָס איך האָב דעמלט פארזאָמט, אָבער איך וועל אין איר קיינמאָל נישט פארגעסן און וועל תמיד פאר איר בעטן!

דיין אנא.

מיטוואָך, 22. דעצעמבער 1943.

ליבע קיטי!

א שווערע גריפּע האָט מיך געשטערט דיר רעגולמעסיק צו שרייבן. דאָ קראנק צו זיין, איז כמעט א קאטאסטראָפע. ווען ס'איז מיר אָנגעקומען צו הוסטן האָב איך מיך באהאלטן אונטער דער קאָלדרע און געפּרוווט מיין האלדז צו בארויקן, דאָס קראצן האָט אָבער נישט אויפגעהערט ביז איך האָב נישט געטרונקען מילך מיט האָניק און געגומען פילן. ווען איך טראכט נאָך צו די רפואות וואָס איך האָב געמוזט איינעמען, פארדרייט זיך מיר דער קאָפּ. שוויצן, קאָמפּרעסן צום האלדז, נאסע און טרוקענע האנטוכער צו דער ברוסט, הייסע געטראנקען, שטיל ליגן, גאָרגלען, פּינדזלען, ווארעם-פלעשער און אלע צוויי שעה מעסטן די טעמפּעראטור. צי קאָן מען אויף דעם אופן געזונט ווערן? דאָס ערגסטע אָבער איז געווען, וואָס הער דיסעל האָט געשפּילט דעם דאָקטער און האָט זיין אָנגעשמירטן קאָפּ מיט פּאָמאדע, צוגעלייגט

צו מיין נאקעטער ברוסט, כדי פעסטצושטעלן צי מ'הערט עפּעס. ערשטנס קיצלען מיך שרעקלעך זיינע האָר, און צווייטנס שעם איך מיך, כאָטש ער האָט באמת צוריק מיט דרייסיק יאָר שטו־דירט מעדיצין און האָט דעם דאָקטער־טיטל. וואָס האָט ער צו זוכן ביי מיין האַרץ? ער איז דאָך נישט מיין געליבטער! וואָס ס'גייט דאָרט אינעווייניק פאָר, צי ס'איז געזונט צי נישט, קאָן ער סיי־ווי־סיי נישט וויסן. און חוץ דעם וואָלט ער געדאַרפט זיך קודם אויספּוצן די אויערן, ווייל ער איז דאכט זיך אביסל טויבלעך!

גענוג פון דער קרענק, איך בין ווידער געזונט. איך בין אויס־געוואקסן נאָך מיט א צענטימעטער און האָב צוגענומען צוויי פונט. איך בין טאקע נאָך בלייך. אָבער פול מיט אימפּעט און פריי מיך, וואָס איך קאָן ווידער ארבעטן.

קיין סך נייעס איז אין דער צייט אויך נישט פאָרגעקומען. אציגד לעבן אלע בשלום, א זאך וואָס טרעפט זיך זעלטן. ס'האָט זיך קיינער נישט געקריגט. שוין כמעט א האלב יאָר איז נישט געווען אזוי שטיל.

עלי טאָר נאָך אלץ נישט קומען צו אונדז. צו די ווייניאכטן האָבן מיר באקומען א צוגאָב פון: בוימל, זיסוואַרג און סיראָפּ פאָרן ברויט מיט פּוטער. א שיינע מתנה איז אויך די שיין פּאָלירטע בראָש, אויסגעארבעט פון א 2,1/2 סענט-מטבע. דיסעל האָט געשענקט דער מאמען און דער פרוי וואן דאן, א טאָרט, וואָס מיפּ האָט געבאקן אויף זיין פארלאנג. נאָך דאָס האָט איר געפעלט, טאָמער האָט זי אזוי ווייניק ארבעט. איך האָב אויך עפּעס פאר מיפּן און עלין: שוין צוויי חדשים לייג איך אוועק דעם צוקער, וואָס איך באקום צו דער קאשע און הער קאָפהוים ועט פון דעם לאָזן מאכן צוקערלעך.

דאָס וועטער איז שלעפעריק, דאָס אויוועלע רויכערט, דאָס עסן דריקט אונדז אויפן מאָגן. דאָס דערקענט מען אויך פון די אומ־עסטעטישע קלאנגען.

די מלחמה שטייט אויף אן אָרט...
די שטימונג איז א געדריקטע!

דיין אנא.

פרייטיק, 24. דעצעמבער 1943

ליבע קיטי!

איך האָב אָפטמאָל דערפון גערעדט, אז מיר ליידן דאָ אלע פון געדריקטער שטימונג. מען קאָן נאָר זאָגן: Himmelhoch jauchzend, zu Tode betrübt איך יובל צום הימל ווען איך טראכט, ווי גוט ס'איז אונדז דאָ, בפרט אין פארגלייך מיט אנדערע יידן. „צ.ם טויט פארביטערט“... יאָ, ס'כאפט מיך אָן א שרעק, ווען איך הער ווי דאָס לעבן אין דרויסן גייט ווייטער. פרוי קאָפּהויס איז היינט דאָ געווען און האָט דערציילט, אז איר טאָכטער קארי טרייבט ספּאָרט, קאנאָטאזש מיט חברטעס, און שפּילט טעאטער. איך בין זי נישט מקנא, אָבער אז איך הער דערפון, וואָלט איך אזוי גערן געוואָלט מיטמאכן, זיך פרייען אינאיינעם מיט אנדערע, פריי און גליקלעך לאכן! פונקט איצט אין דער שיינער פעריענצייט, ווייַנאכט און ניי־יאָר, זיצן מיר דאָ ווי פארשטויסענע.

אייגנטלעך וואָלט איך נישט געטאָרט אזוי שרייבן, דאָס קאָן אויסזען ווי אומדאנקבארקייט און ס'איז אויך איבערגעטריבן. אָבער דו מעגסט וועגן מיר טראכטן וואָס דו ווילסט... איך קאָן נישט איינהאלטן די ווערטער אין מיר און זאָג נאָכאמאָל, וואָס איך האָב שוין געזאָגט ביים אָנהויב: „פאפּיר איז געדולדיק!“

אז ס'קומט עמיצער פון דרויסן מיט דעם ריח פון ווינט אין די קליידער און מיט רויטע פארפרוירענע באקן, וואָלט איך דעם קאָפּ באהאלטן אונטער דער קאָלדרע, כדי נישט צו שרייען: „ווען וועלן מיר שוין קאָנען ארויס אויף דער פרישער לופט אויף דער פריי!”

אָבער אויך דערמלט ווען איך באהאלט מיך נישט, פארקערט, ווען איך וויל זיין מוטיק, לאָזן די געדאנקען זיך נישט פארטריבן, זיי קומען אלץ ווידער און ווידער. גלויב מיר, אז מען לעבט אזוי פארשלאָסן אנדערטהאלבן יאָר, ווערט עס איינעם דערווידער. אפילו איך בין נישט גערעכט און אומדאנקבאר, אָבער געפילן לאָזן זיך נישט פארלייקענען. איך וואָלט געוואָלט טאנצן, פייפן, פאָרן אויפן ביציקל, זען די וועלט, געניסן מיין יוגנט, זיין פריי! דאָס זאָג איך דאָ, אָבער ארויסווייזן טאָר איך דאָס נישט. ווען מיר אלע אכט וואָלטן נאָר געקלאָגט און ארומגעגאנגען מיט פארביטערטע פנימער, ווהין וואָלט דאָס געפירט?

צומאָל טראכט איך אזוי:

„צי פֿאַרשטייט דיך עמיצער, צי זעען זיי אין דיר נאָר דאָס מיידעלע, וואָס זוכט פֿאַרגעניגנס? דאָס ווייס איך נישט און איך קאָן אויך מיט קיינעם נישט רעדן וועגן דעם, ווייל איך וועל מיך זיכער צעוויינען. און דאָך! ס׳וואָלט מיר גרינגער געוואָרן, ווען איך זאָל מיך איינמאָל קאָנען גוט אויסוויינען! נישט אין אכט גענומענדיק אַלע טעאָריעס, אַלע באַמיונגען, פֿעלט מיר יעדן טאָג די אמתע מוטער, וואָס זאָל מיך פֿאַרשטיין. דערפֿאַר טראַכט איך ביי אַלץ וואָס איך טו, אָדער וואָס איך שרייב, אַז איך וועל שפּעטער פֿאַר מיינע קינדער זיין אַזאַ מאַמע, ווי איך וואָלט געוואָלט פֿאַר מיר האָבן. אַ „מאַמס“ וואָס נעמט נישט אַזוי טראַגיש אַלץ וואָס ס׳ווערט גערעדט, אָבער וואָס פֿאַרשטייט ערנסט וואָס ס׳מאַטערט איר קינד. איך באַמערק, אַז איך קאָן מיך נישט אַזוי אויסדריקן ווי איך וואָלט געוואָלט, אָבער דאָס וואָרט „מאַמס“ זאָגט שוין אַלץ. דו ווייסט וואָס איך האָב צוגעטראַכט כדי צו רופֿן מיין מאַמע מיט אַן ענלעך וואָרט צו „מאַמס“? איך זאָג איר אָפּטמאָל „מאַנסאַ“ אָדער „מאַנס“, דאָס הייסט אַ נישט פֿולקומענע „מאַמס“. ווי גערן וואָלט איך פֿאַרביטן די „גון“ אויף אַ „מ“! מיין מאַמע פֿאַרשטייט דאָס אָבער נישט, און דאָס איז גוט, ווייל זי וואָלט געווען זייער אומגליקלעך.

געגנוג! מיין „צום טויט פֿאַרביטערט“ האָב איך מיר אַראָפּגעשריבן פֿונעם האַרצן און ס׳איז מיר באמת גרינגער געוואָרן.

דיין אַנאַ.

שבת, 25. דעצעמבער 1943.

ליבע קיטי!

היינט דעם ערשטן טאָג ווייַנאַכט, מוז איך ווידער טראַכטן צו פּים, צו דעם וואָס ער האָט מיר פֿאַראיאָרן דערציילט וועגן זיין יוגנט־ליבע. דעמלט האָב איך זיינע רייד נישט אַזוי גוט פֿאַרשטאַנען ווי היינט. ווען ער זאָל ווען נאָכאַמאָל מיט מיר רעדן, וואָלט איך אים געוויזן אַז איך פֿאַרשטיי אים.

איך מיין אַז פּים האָט וועגן דעם גערעדט, ווייל ער, וואָס טראָגט אין זיך אַזויפֿיל „פֿרעמדע סודות“, האָט אויך געוואָלט

איינמאָל זיך אראָפּרעדן פונעם הארצן, ווייל פּים רעדט קיינמאָל נישט וועגן זיך, און איך גלויב נישט אַז מארגאָ זאָל משיג זיין וואָס פּים האָט אלץ דורכגעמאכט.

דער אָרעמער פּים, מיר וועט ער נישט דערציילן אז ער האָט אלץ פארגעסן. ער וועט דאָס קיינמאָל נישט פארגעסן. ער האָט פּשוט שלום געמאכט מיט דעם געדאנק. איך האָף אז איך וועל זיין אין אים געראָטן, אָבער נישט דורכמאכנדיק דאָס אלץ.

דיין אנא.

מאָנטיק, 27. דעצעמבער 1943.

ליבע קיטי!

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך באקומען א מתנה צו ווייהנאכט. די מיידלעך, קאָפּהויס און קראלער, האָבן געהאט ווידער א וואונדערבארע איבערראשונג. מיפּ האָט געבאקן א קוכן מיט דער אויפשריפט: שלום 1944. עלי האָט ערגעץ באַקומען א פונט פארמלחמהדיקע קיכלעך. חוץ דעם האָבן מיר, פּעטער, מארגאָ און איך באקומען צו פלעשלעך יאָהורט, די דערוואקסענע האָבן באקומען צו פלעשלעך ביר. אלץ איז געווען שיין פארפּאקט, מיט פּאסיקע פּערזן אויף יעדן פּעקל.

די ווייהנאכטן זענען גיך פארביי.

דיין אנא.

מיטוואָך, 29. דעצעמבער 1943.

ליבע קיטי!

נעכטן אויפדערנאכט בין איך ווידער געווען זייער טרויעריק. די באָבע און ליז זענען געשטאנען פאר מיינע אויגן! באָבע, ליבע באָבע! מיר האָבן צו ווייניק פארשטאנען וואָס זי האָט געליטן. זי איז תמיד געווען נאָענט צו אונדז און האָט אונדז תמיד פארשטאנען. זי האָט געליטן פון א שווערער קראנקהייט. צי האָט זי דאָס געוווסט און קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט, כדי אונדז

נישט אָנצוטון קיין יסורים? די באָבע איז תמיד געווען ליב און גוט און האָט תמיד געהאט אַ עצה און אַ טרייסט־וואָרט פאַר יעדן. וואָס איך זאָל נישט געווען טון, סיי ווען, האָטו די באָבע אַלץ מוחל געווען. באָבע, האָסטו מיך באמת שטאַרק ליב געהאט, צי האָסטו מיך אויך נישט פאַרשטאַנען? דאָס ווייס איך נישט.

ווי איינזאַם האָט זיך די באָבע געמוזט פילן, כאָטש מיר זענען געווען אײנײנעם. אַ מענטש קאָן זיין איינזאַם אפילו ווען אַסך האָבן אים ליב, אויב ער האָט נישט איינעם ביי וועמען ער איז דער ליבסטער. און ליז? לעבט זי נאָך? וואָס טוט זי? אוי גאָט, דערהאַלט זי ביים לעבן און ברענג זי אונדז צוריק! ליז, ווען איך טראַכט צו דיר, זע איך וויאַזוי ס'האָט געקאָנט אויסזען מיין גורל, און איך זע מיך תמיד אויף דיין אָרט. פאַרוואָס זשע בין איך אַסך מאָל אומגליקלעכער מיט מיין לאַגע דאָ? איך וואָלט געדאַרפט זיין דאַנקבאַר און צופרידן! אַ חוץ ווען איך טראַכט צו איר און צו די וואָס האָבן אַזאַ גורל ווי זי.

איך בין אַן עגאָיסט און אַ פּחדן! פאַרוואָס חלום איך און טראַכט נאָר פון שווערע און טרויעריקע זאַכן, אַזוי אַז איך וואָלט מיך אָפּט צעשריגן? ווייל איך האָב נישט גענוג בטחון אין גאָט. ער האָט מיר אַזויפיל געגעבן, וואָס איך פאַרדין עס אַפילו נישט און איך זינדיק יעדן טאָג.

ווען מען טראַכט צו די נאָענטע וואָלט מען געדאַרפט וויינען. מ'וואָלט איינגנטלעך געדאַרפט וויינען אַ גאַנצן טאָג. ס'איז נישט פאַראַן קיין אַנדערער אויסוועג, ווי נאָר צו בעטן גאָט, ער זאָל באַווייזן אַ נס און אייניקע פון אונדז דערהאַלטן ביים לעבן!

און איך בעט פון טיפסטן האַרצן.

דיין אַנאַ.

זונטיק, 2. יאַנואַר 1944.

ליבע קיטי!

היינט אינדערפרי ווען איך האָב נישט געהאַט וואָס צו טון, האָב איך דורכגעבלעטערט מיין טאָגבוך און האָב געפונען עטלעכע בריוו, אין וועלכע איך באַשעפטיק מיך ליידנשאַפטלעך מיט דער טעמע „מוטער". איך האָב מיך דערשראָקן און האָב מיך געפרעגט: „דו ביסט עס אַנאַ, וואָס רעדט מיט אַזויפיל שנאה?"

איך בין געבליבן זיצן פאר דעם אָפענעם בוך און האָב געטראכט פון וואנען ס׳נעמט זיך צו מיר אזויפיל צאָרן און שנאה. איך האָב געפרווט צו פארשטיין יענע אנא און איר צו אנטשולדיקן, ווייל ס׳פלאָגט מיך דאָס געוויסן ביז איך וועל דיר נישט אויפקלערן וויאזוי איך בין דערצו געקומען. איך האָב געליטן און לייד נאָך אצינד פון דעפרעסיעס, און זע אלץ קרום. איך האָב אלץ געזען סוב׳עקטיוו און האָב אפילו נישט געפרווט רויק צו באטראכטן, וואָס דער אנדערער זאָגט. אזוי וואָלט איך מין הסתם געווען בעסער פארשטאנען יענעמס ווערטער און וואָלט געווען אנדערש געהאנדלט, כדי מיט מיין אויפברויזנדיקן טעמפעראמענט יענעם נישט צו באליידיקן. איך האָב געזען נאָר מיך אליין, איך האָב מיך אָפגעזונדערט און נישט טראכטנדיק צו אנדערע האָב איך מיר אראָפגעשריבן פונעם הארצן מיין פרייד, מיין שפאָט און מיין טרויער. דאָס דאָזיקע טאָגבוך איז ביי מיר זייער טייער, ווייל ס׳איז פארוואנדלט געוואָרן אין א בוך פון זכרונות. אָבער אסך בלעטער וואָלט איך אצינד געקאָנט אויסמעקן אָדער שרייבן איבער זיי „פארביי!“

אָפטמאָל בין איך געווען אין כעס אויף דער מאמען און צומאָל בין איך עס אויך איצט. זי האָט מיך נישט פארשטאנען, אמת, אָבער איך האָב זי אויך נישט פארשטאנען. איך בין איר קינד, און זי איז צו מיר גוט און צערטלעך. נאָר אזויווי איך האָב איר אָפט פארשאפט יסורים, איז פארשטענדלעך, פארוואָס זי האָט מיך צומאָל געמוסרט. צוליב דעם און צוליב אסך אנדערע סיבות איז זי נערוועז און צערייצט. איך האָב מיר נישט אָפגעגעבן קיין חשבון, פלעג מיך פילן באליידיקט, זיין אן עזות־פנים, און דאן פלעגט זי טרויעריק ווערן. אזוי ארום איז אנטשטאנען א רוגזה צווישן אונדז, און דאָס איז פאר אונדז ביידע נישט שיין. אָבער אצינד איז דאָס פארביי.

אז איך האָב דאָס אלץ נישט באגומען און האָב אויף מיר אליין רחמנות געהאט, איז פארשטענדלעך. מיינע שארפע ווערטער, זענען אויסברוכן פון צאָרן, וואָס אין נאָרמאלע באדינגונגען, אָן עדות, וואָלטן זיי גאָר אנדערש אויסגעזען... איך וואָלט אין מיין צימער עטלעכע מאָל העפטיק געטופעט מיט די פיס און הינטער דער מאמעס פלייצע וואָלט איך אויסגעלאָזט מיין הארץ.

די צייטן וואָס די מאמע האָט צוליב מיר געוויינט זענען פארביי. איך בין פארנונפטיקער געוואָרן און דער מאמעס נערוון האָבן זיך אביסל בארויקט. ווען איך בין אויפגערעגט

שווייג איך געווייגטלעך, די מאמע אויך, און אזוי ארום איז אלץ אסך בעסער. ליב האָבן די מאמע באַדינגונגסלאָז, ווי ס'טוען עס געווייגטלעך אַנדערע קינדער, דאָס קאָן איך נישט, דאָס איז קעגן מיין געפיל.

איך באַרויק מיין געוויסן דערמיט, אז ס'איז בעסער צו זידלען אויפן פאַפיר ווי טרעפן די מאמע אין האַרצן.

דיין אנא.

מיטוואָך, 5. יאַנואַר 1944.

ליבע קיטי!

היינט מוז איך מיך מודה זיין אין צוויי זאַכן וואָס וועלן פאַרנעמען אביסל מער צייט. איך מוז מיך מיט עמיצן אויס־טענהן און פאַרשטייט זיך, אז אמבעסטן איז מיט דיר, ווייל איך ווייס אויף זיכער, אז דו וועסט תמיד און אין אַלע אומשטאַנדן שווייגן.

דאָס ערשטע איז נוגע די מאמע. דו ווייסט וויפל איך האָב מיך באַקלאָגט איבער דער מאמען, אָבער איך האָב מיך שטענ־דיק באַמיט צו זיין ליב צו איר. פּלוצים איז מיר קלאָר געוואָרן, וואָס פעלט איר. די מאמע אַליין האָט אונדז געזאָגט, אז זי באַטראַכט אונדז מער אַלס חברטעס ווי אַלס אירע טעכטער. דאָס איז זייער שיין, אָבער א חברטע קאָן נישט ערזעצן א מוטער. איך וואָלט מיר געוואָלט אַראָפּגענומען א ביישפּיל פון מיין מאַמען און צו איר אַרויפגעקוקט. איך האָב דאָס געפיל אז מאַרגאָ טראַכט גאָר אַנדערש וועגן אָט די זאַכן; זי וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין, וואָס איך זאָג און דער טאַטע מיידט אויס אזא שמועס. אין מיין פאָרשטעלונג איז א מאמע קודם כל א מענטש מיט אסך טאַקט געפיל, בפרט צו קינדער אין מיינע יאָרן. זי טאָר נישט טון ווי ס'טוט מיין מאמע, וואָס לאַכט פון מיר ווען איך וויין, נישט ווייל איך האָב שמערצן, נאָר ווייל אינעווייניק טוט עפּעס וויי.

איין זאַך קאָן איך איר קיינמאָל נישט מוחל זיין, כאָטש ס'איז דיר אפשר אומפאַרשטענדלעך. איינמאָל, ווען איך בין געגאַנגען צום ציינדאָקטער, האָט די מאמע און מאַרגאָ, וועלכע האָבן מיך באַגלייט, מיר געהייסן מיטנעמען מיין ביציקל. נאָך דער באַהאַנ־

דלונג, האָבן זיי געזאָגט, אז זיי גייען נאָך אין שטאָט אריין עפּעס איינקויפן, אָדער עפּעס אָנקוקן — איך געדענק שוין נישט פּינקטלעך. איך האָב געוואָלט מיטגיין, איך האָב אָבער נישט געטאָרט פאָרן מיטן ביציקל. מלא כעס האָב איך אָנגעהויבן וויינען, אָבער זיי האָבן פון מיר געלאכט. מיין כעס איז געווען אזוי גרויס, אז איך האָב זיי אויף דער גאס ארויסגעשטעלט די צונג. צופעליק איז פארבייגעגאנגען א פרוי, וואָס האָט געקוקט גאנץ פארוואונדערט. איך בין אהיימגעפאָרן אליין און נאָך א לאנגע צייט געיאָמערט.

ס'איז זייער מאָדנע, וואָס די וואונד וועלכע די מאמע האָט מיר דעמלט גורם געווען, ברענט מיך נאָך היינט, ווען איך טראכט ווי ברוגז איך בין דעמלט געווען.

ס'איז מיר שווער צו רעדן פונעם צווייטן עניז, וועלכער באַטרעפט מיך אליין. איך האָב נעכטן געלייענט אן ארטיקל פון פרוי דר. סים הייסטער, וועגן מיידלעך וואָס שעמען און רויטלען זיך. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אז זי רעדט צו מיר — כאָטש איך ווער נישט אזוי גיך רויט. אָבער דער רעשט איז אזויווי צוגעשניטן פאר מיר. זי זאָגט, אז מיידלעך אין די אנטוויקלונגס=יאָרן ווערן רויקער און באשעפטיקן זיך מיט דעם וואונדער וואָס קומט פאָר און זייערע קערפּער. די לעצטערע צייט קומט דאָס אויך פאָר מיט מיר, און איך שעם מיך אצינד אפילו פאר מארגאָ און פאר די עלטערן. דאקעגן מארגאָ, וואָס איז פיל צוריקגעצויגענער פון מיר, שעמט זיך נישט. איך פיל נישט נאָר די מאָדנע אויסערלעכע פארענדערונגען, נאָר אסך מער, פיל איך דאָס, וואָס ס'פארוואנדלט זיך אין מיר. דערפאר ווייל איך קאָן דערפון מיט קיינעם נישט רעדן, פּרוּוו איך מיר דאָס אליין קלאָר צו מאכן.

יעדעם מאָל ווען איך באקום די מענסטרואציע — און דאָס איז ביז איצט שוין דריי מאָל געשען — האָב איך דאָס געפיל, טראָץ די שמערצן און דעם עקל, אז איך טראָג אין מיר א זיסן סוד. טראָץ אלע שוועריקייטן, פריי איך מיך אויף דער צייט ווען דאָס וועט ווידער קומען. פרוי סים הייסטער שרייבט, אז יונגע מיידלעך אין מיינע יאָרן זענען נאָך אומזיכער, אָבער זיי הויבן אָן צו אנטדעקן, אז זיי זענען מענטשן מיט אייגענע אידייען, געדאנקען און געוווינהייטן. ווען איך בין געקומען אין הינטערהויז בין איך אלט געווען 13 יאָר, און האָב אזוי ארום אפשר פריער ווי אנדערע מיידלעך אָנגעהויבן צו טראכטן און מיך צו פילן אלס מענטש, וואָס דארף אליין באשטיין זיין שטעל. פון צייט צו צייט

מוז איך אויפדערנאכט אָנרירן מיינע ברוסטן און זיך צוהערן ווי מיין האַרץ קלאַפּט רויק און זיכער.

נאָך איידער איך בין אהערגעקומען האָב איך ענלעכס געפילט, ווייל איינמאָל, ווען איך האָב גענעכטיקט ביי א חברטע, האָב איך זי געפרעגט צי זי וויל נישט, אלס צייכן פון אונדזער פריינטשאַפט, מיר זאָלן זיך קעגנזייטיק אָנרירן די ברוסטן, זי האָט אָבער נישט געוואָלט. איך האָב ליב געהאט זי צו קושן און האָב זי אויך געקושט. יעדעס מאָל ווען איך זע א נאַקעטע פרויען־געשטאַלט, למשל, א ווענוס, קום איך אריין אין עקסטאַז. דאָס איז אזוי שיין, אז איך מוז מיך איינהאַלטן, כדי נישט צו וויינען!

אוי, ווען איך זאָל האָבן א חברטע!

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 6. יאַנואַר 1944.

ליבע קיטי!

מיין פאַרלאַנג מיט עמיצן צו רעדן איז געוואָרן אזוי גרויס, אז איך האָב, איך ווייס נישט פאַרוואָס, אויסגעקליבן דערצו פּעטערן. ווען איך פלעג אַרויפקומען צו פּעטערן, פלעג איך מיך תמיד פילן זייער געמיטלעך. אָבער ווייל ער איז זייער באַשיידן און וואָלט קיינעם נישט אַרויסגעוואָרפן, אפילו ווען מען שטערט אים, בין איך קיינמאָל נישט געזעסן לענגער, כדי ער זאָל מיך נישט האַלטן פאַר א נודניצע.

איך פּרוּוו אַצינד אומבאַמערקט צו בלייבן לענגער, כדי מיט אים צו רעדן, און נעכטן האָב איך געהאַט א גוטן תירוץ. פּעטער האָט א מאַניע פאַר שאַראַדעס און וואָלט אַמליבסטן זיך דערמיט באַשעפטיקט דעם גאַנצן טאָג. איך האָב אים געהאָלפן און מיר האָבן זיך געזעצט ביי זיין טיש, ער אויפן בענקל און איך אויפן דיוואַן.

איך האָב געהאַט א וווּנדערלעך געפיל יעדעס מאָל, ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין זיינע טונקל־בלויע אויגן און האָב באַטראַכט דעם שמייכל אויף זיינע ליפּן. אזוי אַרום האָב איך געקאָנט לייענען וואָס ס'טוט זיך אין זיין נשמה. אויף זיין פּנים האָב איך געזען זיין גאַנצע אומזיכערקייט און הילפלאָזיקייט און אַיינצייטיק אויך דאָס באַוווּסטזיין פון וואַקסנדיקער מענלעכקייט. זיין

שעמעוודיקייט האָט מיר ווייך געמאכט דאָס הארץ און איך האָב אלץ געקוקט און געקוקט אין זיינע אויגן. איך האָב אים כמעט געוואָלט בעטן: „דערציייל מיר אלץ וואָס ס'גייט פאָר אין דיר. דו דארפסט נישט מורא האָבן פאר מיין נארישן פלאפלענדיקן מויל!"

אָבער דער אָוונט איז פארביי און ס'איז גאָרנישט געשען, א חוץ דעם, וואָס איך האָב אים דערציילט וועגן רויט ווערן, פארשטייט זיך, נישט דאָס, וואָס איך האָב דאָ געשריבן. אים צוליב האָב איך דערפון גערעדט, כדי ער זאָל ווערן זיכערער ביי זיך!

ווען איך האָב אין בעט וועגן דעם געטראכט, איז מיר די גאנצע זאך געווען פיינלעך און איך האָב געפילט, אז ס'איז איבערגעטריבן וואָס איך קוק ארוים אויף פעטערם חסד. ס'איז דאָך מערקווירדיק וואָס מען טוט נישט אלץ, כדי צו באפרידיקן א פארלאנג. דאָס קאָנסטו זען אָן מיר. איך האָב מיר פירגענומען אָפטער ארייַנצוגיין אין פעטערם צימער, כדי אים צו מאכן רעדעוודיק. זאָלסט נישט מיינען אז איך בין אין אים פארליבט, ס'הויבט זיך נישט אָן. ווען די וואַן דאנס זאָלן האָבן אָנשטאָט א זון, א טאָכטער, וואָלט איך אויך געפרווווט זיך מיט איר צו חברן.

היינט האָב איך מיך אויפגעכאפט 7 אזייגער, און האָב תיכף געוווסט וואָס איך האָב געחלומט. איך בין געזעסן ביים טיש און מיר אקעגניבער פעטער... ווסעל. מיר האָבן געבלעטערט אן אילוסטרירט ביכל. דער חלום איז געווען אזוי קלאָר, אז איך קאָן מיך אפילו דערמאנען אין די צייכענונגען. ס'איז געגאנגען נאָך ווייטער. אונדזערע בליקן האָבן זיך באגעגנט און איך האָב לאנג ארייַנגעקוקט אין פעטערם שיינע, סאמעט-ברוינע אויגן. דערנאָך האָט פעטער גאנץ שטיל א זאָג געטון: „ווען איך וואָלט דאָס געוווסט, וואָלט איך שוין לאנג געווען צו דיר געקומען!"

פלוצים האָב איך מיך אויסגעדרייט, ווייל איך בין געווען צו שטארק גערירט. דאַן, האָב איך געפילט גאנץ צארט פעטערם פנים בארירן מיינס און מיר איז געווען אזוי גוט, אוי, אזוי גוט! ווען איך האָב מיך אויפגעכאפט האָב איך געמיינט, אז איך פיל נאָך זיין בארירונג, און מיר האָט זיך געדאכט, אז זיינע ליבע, ברוינע אויגן, קוקן ארייַן טיף אין מיין נשמה און לייענען ווי ליב איך האָב אים נאָך. מיר איז אָנגעקומען צו וויינען, איך בין געווען טרויעריק, וואָס ער איז אזוי ווייט, און אויך צופרידן, וואָס איך פיל נאָך אלץ אזוי שטארק די ליבע צו פעטערן. ס'איז אייגנארטיק, וואָס דאָ זע איך אזוי קלאָר די חלומות. אנומלט איז מיר געקומען צו חלום די באָבע (טאטנס צד) אזוי קלאָר,

אַז איך האָב, מיר דאכט זיך, געזען אפילו די סאמעטענע קנייטשן אויף איר פּנים. דאן האָב איך געזען די באָבע (מאמעס צד), זי איז געקומען ווי א מלאך מושיע צו מיר, דערנאָך ליז, וואָס איז פאר מיר א סימבאָל פונעם גאנצן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיינע חברטעס און אלע יידן. ווען איך בעט פאר איר, טראכט איך צו אלע יידן און צו אלע גערודפטע, אומגליקלעכע מענטשן.

און אצינד פּעטער, מיין ליבער פּעטער! איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אזוי קלאָר פאר מיינע גייסטיקע אויגן. איך דארף נישט קיין בילד פון אים, איך טראָג אים אין זכרון, אזוי גוט און אזוי ליב!

דיין אנא.

פרייטיק, 7. יאנואר 1944.

ליבע קיטי!

ס'ארא נאר איך בין! איך האָב גאָר אינגאנצן פארגעסן, אַז איך האָב דיר נאָך קיינמאָל נישט דערציילט וועגן אלע מיינע פארערערס.

ווען איך בין נאָך געווען קליין, נאָך געגאנגען אין קינדער־גאָרטן, האָב איך ליב געהאט קארל סאמסאָנען. ער האָט נישט געהאט קיין טאטן און האָט געוווינט מיט זיין מוטער ביי א מומע. זיין געשוועסטערקינד ראָבי, איז געווען א קלוג, שלאנק און ברונעט יינגעלע, וואָס האָט תמיד מער צוגעצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט ווי דער קליינער, קאָמישער, גראָבער קארל. איך האָב אָבער נישט געקוקט אויף שיינקייט און האָב מיך אסך יאָרן געחברט מיט קארלען. מיר זענען געווען א לאנגע צייט גוטע פריינט.

דאן האָב איך באגעגנט פּעטערן און האָב איבערגעלעבט די ערשטע קינדערליבע. איך געדענק נאָך אצינד, ווי מיר פלעגן ארומלויפן איבער די גאסן — זיך האלטנדיק ביי די הענטלעך — ער אין זיין לייוונטענעם אנצוג, איך אין מיין זומער־קליידל.

בעת ער איז אריבערגעגאנגען אין דער מיטל־שול, בין איך געגאנגען אין דער לעצטער פאָלקס־שול קלאס. ער פלעגט אויף מיר ווארטן ביי דער שול, אָדער איך אויף אים. פּעטער איז געווען א זייער שיין יינגל, א הויכער, א שלאנקער, שיין געוואקסן,

מיט א רויק, ערנסט, אינטעליגענט פנים. ער האָט געהאט טונקעלע האָר, רויט־ברוינע באקן, שיינע, גרויסע, ברוינע אויגן און א דין נעזל. מער ווי אלץ האָב איך ליב געהאט זיין לאכן. דעמלט פלעגט ער אויסזען זייער פארשייט.

אין די גרויסע פעריען בין איך ארויסגעפאָרן פון דער שטאָט. ווען מיר זענען צוריקגעקומען, האָט פעטער זיך געהאט איבערגעפירט און האָט געוווינט איניינעם מיט א פיל עלטער ייִנגל. מיט וועלכן ער איז געווען א גאנצער פאני בראט. ער האָט אים מין הסתם געזאָגט, אז איך בין נאָך א זויג־קינד און דערפאר האָט פעטער מיך פארלאָזט. איך האָב אים זייער ליב געהאט און האָב פון גאָרנישט געוואָלט וויסן, ביז איך האָב סוף כל סוף, פארשטאנען, אז אויב איך וועל אים ווייטער נאָכלויפן, וועט מען זאָגן, אז איך בין „משוגע" נאָך ייִנגלעך.

די יאָרן זענען געגאנגען, פעטער האָט זיך געחברט נאָך מיט מיידלעך פון זיין עלטער און מיך פלעגט ער אפילו נישט גריסן, אָבער איך האָב אים דאָך נישט געקאָנט פארגעסן. ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין אין יידישן ליציי, האָבן זיך אין מיר פארליבט אסך ייִנגלעך פון אונדזער קלאס. מיר האָט דאָס הנאה געטון, אָבער צום הארצן איז דאָס מיר נישט דערגאנגען.

שפעטער האָט זיך אין מיר פארליבט הארי. אָבער ווי איך האָב שוין דערמאנט: איך בין נישט מער געווען פארליבט.

א שפריכוואָרט זאָגט: „די צייט היילט וווּנדן!"

אזוי איז אויך געווען מיט מיר. איך האָב מיר איינגערעדט, אז איך האָב פארגעסן פעטערן און אז ער איז מיר גלייכגילטיק. אין תוך אָבער, האָט זיין דערינערונג אין מיר ווייטער געלעבט, אזוי שטארק, אז איך האָב געמוזט, אָנערקענען מיין אייפערזוכט צו אלע מיידלעך פון זיין קרייז און נאָר דערפאר האָב איך אים נישט געוואָלט ליב האָבן.

היינט אינדערפרי איז מיר קלאָר געוואָרן, אז ס'האָט זיך גאָרנישט געביטן. פארקערט: בעת איך בין עלטער און רייפער געוואָרן, איז אויך די ליבע געוואקסן מיט מיר. אצינד קאָן איך פארשטיין, אז פעטער האָט מיך דעמלט געהאלטן פאר צו קינדיש, און דאָך האָב איך געהאט א ווייטיק וואָס ער האָט מיך אזוי גיך פארגעסן. איך האָב געזען אזוי קלאָר און אצינד פארשטיי איך, אז קיינער וועט נישט קאָנען ארייַנדרינגען אין מיין הארץ אזויווי ער.

דער הלום האָט מיך אינגאנצן צערודערט. ווען דער טאטע האָט מיר היינט אינדערפרי געגעבן א קוש האָב איך געוואָלט אויסשרייען: „אוי, ווען דאָס וואָלט געווען פּעטער!"

כּסדר טראַכט איך צו אים און חזר דעם גאנצן טאָג בסוד: „אוי, פּעטערל, מיין ליב פּעטערל!"

קיינער קאָן מיר נישט העלפן. איך מוז ווייטער לעבן און בעטן גאָט ער זאָל מיר העלפן אויסגעפונען פּעטערן, ווען איך וועל ווידער זיין פריי. דאַן וועט ער לייענען אין מיינע אויגן די ליבע און וועט מיר זאָגן: „אוי, אנא, ווען איך וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט איך שוין לאנג געווען צו דיר געקומען!"

ווען מיר האָבן אמאָל גערעדט וועגן סעקסועלע פראגן, האָט מיר דער טאטע געזאָגט, אז איך קאָן נאָך נישט באגרייפן דעם דאָזיקן פארלאנג. איך האָב אָבער געוואוסט, אז איך פארשטיי דאָס יאָ, און אצינד ווייס איך דאָס אויף זיכער. גאָרנישט איז מיר אזוי טייער ווי דו, מיין פּעטערל!

איך האָב געזען מיין פּנים אין שפּיגל. איך זע אצינד גאָר אנדערש אויס. מיינע אויגן זענען ליכטיק און טיף, מיינע באקן זענען רויטלעך, ווי זיי זענען שוין וואָכנלאנג נישט געווען, און מיין מויל איז אסך ווייכער. איך זע אויס גליקלעך, אָבער דאָך איז פאראן עפּעס טרויעריק אין מיין בליק, וואָס פארטרייבט דעם שמייכל פון מיינע ליפּן. איך קאָן נישט גליקלעך זיין, ווייל איך ווייס אז פּעטערס געדאנקען זענען ווייט פון מיר. איך פיל אָבער אלץ דעם בליק פון זיינע ליבע אויגן אויף מיר, און זיין קיל ווייך פּנים לעבן מיינעם.

אוי, פּעטערל, פּעטערל, וויאזוי זאָל איך ווידער פארגעסן דיין בילד? איז דען נישט יעדער אנדערער אויף דיין אָרט נאָר אן אָרעמער ערזאַץ? דיך האָב איך אזוי שטארק ליב, אז די ליבע האָט נישט מער קיין פּלאַץ אין מיין הארצן און וויל ארויסשטורעמען און זיך אנטפּלעקן פאר מיר אין איר אומגעהויערער גרייס.

ווען מען פרעגט מיך צוריק מיט א וואָך. אָדער אפילו נעכטן מיט וועמען איך וויל שפּעטער חתונה האָבן, וואָלט איך געענטפערט: „דאָס ווייס איך נישט!" אצינד אָבער קאָן איך אויסשרייען „פּעטערן, נאָר פּעטערן האָב איך ליב פון גאנצן הארצן, פון דער גאנצער נשמה — אָבער — ער טאָר נישט ווערן צודרינגלעך, און מעג אָנרירן נאָר מיין פּנים".

איך בין היינט געזעסן פארטראַכט אויפן בוידעם ביים אָפענעם פענצטער. נאָך א קורצן שמועס האָבן מיר ביידע

אָנגעהויבן וויינען און איך האָב געפילט זיינע ליפּן אויף מיין פּנים פול מיט צערטלעכקייט.

— אוי, פּעטער, טראַכט צו מיר און קום צו מיר, מיין ליבער, ליבער, פּעטער.

דיין אנא.

מיטוואָך, 12. יאַנואַר 1944

ליבע קיטי!

זינט צוויי וואָכן קומט עלי שוין ווידער צו אונדז. מיפּ און הענק האָבן צוויי טעג נישט געקאָנט קומען. זיי האָבן זיך ביידע קאַליע געמאַכט דעם מאָגן.

דאָס נייעסטע איז, אַז איך אינטערעסיר מיך פאַר באַלעט און טאַנץ, און מאַך יעדן אויפדערנאַכט פלייסיק איבונגען. מאַנסאַ האָט מיר געמאַכט פון א העלבלויען שפּיצנראָק א היפּער-מאָדערן טאַנץ-קלייד. אויבן האָט זי דורכגעצויגן א באַנד, וואָס פאַרבינדט זיך איבער דער ברוסט. דאָס גאַנצע האַלט זיך צונויף מיט א גרויסער שלייף. צו מאַכן באַלעט-סאַנדאַלן פון מיינע גימנאַסטיק-שיך איז מיר נישט געלונגען.

מיינע שטייפע גלידער ווערן באַלד ווידער זיין עלאַסטיש ווי פריער. א שווערע איבונג איז: זיצן אויפן דיל, מיט די הענט פעסט צוהאַלטן די פיאַטעס און דאַן ביידע פיס אויפהייבן. איך מוז דערביי אונטערלייגן א קישן, כדי איך זאָל נישט פייניקן מיין רוקנביין.

די דערוואַקסענע לייענען אצינד דאָס ביכל „א לויטערער פרימאָרגן״. דער מאַמען געפעלט עס אויסערגעוויינטלעך גוט. אין דעם ביכל ווערן באַרירט אסך יוגנט-פּראָבלעמען. איך האָב מיר געטראַכט איראָניש: „באַשעפטיק דיך גיכער מיט דיינע קינדער״.

מיין מאַמע מיינט מין הסתם, אַז איך און מאַרגאָ האָבן די בעסטע באַציונג צו עלטערן און אַז קיינער באַשעפטיקט זיך נישט מער מיט זיינע קינדער ווי זי. דאָס קאָן זי מיינען גאָר וועגן מאַרגאָן, ווייל איך האַלט, אַז מאַרגאָ האָט קיינמאָל נישט אַזעלכע פּראָבלעמען און געדאַנקען אַזוויי איך. איך וועל זיבער נישט זאָגן דער מאַמען, אַז איינע פון אירע טעכטער איז נישט טאָקע אַזוי ווי זי מיינט. זי וואָלט געווען זייער פאַרוווּנדערט און

וואָלט סייווי נישט געוווסט וואָס צו טון. זי וואָלט נאָר געהאַט יסורים און דאָס וויל איך איר איינשפּאָרן. ווייל פאַר מיר וועט דאָך סייווי נישט ווערן בעסער.

די מאַמע פילט אויך, אַז מאַרגאָ האָט זי ליבער ווי איך. אָבער זי מיינט אַז דאָס וועט אַריבער. מאַרגאָ איז צו מיר געוואָרן זייער ליב. זי ווייזט מיר אויס גאָר אַנדערש ווי פריער. זי איז כמעט קיינמאָל נישט מער אַראָגאַנט און איז מיר אַצינד אַ גוטע חברטע. זי האַלט מיך שוין נישט פאַר אַ קליין קינד, וואָס מען דאַרף נישט ערנסט נעמען.

ס'איז אייגנאַרטיק וואָס איך באַטראַכט מיך צומאָל מיט פרעמדע אויגן. דאַן קוק איך אויף אַגאַנ מיט אַ רויק געמיט און בלעטער אין מיין לעבענס-בוך, ווי גלייך דאָס וואָלט געהערט צו אַ פרעמדן, פריער, אינדערהיים, ווען איך פלעג נאָך נישט אַזויפיל טראַכטן, פלעג איך מיר איינרעדן אַז איך געהער גאָרנישט צום טאַטן, צו דער מאַמען און צו מאַרגאָן, אַז איך בין עפּעס אַ מין אונטערגעוואָרפענע. איך פלעג צומאָל אויך שפּילן די ראָלע פון אַ יתומה, ביז איך האָב מיך אַליין איבערצייגט אַז ס'איז נאַריש, וואָס איך וויל זיין אַזאַ טרויעריקע געשטאַלט, בעת ס'איז מיר פּאַקטיש אַזוי גוט געווען. נאָכדעם האָב איך מיך געצווּנגען צו זיין פריינטלעך און ליב. יעדן אינדערפרי ווען ס'איז עמיצער אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ צו אונדזער צימער, האָב איך מיר געווונטשן עס זאָל זיין די מאַמע, וואָס קומט אונדז זאָגן אַ גוט מאָרגן. דאַן האָב איך זי צערטלעך באַגריסט, ווייל איך האָב מיך באמת געפרייט וואָס זי קוקט אַזוי ליב צו מיר. צומאָל, אַז זי איז צוליב עפּעס נישט געווען אַזוי פריינטלעך, פלעג איך טרויעריק אַוועקגיין אין שול אַריין. אויפן וועג צוריק אַהיים פלעג איך איר אַנטשולדיקן, פאַרשטייענדיק אירע זאָרגן. איך בין אַהיימגעקומען מונטער און פריילעך, אויסגעשיט אַלץ וואָס איך האָב געהאַט צו דערציילן... ביז ס'האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע און איך בין ווידער געגאַנגען אין שול טרויעריק און גריבלענדיק. אייניקע מאָל האָב איך באַשלאָסן אַרויסצווייזן מיינע אַנטוישונגען. ווען איך בין אָבער אַהיימגעקומען, האָב איך געהאַט אַזויפיל צו דערציילן, אַז איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן מיין באַשלוס און האָב געצווּנגען מיין מאַמע זי זאָל מיך אויסהערן.

דאַן איז ווידער געקומען אַ צייט ווען איך האָב מיך נישט מער צוגעהערט צו די טריט אויף די טרעפּ און האָב מיך געפילט איינזאַם און האָב דורכגעווייקט ביינאַכט דאָס קישן מיט טרערן.

דאָ איז אַלץ נאָך ערגער געוואָרן. דו ווייסט דאָך. אַצינד האָט מיר גאָט ווידער צוגעשיקט אַ הילף אין מיין נויט: פּעטער. איך נעם מיין אַמולעט, וואָס איך טראָג אויפן האַלדז, טו אים גאַנץ צאַרט אַ קוש און טראַכט: „וואָס גייט מיך אײַגנטלעך אָן דאָס גאַנצע רומל? איך האָב מיר מיין פּעטערן און קיינער ווייסט נישט דערפון!"

אַזוי אַרום וועל איך אַצינד גובר זיין אַסך זאַכן. ווער אַנט אַפּילו, וואָס ס'באַוועגט די נשמה פון אַ יונג מיידל.

דיין אַנא.

שבת, 15. יאַנואַר 1944.

ליבע קיטי!

ס'האָט נישט קיין זין, איך זאָל דיר באַשרייבן דעם קריג ביז אין די קלענסטע פּרטים. ס'איז גענוג ווען איך זאָג דיר, אַז מיר האַלטן אַצינד באַזונדער אַסך זאַכן, ווי למשל, פעטס, פליייש, פּוטער און מיר בראָטן באַזונדער אונדזערע קאַרטאָפל. אין דער לעצטער צייט באַקומען מיר אויך אַן עקסטערע פּאָרציע קאָרנברויט, ווייל פיר אַזייגער זענען מיר ווידער הונגעריק, און אונדזערע בורטשענדיקע בייכער לאָזן זיך נישט באַרויקן.

ס'דערנענטערט זיך דער מאַמעס געבוירנטאָג. זי האָט באַקומען פון קראַלערן אַ צוגאָב פון צוקער פאַר דער סעודה. און פרוי וואַן דאַן איז זי מקנא, ווייל זי האָט צו איר געבוירנטאָג גאָרנישט באַקומען. ס'איז נישט קיין פאַרגעניגן כסדר אויסצושטיין ווילדע קריגערייעז און האַרבע ווערטער. גלויב מיר, קיטי, מיר זענען שוין זאַט פון דעם אַלעמען.

די מאַמע האָט איין ווונטש: כאָטש 14 טעג נישט אָנצוקוקן די וואַן דאַנס, דאָס איז אָבער דערווייל נישט מעגלעך. איך וואָלט גערן געוואָלט וויסן, צי מען מוז זיך טאַקע קריגן מיט יעדן, מיט וועמען מען וווינט לענגער צוזאַמען. צי איז עס נאָר אונדזער מזל? צי איז דער גרעסטער טייל מענטשן עגאָיסטן און קמצנים? ס'איז גוט וואָס איך האָב דאָ צוגעלערנט קענען די מענטשן, אָבער אַצינד בין איך שוין זאַט דערפון. די מלחמה האָט זיך נאָך נישט געענדיקט, כאָטש מיר קריגן זיך, כאָטש מיר זענען אויסגעהונגערט נאָך לופט און פרייהייט; דערפאַר

מוזן מיר פּרווון דורכצוהאַלטן וויפל ס'איז אונדז באַשערט דאָ צו זיין.

וואָס דרשן איך אייגנטלעך? אויב ס'וועט נאָך לאַנג געדויערן, וועל איך ווערן דאַר ווי אַ שטעקן! און איך וואָלט דאָך ליבער געוואָלט בלייבן אַן אמת יונג מיידל!

דיין אַנאַ.

שבת, 22. יאַנואַר 1944.

ליבע קיטי!

קאָנסטו מיר אפשר זאָגן פאַרוואָס כמעט אַלע מענטשן באַהאַלטן אַזוי ציטערדיק אויס דאָס וואָס ס'גייט פאָר אין זייער נשמה? פאַרוואָס פיר איך מיך אויף צווישן מענטשן גאָר אַנדערש ווי איך וואָלט געדאַרפט? איך ווייס, אַז ס'זענען זיכער פאַראַן סיבות דערפאַר, אָבער ס'איז מיר פיינלעך וואָס מען קאָן נישט פאַרטרויען אפילו אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען דיר גאָר נאָענט.

איך האָב דאָס געפיל, אַז איך בין אַסך עלטער געוואָרן זינט יענעם חלום, אַז איך בין מער „זעלבסטשטענדיקער". דו וועסט דיך מין הסתם זייער וווּנדערן, ווען איך וועל דיר אַצינד זאָגן, אַז איך שאַץ אויך די וואַן דאַנס גאָר אַנדערש אָפּ. איך באַטראַכט נישט מער די וויכוחים פון אונדזער פריער איינגעשטעלטן שטאַנדפּונקט. פאַרוואָס האָב איך מיך אַזוי געביטן?

איך האָב מיר געטראַכט אַז אונדזערע באַציִונגען האָבן געקאָנט זיין גאָר אַנדערע, ווען מיין מאַמע וואָלט געווען אַן אמתע אידעאַלע „מאַמס". פרוי וואַן דאַן איז זיכער נישט קיין פיינער מענטש. אָבער אפשר וואָלט מען געווען אויסגעמיטן אַ העלפט פון די קריגערייען, ווען די מאַמע וואָלט געווען נאָכגיביקער. די פרוי וואַן דאַן האָט אויך אַ מעלה: מען קאָן מיט איר דורכקומען. טראָץ איר עגאָאיזם, איר קמצנות און מאַנגל אין יושר, קאָן מען זיך מיט איר איינפאַרשטיין, אויב מען רייצט זי נישט. דאָס דאָזיקע מיטל ווירקט נישט אויף לאַנג, נאָר אויב מען האָט צו איר געדולד, וואָלט מען ביי איר אויך מער געפועלט. אַלע פראַגן וועגן אונדזער דערציִונג, וועגן אונדזער צעבאַלעוועטקייט, וועגן עסן און אַזוי ווייטער, וואָלט מען געקאָנט אָפן און פריינטלעך אַרומרעדן. אַזוי אַרום וואָלט עס נישט געווען דערצו געקומען, אַז מען זאָל זען נאָר יענעמס חסרונות!

איך ווייס פּינקטלעך וואָס דו, קיטי, ווילסט אַצינד זאָגן!

„אָבער אנא, זענען דאָס דיינע געדאנקען? דו, וואָס האָסט געהערט פון די וואָס דאגס אזויפיל הארבע ווערטער? דו, וואָס ווייסט פונעם גאנצן אומרעכט וואָס ס'איז געשען?“ יאָ, זיי זענען באמת נישט מיינע! איך וויל אלעם אליין דערגרונטעווען, אָבער נישט לויט דעם שפּריכוואָרט: „ווי די אלטע זינגען, טאנצן די יונגע“, ניין, איך וויל באָבאכטן די וואס דאגס און זען וואָס ס'איז אמת און וואָס מ'איז מגזם. טאָמער וועל איך מיך אנטוישן, וועל איך קאָנען ווייטער האלטן מיט מיינע עלטערן. אויב די וואס דאגס זענען אָבער בעסער ווי מען האלט פון זיי, וועל איך פרוון צו איבערצייגן דעם טאטן און די מאמע אז זיי האָבן א טעות. און אויב ס'וועט מיר אפילו נישט געלונגען, וועל איך דאָך בלייבן ביי מיין מיינונג. איך וועל מיך באמיען צו רעדן מיט דער פרוי וואן דאן וועגן אלץ, און וועל זיכער נישט מורא האָבן גאנץ נייטראל ארויסצוזאָגן מיין מיינונג; מעג מען מיר אפילו זאָגן אז איך וויל זיין אן אויבערחכם.

איך וויל מיך נישט אנטקעגנשטעלן מיין משפחה, אָבער די פליאטקעס האָבן ביי מיר אויפגעהערט. ביז אצינד בין איך געווען זיכער, אז די וואן דאגס זענען אין אלץ שולדיק, און אצינד זע איך, אז אויך מיר האָבן אונדזער חלק. פּרינציפּעל זענען מיר מין הסתם תמיד גערעכט. אָבער פון פארנופטיקע מענטשן (און פאר אזעלכע האלטן מיר זיך) דערווארט מען, אז זיי זאָלן אויסקומען מיט סיי וועמען. איך האָף, אז וויבאלד איך האָב דאָס פארשטאנען, וועל איך דאָס בכוח זיין פּראקטיש אנצווענדן!

דיין אנא.

מאָנטיק, 24. יאנואר 1944.

ליבע קיטי!

ס'האָט זיך מיט מיר געטראָפן א מערקווירדיקע זאך. פריער, פלעגט מען רעדן אינדערהיים וועגן געשלעכטלעכע ענינים בסוד סודות, און אין שול פלעגט מען וועגן דעם רעדן זייער מיאוס. מען פלעגט שעפּטשען, און ווען א מיידל האָט נישט פארשטאנען וואָס מען מיינט, האָט מען פון איר געלאכט. מיר האָט זיך דאָס אויסגעוויזן זייער משונהדיק און איך האָב געטראכט:

„פארוואָס רעדט מען דערפון בסוד אָדער מיאוס?“ אזוי־ווי מ'האָט דאָס נישט געקאָנט ענדערן האָב איך געשוויגן, אָדער איך

האָב נאָר גערעדט וועגן דעם מיט א גאָר אינטימער חברטע. ווען איך האָב שפּעטער שוין מער געוווּסט און מיינע עלטערן האָבן מיט מיר גערעדט וועגן דעם, האָט מיר די מאמע איינמאָל געזאָגט: — אנא, איך גיב דיר אן עצה מיט ייִנגלעך קיינמאָל נישט רעדן אויף דער טעמע. אויב זיי הייבן אָן רעדן, זאָלסטו איבעררייסן דעם שמועס.

איך געדענק נאָך פּינקטלעך, אז איך האָב געענטפערט:

— ניין, אוודאי וועל איך נישט רעדן מאמע, וואָס שטעלסטו דיר פאָר! און דערביי איז עס געבליבן.

די ערשטע צייט ווען מיר זענען אהערגעקומען, האָט דער טאַטע אָפט גערעדט פון זאכן וואָס איך וואָלט ליבער געווען געהערט פון דער מאמען, און דאָס איבעריקע האָב איך פארשטאנען פון ביכער און שמועסן. פּעטער וואו דאן איז קיינמאָל נישט געווען צודרינגלעך אין דער באציונג, ער האָט ביים אָנהויב איינמאָל עפּעס געזאָגט, אָבער נישט כדי פון מיר ארויסצופאָדערן אן ענ־טפער.

די פרוי וואו דאן האָט געזאָגט, אז נישט זי און נישט איך מאן האָבן מיט פּעטערן דערפון אמאָל גערעדט. זי האָט אפילו נישט געוווּסט ווי ווייט פּעטער איז אויפגעקלערט.

נעכטן בעת מארגאָ, פּעטער און איך זענען געזעסן ביים שיילן קארטאָפל, האָט זיך אָנגעקניפּט א שמועס וועגן דער קאץ מאָפּי.

— מיר ווייסן נאָך אלץ נישט צי מאָפּי איז א קאָטער צי א קאץ, האָב איך געזאָגט.

— מיר ווייסן יאָ, האָט געענטפערט פּעטער, מאָפּי איז א קאָטער.

— א שיינער קאָטער וואָס איז טראָגנדיק, האָב איך געלאכט. צוריק מיט עטלעכע וואָכן האָט פּעטער דערקלערט, אז מאָפּי וועט באלד האָבן קעצלעך, ווייל זי איז אזוי גראָב. אָבער מין הסתם האָט זי געהאט אזא גראָבן בויך פונעם נאשן, ווייל די קעצלעך זענען נישט געבוירן געוואָרן. אצינד האָט זיך פּעטער געוואָלט פארענטפערן.

— דו מעגסט קומען און אים באטראכטן, האָט ער געזאָגט. ווען איך האָב מיך אמאָל מיט אים געשפּילט האָב איך קלאָר געזען אז דאָס איז א קאָטער.

איך האָב נישט געקאָנט גובר זיין מיין נייגיריקייט און בין מיט אים ארויסגעגאנגען אין לאגער. ביי מאָפּין איז נישט געווען באזוכצייט און מיר האָבן זי אינערגעץ נישט געקאָנט געפונען.

מיר האָבן געוואַרט א ווײַלע און זענען צוריק אַרויפגעגאַנגען ווײַל ס'איז געווען קאַלט. שפּעטער, בײַטאָג, האָב איך ווידער געהערט פּעטערן אַראָפּגיין. איך האָב מיר געמאַכט האַרץ און בין אַראָפּגעלאָפן אין לאַגער. פּעטער האָט זיך געשפּילט מיט מאָפּין אויף דעם טיש. ער האָט אים געלייגט אויף דער וואָג כּדי צו זען וויפל ער וועגט.

— האַלאָ, דו ווילסט זען? ער האָט נישט געמאַכט קיין סך שהיות, ער האָט געשיקט א נעם געטון מאָפּין בײַם קאָפּ, אים גלײַכצײַטיק געהאַלטן בײַ די לאַפּעס, אים איבערגעקערט און די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן:

— אָט דאָ איז דאָס געשלעכט, דאָ זענען די האָר שיטער און דאָ איז דער אָחור!

מאָפּי האָט זיך געטון א דריי און איז ווידער געשטאַנען אויף זײַנע ווײַסע לאַפּעס.

יעדעס אַנדערע ייִנגל, וואָס וואָלט מיר געוויזן דאָס מענלעכע געשלעכט אויף דעם אופן, וואָלט איך קיינמאָל נישט מער אָנגעקוקט. אָבער פּעטער האָט וועגן דער האַרבער טעמע גערעדט אַזוי פּשוט, אַז איך האָב סוף כּל סוף אין דעם נישט געזען קיין שום באַזונדערע זאַך. מיר האָבן זיך געשפּילט מיט מאָפּין, האָבן זיך דערצײַלט פאַרשידענע מעשׂיות און דאַן זענען מיר פּאַוואָליע אַרויפגעגאַנגען.

— מײַנסטנס געפֿון איך דאָס, וואָס איך וויל גערן וויסן, צופעליק אין א ביכל, דו אויך? — האָב איך געפרעגט.

— פאַרוואָס? איך פרעג מײַן טאַטן, ער ווייסט אַסך און האָט א גרויסע דערפאַרונג.

מיר זענען ווידער געשטאַנען אויף די טרעפּ און האָבן גע־שוויגן. מיט א מיידל וואָלט איך קיינמאָל נישט געקאָנט רעדן וועגן די זאַכן אַזוי פּשוט. איך ווייס אויך, אַז דאָס האָט געמיינט די מאַמע ווען זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אויסמײַדן אַזעלכע שמועסן מיט ייִנגלעך. מיר האָט זיך דעם גאַנצן טאָג אויסגעוויזן אַביסל קאָמיש, ווען איך האָב געטראַכט וועגן אונדזער צוזאַמענזײַן אין לאַגער. אָבער איך האָב געלערנט, אַז מען קאָן אויך מיט ייִנגלעך רעדן ערנסט, נישט מאַכנדיק דערבײַ קיין נאַ־רישע וויצן.

צי רעדט פּעטער באמת אַסך מיט זײַנע עלטערן? איז ער ווירקלעך אַזוי ווי ער האָט זיך נעכטן אַרויסגעוויזן? וואָס ווייס איך!

דײַן אַנאַ.

דאָנערשטיק, 27. יאַנואַר 1944.

ליבע קיטי!

די לעצטע צייט האָב איך אַ גרויסע שוואַכקייט פאַר דעם שטאַמבוים פון די פירשטנהייזער. ווען מען הייבט איינמאָל אָן נאָכפאָרשן מוז מען אַלץ ווייטער צוריקגיין און מען קומט סוף כל סוף צו אינטערעסאַנטע אַנטדעקונגען.

איך לערן זייער פלייסיק און פאַרשטיי שוין גאַנץ גוט די ענגלישע ראַדיאָ=אַווידיציעס. זונטיק באַשעפטיק איך מיך אָבער מייגסטנס מיט דעם זוכן און סאָרטירן מיין גרויסע זאַמלונג פון פילם=סטאַרס. הער קראַלער פאַרשאַפט מיר דאָס פאַרגעניגן און ברענגט מיר יעדן מאָנטיק די פילם=צייטשריפט. כאָטש אונדזערע נישט מאָנדענע שטוב=חברים האַלטן, אַז דאָס איז אַן אויסברענגעריי. וווּנדערן זיי זיך, פונדעסטוועגן, וואָס איך קאָן, נאָך אַ יאָר צייט, אויסרעכענען אַלע שוישפּילער פון אַ באַשטימטן פילם. עלי גייט אָפט אין אירע פרייע טעג מיט איר פריינט אין קינאָ און ווען זי דערציילט מיר שבת צו וועלכע פילמען זי וויל גיין אין דער קומענדיקער וואָך, זאָג איך איר פון פריער ווער ס'זענען די שוישפּילער און אויך די קריטיק וועגן פילם. „מאַנסאַ“ זאָגט, אַז איך וועל שפּעטער נישט מער דאַרפן גיין אין קינאָ, ווייל איך קען שוין דעם אינהאַלט, די קוואַליטעט און די שוישפּילער פון אַלע פילמען.

ווען איך מאַך מיר אַמאָל אַ נייע פריזור, קוקן מיך אַלע אָן מיט ביטול און פרעגן מיך ביי וועלכן פילם=סטאַר איך האָב זי קאָפּירט. ווען איך דערקלער, אַז דאָס איז מיין אייגענע דערפינדונג, גלויבט מען מיר נישט. מער ווי אַ האַלבע שעה געדויערט נישט דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן. זיי פאַרנימאַוסן עס מיר תיכף און איך לויף גיך אין באָד=צימער, כדי מיר ווידער צו מאַכן מיין טאָגטעגלעכע פריזור.

דיין אַנאַ.

פרייטיק, 28. יאַנואַר 1944.

ליבע קיטי!

היינט אינדערפרי האָב איך מיך געפרעגט צו די פילסט דיך נישט ווי אַ קו, וואָס מוז מעלה=גירהן פאַרעלטערטע נייעס און ווייל ס'איז דיר שוין נמאס די איינטיקע קעסט, ווינטשסטו דיר

פון גאנץ הארצן, אז אנא זאָל שוין אמאָל דערציילן עפּעס נייעס. צום באדויערן ווייס איך אויך, אז אלטע מעשיות לאנגווײלן שרעקלעך, אָבער דו מעגסט מיר גלויבן, אז מיר זענען שוין אויך נמאוס אָט די איבערגעקייטע געשיכטן. אויב דער שמועס ביים טיש גייט נישט וועגן פּאָליטיק אָדער וועגן גוט עסן, מוז די מאמע און פרוי וואו דאן אויסגראָבן זכרונות פון דער יוגנט, אָדער דיסעל מוז אָנהייבן פּלאפּלען פון דער שיין אסאָרטירטער קליידערשאַפּע פון זיין פרוי, פון רעז פערד, אָדער פון א געלעבערטער לאָדקע, פון וונדער קינדער וואָס שווימען ביי 4 יאָר, פון מוסקלשמערצן און מוראדיקע פאציענטן. אז איינער פון אונדז אכט הייבט אָן עפּעס דערציילן, קאָנען עס די אנדערע שוין פארענדיקן. מיר קענען פון פריער די פּאָאַנטע פון יעדן וויץ און חוץ דעם דערציילער לאכט מער קיינער נישט. די פארשידענע מעשיות וועגן די ליפעראנטן פון דער געוועזענער הויזווירטן, קצבים, סוחרים און בעקערם, זענען שוין טויזנט מאָל איבערגעקייט געוואָרן און איך ווייס נישט וואָס מ'וואָלט נאָך געקאָנט דערציילן נייעס אין אונדזער הינטערהויז. אלץ האָט שוין אזאאאאאא באָרד.

דאָס וואָלט נאָך געווען צום אריבערטראָגן, ווען די דערוואקסענע וואָלטן נישט געהאט די טבע איבערצוחזרן צען מאָל א מעשה, וואָס שטאמט פון קאָפּהויס, מיפּ אָדער הענק, יעדעס מאָל אין אן אנדערער פאָרם, באפוצט מיט נייע פליטערלעך. דעמלט מוז איך מיך אליין קנייפּן אונטערן טיש, כדי נישט איבערצושלאָגן די רייד פון דעם באגייסטערטן דערציילער, ווייל קינדער ווי אנא טאָרן בשום אופן נישט געפונען קיין חסרון ביי דערוואקסענע, אפילו ווען זיי זענען זיך טועה, אָדער טראכטן אויס ליגנס. קאָפּהויס און הענק דערציילן אונדז אלץ וואָס זיי הערן וועגן אויסבאהאלטענע. זיי ווייסן, אז דאָס אינטערעסירט אונדז מער ווי אלץ און אז מיר לעבן איבער און ליידן אינײנעם מיט די מענטשן וואָס ווערן געכאפּט, און אז מיר פרייען זיך מיט געפאנגענע וואָס ווערן ווידער באפרייט. זיך אויסבאהאלטן און פארשווינדן זענען אצינד אזעלכע טאָגטעגלעכע זאכן ווי ס'זענען פריער געווען דעם טאטנס פאנטאָפל, וואָס האָבן אויף אים געווארט ווינטער אויפן אויוון.

אָרגאניזאציעס ווי למשל, „דאָס פרייע נידערלאנד“, פעלשן אידענטיטעטס־אקטן, זאָרגן פאר א זיכערער באהעלטעניש, באזאָרגן מיט געלט און לעבנסמיטל זייערע אויסבאהאלטענע און געפונען

ארבעט פאר קריסטלעכע אויסבהאלטענע יונגעלייט ביי פארלעסלעכע האנטווערקער אָדער אין אונטערנעמונגען. ס׳איז צום באַוואונדערן וואָס ס׳טוען אויף אומייגנוציקע און איידעלע מענטשן, ווי זיי שטעלן איין זייער אייגן לעבן, כדי אנדערע צו העלפן און צו ראטעווען. און דאָס בעסטע ביישפּיל זענען אונדזערע באשיצער, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן ביז אצינד און וועלן אונדז האָפנטלעך דערפירן צו א זיכערן ברעג. אויב חלילה נישט, וועלן זיי האָבן דעם זעלבן גורל ווי אלע וואָס באשיצן יידן, מיר הערן פון זיי קיינמאָל נישט א וואָרט אז מיר זענען א לאסט פאר זיי — און דאָס זענען מיר דאָך! — קיינמאָל באקלאָגן זיי זיך נישט אויף דער גרויסער מי, וואָס מיר פארשאפן זיי. זיי קומען יעדן טאָג ארויף, רעדן מיט די מענער וועגן געשעפטן און פּאָליטיק, מיט די פרויען וועגן עסן און שוועריקייטן אין דערווירטשאפט, מיט אונדז וועגן ביכער און צייטונגען. זיי קומען תמיד מיט פרייַלעכע פּנימער, ברענגען צו א געבוירנטאָג אָדער צו א יום-טוב בלומען און מתנות און זענען תמיד גרייט אונדז צו העלפן. איינס טאָרן מיר קיינמאָל נישט פארגעסן; וויפל העלדישקייט מ׳זאָל נישט ארויסווייזן אין דער מלחמה קעגן די אונטערדריקער, איז דער קרבן וואָס אונדזערע פריינט ברענגען דאָ טאָגטעגלעך, א באווייז פון איבערגעגעבנקייט און ליבע!

ס׳גייען ארום די משוגהדיקסטע קלאנגען, און דאָך זענען די מיינסטע אמת. קאַפּהוים דערציילט פון א פוסבאל-מעטש אין געלדערלאנד, ביי וועלכן ס׳האָבן געשפּילט אויף איין זייט נאָר אויסבאהאלטענע, אויף דער אנדערער זייט... מיטגלידער פון דער לאנד-זשאנדארמעריע.

אין הילווערסום האָט מען ארויסגעגעבן נייע לעבנסמיטלקארטן. כדי אסך אויסבאהאלטענע מענטשן זאָלן נישט בלייבן אָן ראציעס, האָבן די דאָרטיקע באאמטע באשטעלט אלע „באַשיצער" פון דער געגנט צו א באשטימטער שעה, כדי זיי איבערצוגעבן די קארטן פאר די אויסבאהאלטענע. מען מוז אָבער זיין זייער פאָרזיכטיק, כדי די מאַפּן* זאָלן פון דעם נישט געוואָר ווערן.

דיין אנא.

---

* מאַפּן: חוזק-נאָמען פאר די דייטשן.

דאָנערשטיק, 3. פעברואר 1944.

ליבע קיטי!

מען דערוואַרט אין קורצן די אינוואַזיע. ווען דו וואָלסט געווען דאָ וואָלסטו פון איין זייט געשטאַנען אונטער דעם דאָזיקן טיפן איינדרוק, און פון דער אַנדערער זייט וואָלסטו פון אונדז געלאַכט, וואָס מיר מאַכן זיך משוגע. אַלע צייטונגען זענען פול מיט דער אינוואַזיע און פאַרווירן די מענטשן, ווייל זיי שרייבן:

„אַז די ענגלענדער וועלן לאַנדן אין האָלאַנד וועט די דייטשע אָנפירונג פאַרטיידיקן דאָס לאַנד מיט אַלע מיטלען, אויב ס'וועט נויטיק זיין, אפילו פאַרפלייצן".

מ'האָט פאַרעפנטלעכט לאַנדקאַרטן, אויף וועלכע ס'זענען אָנגעצייכנט די שטחים וואָס קאָנען פאַרפלייצט ווערן. אַזוי ווי גרויסע טיילן פון אַמסטערדאַם זענען אויך דערונטער, שטעלט זיך די פראַגע וואָס מען וועט טון, ווען דאָס וואַסער וועט זיין אַ מעטער די הויך אין די גאַסן. פון אַלע זייטן קומען פאַרשידענע ענטפערס: אַזוי ווי ס'איז אויסגעשלאָסן דאָס פאָרן אויף ביציקלעטן, וועלן מיר נישט האָבן קיין אַנדערע ברירה ווי צו בריזען אין וואַסער דורך די גאַסן.

— מיר וועלן פרוון שווימען. אַז מיר וועלן גיין אין באָד=קאָסטיומען און גומי=קאַפּן און דער עיקר זיין וואָס מער אונטערן וואַסער, וועט קיינער נישט דערקענען אַז מיר זענען יידן.

— אַ שיינע מעשה! איך הער שוין קוויטשען די דאַמען ווען די שטשורעס בייסן זיי אין די פיס! (אוודאי איז דאָס געווען אַ מאַן וואָס האָט אַזוי חוזק געמאַכט; לאָמיר זען ווער ס'וועט צוערשט שרייען!).

— מיר וועלן אינגאַנצן נישט אַרויס פון דעם הויז. דער בנין איז אַזוי שוואַך און וואַקלענדיק, אַז ביים ערשטן דרוק פונעם וואַסער וועט ער איינפאַלן.

— גענוג זיך געוויצלט. מיר מוזן זען זיך צו פאַרשאַפן אַ לאָדקע.

— דאָס דאַרפן מיר נישט. יעדער פון אונדז וועט נעמען איינעם פון די גרויסע צוקער=קאַסטנס פונעם בוידעם און רודערן וועלן מיר מיט אַ לעפל.

— איך וועל גיין אויף שטאָלצן. אין דעם ספּאָרט בין איך געווען קאַמפּיאָן אין דער יוגנט.

— הענק וואַן סאַנטען דאַרף דאָס נישט. אַז ער נעמט זיין פרוי אויף דער פלייצע האָט מיט במילא שווין שטאָלצן.

אַצינד פאַרשטייסטו שוין, קיטי, די דאָזיקע פלאַפלעריי איז דאָך זייער שפּאַסיק. דער אמת וועט זיין אַנדערש!

דאָס צווייטע אינוואַזיע-פּראָבלעם מוז אויך דיסקוטירט ווערן. וואָס איז צו טון אויב די דייטשן וועלן עוואַקוירן אַמסטערדאַם?

— גאַנץ ‹.אומויפעליק מיטגיין.

— מיטגיין פאַר קיין שום פאַל נישט. מיר דאַרפן דווקא דאָ בלייבן. די דייטשן זענען אומשטאַנד די מענטשן אַזוי לאַנג צו טרייבן ביז זיי וועלן אין דייטשלאַנד אויסשטאַרבן!

— יאָ, אַוודאי, מיר בלייבן דאָ. דאָ איז זיכערער ווי אומעטום. דאַן מוזן מיר פּרוּוון צו איבערצייגן קאָפּהויסן ער זאָל זיך איבערפירן אַהער מיט דער גאַנצער משפּחה. מיר וועלן זען צו באַקומען הובלינקעס און אַזוי אַרום וועלן מיר אַלע קאָנען שלאָפן אויפן דיל. אַמבעסטן וואָלט געווען ווען מיפּ און קאָפּהויס זאָלן שוין אָנהייבן ברענגען קאָלדרעס. מיר וועלן צו די 60 פונט מעל נאָך עפּעס צוקויפן. הענק וועט פּרוּוון קויפן פּאַסאָליעס. מיר האָבן אַצינד אין שטוב 60 פונט פּאַסאָליעס און 10 פונט אַרבעס, חוץ די 50 קאָנסערוון.

— מאַמע, ווילסט אויסרעכענען די אַנדערע שפּייזאַרטיקלען?

— צען פיש-קאָנסערוון, פערציק פושקעס מילך, צען קילאָ מילכפּראָשעק, דריי פלעשער בוימל, פיר סלויעס מיט פוטער, פיר מיט פלייש, פיר גרויסע פלעשער מיט יאַגדעס, צוויי פלעשער סיראָפּ, 20 פלעשער טאָמאַטן, 10 פונט האָבערגע-קאַשע, 8 פונט רייז. דאָס איז אַלץ!

— דאָס איז אַ גאַנץ שיינער זאַפּאַס, אָבער ווען דו טראַכסט, אַז מיר ווילן נאָך דערמיט שפּייזן אַנדערע, איז ער נישט אַזוי גרויס ווי ער ווייזט זיך אויס.

קוילן און ברענשטאָף האָבן מיר גענוג. אויך חלב-ליכט. מיר וועלן זיך אַלע אויפנייען ברוסט-ביטעלעך, כדי צו באַהאַלטן דאָס געלט, אויב מען וועט מוזן אַוועק פון דאַנען.

מיר וואָלטן געדאַרפט מאַכן אַ רשימה, פון די וויכטיקסטע זאַכן, וואָס מען דאַרף מיטנעמען ווען מען אַנטלויפט, און ווי ווייט מעגלעך שוין איינפּאַקעווען די רוקזעק.

אַז מיר וועלן האַלטן אַזוי ווייט, וועלן מוזן שטיין אויף דער וואַך צוויי פּאָסטנס. איינער אין פאָדערהויז, אַן אַנדערער אויפן בוידעם.

אָבער וואָס וועלן מיר טון מיט דעם גאַנצן עסנוואַרג, אויב מיר וועלן בלייבן אָן גאַז, אָן וואַסער און עלעקטריציטעט?

דאַן וועלן מיר קאָכן אויפֿן אייוועלע. דאָס וואַסער ווערט פֿיל־טרירט און געקאָכט. מיר וועלן רייַן מאַכן אַ פּאָר פֿלעשער, כּדי שטענדיק צו האָבן אַ זאַפּאַס פֿון וואַסער.

אָט די מעשׂיות הער איך אַצינד דעם גאַנצן טאָג, אינוואַזיע פֿון פֿאָרנט, אינוואַזיע פֿון הינטן, רייד וועגן הונגער־טויט, וועגן שטאַרבן, וועגן באָמבעס, שלאָף־זעק, דאָקומענטן פֿאַר ייִדן, גיפֿט־גאַז און אַזוי כּסדר.

אַ קלאָר בילד פֿון אונדזערע זאָרגן שפּיגלט זיך אָפּ אין פֿאָלגנדיקן שמועס מיט הענק.

הינטערהויז: „מיר האָבן מורא, אַז אין פֿאַל פֿון אַ ריק־צוג וועלן די דייטשן מיטנעמען די גאַנצע באַפֿעלקערונג".

הענק: „דאָס קאָן נישט זיין. דערצו האָבן זיי דורכויס נישט גענוג טראַנספּאָרט־מיטלען".

הינטערהויז: „צוגן? איר מיינט אַז זיי וועלן לאָזן פֿאָרן די באַפֿעלקערונג מיט דער באַן? דאָס זאָלט איר אייך נישט איינרעדן! זיי מעגן לויפֿן".

„Per pedes apostolorum — זאָגט אין אַזאַ פֿאַל דיסעל".

הענק: „דאָס איז אויסגעשלאָסן. איר זעט אַלץ שוואַרצער ווי ס'איז. וואָס וועט זיי אַרויסקומען, אַז זיי וועלן מיטשלעפּן די גאַנצע באַפֿעלקערונג?"

הינטערהויז: „איר ווייסט נישט וואָס געבלס האָט געזאָגט: אויב מיר מוזן זיך צוריקציען קלאַפּן מיר צו די טיר הינטער אונדז אין די אָקופּירטע געביטן!"

הענק: „וואָס זיי זאָגן...!"

הינטערהויז: „איר האַלט אַז די דייטשן זענען צו איידל אָדער צו מענטשלעך? אויב זיי וועלן זיין אין אַ סכּנה וועלן זיי פּרוּוון אַלץ מיטצורייסן וואָס ס'איז אין זייער מאַכט".

הענק: „איר מעגט זאָגן וואָס איר ווילט, איך גלויב נישט!"

הינטערהויז: „ס'איז ווידער דאָס אַלטע ליד. קיינער וויל נישט זען די געפֿאַר ביז ער פֿילט זי נישט אויף זיין אייגע־נעם לייב".

הענק: „איר ווייסט דאָך אָבער אויך נישט עפּעס פּאָזיטיווס. דאָס זענען דאָך אַלץ נאָר השערות".

הינטערהויז: „מיר האָבן דאָס שוין מיטגעמאַכט, קודם אין דייטשלאַנד און דאַן דאָ. און וואָס געשעט אין רוס־לאַנד?"

העניק: „פון יידן רעדט מען אצינד נישט. קיינער ווייסט נישט וואָס ס'קומט פאָר אין מזרח. מין הסתם, איז די ענגלישע און רוסישע פּראָפּאַגאַנדע פּונקט אַזוי איבערגעטריבן ווי די דייטשע".

היינטערהויז: „דאָס איז נישט ריכטיק. דער ענגלישער ראַדיאָ זאָגט תמיד דעם אמת. אָבער אפילו ווען איר האַלט, אַז אַסך איז איבערגעטריבן, איז דער אמת גענוג שווידערלעך. איר קאָנט דאָך נישט לייקענען, אַז אין פּוילן און רוסלאַנד האָט מען אַסך מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן פאַרגאַזט און אויסגע־קוילעט!"

דעם ווייטערן פאַרלויף פון דעם שמועס וויל איך דיר איינ־שפּאָרן. איך בין גאַנץ רויק און איך נעם מיר ווי מענגלעך נישט צום האַרצן. איך האַלט שוין אַזוי ווייט, אַז ס'איז מיר קיין חילוק נישט צי איך וועל שטאַרבן צי איך וועל בלייבן לעבן. די וועלט וועט ווייטער באַשטיין אויך אָן מיר, און איך קאָן דאָך סיי־ווי נישט אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דער געשיכטע.

זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין, איך לערן דערווייל און אַרבעט און האָף, אַז דער סוף וועט זיין אַ גוטער.

דיין אַנאַ.

שבת, 12. פעברואַר 1944.

ליבע קיטי!

די זון שיינט, דער הימל איז טיף בלוי, ס'ווייעט אַ פּרעכטיק ווינטעלע, און איך... בענק אַזוי. איך בענק... נאָך אַלץ, נאָך פריי־הייט, נאָך פריינט. איך בענק צו קאָנען אויסשיטן פאַר עמיצן דאָס האַרץ און... צו זיין אַליין. וואָלט איך געקאָנט מיך אַמאָל גוט אויסוויינען! איך ווייס אַז ס'וואָלט מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, ווען איך זאָל קאָנען וויינען, אָבער איך ווייס אויך, אַז דאָס קאָן איך נישט. איך בין אומרויק, איך לויף פון איין צימער אין אַנדערן, איך שטיי ביים פאַרמאַכטן פענצטער, און וואָלט איינגעאָטעמט די לופט פון דרויסן דורך יעדער שפּאַרינע, איך פיל ווי ס'קלאַפּט מיין האַרץ, ווינגלייך ס'וואָלט מיר געזאָגט: שטיל שוין איין אַמאָל מיין בענקשאַפט.

איך מיין, אַז דער פרילינג איז שולדיק. איך פיל דעם דער־וואַכנדיקן פרילינג, איך פיל אים אין מיין גאַנצן גוף און מיין

גאנצער נשמה. איך מוז מיך באמיען צו בלייבן רויק, איך בין איינגאנצן פארווירט, איך קאָן מיך נישט נעמען ליינען, שרייבן אָדער עפּעס טון. איך ווייס נאָר, אז איך בענק נאָך עפּעס...

דיין אנא.

זונטיק, 13. פעברואר 1944.

ליבע קיטי!

זייט נעכטן האָט זיך פאר מיר אסך געביטן. דאָס איז געשען אזוי: ס'האָט מיך געמאטערט די בענקשאפט און זי מאטערט מיך נאָך אצינד, אָבער עפּעס איז דאָך אנדערש געוואָרן. היינט אינדערפרי האָב איך באמערקט, צו מיין גרעסטער פרייד — דאָס מוז איך אָנערקענען — אז פעטער נעמט נישט אראָפּ אן אויג פון מיר. נאָר אנדערש ווי תמיד, איך ווייס נישט וויאזוי און איך קאָן דאָס אויך נישט באשרייבן. פריער האָב איך געמיינט, אז פעטער איז פארליבט אין מארגאָן, אָבער פּלוצים האָב איך דערפילט, אז דאָס איז אנדערש. איך האָב אייגנס דעם גאנצן טאָג נישט קיין סך געקוקט צו אים, ווייל ווען איך האָב יאָ געקוקט, האָב איך באגעגנט זיין בליק, און האָב דערביי געהאט אזא וואונדערבאר געפיל, וואָס איז בעסער אז מען פילט עס זעלטענער.

איך האָב אזא פארלאנג צו זיין אליין. דער טאטע זעט, אז איך בין אנדערש ווי תמיד. אָבער אים קאָן איך אויך נישט אלץ דערציילן. „לאָזט מיך צורו, לאָזט מיך אליין", וואָלט איך זיי אלע געזאָגט. ווער ווייסט צי מען וועט מיך אמאָל נישט לאָזן אליין, נאָך מער ווי איך וועל וועלן.

דיין אנא.

מאָנטיק, 14. פעברואר 1944.

ליבע קיטי!

זונטיק אויפדערנאכט זענען אלע געזעסן ביים ראדיאָ, כדי צו הערן „די אומשטערבלעכע מוזיק פון דייטשע מייסטער", חוץ מיר און פּים. דיסעל האָט געהאלטן אין איין דרייען ביים אפּא-

ראַט. פּעטער און די אַנדערע זענען געווען אין כּעס. נאָך אַ האַלבער שעה איז פּעטער געוואָרן זייער נערוועז און האָט געבעטן, אַביסל אויפגערעגט, מען זאָל אויפהערן צו דרייען. דיסעל האָט געענטפערט מיט גאווה: — איך ווייס שוין וואָס איך טו.

פּעטער איז געוואָרן בייז, זיין פאָטער האָט אים אונטערגע־האַלטן און דיסעל האָט געמוזט נאָכגעבן. דאָס איז געווען אַלץ. די זאַך אַלס אַזעלכע איז נישט פון באַדייטונג, אָבער פּעטערן, ווייזט אויס, האָט דאָס זייער באַרירט. הייַנט אינדערפרי ווען איך האָב געזוכט אין ביכער־קאַסטן, אויפן בוידעם, איז ער געקומען און האָט מיר דערציילט די גאַנצע מעשה. איך האָב פון דעם נאָך גאָרנישט געוווּסט און אַז פּעטער האָט געזען, אַז איך הער מיך גערן צו, האָט ער זיך צעפלאַמט.

— איך זאָג נישט אַזוי גיך עפּעס, ווייל איך ווייס פריער, אַז איך קאָן מיך נישט אַזוי גוט אויסדריקן. איך הויב אָן צו היקען, ווער רויט און זאָג אָפט גאָר עפּעס אַנדערש ווי איך וויל. צום סוף ווער איך אַנטשוויגן, ווייל איך קאָן דאָך נישט געפינען די ריכטיקע ווערטער. נעכטן איז אויך געווען אַזוי. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, און וויאַזוי איך האָב נאָר אָנגעהויבן, בין איך אַרויס פון די כּלים, און דאָס איז תּמיד אַזוי שרעקלעך. פריער האָב איך געהאַט זייער אַ שלעכטע טבע, נאָר איך וואָלט זי אַצינד גערן אַנגעווענדט. ווען איך האָב מיך מיט עמיצן צעקריגט, האָב איך אים ליבער דערלאַנגט, איידער מיט אים צו דיסקוטירן. איך ווייס טאַקע, אַז דערמיט קאָן מען גאָרנישט אויפטון און דערפאַר באַ־וווּנדער איך דיך. דו קאָנסט גוט רעדן, דו זאָגסט די מענטשן וואָס דו ווילסט, דיר פעלט קיינמאָל נישט קיין וואָרט.

— דו האָסט אַ גרויסן טעות, האָב איך געענטפערט, מייַנסטנס זאָג איך נישט דאָס וואָס איך האָב געוואָלט און איך רעד אויך צופיל, מער ווי מען דאַרף און דאָס איז אַזוי שלעכט.

איך האָב געמוזט צו מיר אַליין לאַכן, אָבער איך האָב אים דאָס נישט געלאָזט פילן, ווייל איך האָב געוואָלט ער זאָל ווייטער רעדן וועגן זיך. איך האָב מיך געמיטלעך אַראָפּגעזעצט אויף אַ קישן, האָב אַרומגענומען די קניעס מיט די הענט און אים אויפ־מערקזאַם באַטראַכט.

איך בין זייער צופרידן וואָס ס'איז נאָך פאַראַן איינער אין דעם הויז, וועלכער ווערט אין כּעס פּונקט אַזוי ווי איך. איך האָב געזען, אַז פּעטערן טוט הנאה, וואָס ער קאָן קריטיקירן דיסעלן מיט די שאַרפסטע ווערטער אָן דער מורא, אַז מען וועט אים תּיכּף פאַר־

קלאָגן. און איך, איך האָב אויך געהאַט א גרויסע הנאה, ווייל מיך האָט באהערשט אזא געמיינשאַפטס־געפיל, ווי אמאָל מיט מיינע חברטעס.

דיין אנא.

מיטוואָך, 16. פעברואר 1944.

ליבע קיטי!

מארגנאָ האָט געבוירנטאָג. האלב איינס אזייגער איז געקומען פעטער, כדי צו זען די מתנות און איז געבליבן פיל לענגער ווי ס'איז דערפאר נויטיק געווען. פריער האָט ער דאָס קיינמאָל נישט געטון. צומיטאָג האָב איך געבראַכט די קאווע און שפּעטער די קארטאָפל, ווייל איינמאָל אין יאָר האָב איך געוואָלט מארגאָן באזונדערס שאנעווען. ווען איך בין פארבייגעגאנגען פעטערס צימער, האָט ער תיכף אוועקגענומען די פּאַפּירן פון די טרעפּ און איך האָב געפרעגט צי איך זאָל צומאכן דאָס בוידעם־טירל.

— יאָ, האָט ער געזאָגט, ווען דו וועסט צוריקגיין זאָלסטו א קלאַפּ טון, וועל איך דיר תיכף עפענען.

איך האָב אים געדאנקט, בין ארויפגעגאנגען און האָב גע־זוכט צען מינוט אין גרויסן פאַס, כדי אויסצוזוכן קליינע קאר־טאָפל, ביז ס'האָט מיך אָנגעהויבן ווײ טון די פלייצע פון שטיין איינגעבויגן און ס'איז מיר געוואָרן קאלט. איך האָב, פארשטייט זיך, נישט געקלאַפּט, נאָר אליין געעפנט דאָס טירל, אָבער ער איז מיר תיכף אנטקעגנגעקומען, גרייט צו העלפן, און ביי מיר אוועקגענומען דעם גרויסן טאָפּ. איך האָב אסך געזוכט, אָבער קיין קלענערע האָב איך נישט געקאָנט געפונען, האָב איך געזאָגט.

— האָסטו געזוכט אין גרויסן פאַס?

— איך האָב אפילו מיט דער האנט דורכגעשארט.

דערווייל בין איך געשטאנען אונטן אויף די טרעפּ און ער האָט קריטיש באקוקט די קארטאָפל.

— זיי זענען פונדעסטוועגן זייער גוט, און בעת ער האָט מיר צוריקגעגעבן דעם טאָפּ, האָט ער נאָך געזאָגט, „וונדערבאַר!“ דערביי האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט א זאנפטן בליק, אזוי, אז

אויך מיר איז געוואָרן וואַרעם אין דער נשמה. איך האָב געפילט, אַז ער וויל עפּעס אַ ליבע זאַך. דערפאַר אָבער ווייל ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין גרויסע ווערטער, האָט ער אַלע זיינע געדאַנקען אַריינגעלייגט אין אַ בליק.

איך האָב אים זייער גוט פאַרשטאַנען און האָב אים געדאַנקט פון גאַנצן האַרצן. איך פריי מיך נאָך אַצינד ווען איך טראַכט צו זיינע ווערטער און צו זיין בליק.

ווען איך בין אַראָפּגעקומען, האָט די מאַמע געזאָגט, אַז מען דאַרף מער קאַרטאָפל, כדי ס'זאָל בלייבן אויך פאַר אויפדערנאַכט. איך בין תּיכף געווען גרייט נאָכאַמאָל אַרויפצוגיין.

ווען איך בין אַרויפגעקומען צו פעטערן האָב איך מיך אַנטשולדיקט, וואָס איך שטער אים נאָכאַמאָל. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך געשטעלט צווישן דער וואַנט און די טרעפּ און האָט מיך געוואָלט צוריקהאַלטן.

— איך וועל אַרויפגיין, האָט ער געזאָגט, איך האָב אים געענטפערט אַז דאָס איז באמת נישט נויטיק און אַז איך דאַרף סיי=ווי=סיי נישט מער זוכן קיין קליינע קאַרטאָפל. דאָס האָט אים איבערצייגט און ער האָט אָפּגעלאָזט מיין האַנט. ווען איך בין צוריקגעקומען האָט ער מיר געעפנט דאָס טירל און ביי מיר צוגענומען דעם טאָפּ. ביים אַרויסגיין האָב איך אים געפרעגט:

— וואָס טוסטו אייגנטלעך דאָ?

— „פראַנצויזיש“, האָט ער געענטפערט. איך האָב אים געפרעגט צי איך מעג אַריינקוקן אין זיינע העפטן, איך האָב מיר אָפּגעווישט די הענט און האָב מיך אַנידערגעזעצט אים אַקעגניבער אויף דער סאָפע. נאָכדעם ווי איך האָב אים דערקלערט אייניקע זאַכן, האָבן מיר אָנגעהויבן צו רעדן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער וויל שפּעטער פאָרן קיין נידערלענדיש=אינדיע, אויף די פּלאַנטאַציעס. ער האָט גערעדט וועגן זיין לעבן אינדערהיים, וועגן שוואַרצן האַנדל, און וועגן דעם וואָס ער איז אַ לא יצלח. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער ליידט פון אַ שטאַרק מינדערווערטיקייטס=געפיל. ער האָט אויך גערעדט וועגן יידן. ער האַלט, אַז ס'וואָלט פאַר אים בעסער געווען ווען ער זאָל זיין אַ קריסט, אָדער ווען ער קאָן עס ווערן נאָך דער מלחמה. איך האָב געוואָלט וויסן צי ער האָט בדעה זיך צו שמדן נאָך דער מלחמה. דאָס האָט ער נישט געוואָלט, ווייל נאָך דער מלחמה וועט סיי־ווי קיינער נישט וויסן צי ער איז אַ קריסט צי אַ ייד. דערביי האָט מיר געטון אַ שטאָך אין האַרצן. ס'טוט מיר באַנג, וואָס אין זיין נשמה איז נאָך פאַראַן אַ טראָפּן פאַלשקייט.

מיר האָבן נאָך גערעדט וועגן טאַטן, וועגן מענטשנקענטעניש און וועגן אַנדערע זאַכן. איך בין אַוועקגעגאַנגען ערשט האַלב פינף אַזייגער.

אויפדערנאַכט האָט ער נאָך געזאָגט עפּעס זייער האַרציקס. מיר האָבן גערעדט פון אַ פילם־סטאַר, וועמענס בילד ער האָט פון מיר באַקומען און וואָס הענגט שוין אַנדערטהאַלבן יאָר אין זיין צימער. דאָס איז אים זייער געפעלן און איך האָב אים פאָרגעשלאָגן, אַז איך וועל אים שענקען בילדער אויך פון אַנדערע פילם־סטאַרס.

— ניין, האָט ער געזאָגט, איך לאָז עס ליבער אַזוי. איך קוק יעדן טאָג אויף דעם בילד און ס'איז שוין געוואָרן מיין פריינדין.

אַצינד פאַרשטיי איך בעסער פאַרוואָס ער שלעפּט זיך אַרום מיט מושין און שפּילט זיך מיט איר. אויך ער האָט דעם פאַרלאַנג נאָך צערטלעכקייט. איך האָב פאַרגעסן וועגן וואָס ער האָט נאָך גערעדט.

— פון מורא ווייס איך נישט, האָט ער געזאָגט. נאָר אַז ס'פעלט מיר עפּעס האָב איך יאָ מורא, אָבער אויך דאָס וועל איך בייקומען.

ער האָט אַ גרויס מינדערווערטיקייטס־געפיל. ער מיינט, למשל, אַז ער איז נאַריש און אַז מיר זענען אַלע זייער קלוג. ווען איך העלף אים אַביסל ביי פראַנצויזיש, ווייסט ער גאָרנישט וויאַזוי זיך צו באַדאַנקען. אַ צווייט מאָל וועל איך אים זאָגן: „לאָז אָפּ די נאַרישקייטן. דערפאַר קענסטו אַסך מער פון מיר ענגליש און געאָגראַפיע".

דיין אַנאַ.

פרייטיק, 18. פעברואַר 1944.

ליבע קיטי!

תמיד ווען איך גיי אַרויף, טו איך עס מיט דער כוונה „אים" צו זען. מיין לעבן דאָ איז אַסך שענער געוואָרן, ווייל ס'האָט ווידער באַקומען אַ זין, ווייל איך קאָן מיך ווידער מיט עפּעס פרייען.

דער אָביעקט פון מיין פריינטשאַפט איז אויך תמיד אינדער־היים און איך דאַרף נישט קיין מורא האָבן פאַר ריוואַלן (אַ חוץ פאַר מאַרגאָ). מיין נישט אַז איך בין פאַרליבט. אָבער איך האָב

דאָס געפיל, אז צווישן פעטערן און מיר וועט זיך אנטוויקלען עפּעס גאָר שיינס, וואָס וועט אונדז באַרייכערן מיט פריינטשאפט און צוטרוי. ביי יעדער געלעגנהייט גיי איך צו אים אַרויף. ס'איז נישט מער אַזוי ווי פריער, ווען ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל מיט מיר אָנהייבן. פאַרקערט, איצט רעדט ער נאָך אפילו ווען איך בין שוין אויף יענער זייט שוועל. די מאַמע זעט דאָס נישט גערן, וואָס איך גיי אַזוי אָפט אַרויף. זי זאָגט, איך זאָל פעטערן נישט באַלעסטיקן, איך זאָל אים צורו לאָזן. צי פאַרשטייט זי באמת נישט, אַז איך לעב עפּעס איבער? תמיד ווען איך גיי אַרויף אין דעם קליינעם צימער קוקט זי אַזוי מאָדנע אויף מיר. ווען איך קום אַראָפּ, פרעגט זי מיך ווו איך בין געווען. דאָס קאָן איך נישט ליידן. דאָס איז מיאוס.

דיין אַנאַ.

שבת, 19. פעברואַר 1944.

ליבע קיטי!

היינט איז ווידער שבת, און דאָס אַליין זאָגט שוין גענוג. דער אינדערפרי איז געווען רויִק. איך האָב אויבן עפּעס צוגעהאָלפן, אָבער מיט פעטערן האָב איך גערעדט נאָר עטלעכע ווערטער. האַלב דריי אַזייגער בין איך אַראָפּגעגאַנגען מיט אַ דעק אין פּריוואַט־קאָנטאָר, כדי צו קאָנען רויִק שרייבן און לייענען ביים שרייבטיש. איך האָב מיך אָבער נישט געקאָנט קיין סך איינהאַלטן, האָב אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן טיש און האָב מיך צעוויינט. די טרערן זענען גערונען און איך בין געווען זייער אומגליקלעך. אוי, וואָלט „ער“ כאָטש געקומען מיך טרייסטן. ווען איך בין אַרויפגעגאַנגען איז שוין געווען פיר אַזייגער. איך האָב געדאַרפט ברענגען קאַרטאָפל און האָב געהאָפט, אַז איך וועל אים באַגעגענען. אָבער בעת איך בין געשטאַנען אין באָדצימער און מיך אַביסל צוגעקעמט, האָב איך געהערט, ווי ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין לאַגער צו מאָפּין. ווידער איז מיר אָנגעקומען צו וויינען און איך בין אַנטלאָפן אין טואַלעט, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם שפּיגל. דאָ בין איך געבליבן זייער פאַרביטערט און מיין רויט פאַרטוך האָט באַקומען טונקעלע פלעקן פון טרערן.

איך האָב געטראַכט: „אזוי וועל איך פעטערן קיינמאָל נישט געוווּנען. אפשר איז ער גאָר גלייכגילטיק צו מיר און ער קוקט גאָרנישט ארוים אויף מיין צוטרוי. אפשר טראכט ער גאָר אינגאנצן אויבערפלעכלעך וועגן מיר? איך מוז ווידער זיין אליין, אָן פעטערן. אפשר אויך אָן האָפענונג, אָן טרייסט, אָן דערוואַרטונג!“

איינמאָל וואָלט איך געוואָלט אנידערלייגן דעם קאָפּ אויף זיינע אקסל און מיך נישט פילן אזוי האָפנונגסלאָז און אליין! ווער ווייסט צי ער האָט מיך גאָר אינגאנצן ליב, צי קוקט ער נישט אזוי פריינטלעך אויך צו אנדערע, צי האָב איך מיר נישט איינגערעדט אז דאָס מיינט ער נאָר מיך? אָ, פעטער, וואָלטסטו מיך נאָר געקאָנט הערן אָדער זען! פונדעסטוועגן וואָלט איך נישט געקאָנט אריבערטראָגן דעם אמת, ווען דאָס וואָלט געווען אן אנטוישונג. און בשעת איך האָב נאָך געוויינט, האָט זיך אין מיר ווידער צעבליט האָפענונג און דערוואַרטונג.

דיין אנא.

זונטיק, 20. פעברואר 1944.

ליבע קיטי!

וואָס אנדערע מענטשן טוען אינדערוואָכן, טוען מיר, אין הינטערהויז, זונטיק. בשעת אנדערע גייען שפאצירן, שיין אָנגעטון, ראָמט מען ביי אונדז.

**אכט אזייגער:** נישט קוקנדיק אויף די לאַנגשלעפער, שטייט דיסעל אויף 8 אזייגער, גייט אין באָד=צימער, דערנאָך אראָפּ, דערנאָך ווידער ארויף, דאן וואשט ער זיך אין באָד=צימער א גאנצע שעה.

**האלב צען:** ס'ווערט אראָפּגענומען דער קאמופלאזש, מ'הייצט איין אין די אייוועלעך און די וואן דאנס גייען זיך וואשן.

**א פערטל אויף עלף:** די וואן דאנס פּאָפּן. דאָס באָד=צימער איז פריי. ביי אונדז קריכן ארוים די ערשטע פעפערס פון די פעדערן. דאן אָבער גייט עס גיך! נאָכאנאנד גייען מארגאָ, די מאמע און איך זיך באָדן. ס'איז זייער קאַלט און מיר זענען צופרידן וואָס מיר גייען אין לאנגע הויזן. נאָך אונדז גייט זיך באָדן דער טאטע.

**האלב צוועלף:** פרישטיק. וועגן דעם וויל איך קיין סך נישט רעדן. וועגן עסן ווערט ביי אונדז גענוג גערעדט.

**א פערטל אויף איינס:** יעדער טוט וואָס ער וויל. דער טאַטע ליגט אויפן דיל און קערט אָפּ דעם טעפּיך מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די גאַנצע שטוב איז איינגעהילט אין שטויב. דיסעל קערט איבער זיין בעט מיטן קאָפּ אַראָפּ און פייפט דערביי דעם פידל=קאָנצערט פון בעטהאָווען. די מאַמע הערט מען ארומשפּאַנען אויפן בוידעם. זי העַנגט אויף וועש. וואַן דאַן טוט זיך אָן דעם קאַפּעליוש און גייט אַראָפּ אונטן, מיינסטנס באַגלייט פון פּעטערן און מושין. די מאַדאַם טוט זיך אָן אַ לאַנגן פּאַרטוך, אַ שוואַרצן וואָלענעם זשאַקעט און שניישיך, הילט זיך איין אין אַ גראָבן רויטן שאַל, נעמט אַ בינטל וועש אונטערן אָרעם און פאַרשווינדט, מאַכנדיק דערביי אַ גוט איינשטודירט קניקסל פון אַ וועשערן. מאַרגאָ און איך וואַשן דאָס געשיר און ראַמען צו אין שטוב.

דיין אַנאַ.

מיטוואָך, 23. פעברואַר 1944.

ליבע קיטי!

פון נעכטן אָן איז אַ פּרעכטיק וועטער און איך בין אינגאַנצן צערודערט. איך גיי כמעט יעדן אינדערפרי אויפן בוידעם, וווּ פּעטער אַרבעט, כדי איינצואָטעמען פרישע לופט. פון מיין באַליבטן אָרט אויפן דיל זע איך אַ שטיק בלויען הימל, זע איך די נאַקעטע קאַשטאַניען=ביימער, פון וועלכע ס'קאַפּען קליינע טראָפּן, און די מעוועס, וואָס ווייזן אויס אין זייער עלעגאַנטן פלי ווי פון זילבער. ער איז געשטאַנען אָנגעלענט מיטן קאָפּ צום באַלקן, איך בין געזעסן, און מיר האָבן ביידע איינגעאָטעמט ריינע לופט; מיר האָבן אַרויסגעקוקט און דערביי געפילט, אַז דאָ איז עפּעס פאַראַן וואָס טאָר נישט איבערגעריסן ווערן מיט ווערטער. מיר האָבן אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט, און ווען ער האָט געמוזט אַרויפגיין האַקן האָלץ, האָב איך געוווּסט, אַז ער איז אַ פיין יינגל. ער איז אַרויפגעגאַנגען די שמאָלע טרעפּ, איך בין אים נאָכגעגאַנגען, און אַ פערטל שעה צייט, ווי לאַנג ער האָט געאַרבעט, האָבן מיר ווידער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. איך האָב באַמערקט, אַז ער באַמיט זיך צו באַווייזן זיין געניטשאַפט, כדי איך זאָל זען זיין כוח. איך האָב אויך אַרויס=

געקוקט דורך דעם אָפענעם פענצטער, איבער א גרויסן טייל פון אמסטערדאם, איבער אלע דעכער ביז צו דעם האָריזאָנט, וואָס איז געווען אזוי פארגאָסן מיט העל-בלוי, אז איך האָב נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן הימל און ערד. איך האָב געטראכט: „ווי לאנג ס'איז נאָך פאראן אָט די שטראלנדיקע זון, דער קלאָרער, בלויער הימל, און איך קאָן דאָס נאָך זען, טאָר איך נישט זיין טרויעריק".

פאר יעדן וואָס פילט זיך אליין אָדער אומגליקלעך, און פארצרהט, איז דאָס בעסטע מיטל ארויסצוגיין ערגעץ, ווו ער קאָן זיין אליין מיטן הימל, מיט דער נאטור און מיט גאָט. דעמלט, נאָר דעמלט, פילט מען, אז אלץ איז אזוי ווי ס'דארף זיין, אז גאָט וויל זען די מענטשן גליקלעכע אין שוים פון זיין פשוטער שיינער נאטור. כל זמן דאָס וועט אזוי זיין — און דאָס וועט תמיד אזוי זיין — וויים איך, אז ס'איז פאראן א טרייסט אין יעדער צרה, און איך גלויב אויף זיכער, אז די נאטור קאָן לינ-דערן אסך ווייטיקן.

אפשר וועל איך קאָנען אָט דאָס גרויסע גליק מיט עמיצן טיילן, וואָס פילט פונקט אזויווי איך.

## געדאנקען

אונדז פעלט דאָ אסך און ס'פעלט אונדז שוין פון לאנג. איך פיל דאָס פונקט אזווי דו. איך מיין נישט קיין אויסערלעכע זאכן. דערפון האָבן מיר גענוג, איך מיין דאָס, וואָס ס'באוועגט אונדז אינערלעך. איך האָב דעם פארלאנג נאָך פרייהייט און לופט פונקט אזוווי דו, אָבער איך מיין, אז מיר זענען פאר אָט דעם אלעמען אנטשעדיקט אין א פולער מאָס. דאָס האָב איך פלוצלינג באנומען, ווען איך בין היינט אינדערפרי געזעסן ביים פענצטער. ווען איך האָב ארויסגעקוקט און האָב דערקענט גאָט אין דער נאטור, בין איך געווען גליקלעך, פשוט גליקלעך. און פעטער, ווי לאנג אָט דאָס גליק איז אין אונדז, דאָס גליק פון דער נאטור, פון געזונט און נאָך מער, ווי לאנג מען טראָגט דאָס אין זיך, ווערט מען אלץ ווידער גליקלעך. רייכטום, כבוד, אלץ קאָן מען פארלירן, אָבער דאָס גליק אין דיין הארץ, קאָן נאָר אמאָל זיין פארנעפלט, אָבער ווי לאנג דו לעבסט וועט עס דיך ווידער און ווידער גליקלעך מאכן. ווי לאנג דו קאָנסט אָן מורא ארויפקוקן צום הימל, אזוי לאנג ווייסטו, אז דו האָסט א ריינע נשמה, און דאָס גליק וועט תמיד זיין מיט דיר.

דיין אנא.

זונטיק, 27. פעברואר 1944.

ליבע קיטי!

פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט טראכט איך גישט צו עפעס אנדערש ווי צו פעטערן. איך ווער אנטשלאָפן מיט זיין בילד פאר די אויגן, חלום פון אים, און ווען איך כאפ מיך אויף, דאכט זיך מיר, אז ער קוקט נאָך אלץ אויף מיר. איך מיין, אז צווישן פעטערן און מיר איז גאָרנישט אזא גרויסער אונטערשיד ווי ס'ווייזט זיך אויס אויפן ערשטן בליק, און איך וויל דיר אויך דערקלערן פארוואָס. אי פעטערן און אי מיר פעלט אן אמתע מאמע. זיינע איז אויבערפלעכלעך, האָט ליב צו פלירטן און ס'גייט זי ווייניק אָן וואָס ער לעבט איבער. מיינע גיט זיך אָפּ מיט מיר, אָבער איר פעלט דאָס איידלע געפיל מיט וועלכן א מאמע קאָן אלץ פארשטיין.

מיר ראנגלען זיך ביידע מיט אונדזער אייגענער נשמה, מיר זענען נאָך צו אומזיכער און צאַרט, כדי מען זאָל זיך צו אונדז צורירן מיט א הארטער האנט. אז ס'קומט אָבער דאָך פאָר, איז מיין ערשטע רעאקציע, דער „דראנג ארויס אויף דער פריי". אָבער אזוי־ווי דאָס איז אומעגלעך, באהאלט איך מיינע געפילן און מאך אזא רעש, אז יעדער וואָלט שוין געוואָלט מיינער פטור ווערן.

פעטער דאקעגן, פארשליסט זיך, רעדט כמעט גאָרנישט, איז זייער שטיל און חלומט פארבאָרגענערהייט.

אָבער וויאזוי און וווּ וועלן מיר זיך ענדלעך דערנענטערן?

איך וויים נישט ווי לאנג איך וועל נאָך געוועלטיקן איבער אָט דעם פארלאנג.

דיין אנא.

מאָנטיק, 28. פעברואר 1944.

ליבע קיטי!

עס איז דערגאנגען צו קאָשמארן! איך זע אים כמעט יעדע שעה, טאָר אָבער נישט ארייגגיין צו אים, איך טאָר גאָרנישט ארויסווייזן, איך מוז זיין פריילעך, בעת מיין הארץ איז האָפּ־לאָזיגונגסלאָז.

פעטער וועסעל און פעטער וואן דאן האָבן זיך צוגויפגעגאָסן אין איין פעטער, וועלכער איז מיר אזוי ליב און נאָך וועלכן איך בענק אזוי. די מאמע איז נישט צום אריבערטראָגן, דער טאטע איז זייער ליב און דערפאר נאָך מער אומדערטרעגלעך, מארגאָ פארלאנגט, איך זאָל מאכן א פריינטלעך פנים און איך וויל, מען זאָל מיך צורו לאָזן.

ווען איך בין געווען אויפן בוידעם איז פעטער צו מיר נישט ארויפגעקומען. ער איז ארויסגעגאנגען עפעס מייסטרעווען. מיט יעדן קלאפ האָט ער אָפּגעברעקלט שטיקלעך פון מיין מוט, און איך בין געוואָרן נאָך טרויעריקער. פון וווייטן הערט זיך דער גלאָקנקלאנג: „האלט הויך דעם קאָפּ! שטארק דאָס הארץ!“

איך בין סענטימענטאל, דאָס ווייס איך, איך בין פארצווייפלט און נישט פארנונפטיק, דאָס ווייס איך אויך. העלף דו מיר! העלף מיר!

דיין אנא.

מיטוואָך, 1. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

מיינע אייגענע זאָרגן זענען אָפּגערוקט געוואָרן אין א זייט... דורך א גניבה. עס ווערט באמת שוין לאנגווייליק פון די גניבות, אָבער וואָס קאָן איך טון, אז די גנבים האָבן אזא פארגעניגן צו באערן מיט זייער באזוך די פירמע קאָלען און קאָמפּאניע? די דאָזיקע גניבה איז אסך קאָמפּליצירטער ווי יענע פון יולי 1943. ווען הער וואן דאן איז נעכטן, ווי געוויינטלעך, האלב אכט אזויגער אראָפּגעגאנגען אין קראלערס ביוראָ, האָט ער געזען, אז די גלאָז-טיר און די קאָנטאָר-טיר, זענען געשטאנען אָפן. ער האָט זיך געוווּנדערט, זיך גיך ארומגעקוקט און איז נאָך מער דערשטויגט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען אין ביוראָ א גאנצע איבערקערעניש.

„דאָ זענען געווען גנבים!“ איז אים תיכף איינגעפאלן, און כדי זיך אויפן אָרט צו איבערצייגן, איז ער גיך אראָפּגעלאָפן די טרעפּ ביז צום ארייננגאנג. אָבער די טיר און דער זיכערקייטסשלאָס זענען געווען אין אָרדענונג.

„זענען, הייסט עס, פעטער און עלי געווען זייער נאכלעסיק היינט אין אָוונט“, האָט ער געטראכט. ער איז א צייטלאנג גע-

בליבן אין קראַלערס ביוראָ, האָט פארלאָשן דאָס ליכט, איז ארויפגעגאנגען און האָט זיך נישט געמאכט קיין יסורים וועגן די אָפענע טירן און וועגן דער איבערקערעניש אין קאָנטאָר.

היינט האָט פּעטער שוין גאנץ פרי געקלאפּט און האָט געמאָלדן די טרויעריקע בשורה, אז די דרויסנדיקע טיר איז געשטאנען אָפן, און אז סיי דער פּראָיעקציע=אפּאראט און סיי קראַלערס נייע אקטנטאש זענען פארשוווּנדן פון דער שאפע. מ'האָט פּעטערן געהייסן פארמאכן די דרויסנדיקע טיר און ערשט איצט האָט וואַן דאַן דערציילט וואָס ער האָט באמערקט אין אָוונט. מיר זענען אלע געווען זייער באומרויקט.

מ'קאָן די זאך אגדערש נישט דערקלערן, ווי נאָר אז דער גנב האָט א שליסל, ווייל דער שלאָס איז נישט געווען אויפגעבראָכן. ער האָט זיך מין הסתם פארנאכט אריינגעכאפּט, פארמאכט די טיר און זיך אויסבאהאלטן ווען וואַן דאַן האָט אים געשטערט. וויאזוי וואַן דאַן איז ארויפגעגאנגען איז ער מיט די זאכן אוועק און האָט אין דער איילעניש געלאָזט אָפן די טיר. ווער זאָל האָבן אונדזער שליסל? פארוואָס איז דער גנב נישט אריינגעגאנגען אין לאגער? זאָל דער גנב זיין איינער פון די לאגער=ארבעטער, וואָס וועט אונדז אצינד פאראָטן, ווייל ער האָט וואַן דאַנען זיכער געהערט און מין הסתם אויך געזען? ס'איז אזוי אומהיימלעך, ווייל מיר ווייסן נישט ווען ס'קאָן דעם גנב ווידער איינפאלן צו עפענען אונדזער טיר. אָדער האָט ער זיך אפשר אליין דערשראָקן ווען ער האָט עמיצן געזען?

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 2. מערץ 1944.

ליבי קיטי!

מארגאָ און איך זענען היינט געווען אויפן בוידעם, אָבער איניינעם מיט איר קאָן איך דאָס פאָרט נישט אזוי געניסן, ווי איך האָב עס מיר פאָרגעשטעלט, כאָטש איך ווייס, אז אסך זאכן פילט זי פונקט אזוי ווי איך.

ביים געשירוואשן האָט עלי מיט דער מאמען און מיט פרוי וואַן דאַן היינט גערעדט וועגן אירע צרות. וויאזוי קאָן מען זיי ביידע העלפן? דו ווייסט וואָס פארא עצה די מאמע האָט איר געגעבן? זי זאָל טראכטן וועגן אלע, וואָס קומען אצינד אום

אויף דער וועלט. ווען מען קאָן העלפן דאָס טראכטן צו יענעמס לײַדן, אז מען איז אליין אויף צרות. אזוי האָב איך געזאָגט, נאָר מען האָט מיר געענטפערט: „דו דארפסט דיך איבערהויפּט אין דעם נישט אריינמישן“.

די דערוואקסענע זענען פאָרט גרויסע נאראָנים. צי פילן דען מארגאָ, פעטער, עלי און איך נישט דאָס זעלבע! אָבער אין אזא פאל קאָן נאָר העלפן די ליבע פון א מאמען, אָדער פון א זייער גוטן פרײַנט. אָבער די מאמעס פון דאנען האָבן נישט קיין פונק פארשטענדעניש פאר אונדז. פרוי וואן דאן האָט אפשר מער פארשטענדעניש ווי מײַן מאמע. איך וואָלט אזוי גערן עלין עפּעס געזאָגט, עפּעס אזוינס, וואָס איך ווייס פון דערפארונג אז סע העלפט. אָבער דער טאטע האָט זיך ארײַנגעמישט און מיך אוועקגערוקט. ווי נאריש זענען זיי אלע! מיר טאָרן נישט האָבן א מיינונג! יאָ, זיי זענען אלע אזוי שטארק מאָדנע! קיין שום אייגענע מיינונג האָבן! מען קאָן דיר זאָגן דו זאָלסט האלטן דאָס מויל, אָבער נישט האָבן קיין אייגענע מיינונג, דאָס קאָן נישט זײַן. קיינער קאָן נישט פארווערן אן אנדערן צו האָבן א מיינונג, מעג ער זײַן ווי יונג, עלין, פעטערן, מארגאָ און מיר קאָן נאָר העלפן א פלאמיקע ליבע און דאָס פעלט אונדז אלע פיר. און קיינער פון אָט די אידיאָטישע באשעפענישן דאָ, פארשטייט אונדז נישט, ווײַל מיר זענען אסך עמפּפינדלעכער, אסך טיפער אין געדאנק, ווי זיי קאָנען זיך אפילו משער זײַן.

די מאמע האָט שוין ווידער אסך טענות צו מיר. מ׳דערקענט אז זי איז אייפערזיכטיק, וואָס איך רעד איצט מער מיט פרוי וואן דאן ווי מיט איר.

הײַנט בײַטאָג האָב איך ענדלעך געטראָפן פעטערן. מיר האָבן גערעדט כמעט דרײַפערטל שעה. פעטערן איז זייער שווער צו רעדן וועגן זיך, שווער ציט מען בײַ אים ארויס א וואָרט. ער האָט דערציילט, אז זײַנע עלטערן האָבן זיך אָפט געקריגט וועגן פּאָליטיק וועגן ציגארעטן און וועגן אסך אנדערע זאכן. ער האָט זיך שטארק געשעמט. דערנאָך האָב איך גערעדט פון מײַנע עלטערן. פעטער איז געווען באגײַסטערט פון מײַן טאטן און האָט אים אָנגערופן „א פײַנער יאט“. מיר האָבן גערעדט וועגן „אונטן און אויבן“. ער האָט זיך אביסל געחידושט, ווען ער האָט געהערט, אז מיר קאָנען נישט לײַדן זײַנע עלטערן.

איך האָב געזאָגט: „פעטער, דו זעסט אז איך בין ערלעך. פארוואָס זאָל איך דאָס נישט זאָגן? מיר קאָנען דאָך זייערע חסרונות!“ איך האָב נאָך צוגעגעבן:

— פּעטער, איך וואָלט דיר גערן געוואָלט העלפֿן. צי וועל איך דאָס קאָנען? דו ביסט אינמיטן, און איך ווייס, אפילו ווען איך רעד נישט דערפֿון, האָסטו אויך יסורים.

— איך וועל דיר תמיד דאַנקבאַר זיין פֿאַר דיין הילף.

— אפשר וועגדסטו דיך גיכער צום טאַטן, ער קאָן אויך האַלטן א סוד און מ׳קאָן מיט אים רעדן וועגן אַלץ.

— יאָ, ער איז א גוטער חבר.

— דו האָסט אים ליב, יאָ? ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און איך האָב אים געזאָגט: — ער האָט דיך אויך ליב, פּעטער!

ער איז רויט געוואָרן און ס׳האָט מיך באמת גערירט ווי גליקלעך ס׳האָבן אים געמאַכט די פּאָר ווערטער.

— מיינסטו טאַקע באמת? האָט ער געפֿרעגט.

— יאָ, זיכער, איך האָב דאָס שוין אסך מאָל געהערט, האָב איך געענטפֿערט.

פּעטער איז אויך א פֿיינער יאַט, פּונקט ווי דער טאַטע!

דיין אנא.

פֿרייטיק, 3. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

היינט אין אָוונט ווען מ׳האָט געבענטשט ליכט, בין איך ווידער געווען רויק און צופֿרידן. אין דער שיין פֿון די ליכט האָב איך געזען די באָבע. זי באַשיצט און באַשירעמט מיך, זי ברענגט מיר תמיד צופֿרידנקייט.

אָבער... אַן אַנדערער באַהערשט מיינע געדאַנקען און דאָס איז פּעטער. ווען איך האָב געבראַכט קאַרטאָפֿל און בין נאָך געשטאַנען מיטן טאָפּ אויף די טרעפּ האָט ער מיך געפֿרעגט: „וואָס האָסטו געטאָן היינט ביי טאָג?“

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויף די טרעפּ און מיר האָבן אָנגעהויבן שמועסן. א פֿערטל אויף זעקס, ד. ה. נאָך א שעה צייט, בין איך ערשט אַראָפּגעקומען מיט די קאַרטאָפֿל.

פּעטער האָט מער נישט גערעדט קיין וואָרט פֿון זיינע עלטערן. מיר האָבן גערעדט וועגן ביכער און וועגן די אַמאָליקע צייטן. ווי חנעוודיק דאָס יינגל איז! איך מיין אַז ס׳פֿעלט נישט קיין סך און איך וואָלט מיך געקאָנט אין אים פֿאַרליבן!

אויפדערנאכט האָט ער טאקע גערעדט פון ליבע. נאָכן קאר־טאָפל שיילן בין איך געגאנגען צו אים. עס איז געווען שטארק היים און איך האָב געזאָגט:

— אויף מארגאָן און אויף מיר קאָנסטו תמיד פעסטשטעלן די טעמפעראטור. ווען ס'איז קאלט, זענען מיר בלייך, ווען ס'איז היים, זענען מיר רויט.

— פארליבט? האָט ער געפרעגט.

— פארוואָס זאָל איך זיין פארליבט? מיין ענטפער איז געווען תמימותדיק.

— פארוואָס נישט?, האָט ער געפרעגט. דערנאָך האָט מען אונדז גערופן עסן.

איז ער עפּעס אויסן געווען מיט דער פראגע? היינט האָב איך אים ענדלעך געקאָנט פרעגן, צי מיין פלאפלעריי באלעסטיקט אים נישט. ער האָט קורץ געענטפערט: „פארקערט, מיר איז דאָס זייער אָנגענעם!", אפשר האָט ער דאָס סתם אזוי געזאָגט, צוליב העפלעכקייט. קיטי, איך בין באמת ווי א פארליבטע, וואָס קאָן נישט רעדן וועגן עפּעס אנדערש, ווי נאָר וועגן איר אוצר. פעטער איז דאָך באמת אן אוצר. ווען וועל איך אים דאָס קאָנען זאָגן? פארשטייט זיך, נאָר דעמלט ווען ער וועט דאָס זעלבע האלטן פון מיר. ער האָט אָבער ליב זיין רו און דערפאר קאָן איך נישט וויסן, צי ער האָט מיך ליב.

אויף יעדן פאל לערנען מיר זיך קענען איינער דעם אנדערן און הלוואי וואָלטן מיר זיך נאָך נעענטער באקענט. ווער ווייסט, אפשר וועט דאָס געשען גיכער ווי איך מיין, עטלעכע מאָל אין טאָג קוקט ער צו מיר מיט א מיין, איך ווינק אים צוריק און מיר זענען ביידע צופרידן. ס'קלינגט אפשר אביסל משוגעדיק, וואָס איך דערצייל אויס דאָס אלץ פון אונדזער גליק, אָבער איך בין מיך איבערצייגט אז ער טראכט פונקט ווי איך!

דיין אנא.

שבת, 4. מערץ 1944.

ליבי קיטי!

דער היינטיקער שבת איז נאָך אסך חדשים דער ערשטער, וואָס איז לאנגווייליק און אומעטיק, און קיינער איז נישט שולדיק אין דעם, נאָר פעטער.

ווען איך בין היינט אינדערפרי ארויפגעקומען אויפן בוידעם, כדי אויפצוהענגען מיין פארטוך, איז דאָרט געווען דער טאטע, וואָס לערנט יעדן טאָג מיט פעטערן פראנצויזיש און ער האָט מיך געפרעגט צי איך וויל נישט בלייבן און אויך לערנען. איך האָב מיך נישט געלאָזט צוויי מאָל בעטן און מיר האָבן גערעדט פראנצויזיש.

קודם האָב איך עפעס דערקלערט פעטערן, דאן זענען מיר איבערגעגאנגען צו ענגליש. דער טאטע האָט עפעס געלייענט פון דיקענס און איך בין געווען אין זיבעטן הימל, ווייל איך בין געזעסן מיטן טאטן אויף איין בענקל, גאנץ נאָענט צו פעטערן.

עלף אזייגער זענען מיר אראָפּגעגאנגען. ווען איך בין האלב צוועלף ווידער ארויפגעגאנגען, איז ער שוין געשטאנען אויף די טרעפּ און האָט אויף מיר געווארט. מיר האָבן ווידער גערעדט ביז דרייפערטל איינס. ווען אלץ גייט צו גלאטיק און קיינער באַ־מערקט נישט, זאָגט ער נאָכן עסן, ווען איך גיי ארויס: „אויף ווידערזען, אנא, ביז שפּעטער!“

אוי, בין איך גליקלעך! צי ער האָט מיך ליב? אויף יעדן פאל איז ער א פיין יינגל, און איך האָף אז מיר וועלן זיך נאָך זייער גוט פארשטיין. די פרוי וואן דאן האָט גאָרנישט קעגן, וואָס מיר ביידע זיצן אינאיינעם. אָבער היינט האָט זי אונדז געפרעגט: — צי קאָן מען אייך ביידע פארטרויען דאָרט אויבן?

— פארשטייט זיך, האָב איך געענטפערט מיט פּראָטעסט, צי ווילט איר מיך באליידיקן?

פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט פריי איך מיך, וואָס איך קאָן מיך באגעגענען מיט פעטערן.

דיין אנא.

מאָנטיק, 6. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

איך זע אויף פעטערס פּנים, אז ער טראכט צו מיר ווי איך טראכט צו אים. נעכטן אויפדערנאכט האָב איך געהאט יסורים, ווען די מאמע האָט שפּעטנדיק געזאָגט: „דער דענקער!“ פעטער איז געוואָרן רויט און פארשעמט, און איך בין געווען גרייט זי דורס צו זיין.

פאַרוואָס קאָנען די מענטשן נישט האַלטן דאָס מויל! דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן ווי ס׳טוט מיר וויי, וואָס איך מוז צוקוקן, ווי איינזאַם ער איז און וואָס איך קאָן אים נישט העלפן. איך קאָן מיך משער זיין, גלייך איך וואָלט אַליין דאָס איבערגעלעבט, ווי פאַרצווייפלט ער איז צומאָל ווען מען קריגט זיך: אָרעמער פעטער! ווי שטאַרק ער נויטיקט זיך אין ליבע!

עס האָט מיך האַרט געטראָפן, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף נישט קיין פריינט. ער איז זיך טועה! איך גלויב, אַז ער האָט דאָס נישט אַזוי געמיינט. ער קלאַמערט זיך אָן זיין געשפּילטער גלייכגילטיקייט און וויל נישט אַרויספאַלן פון דער ראָלע, כדי נישט אַרויסצווייזן זיינע אמתע געפילן. ווי לאַנג וועט דאָס נאָך געדויערן, פעטער? וועט נישט קומען אַ שרעקלעכער צוזאַמענברוך נאָך אָט דער איבערמענטשלעכער שפּאַנונג?

אוי פעטער, וואָלט איך נאָר געקאָנט און געמעגט דיר העלפן! ביידע אינאיינעם וואָלטן מיר שוין פאַרטריבן די איינזאַמקייט! איך טראַכט אַסך, אָבער איך זאָג עס נישט אַרויס. איך בין גליקלעך ווען איך זע אים און ווען ס׳שיינט דערביי די זון.

נעכטן ביים קאָפּ וואַשן האָב איך זייער געליאַרעמט! איך האָב געוווּסט אַז ער איז אין צווייטן צימער. וואָס קאָן איך טון, אויף וויפל איך ווער שטילער אינעווייניק אַלץ ליאַרעמדיקער ווער איך פון דרויסן. ווער וועט זיין דער ערשטער, וואָס וועט אַנטפּלעקן און דורכברעכן אָט דעם פּאַנצער? ס׳איז פאָרט בעסער וואָס די וואַן דאַנס האָבן נישט קיין טאָכטער! מיין דעראָבערונג וואָלט קיינמאָל נישט געווען אַזוי שווער, אַזוי שיין, אַזוי באַגליקנדיק, ווען ס׳וואָלט נישט געווען די צוציונגס־קראַפט פון אַ יינגל!

דיין אַנאַ.

פּ. ס. דו ווייסט דאָך אַז איך שרייב דיר אַרויס ערלעך וועגן אַלץ. דערפאַר מוז איך דיר זאָגן, אַז איך לעב אייגנטלעך נאָר פון איין באַגעגעניש צו דער אַנדערער. ווען איך וואָלט נאָר געווען זיכער, אַז ער וואַרט אויף מיר אויך אַזוי! איך בין אַנטציקט, ווען איך באַמערק זיינע שעמעוודיקע צערטלעכקייטן. ער וואָלט פּונקט אַזוי גערן ווי איך געוואָלט אויסשיטן דאָס האַרץ. ער ווייסט נישט אַז דווקא זיין אומבאַהאָלפנקייט ציט מיך אַזוי צו.

דיין אַנאַ.

דינסטיק, 7. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

ווען איך טראַכט וועגן מיין לעבן פון 1942, ווייזט זיך מיר דאָס אַלץ אויס אַזוי מאָרגע. דאָס דאָזיקע לעבן האָט געפירט אַ גאָר אַנדערע אַנאַ ווי די, וואָס איז דאָ געוואָרן אַזוי פאַרנונפטיק. ס'איז געווען אַ שיין לעבן: פאַרערערס אָן אַ שיעור, כמעט 20 חברטעס און באַקענטע; אַ ליבלינג כמעט ביי אַלע לערערס, זייער צעבאַלעוועט ביי די עלטערן, נאַשערייען, געלט גענוג, וואָס נאָך ווילסטו?

דו וועסט מיך פרעגן, וויאַזוי ס'איז מיר געלונגען צו פאַרכישופן אַלע מענטשן? דאָס וואָס פּעטער זאָגט, אַז ס'איז „חן“, איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. די לערערס האָבן געהאַלטן, אַז מיינע באַפליגלטע ענטפערס, מיינע וויציקע באַמערקונגען, מיין לאַכנדיק פּנים און מיין קריטישער בליק, זענען פּשוט פאַרווײַלנדיק און האַרציק, אָבער גאָרנישט מער. איך בין געווען אַ שרעקלעכער שאַלטיק, קאָקעט און לוסטיק, איך האָב אויך געהאַט עטלעכע מעלות, ווי למשל, פליים, ערלעכקייט, אָפנהאַרציקייט, פאַר וועלכע מען האָט מיך ליב געהאַט. איך האָב תמיד געלאָזט פון מיר אָפּשרייבן, איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין בעל־גאווה און האָב געטיילט נאַשערייען מיט אַ פולער האַנט. צי בין איך נישט צוליב די אַלע באַוווּנדערונגען פאַרשייט געוואָרן? אפשר איז דאָס גוט, וואָס איך בין פון דעם העכסטן יום־טוב אַראָפּגעשליידערט געוואָרן אין פּשוטער וואָכעדיקייט, אָבער ס'האָט געדויערט אַ גאַנץ יאָר ביז איך האָב מיך צוגעוווינט, אַז מען זאָל מיך נישט מער באַוווּנדערן.

וויאַזוי האָבן זיי מיך גערופן אין שול? די אָנפירערין ביי אַלע שפּיצלעך און חכמות, תמיד „אַנאַ בראש“, קיינמאָל נישט אין שלעכטער שטימונג. וואָסזשע איז דער חידוש, וואָס יעדער האָט מיך געוואָלט באַגלייטן און איז צו מיר געווען ליב און אויפמערקזאַם?

איך זע די דאָזיקע אַנאַ ווי אַ האַרציק אָבער אויבערפלעכלעך מיידל, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט מיט דער אַנאַ פון היינט. פּעטער זאָגט זייער ריכטיק:

— ווען איך פלעג דיך באַגעגענען ביסטו תמיד געווען אַרומגערינגלט פון עטלעכע יינגלעך און אַ גאַנצער טשאַטע מיידלעך, תמיד לאַכנדיק, צופרידן, תמיד דער מיטלפונקט.

וואָס איז פון דעם דאָזיקן מיידל געבליבן? מיין לאַכן און מיינע ענטפערס האָב איך נאָך נישט פארגעסן. איך קאָן נאָך גאַנץ גוט, אָדער אפשר נאָך בעסער, די מענטשן קריטיקירן, איך קאָן נאָך פלירטן, אויב איך... וויל. איך וואָלט געוואָלט כאָטש איין אָוונט, א פאָר טעג, א וואָך אזוי לעבן, אָן זאָרגן, פריילעך, אָבער נאָך א וואָך צייט וואָלט עס מיר אזוי נמאוס געוואָרן, אז איך וואָלט געווען דאנקבאר דעם ערשטן מענטש, וואָס וואָלט מיט מיר גערעדט ערנסט. איך דארף נישט קיין פארערערס, נאָר פריינט, קיין באוואונדערער פאר א ליבן שמייכל, נאָר אַן ערלעכע אָפּשאצונג פאר מיין אופן און כאראקטער. איך ווייס, אז דער קרייז ארום מיר וואָלט אסך קלענער געוואָרן. אָבער דאָס שאדט נישט, ווען ס'בלייבן נאָר איבער ארום מיר א פאָר אמתע מענטשן.

טראָץ אלעמען בין איך דעמלט אויך נישט געווען אינגאנצן גליקלעך. אָפטמאָל האָב איך מיך געפילט איינזאם, אָבער ווייל איך בין געווען פון אינדערפרי ביז אָוונט באשעפטיקט, האָב איך וועגן דעם נישט געטראכט און האָב מיך פארוויילט וויפל איך האָב נאָר געקאָנט. באוווסטזיניק צי אומבאוווסטזיניק האָב איך געפרוווט מיט שפאס צו פארטרייבן די ליידיקייט ארום מיר. אצינד קוק איך צוריק אויף מיין ביז איצטיק לעבן און נעם מיך צו דער ארבעט. ס'האָט זיך בלי־ספק פארענדיקט א תקופה: די זאָרגלאָזע שול־צייט וועט זיך קיינמאָל נישט אומקערן. איך בענק אויך נישט נאָך איר, איך בין פון איר ארויסגעוואקסן. פשוט זיין פריילעך, דאָס קאָן איך נישט מער. איין טייל פון מיר איז תמיד ערנסט.

איך זע מיין ביז איצטיק לעבן ווי דורך א שארפער לופע: דאָס זוניקע לעבן אינדערהיים, דערנאָך 1942 דאָ, דעם פלוצימדיקן איבערגאנג, די אמפערייען, די באשולדיקונגען. דאָס אלץ האָב איך נישט געקאָנט פארדייען, דאָס האָט מיך צעטומלט, איך האָב מיך געקאָנט ווערן נאָר מיט חוצפה.

די ערשטע העלפט פון 1943: מיין אָפטע נייגונג צו וויינען, די איינזאמקייט, דאָס בהדרגהדיקע פארשטיין מיינע גרויסע פעלער און חסרונות, וואָס האָבן זיך מיר אויסגעוויזן גאָר גרעסער.

איך האָב גערעדט אין דער וועלט אריין און האָב געפרוווט פימען צו געווינען פאר מיר אליין, אָבער דאָס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. אזוי ארום בין איך געשטאנען אליין פאר דעם שווערן פראָבלעם מיך צו ענדערן אזוי, אז איך זאָל מער

נישט דאַרפֿן הערן קיין מוסר. ווייל דאָס האָט מיך נעדריקט און פאַרביטערט ביז גאָר.

די צווייטע העלפט פונעם יאָר איז געווען בעסער. איך בין רייפער געוואָרן און מען האָט מיך אָנגעהויבן באַהאַנדלען ווי א דערוואַקסענע. איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן, צו שרייבן דערציילונגען און בין געקומען צום אויספיר, אז די אנדערע האָבן נישט דאָס רעכט, זיך מיט מיר צו וואַרפן. איך האָב מיך געוואָלט אויספורעמען לויט מיין אייגענעם ווילן. איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין, אז דער טאַטע קאָן נישט זיין מיין פאַרטרויטער אין אַלץ. איך וויל קיינעם נישט מער פאַרטרויען, ווי נאָר מיר אליין.

נאָך ניי־יאָר: די צווייטע גרויסע פאַרענדערונג... מיין חלום. דורכדעם האָב איך אַנטדעקט מיין בענקשאַפט צו א יינגל, נישט צו א חברטע נאָר צו א חבר. איך האָב אַנטדעקט דאָס גליק אין מיר, און פון דרויסן דעם פאַנצער פון אויבערפלעכלעכקייט און פרייל‏עכקייט. איך בין אַלץ רויקער און רויקער געוואָרן און האָב געפילט דעם גרענעצלאָזן פאַרלאַנג צו אַלץ וואָס איז גוט און שיין.

ס'יובלט אין מיר, ווען איך פאַרענדיק פאַרן שלאָף מיין תפילה מיט די ווערטער:

„איך דאַנק דיר פאַר אַלץ וואָס איז גוט און ליב און שיין".

דעמלט טראַכט איך צו דעם „וואָס איז גוט": צו אונדזער באַהעלטעניש, צו מיין געזונט; צו דעם „וואָס איז ליב": צו פעטערן, צו דעם וואָס איז אַזוי צאַרט און עמפּפינדלעך, און מיר ביידע וואָגן עס נאָך נישט צו באַרירן; צו דעם וואָס וועט נאָך קומען: ליבע, צוקונפט, גליק; צו דעם וואָס איז „שיין", וואָס נעמט אַרום די וועלט: נאַטור, קונסט, שיינקייט און דאָס דערהויבענע, וואָס איז דערמיט פאַרבונדן.

דעמלט טראַכט איך נישט צו דעם אומגליק, נאָר צו דעם הערלעכן וואָס איז געבליבן. אין דעם באַשטייט דער גרויסער חילוק צווישן מיר און דער מאַמען. ווען ס'איז שווער אויפֿן האַרצן גיט זי די עצה: „טראַכט וועגן דעם אומגליק אויף דער וועלט און זיי דאַנקבאַר, וואָס דו לעבסט עס נישט איבער". איך זאָג: „גיי אַרויס אין פעלד, אין דער נאַטור, אין דער זון, גיי אַרויס און זוך דאָס גליק אין דיר אַליין און אין גאָט. טראַכט וועגן דער שיינקייט וואָס איז פאַראַן אין דיר און אַרום דיר און זיי גליקלעך!"

לויט מיין מיינונג דארף דער מאמעס עצה זיין א פאלשע. ווייל וואָס קאָנסטו טון ווען דו ביסט אליין אין אַן אומגליק? ביסטו שוין א פארלוירענער? איך מיין פארקערט, אז אפילו דעמלט בלייבט נאָך עפּעס שיינס: די נאטור, די זון, די פרייהייט, און עפּעס אין דיר אליין, אין דעם דארפסטו דיך האלטן, אזוי ארום געפונסטו דיך אליין און געפונסט גאָט. אזוי ארום קאָנסטו האלטן דיין גלייכגעוויכט. ווער ס'איז אליין גליקלעך וועט אויך אנדערע גליקלעך מאכן. ווער ס'האָט מוט און צוטרוי וועט אין אומגליק נישט אונטערגיין!

דיין אנא.

זונטיק, 12. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

אין דער לעצטער צייט האָב איך נישט קיין זיץ=פלייש. איך רעד זייער גערן מיט פעטערן, איך האָב אָבער שטענדיק מורא, ס'זאָל אים נישט נמאוס ווערן. ער האָט מיר אסך דערציילט פון פריער, פון זיינע עלטערן און פון זיך אליין. מיר ווייזט זיך אָבער אוים, אז ס'איז אלץ ווייניק.

איך פרעג מיך אָבער, ווי קום איך דערצו מער צו דערווארטן. פריער האָט ער מיך נישט געקאָנט ליידן, און איך אים אויך נישט. אצינד האָב איך אַן אנדערע מיינונג, צי האָט ער זיין מיינונג אויך געביטן? איך מיין אז יאָ, אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אז מיר מוזן ווערן גאָר גוטע פריינט. איך וואָלט אין אזא פאל גיכער אריבערגעטראָגן די גאנצע אָפּגעשלאָסנקייט. איך וויל נישט נאָך נערוועזער ווערן. איך באשעפטיק מיך גענוג מיט אים, און פארוואָס זאָל איך דיך אויך טרויעריק מאכן, אויב מיר איז אומעטיק?

שבת בייטאָג בין איך געווען צערודערט פון די טרויעריקע ידיעות וואָס זענען געקומען פון דרויסן, אז איך האָב מיך געלייגט שלאָפן. איך האָב נאָר געוואָלט שלאָפן, כדי נישט צו טראכטן, איך בין געשלאָפן ביז 4 אזייגער, און דאן האָב איך געמוזט אריינגיין צו די עלטערן אין צימער. ס'איז מיר געווען שווער צו ענטפערן אויף דער מאמעס פראגן, און צו געפונען א תירוץ פארן טאטן, פארוואָס איך בין געשלאָפן. איך האָב

געזאָגט, אז איך האָב קאָפּוויטיק און דאָס איז נישט געווען קיין ליגן, איך האָב באמת געהאט קאָפּווייטיק... אינערלעכע!

גאָרמאַלע מענטשן, גאָרמאַלע מיידלעך, אין מיינע יאָרן, האַלטן מיך מין הסתם פאַר אביסל צעדרייט, צוליב מיין קלאָגן. דיר דערצייל איך אָבער אַלץ, וואָס איך האָב אויפן האַרצן, און דאַן בין איך דעם גאַנצן טאָג אַזוי הוצפּהדיק, אַזוי פריילעך, אַזוי זעלבסטבאַוווּסט, נאָר כּדי צו פאַרמיידן די פראַגן און די יסורים.

מארגאָ איז רירנדיק ליב צו מיר, און וואָלט גערן געוואָלט, אַז איך זאָל איר אַלץ אָנפאַרטרויען, אָבער איך קאָן איר דאָך נישט אַלץ דערציילן. זי איז ליב, גוט און שיין, אָבער אַביסל צו אַקאַדעמיש, ווען מען רעדט מיט איר פון טיפע זאַכן. זי נעמט מיך ערנסט, שרעקלעך ערנסט, און טראַכט לאַנג וועגן איר משוגע שוועסטערל, פאָרשט מיך מיט איר בליק ביי אַלץ וואָס איך זאָג און טראַכט:

„איז דאָס טעאַטער, צי מיינט זי עס טאַקע ערנסט?“ מיר זענען דאָ די גאַנצע צייט צוזאַמען און איך וואָלט נישט געוואָלט האָבן מיינע פאַרטרויעטע אַזוי נאָענט אַרום מיר.

ווען וועל איך מיך באַפרייען פון דעם געדאַנקען־ווירוואַר? ווען וועט ווידער זיין רו און שלום אין מיר?

דיין אַנאַ.

דינסטיק, 14. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

אפשר פאַרוויילט עס דיך צו הערן וואָס מיר וועלן היינט עסן? — מיך נישט — איצט זיץ איך ביי די וואַן דאַנס ביי א געדעקטן טיש און האַלט א פאַרפומירט טיכעלע ביי דער נאָז און ביים מויל, דער פיינער פאַרפום שטאַמט נאָך פון דער צייט ווען מיר זענען געווען אויף דער פריי. אָט דער פאַרפלאָנטערטער אופן פון דערציילן וועט דיך נאָך ניי־גיריקער מאַכן, דערפאַר הייב איך נאָך אַמאָל אָן: אַזוי ווי מ'האָט דערטאַפּט אונדזערע ליפעראַנטן פון „שוואַרצע“ לעבנסמיטל־קאַרטן און אַנדערע וויכטיקע זאַכן, האָבן מיר נישט קיין קאַרטן און נישט קיין פעטס. מיפּ און קאָפּהויס זענען קראַנק, עלי קאָן נישט גיין איינ־קויפן, אַזוי אַרום איז די שטימונג א טרויסטלאָזע און דאָס

עסן אויך. פאר מאָרגן האָבן מיר נישט קיין טראָפּן פעטס, שוין אָפּגערעדט פון פוטער אָדער מארגארינע. צום פרישטיק זענען נישט מער פאראן קיין געבראָטענע קארטאָפל (ווי ביז אצינד, כדי צו שפּאָרן ברויט), נאָר א שיטערע קאשע, און ווייל פרוי וואן דאן האָט מורא, אז מיר וועלן שטארבן פון הונגער האָט מען געקויפט „שווארצע" מילך. אונדזער היינטיקער מיטאָג באשטייט פון: קאָנסערווירטע פאסאָליעס!! דערפאר טאקע זיץ איך מיטן נאָזטיכל. דו קאָנסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלן וויאזוי דאָס שטינקט, ווען סע שטייט שוין א יאָר צייט. ס'פילט זיך אין שטוב א געמיש פון פארפוילטע פלוימען, א שטארק קאָנסערווירונגס־מיטל און פארשטונקענע אייער. מיר ווערט שוין שלעכט נאָר ווען איך טראכט, אז איך וועל דאָס מאכל דארפן אראָפּשלינגען. דערצו האָבן נאָך אונדזערע קארטאָפל אן אייגנארטיקע קרענק, אזוי אז פון יעדן עמער קארטאָפל דארף מען די העלפט אוועקווארפן. מיר פארווילן זיך ביים שיילן מיטן דיאגנאָסטיצירן די פארשידענע קראנקהייטן און מיר שטעלן פעסט, אז דאָס איז ראק, פּאָקן, אָדער מאָזלען. ס'איז נישט קיין קלייניקייט צו זיין אויסבאהאלטן אין פערטן מלחמה־יאָר. הלוואי וואָלט דאָס אומגליק שוין געווען פארביי. דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך נישט אזוי געקוקט אויפן עסן, ווען ס'זאָל בכלל דאָ זיין היימישער. אָבער דאָ ליגט דער הונט באגראָבן. פון דעם איינטאָניקן לעבן הייבן מיר אלע אָן צו ווערן אומגעדולדיק און לייכט צו דערצערענען. אָט זענען די מיינונגען פון פינף דערוואקסענע וועגן אונדזער לעבן:

פרוי וואן דאן: „דער פּאָסטן אלס קעכן איז מיר שוין פון לאנג נמאס. ווען איך האָב נישט וואָס צו טון איז מיר לאנגווייליק. קאָך איך. אָבער קאָכן אָן פעטס איז אומעגלעך, מיך עקלט שוין דער שלעכטער ריח. אומצופרידנקייט און געשרייען זענען דער דאנק פאר מיין מי. איך בין פאר אלץ דאָס כפּרה־הינדל און אלץ בין איך שולדיק. חוץ דעם בין איך איבערציינגט, אז מיט דער מלחמה האלט עס שמאָל און אז ס'איז נאָך מעגלעך אז די דייטשן זאָלן זיגן. איך האָב שרעקלעך מורא, אז מיר וועלן שטארבן פאר הונגער. ס'איז נישט קיין וווגדער וואָס איך בין נישט תמיד גוט אופגעלייגט".

הער וואן דאן: „איך מוז רויכערן, רויכערן און נאָכאמאָל רויכערן. דעמלט קאָן איך אריבערטראָגן די פּאָליטיק, דאָס עסן, קערלים שנעונען". אָבער אז ער האָט נישט וואָס צו רויכערן, איז אלץ שלעכט. דעמלט זאָגט ער: „מיר לעבן שלעכט, איך

וויל פלייש. קערלי איז נאריש"! נאָכדעם קומט עס צו א גרויסן קראַך.

פרוי פראנק: „דאָס עסן איז גאָרנישט אזוי וויכטיק. איך וואָלט אָבער געגעסן א רעפטל קאָרן־ברויט, ווייל איך בין שרעקלעך הונגעריק. ווען איך זאָל זיין די פרוי וואן דאַן, וואָלט איך פארבאָטן מיין מאן אזויפיל צו רויכערן. גיט מיר, איך בעט אייך, א ציגייער, איך זאָל בארויקן מיינע נערוון. די ענגלענדער האָבן אסך חסרונות, אָבער מיט דער מלחמה האלט עס גאנץ גוט. איך מוז רעדן און בין צופרידן וואָס מיר זענען נישט אין פוילן".

הער פראנק: „אלץ איז אין אָרדענונג, איך דארף גאָרנישט. זייט נאָר רויק, מיר האָבן צייט. גיב מיר נאָר קארטאָפל בין איך צופרידן, אָבער לאָזט עפעס איבער פון מיין פאָרציע פאר עלין".

הער דיסעל: „איך מוז מיין ארבעט ענדיקן צו דער צייט. פאָליטיק אויסגעצייכנט! מ'וועט אונדז דאָ אנטדעקן? אויסגעשלאָסן!" איך, איך, איך...

דיין אנא.

מיטוואָך, 15. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

פפפ! היינט הערט מען נאָר: „ווען דאָס אָדער יענץ זאָל געשען, וועלן זיין די גרעסטע שוועריקייטן... און ווען יענע ווערט אויך נאָך קראנק, זענען מיר שוין אליין אויף דער וועלט... און ווען...", דו קאָנסט דיר שוין משער זיין וויאזוי דאָס גייט ווייטער. איך מיין, דו קענסט שוין אזוי גוט די מענטשן פונעם הינטערהויז, אז דו ווייסט פאָרויס וואָס זיי זאָגן!

די סיבה פאר דעם „ווען, ווען" איז, וואָס הער קראלער איז מאָביליזירט געוואָרן צום ארבעטס־דינסט, עלי איז שטארק פארקילט, מיפּ איז נאָך נישט אויפגעשטאנען פון דער גריפּע און הער קאָפּהויס האָט ווידער שווערע בלוטונגען פונעם מאָגן און ליגט באוווסטלאָז. א טרויעריקע רשימה!

די מענטשן פונעם לאגער זענען מאָרגן פריי. אויב עלי מוז בלייבן אינדערהיים וועט די טיר זיין פארשלאָסן און מיר וועלן מוזן זיין שטיל ווי די מייזלעך, כדי די שכנים זאָלן אונדז נישט

הערן. דאַן קומט ארום איינם אזייגער הענק, כדי זיך אומצוקוקן אויף די פּאַרלאָזטע און שפּילט דערביי די ראָלע פון א היטער אין א זאָאָלאָגישן גאָרטן. נאָך א לאנגער צייט האָט ער אונדז היינט צום מיטאָג ווידער עפּעס דערציילט פון דער גרויסער וועלט. דו האָסט געמעגט זען, ווי מיר אלע זענען געזעסן גע־שפּאַנט ארום אים. ס'איז פאראַן א בילד: „די באבעשע דער־ציילט!" אזוי האָט עס מין הסתם אויסגעזען. ער האָט זיך אָנדערציילט פון אלץ, אוודאי האָט ער גערעדט אויך פון עסן און פון מיפּס דאָקטער, אויף וועלכן מיר האָבן געפּרעגט.

— דאָקטער, דערמאנט נישט דעם דאָקטער! היינט אינדערפרי האָב איך אָנגעקלונגען און האָב ענדלעך דערטאפּט עפּעס אן אסיסטענטל ביים טעלעפאָן. איך האָב געבעטן א רעצעפּט קעגן גריפּע, און האָב באקומען דעם ענטפער, איך זאָל קומען אים נעמען צווישן אכט און ניין אזייגער. אויב אייגער האָט א שווערע גריפּע, קומט מין הסתם דער דאָקטער אליין צום טעלע־פאָן און זאָגט: שטעקט ארוים די צונג... זאָגט: אאא... יאָ, איך הער שוין, ס'איז ביי אייך רויט אין האלדז. איך גיב א רעצעפּט אין דער אפּטייק אריין. איר וועט עס שוין ארויסנעמען. א גוטן טאָג! און דאָס איז אלץ! א פיינע פּראקטיק איז דאָס, אמת? באהאנדלונג אויסשליסלעך דורכן טעלעפאָן!

אָבער מיר ווילן נישט מאכן די דאָקטוירים קיין צו גרויסע פאָרווורפן. סוף כל סוף האָט דאָך יעדער נאָר צוויי הענט. און צום באדויערן זענען היינט פאראַן צופיל קראנקע און צו ווייניק דאָקטוירים. מיר האָבן אָבער דאָך געמוזט לאכן, ווען הענק האָט געשפּילט דאָס געשפּרעך ביים טעלעפאָן. מען קאָן זיך פאָר־שטעלן וויאזוי ס'זעט אצינד אויס א ווארט־צימער פון א דאָקטער. מען קוקט נישט מיט ביטול אויף פּאציענטן פון דער קראנקן־קאסע, אָבער מענטשן וואָס ס'פעלט זיי במעט גאָרנישט, וואָס האָבן נאָר ליב תמיד אביסל צו קלאָגן, זאָגט מען: „וואָס זוכסטו דאָ? שטעל דיך אין דער ריי, אצינד גייען אריין די אמתע קראנקע!"

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 16. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

דאָס וועטער איז אומבאַשרייבלעך שיין, באַלד וועל איך אַרויפגיין אויפן בוידעם.

איצינד ווייס איך פאַרוואָס איך בין אומרויקער ווי פעטער. ער האָט זיין אייגן צימער, ווו ער קאָן חלומען, טראַכטן און שלאָפן. מיך וואַרפט מען פון איין צימער אין אַנדערן. איך בין קיינמאָל נישט אַליין אין דעם צימער ווו איך וווין מיט דיסעלן, און איך וואָלט דאָך אַזוי געוואָלט זיין אַליין. דערפאַר אַנטלויף איך אַזוי אָפט אַרויף. דאָרט, און ביי דיר, קיטי, קאָן איך באמת זיין איך אַליין. אָבער איך טאָר נישט אַזויפיל קלאָגן, פאַרקערט איך וויל זיין מוטיק. צום גליק באַמערקן די אַנדערע גאָרנישט פון מיינע געפילן, חוץ דעם, וואָס איך בין עפעס קילער צו דער מאַמען, וואָס איך בין נישט מער אַזוי צערטלעך צום טאַטן און וואָס איך רעד מיט מאַרגאָן וועגן מיינע אינטימע ענינים. איך בין אינגאַנצן פאַרשלאָסן. קודם כל מוז איך אָפּהיטן מיין אויסערלעכע זיכערקייט. ס'דאַרף קיינער נישט וויסן, אַז ביי מיר אינעווייניק איז אַ מין קריגס־צושטאַנד, צווישן מיינע פאַרלאַנגען און מיין פאַרשטאַנד ביז איצינד האָט געזיגט דער פאַרשטאַנד, אָבער צי וועט ער נישט אַמאָל זיך דאַרפן אונטערגעבן? צומאָל האָב איך דערפאַר מורא, צומאָל ווינטש איך עס מיר!

ס'איז שרעקלעך שווער נישט צו רעדן דערפון מיט פעטערן, אָבער איך ווייס אַז ער מוז אָנהייבן. ס'איז אַזוי שווער נישט ווייטערצופירן בייטאָג מיינע שמועסן פונעם חלום און ס'איז אַזאַ שאָד, וואָס די געחלומטע איבערלעבענישן ווערן נישט פאַרווירקלעכט! יאָ קיטי, אַנאַ איז אַביסל צוגעפּראַשעט! איך לעב אָבער אויך אין אַ משוגענער צייט, אין משונהדיקע באַדינגונגען! איך בין זייער צופרידן, וואָס איך קאָן אָנשרייבן אַלץ וואָס איך טראַכט און וואָס איך פיל. אַנישט וואָלט איך אינגאַנצן דערשטיקט געוואָרן.

וויאַזוי טראַכט פעטער וועגן די אַלע זאַכן? איך האָף נאָך אַלץ, אַז מיר וועלן קאָנען וועגן דעם רעדן. ער האָט דאָך געמוזט עפעס דערפילן, ווייל די אַנאַ וואָס ער האָט געקענט ביז איצינד, איז אים זיכער נישט געפעלן. צי קאָן ער האָבן סימפּאַטיע פאַר מיין אומרו און פאַר מיין לעבהאַפטיקייט, ער, וואָס האָט אַזוי ליב רו און שלום? צי איז ער דער ערשטער און דער איינ=

ציקער אויף דער וועלט, וואָס האָט א קוק געטון הינטער מיין שטיינערנער מאסקע? צי האָט ער אנטדעקט וואָס דאָרט טוט זיך? איז עס דען נישט אן אלט ווערטל, אז ליבע קומט אמאָל פון רחמנות און אזביידע ווערן אמאָל איינס? איז דאָס ביי מיר אויך אזוי? אָפטמאָל האָב איך אויף אים פונקט אזוי רחמנות ווי אויף מיר.

איך ווייס באמת נישט וויאזוי צו געפונען דאָס ערשטע וואָרט, אָבער וויאזוי זאָל ער דאָס טון, אים איז דאָך אסך שווערער צו רעדן? איי, ווען איך וואָלט אים געקאָנט שרייבן! וואָלט ער כאָטש געוווסט, וואָס איך וויל זאָגן, און וואָס ס'איז אזוי שווער אויסצודריקן אין ווערטער.

דיין אנא.

פרייטיק, 17. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

א כוואַליע פון דערלייכטערונג גייט איבער דעם הינטער־הויז. קראַלער איז פריי, עלי האָט פארבאָטן איר קאטאר זיך אויסצוברייטן און זי צו שטערן ביים אויספירן אירע פליכטן לגבי אונדז. אלץ איז ווידער אין בעסטער אָרדענונג, חוץ איין זאַך, וואָס מארגאָ און איך זענען אביסל אָפּגעפרעמדט פון די עלטערן. דו דארפסט מיך נישט שלעכט פארשטיין. דו ווייסט דאָך, אז איך פארשטיי מיך נישט לעת־עתה מיט דער מאמען, אז איך האָב דעם טאטן פונקט אזוי ליב ווי שטענדיק און אז מארגאָ האָט ביידע ליב. אָבער אין מיינע יאָרן וויל מען זיין זעלבסטשטענדיק, וויל מען זיך אָפּרייסן פון דער מאמעס פאר־טוך. גיי איך ארויף, פרעגט מען מיך וואָס איך טו דאָרט, מיין עסן מאָר איך נישט זאלצן, יעדן אָוונט האלב ניין אזייגער פרעגט מיך די מאמע צי איך הויב מיך נישט אָן אויסטון. יעדעס ביכל וואָס איך וויל לייענען דארף צוערשט קאָנטראָלירט ווערן. דעם אמת געזאָגט, איז די דאָזיקע צענזור נישט קיין שטרענגע, און איך מעג כמעט אלץ לייענען, אָבער דער קאָנטראָל אליין און די באמערקונגען פון א גאנצן טאָג זענען אונדז שוין נמאס. איך בין נישט מער קיין קליין קינד און מיר ווייזן זיך אוים אביסל געקינצלט די פארצוויגענע נעמען און די קושעריי. בקי־צור, איך קאָן מיך א ווײַלע באגיין אויך אָן די ליבע און זאָר־

געוודיקע עלטערן. נעכטן האָט מארגאָ געזאָגט: „ס'איז דאָך כמעט לעכערלעך, אז מ'טאָר נישט צולייגן די האנט צום קאָפּ אָדער א זיפץ טון, מ'זאָל דיך נישט פרעגן צי דו האָסט נישט קיין קאָפּ ווייטיק, צי דו פילסט דיך נישט שלעכט".

ס'איז פאר אונדז ביידע אן אנטוישונג, פּלוצים פעסטצושטעלן ווי ווייניק ס'איז איבערגעבליבן פון דער הארמאָנישער היים. צום גרעסטן טייל איז די סיבה דערפון וואָס מיר ווערן נאָך אָפט באהאנדלט ווי קינדער, בשעת מיר זענען שוין אסך וויטער ווי מיידלעך אין אונדזערע יאָרן. הגם איך בין ערשט פערצן יאָר אלט, ווייס איך שוין זייער גוט וואָס איך וויל, איך ווייס ווער ס'איז גערעכט און ווער נישט. איך האָב מיינע מיינונגען, מיין אויפפאסונג, מיינע פּרינציפּן. אפשר קלינגט דאָס אביסל גאוודיק פאר א יונג מיידל, אָבער איך פיל מיך אסך מער מענטש ווי קינד, איך פיל מיך אינגאנצן אומאפּהענגיק פון סיי וועמען. איך ווייס, אז איך קאָן בעסער דעבאטירן און דיסקוטירן ווי די מאמע, אז איך בין אָביעקטיווער און בין נישט מגזם, אז איך בין אָרנטלעכער און געניטער און דערפאר — דו מעגסט לאכן אויב דו ווילסט — פיל איך מיך אין טייל זאכן העכער פון איר. אויב איך האָב עמיצן ליב, מוז איך אים קודם כל קאָנען באוואונדערן, און רעספּעקטירן. אלץ וואָלט געווען בעסער, ווען איך האָב נאָר פּעטערן. אין אסך זאכן קאָן איך אים באוואונדערן. ער איז אזא ליב און פיין יינגל.

דיין אנא.

זונטיק, 19. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

נעכטן איז פאר מיר געווען א וויכטיקער טאָג. איך בין געווען אנטשלאָסן זיך דורכצורעדן מיט פּעטערן. איידער מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש האָב איך אים א פרעג געטון שטילערהייט:

— לערנסט היינט אין אָוונט סטענאָגראפיע, פּעטער?
— ניין, האָט ער געזאָגט.
— איך וואָלט גערן געוואָלט מיט דיר רעדן.
— מסכים.

נאָך דעם געשירוואשן בין איך נאָך לפּנים געבליבן אביסל ביי די עלטערן, אָבער נישט קיין סך, דאן בין איך

געגאנגען צו פעטערן. ער איז געשטאנען לינקס פונעם אָפענעם פענצטער, איך אויף דער רעכטער זייט. מ׳קאָן אסך בעסער רעדן אין דער טונקל ווי ביי ליכט. איך מיין, אז פעטער האלט אויך אזוי.

מיר האָבן זיך אזויפיל אָנדערציילט, אז איך קאָן דאָס אינגאנצן נישט באשרייבן, אָבער ס׳איז געווען ווונדערשיין, דער שענסטער אָוונט זינט איך בין דאָ. אייניקע זאכן קאָן איך דיר בקיצור איבערגעבן. צוערשט האָבן מיר גערעדט וועגן די אמפערייען, צו וועלכע איך האָב אצינד א גאנץ אנדערע באציונג, דאן וועגן דער אינערלעכער אָפּגעפרעמדטקייט פון אונדזערע עלטערן. דערביי האָב איך פעטערן דערציילט פונעם טאטן און פון דער מאמען, פון מארגאָן און פון מיר אליין. פּלוצים האָט ער א פרעג געטון:

— איר קושט אייך זיכער פארן שלאָפן גיין?
— יאָ, אוודאי, מיר קושן זיך אָן א שיעור! איר נישט?
— ניין, איך האָב קיינמאָל נישט עמיצן א קוש געטון.
— אפילו נישט צום געבוירנטאָג?
— יאָ, דעמלט יאָ!

מיר האָבן גערעדט דערפון, אז מיר האָבן נישט קיין פולן צוטרוי צו אונדזערע עלטערן, אז זיינע עלטערן וואָלטן גערן געוואָלט ער זאָל צו זיי האָבן צוטרוי, אָבער ער קאָן נישט. איך האָב אים דערציילט, אז איך וויין מיר אוים מיין ביטער הארץ אין בעט, ער אָבער גייט ארויף אויפן בוידעם און שעלט. אז מארגאָ און איך האָבן זיך ערשט אצינד גוט דערקענט, אז מיר דערציילן אונדז דאָך נישט אלץ, ווייל מיר זענען צופיל אינאיינעם. מיר האָבן גערעדט וועגן אלץ, און ער איז געווען אזוי, ווי איך האָב מיר אים תמיד פאָרגעשטעלט.

דערנאָך האָבן מיר זיך דערמאנט אין דעם יאָר 1942, ווי אנדערש מיר זענען דעמלט געווען, אז מיר וואָלטן זיך היינט כמעט אליין נישט דערקענט, און אז מיר האָבן זיך לכתחלה נישט געקאָנט ליידן. ער האָט מיך געהאלטן פאר א רעשנדיקער, א צעטראָגענער און מיר איז ער אינגאנצן נישט געפעלן. איך האָב נישט געקאָנט באגרייפן פארוואָס ער נעמט מיך נישט אין אכט, אָבער אצינד פריי איך מיך. ער האָט אויך דערציילט, אז ער פלעגט זיך תמיד אָפּזונדערן. איך האָב אים געענטפערט, אז צווישן מיין רעשנדיקן וועזן און זיין רו, איז נישט קיין גרויסער חילוק און אז איך בענק אזוי נאָך רו, אָבער אז איך קאָן זי נישט געפונען ערגעץ אנדערש ווי אין מיין טאָגבוך.

ער האָט געזאָגט אז ער איז צופרידן וואָס מיינע עלטערן זענען דאָ מיט די קינדער, און איך האָב געזאָגט, אז איך פריי מיך וואָס ער איז דאָ, אז איך פארשטיי אזוי גוט זיין אָפּגעזונדערט־קייט און זיין באציונג צו די עלטערן און בין גרייט אים צו העלפן.

— דו העלפסט מיר דאָך תמיד! האָט ער געזאָגט.
— מיט וואָס? האָב איך געפרעגט פארוואונדערט.
— מיט דיין פריילעכקייט!

דאָס איז געווען דאָס שענסטע וואָס ער האָט מיר געקאָנט זאָגן. ס'איז געווען הערלעך, ער האלט זיך פאר א גוטן חבר און דאָס איז מיר דערוויילע גענוג. איך געפון נישט קיין ווערטער אויסצודריקן מיין דאנק און צופרידנקייט, אָבער איך מוז מיך ביי דיר אנטשולדיקן, קיטי, וואָס מיין סטיל איז היינט אונטער דעם געוויינטלעכן ניוואָ.

איך האָב אלץ אזוי אָנגעשריבן ווי ס'איז מיר איינגעפאלן. אצינד האָב איך דאָס געפיל, אז פעטער און איך באהאלטן איינ־געם א סוד. ווען ער קוקט אויף מיר, ווען ער לאכט אָדער ווינקט צו מיר, שטראל איך. איך ווינטש מיר ס'זאָל אזוי בלייבן און מיר זאָלן נאָך איניינעם פארברענגען אסך גליקלעכע שעה!

דיין דאנקבארע און גליקלעכע אנא.

מאָנטיק, 20. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

היינט אינדערפרי האָב איך געפרעגט פעטערן, צי איך זאָל אין אָוונט ווידער קומען, און האָב צוגעגעבן, אז איך וועל אים זיכער נישט שטערן. אין זיין צימער וואָלט געווען פלאץ פאר צוויי פונקט ווי פאר איינעם. איך האָב געזאָגט אז יעדן אָוונט וועט דאָס נישט גיין, ווייל די פון אונטן האלטן, אז ס'איז נישט ריכטיק, ער אָבער זאָגט, אז דאָס דארף מיך נישט אָפּ־האלטן. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט פאר שבת אָוונט, און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר צו וויסן טון, ווען ס'וועלן ווידער זיין לבנה־נעכט.

— אוודאי, האָט ער געענטפערט, — דאן וועלן מיר אראָפּגיין קוקן אויף דער לבנה.

דערווייל איז מיין גליק אביסל פארטונקלט געוואָרן, איך האָב שוין פון לאנג געטראכט אז פעטער האָט נושא חן געווען אויך ביי מארגאָן. איך ווייס נישט צי זי האָט אים שטארק ליב, אָבער ס׳איז נישט אָנגענעם. יעדעס מאָל ווען איך בין מיט פעטערן צוזאמען, טו איך איר וויי. ס׳איז זייער שיין פון איר זייט, וואָס זי לאָזט גאָרנישט דערקענען. איך ווייס אויף זיכער, אז איך וואָלט אויסגעגאנגען פון אייפערזוכט. מארגאָ זאָגט נאָר, אז איך זאָל אויף איר נישט האָבן קיין רחמנות: — ס׳טוט מיר באנג וואָס דו שטייסט סתם ווי אן איבעריקע, האָב איך געזאָגט.

— איך בין געווינגט דערמיט, האָט זי געענטפערט אביסל גאליק. איך וואג נאָך נישט דאָס צו דערציילן פעטערן. אפשר שפעטער. אצינד דארפן מיר זיך גוט דורכשמועסן. די מאמע האָט מיר נעכטן דערלאנגט א פאטש. איך האָב דאָס אויך פארדינט, איך טאָר נישט ארויסווייזן אזוי פיל גלייכגילטיקייט צו איר. איך וועל פרווון מיך מער צו באהערשן, טראָץ אלעמען צו זיין פריינטלעך, און צו פארמיידן אומנוציקע באמערקונגען. אויך פים איז נישט מער אזוי הארציק. ער פרווט מיך נישט מער צו באהאנדלען אלס קינד און איז צו קיל. איך וועל זען וואָס דערפון וועט ארויסקומען.

אצינד גענוג. איך קאָן נישט טון א חוץ קוקן אויף פעטערן און מיין הארץ גייט איבער!

א באווייז פון מארגאָס גוטסקייט: דעם בריוו האָב איך באקומען היינט דעם 20-טן מערץ 1944:

„אנא,

ווען איך האָב נעכטן געזאָגט, אז איך בין נישט אייפערזיכטיק אויף דיר, בין איך נישט געווען אינגאנצן ערלעך. די זאך איז אזוי, איך בין נישט אויף דיר און נישט אויף פעטערן אייפערזיכטיק, אָבער איך האלט אז ס׳איז א שאָד פאר מיר אליין, וואָס איך האָב נאָך קיינעם נישט געפונען — און וועל דערווייל אויך נישט געפונען, מיט וועמען איך זאָל האָבן א געדאנקען אויסטויש, מיט וועמען איך זאָל קאָנען רעדן וועגן מיינע געפילן. אייך ביידע פארגין איך פון גאנצן הארצן, איר זאָלט האָבן צוטרוי איינער צום אנדערן. דיר פעלן דאָ גענוג זאכן וואָס אנדערע האָבן זיי זעלבסטפארשטענדלעך.

צווייטנס ווייס איך, אז מיט פעטערן וואָלט איך קיינמאָל אזוי ווייט נישט געקומען, ווייל איך האָב דאָס געפיל, אז איך מוז זיין זייער אינטים מיט דעם מענטשן, וועלכן איך וואָלט אלץ דערציילט. איך מוז פילן אז ער קאָן מיך אינגאנצן פאר-

שטיין אויך אָן ווערטער. דערפאַר מוז דאָס עמיצער זיין וואָס שטייט גייסטיק העכער פון מיר, און פעטער איז דאָס נישט. ביי אייךביידע איז דאָס אָבער מעגלעך. דערפאַר דאַרפסטו דיר נישט מאכן קיין פאָרווורפן, אז דו נעמסט ביי מיר עפּעס צו, אז מיר בלייבט וויניקער, דאָס וואָלט נישט געווען דער אמת... איר ביידע קאָנט דערפון נאָר געווינען".

מיין ענטפער:

„ליבע מארגאָ!

דיין בריוו איז געווען אויסערגעוויינטלעך ליב, אָבער איך בין דאָך נישט באַרויקט און וועל עס קיינמאָל נישט זיין.

פון צוטרוי אין דער מאָס אין וועלכער דו, מיינסט, קאָן צווישן פעטערן און מיר דערווייל נאָך נישט זיין קיין רייד, אָבער אין דער טונקל, ביים אָפענעם פענצטער קאָן מען בעסער רעדן ווי בייטאָג ווען ס׳שיינט די זון. ווען געפילן קאָן מען לייכטער רעדן שעפּטשענדיק ווי בקול רם.

איך מיין אז דו האָסט צו פעטערן א שוועסטערלעכע באַציונג און די ביסט גרייט אים צו העלפן פונקט ווי איך. און אפשר וועסטו עס אויך אמאָל טון, כאָטש ס׳איז צווישן אייך נישט פאראַן דער צוטרוי וואָס דו מיינסט, צוטרוי מוז קומען פון ביידע זייטן. איך מיין, אז דאָס איז אויך די סיבה וואָס איך קאָן מיטן טאטן קיינמאָל נישט אזוי רעדן.

לאָמירזשע פאַרענדיקן די דאָזיקע טעמע און קיינמאָל וועגן דעם נישט מער רעדן. אויב דו האָסט נאָך עפּעס צו זאָגן, טו עס, איך בעט דיך, שריפטלעך, ווייל אזוי איז מיר אסך לייכטער. דו ווייסט נישט ווי שטארק איך באַוווּנדער דיך. איך האָף אָבער, אז איך וועל אויך אמאָל האָבן עפּעס פון דיין און דעם טאטנס גוטסקייט, ווייל אין דער הינזיכט זע איך ביי אייך נישט קיין גרויסן אונטערשיד".

דיין אנא.

מיטוואָך, 22. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

נעכטן אָוונט האָב איך באַקומען פאָלגנדיקן בריוו פון מארגאָן:

„ליבע אנא!
נאָך דיין נעכטיקן בריוו האָב איך דאָס געפיל, אז דו האָסט חרטה ווען דו גייסט צו פעטערן, כדי צו ארבעטן אָדער מיט אים צו רעדן. דו האָסט אָבער נישט די קלענסטע סיבה דערצו. ביי מיר איז פאראן נאָר איין רעכט: קענגזייטיקער צוטרוי, און דערצו איז פעטער נישט דער ריכטיקער. עס איז באמת אזוי ווי דו שרייבסט, אז איך באטראכט פעטערן ווי א מין ברודער, אָבער... ווי א יונגערן ברודער! ס'זעט אוים ווי גלייך מיר וואָלטן געפרווט פעטשטעלן צי מיר וועלן אמאָל יאָ אָדער נישט האָבן קיין געשווויסטערלעכע באציונגען, אָבער אזוי ווייט האלטן מיר נאָך נישט.
דו דארפסט, הייסט עס, נישט האָבן אויף מיר קיין שום רחמנות. געניס נאָר די פריינטשאפט וואָס דו האָסט געפונען".
דערווייל ווערט דאָ אלץ שענער. איך מיין, קיטי, אז מיר וועלן נאָך דערלעבן, דאָ אין הינטערהויז, א גרויסע און עכטע ליבע. איך טראכט באמת נישט צי איך וועל מיט אים אמאָל חתונה האָבן, ווייל איך ווייס נישט ווי אזוי ער וועט זיין אלס דערוואקסענער. איך ווייס אויך נישט צי מיר וועלן זיך דערמלט אזוי ליב האָבן, אז מיר זאָלן וועלן חתונה האָבן. אז פעטער האָט מיך ליב בין איך אצינד זיכער. וואָס פארא מין ליבע דאָס איז ווייס איך נישט. צי ער וויל נאָר א גוטן חבר, צי איך געפעל אים אלס מיידל, צי אלס שוועסטער, דאָס קאָן איך נישט דערגיין.
ווען ער האָט מיר געזאָגט אז איך בין פאר אים א שטיצע בעת די אמפערייען, וואָס קומען אָפט פאָר ביי די וואן דאנס, בין איך געוועז זייער צופרידן און איך בין געווען א שריט ווייטער אויף דעם וועג צו גלויבן אין זיין פריינטשאפט. נעכטן האָב איך אים געפרעגט, וואָס ער וואָלט געטון ווען ס'וואָלטן דאָ געווען א טוץ אנאס און אלע וואָלטן צו אים געקומען. ער האָט מיר געענטפערט:
— ווען אלע וואָלטן געווען אזוי ווי דו, וואָלט דאָס נאָך געווען אריבערצוטראָגן.
ער איז תמיד גאסט-פריינטלעך, און איך מיין אז ס'געפעלט אים וואָס איך קום צו אים. ער לערנט פלייסיק פראנצויזיש, אפילו שפעט אין אָוונט, נאָך צען אזייגער אין בעט. אוי, ווען איך טראכט צו דעם שבת אויפדערנאכט, צו אונדזער שמועס,

צו אונדזערע שטימונגען, בין איך דאָס ערשטע מאָל מיט מיר אליין צופרידן.

איך וואָלט גאָרנישט געביטן פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט, ווי ס'קומט אזוי אָפט פאָר. ער איז זייער שיין ווען ער לאַכט און אויך ווען ער איז גאַנץ רויק, ער איז ליב און גוט. לויט מיין מיינונג איז ער געווען שטאַרק פאַרווונדערט ווען ער האָט געזען, אז איך בין נישט דאָס אויבערפלעכלעכסטע מיידל פון דער וועלט, נאָר אז איך בין אזא פאַרחלומט באַשעפעניש ווי ער, מיט די זעלבע שוועריקייטן ווי ער.

מיין ענטפער:

ליבע מארגאָ!

דאָס בעסטע איז אָפּצוואַרטן וואָס ס'וועט ווערן. ס'קאָן נישט מער לאַנג געדויערן, ביז ס'וועט קומען די אַנטשיידונג צווישן מיר און פעטערן, אזוי אָדער אזוי, ווי אזוי דאָס וועט זיך אָפּשפּילן, ווייס איך נישט, אָבער איך טראַכט אויך נישט ווייטער פון מיין נאָז, איינס וועל איך זיכער טון, ווען איך וועל שליסן מיט פעטערן פריינטשאַפט: איך וועל אים דערציילן — און וועל דיך אפילו נישט פרעגן — צי דו האָסט אים אויך ליב, צי דו וועסט מיט אים אַמאָל האַלטן ווען ס'וועט זיין נויטיק. וואָס פעטער טראַכט וועגן דיר ווייס איך נישט, אָבער איך וועל אים געוויס פרעגן. זיכער נישט שלעכט, נאָר פאַרקערט! קום רויק צו אונדז אַרויף אָדער ווו מיר זאָלן נישט זיין. דו שטערסט אונדז באמת נישט, ווייל מיר האָבן זיך שטילשווייגנדיק צונויפגערעדט — אזוי מיין איך — צו רעדן נאָר אין דער פינצטער. זיי מוטיק! איך טו אויך אזוי. דיין צייט קומט אפשר שנעלער ווי דו טראַכסט!

דיין אַנאַ.

דאָנערשטיק. 23. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

דאָ האָט זיך אביסל נאָרמאַליזירט. אונדזער „שוואַרצהענדלער" איז צום גליק ווידער אַרויס פון דער תפיסה!

מיפּ איז זייט נעכטן ווידער דאָ, עלי הוסט נישט מער אזוי, נאָר קאָפּהויס וועט נאָך לאַנג דאַרפן בלייבן אינדערהיים.

געכטן איז דאָ אראָפּגעפאלן אן אוויאָן. די מאנשאפט איז אראָפּ־געשפרונגען, דער אוויאָן איז אראָפּגעפאלן אויף א שול. א גליק וואָס דאָרטן זענען נישט געווען קיין קינדער. ס'האָט אויסגע־בראָכן א שריפה, און ס'זענען אויך געווען עטלעכע טויטע. די דייטשן האָבן אָן רחמנות געשאָסן אויף די אראָפּשפרינגענדיקע פּאראשוטיסטן. די באפעלקערונג איז געווען פול מיט גרימצאָרן פאר דער נידערטרעכטיקייט. מיר, איך מיין די מוראוודיקע פרויען, זענען געווען זייער דערשראָקן.

איך גיי אצינד אָפּט ארויף, כדי ביי פּעטערן אין צימער צו אָטעמען אביסל פרישע אָוונט־לופט. עס איז אויך אָנגענעם צו זיצן נאָענט לעבן אים און ארויס צו קוקן. וואו דאן און דיסעל מאכן תמיד מיאוסע באמערקונגען ווען איך גיי ארויף.

„אנאם צווייטע היים", זאָגן זיי, אָדער: „צי פּאסט עס אייגנטלעך, אז יונגע הערן זאָלן אויפנעמען אין זייער צימער יונגע דאמען שפּעט אין אָוונט?".

פּעטער ווייזט ארויס א וואונדערלעכע גלייכגילטיקייט צו אזעלכע „גייסטרייכע" באמערקונגען. אויך זיין מוטער איז נישט וויניק נייגיריק און זי וואָלט אונדז גערן אויסגעפרעגט וועגן אונדזערע שמועסן, ווען זי זאָל נישט מורא האָבן אז זי וועט באקומען יענעם ענטפער. פּעטער זאָגט, אז די דערוואקסענע זענען אונדז מקנא וואָס מיר זענען יונג און ערגערן זיך וואָס מיר מאכן זיך נישט קיין צימעס פון זייער בייסיקע באמערקונ־גען. צומאָל קומט ער מיך רופן, און ווערט דערביי פייער רויט, אז ער רעדט קוים, כאָטש ער קעמפט קעגן דעם דאָזיקן געפיל. איך בין אזוי גליקלעך וואָס איך ווער קיינמאָל נישט רויט, דאָס דארף זיין זייער פּיינלעך!

דער טאטע זאָגט תמיד אז איך בין א מעקעלע, אָבער דאָס איז נישט אמת. איך בין נאָר זייער איידל. ביז אצינד האָבן מיר וויניק מענטשן געזאָגט, אז איך בין א שיינע, חוץ איין יונגל אין שול, וואָס האָט געזאָגט, אז איך בין הארציק ווען איך לאך. נעכטן האָט מיר אָבער פּעטער געמאכט אן אמתן קאָמ־פּלימענט, און איך וויל דיר איבערגעבן אונדזער שמועס, כדי דו זאָלסט דיך פאראוויילן: פּעטער זאָגט אָפּט מאָל: „לאך נאָר!".

מיר איז דאָס אויפגעפאלן און איך האָב אים געפרעגט:

— פארוואָס זאָל איך אלץ לאכן?

— ווייל דאָס איז שיין. דערפון באקומסטו חן־גריבעלעך. וויאזוי מאכט זיך דאָס אייגנטלעך?

— אזוי בין איך געבוירן, דאס איז דאָס איינציקע שיינע וואָס איך פארמאָג!

— ניין, דאָס איז נישט אמת!

— ניין, איך וויים. אז איך בין נישט קיין שיינע, דאָס בין איך קיינמאָל נישט געווען און וועל אויך קיינמאָל נישט זיין!

— דאָס איז אינגאנצן נישט ריכטיק, איך האלט אז דו ביסט שיין!

— דאָס איז נישט אמת.

— אז איך זאָג דיר, מעגסטו מיר גלויבן!

איך ענטפער אים, פארשטייט זיך, אז איך האלט פון אים דאָסזעלבע. די גאנצע צייט באקום איך אָנצוהערענישן וועגן אונדזער פּלוצימדיקער פריינטשאפט, מיר מאכן זיך אָבער נישט קיין צימעס פון זייערע טענות. צי האָבן די עלטערן שוין אינ־גאנצן פארגעסן פון זייער יוגנט? אזוי ווייזט אוים. זיי נעמען אונדז ערנסט ווען מיר שפּאסן, און לאכן פון אונדז ווען מיר זענען ערנסט.

דיין אנא.

טאָנטיק, 27. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

אין דער „געשיכטע פון אונדזער באהעלטעניש" וואָלט איינג־טלעך די פּאָליטיק געדארפט פארנעמען א זייער גרוים קאפּיטל, אָבער ווייל איך באשעפטיק מיך נישט אזוי פיל מיט פּאָליטיק האָב איך זי אינגאנצן אויסגעלאָזט. דערפאר וויל איך אצינד ווידמען א גאנצן בריוו דער פּאָליטיק.

אז ס'זענען פאראן פארשידענע אויפאסונגען אין דער פראגע, איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז מ'האלט אין איין רעדן וועגן דעם, אין אָט דער טומלדיקער מלחמה צייט, איז אויך לאָגיש, אָבער... וואָס מען אמפּערט זיך אזוי וועגן דעם, דאָס איז פּשוט נאריש.

זיי מעגן זיך וועטן, לאכן, שעלטן, זידלען, אלעם מעגן זיי טון, נאָר זיך נישט קריגן, ווייל דאָס האָט מיינסטענס א מיאוסן סוף. די מענטשן וואָס קומען פון דרויסן, ברענגען אָפט נישט קיין אמתע נייעס. אונדזער ראדיאָ האָט ביז אצינד נאָך קיינמאָל נישט אָפּגענארט. הענק, מיפּ, קאָפּהויס, קראלער, עלי, אלע

מאָלן די געשעענישן לויט זייער שטימונג. אָביעקטיווער פון אלע איז העגק.

דאָ, אין הינטערהויז, איז די שטימונג, וואָס נוגע פּאָליטיק, תמיד די זעלבע. אין די אומצאָליקע דעבאטן וועגן אינוואזיע, באָמבארדאמענטן, רעדעס פון מיניסטאָרן א. אז. וו., הערט מען אסך מיינונגען: „נישט מעגלעך"!... „אום גאָטעס ווילן, אז זיי הייבן ערשט אצינד אָן, ווען וועלן זיי ענדיקן?" „ס'גייט פּרימא, אויסגעצייכנט, ס'קאָן בעסער נישט זיין".

די אָפּטימיסטן, די פּעסימיסטן אפילו די רעאליסטן, אלע זאָגן כסדר ארויס זייער מיינונג און ווי אזוי ס'פירט זיך, האלט יעדער אז נאָר ער איז גערעכט. א געוויסע דאמע האָט גרויסע יסורים וואָס איר מאן האָט צופיל פארטרויען צו די ענגלענדער. דער מאן פאלט אָן אויף דער דאמע פאר אירע גרינגשעצנדיקע, שפּעטישע ווערטער לגבי זיין באליבטער נאציע.

זיי לאנגווייל זיך נישט דערביי. איך האָב עפּעס אויסגעפונען, וואָס האָט א זיכערע ווירקונג. ס'איז ווי גלייך מ'שטעכט עמיצן מיט א נאָדל און ער שפּרינגט אויף. פונקט אזוי ווירקט מיין מיטל. איך ווארף נאָר אריין א וואָרט, א פראגע וועגן פּאָליטיק, שפּרינגט אריין די גאנצע משפּחה אין וויכוח! ווי גלייך די באריכטן פון דער דייטשער ווערמאכט און פון בי=בי=סי וואָלטן נישט גענוג געווען, איז אין דער לעצטער צייט נאָך צוגעקומען א באריכט וועגן „דער לאגע אין דער לופט", פונקט אזוי פאסצינירנדיק און צו מאָל אויך אנטוישנדיק. די ענגלענדער שיטן מיט באָמבעס ווי די דייטשן מיט ליגנס. מ'הערט ראַדיאָ יעדע שעה פון אינדערפרי ביז 9 — 10 אויפדערנאכט, אמאָל אפילו ביז עלף. דאָס איז א באווייז אז די דערוואקסענע האָבן אסך געדולד, אָבער באגרייפן שווער. (חוץ אייניקע אויסנאמען; איך וויל קיינעם נישט באליידיקן) איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין טאָג הערן ראַדיאָ וואָלט אייגנטלעך געדארפט זיין גענוג! ארבעטער פּראָגראם, אָראַניא=זענדער פראנק פיליפּס, איר מאיעסטעט די קיניגן, אלע קומען אין דער ריי און פאר אלע געפונען זיך צוהערער. אויב זיי עסן נישט אָדער שלאָפן נישט, זיצן זיי ארום דעם ראַדיאָ און רעדן וועגן עסן אָדער שלאָפן און פארשטייט זיך, וועגן פּאָליטיק. ס'ווערט שוין זייער לאנגוויליק און ס'איז אזוי נישט לייכט דאָס אלץ צו הערן און דערביי נישט צו ווערן אלט און גרוי.

אַן אידעאַל ביישפּיל איז אַ רעדע פון ווינסטן טשערטשיל, וואָס ווערט פון אונדז אַלע זייער געערט.

זונטיק 9 אַזייגער, די טיי שטייט אויפן טיש. ס'קומען די געסט. דיסעל זיצט אין דער לינקער זייט ביים ראַדיאָ, הער וואַן דאַן זיצט פאַר אים, לעבן אים פּעטער, די מאַמע לעבן הער וואַן דאַן, זיין פרוי הינטער איר, פים ביים טיש, מאַרגאָ און איך אויך. חי מענער רויכערן, פּעטערן קלעפּן זיך די אויגן פון אָנגעשטרענגטן הערן. די מאַמע, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן טונקלען שלאָפראָק און די פרוי וואַן דאַן, ציטערן, ווייל די אַוויאָנען פליען איבער אונדזערע קעפּ, טראָץ דער מעלדונג אַז דער ציל איז רור געביט. דער טאַטע זופּט פון דער טיי, מאַרגאָ און איך זיצן גאַנץ נאָענט און מושי שלאָפט אויף אונדזערביידנס קני. מאַרגאָ האָט לאָקנוויקלער אין די האָר, איך בין אָנגעטון אין אַ קליין און צו ענגן פּיזשאַמאַ. ס'ווירקט זייער אינטים, געמיטלעך און פרידלעך. איך וואַרט אָבער דאָך מיט שפּאַנונג אויף דעם וואָס ס'וועט קומען. זיי קאָנען קוים דערוואַרטן דעם סוף, זיי שאַרן מיט די פיס פון אומגעדולד, כדי צו דיסקוטירן וועגן דער רעדע. קסט, קסט, קסט, אַזוי מאַכן זיי איינער צום אַנדערן, ביז ס'ווערט פון דער דיסקוסיע אַ גאַנצע מחלוקת.

דיין אַנאַ.

דינסטיק, 28. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

איך וואָלט נאָך געקאָנט שרייבן זייער פיל וועגן פּאָליטיק, אָבער איך האָב דיר היינט צו באַריכטן וועגן אַסך אַנדערע זאַכן. ערשטנס האָט מיר די מאַמע פאַרבאָטן אַזוי אָפט אַרויפצוגיין, ווייל זי מיינט, אַז פרוי וואַן דאַן איז איפערזיכטיק. צווייטנס האָט פּעטער פאַרבעטן מאַרגאָן אַרויף, איך ווייס נישט צי פון פּשוטער העפלעכקייט, צי ווייל ער מיינט דאָס ערנסט. דריטנס האָב איך געפרעגט דעם טאַטן, צי איך דאַרף רעספּעקטירן דער פרוי וואַן דאַנס איפערזוכט. ער מיינט אַז נישט. וואָסזשע טוט מען? די מאַמע איז ברוגז, איז זי אויך אַביסל איפערזיכטיק? דער טאַטע פאַרגינט פּעטערן און מיר דאָס צונויפקומען... 

גוט. מארגנאָ האלט אויך אז פעטער איז זייער הארציק, זי פילט אָבער, אז מ'קאָן נישט רעדן זאלבעדריט, דאָס וואָס ס'איז באשטימט פאר צוויי.

די מאמע מיינט אז פעטער איז אין מיר פארליבט. ערלעך געזאָגט, ווינטש איך מיר ס'זאָל זיין אמת! אזוי ארום וואָלטן מיר זיך געפילט גלייך און מיר וואָלטן געקאָנט לייכטער און אָפענער רעדן. די מאמע זאָגט, אז ער נעמט נישט אראָפּ אן אויג פון מיר. דאָס איז אמת, און אז ער ווינקט צו מיר פון צייט צו צייט, און אז ס'אינטערעסירן אים מיינע חן-גריבעלער, איז אויך אמת! אָבער קעגן דעם קאָן מען דאָך גאָרנישט טון, אמת?

איך געפון מיך אין א שווערער לאגע. די מאמע איז קעגן מיר און איך בין קעגן איר, און דער טאטע מאכט זיך נישט ווי סנדיק פון דעם שטילן קאמף וואָס קומט פאָר צווישן אונדז. די מאמע איז טרויעריק, ווייל זי האָט מיך דאָך ליב, איך בין נישט טרויעריק, ווייל איך פיל אז זי פארשטייט מיך פאָרט נישט. און פעטער... פון פעטערן וויל איך מיך נישט אָפּזאָגן. ער איז זייער א ווויל יונגל און איך באוווּנדער אים. ס'קאָן אזוי שיין ווערן צווישן אונדז. פארוואָס דארפן די „אלטע" אומעטום ארייננשטעקן די נאָז? נאָך גוט וואָס איך קאָן באהאלטן מיינע געדאנקען און אזוי ארום גיט זיך מיר איין נישט ארויסצוווייזן ווי ליב איך האָב אים. וועט ער אמאָל עפּעס זאָגן? וועל איך אמאָל פילן זיין פּנים לעבן מיינעם, ווי איך האָב דאָס געזען אין חלום מיט פעטערל? פעטער און פעטערל! אצינד זענט איר איינס. זיי פארשטייען אונדז נישט, זיי קאָנען אונדז נישט פארשטיין, אז מיר זענען צופרידען ווען מיר זיצן ביינאנד אפילו שווייגנדיק. זיי פארשטייען נישט וואָס ס'בינדט אונדז איינעם צום אנדערן. ווען וועלן מיר בייקומען די אלע שוועריקייטן? און דאָך איז גוט וואָס מען דארף עפּעס בייקומען, ווייל דאן איז דער סוף אסך שענער! ווען ער האָט דעם קאָפּ אין די הענט און פארמאכט די אויגן איז ער ווי א קינד, אז ער שפּילט זיך מיט מושין, איז ער פול מיט ליבע, אז ער טראָגט זעק מיט קארטאָפל און אנדערע שווערע משא, איז ער פול מיט קראפט, אז ער קוקט זיך צו ווי מען שיסט, אָדער אז ער גייט אראָפּ אין דער טונקל, כדי צו זען צי ס'זענען נישטאָ קיין גנבים, איז ער מוטיק, ווען ער איז אומגעשיקט און אומבאהאָלפן, איז ער פשוט זיס. ער איז מיר אסך אָנגענעמער ווען ער דערקלערט מיר עפּעס, ווי איידער ווען ער לערנט עפּעס פון מיר.

מיר וואָלטן אמבעסטן געפעלן ווען ער זאָל אין אלץ שטיין העכער פון מיר. וואָס גייט אונדז אָן וואָס די מאמעס רעדן! ווען ער זאָל שוין ענדלעך וועלן רעדן.

דיין אנא.

מיטוואָך, 29. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

נעכטן האָט גערעדט דער מיניסטער באָלקענשטיין; ביים האָלענדישן זענדער און האָט געזאָגט, אז נאָך דער מלחמה וועט געדרוקט ווערן א זאמלונג פון טאָגביכער און בריוו פון דער צייט. פארשטייט זיך אז אלע האָבן תיכף געצילט אויף מיין טאָגבוך. שטעל דיר פאָר, ווי אינטערעסאנט דאָס וואָלט געווען ווען איך זאָל פארעפנטלעכן א ראָמאן פונעם „הינטערהויז“. לויט דעם טיטל, וועלן די מענטשן מיינען, אז ס'האנדלט זיך וועגן א דעדעקטיוו ראָמאן.

אצינד לאָמיר זיין ערנסט. צי וועט עס זיך נישט אויסווייזן אויסטערליש, אז מ'וועט דערציילן, יאָרנלאנג נאָך דער מלחמה, ווי מיר יידן האָבן דאָ געלעבט, גערעדט און געגעסן? וויפל איך זאָל דיר נישט דערציילן, קענסטו אלץ נאָר א קליינעם טייל פון אונדזער לעבן, צ.ם ביישפיל, ווי מורא די דאמען האָבן ווען מען באָמבארדירט, אזוי ווי זונטיק, ווען דריי הונדערט פופציק ענגלישע עראָפּלאנען האָבן אראָפּגעוואָרפן א האלבע מיליאָן ק"ג דינאמיט אויף יימוידען, און די הייזער האָבן זיך געטרייסלט פונעם ל.פט־דרוק, אָדער ווען מיר הערן וויפל עפּידעמיעס ס'הערשן דאָ. פון דעם אלעמען ווייסטו גאָרנישט און איך וואָלט געדארפט שרייבן א גאנצן טאָג, ווען איך זאָל דיר וועלן דערציילן אלע פּרטים. די מענטשן שטייען אין דער ריי, כדי צו באקומען גרינצייג אָדער אנדערע לעבנסמיטל, די דאָקטוירים קומען נישט צו זייערע קראנקע, ווייל מ'האָט ביי זיי צוגעגנבעט דאָס אויטאָ, (אויב זיי האָבן געהאט) אָדער דעם ביציקלעט. מען הערט פון גנבות אין אזא מאָס, אז איך מוז מיך אלץ פרעגן ווו ס'איז אהינגעקומען די שפּריכווערטלעכע האָלענדישע ערלעכקייט. קליינע קינדער פון 8 — 11 יאָר, האקן אוים די שויבן פון פרעמדע הייזער און נעמען צו אלץ וואָס ס'לאָזט זיך. קיינער וואגט נישט אוועקצוגיין פון דערהיים אפילו אויף

5 מינוט, ווייל אין איין רגע פארשווינדט אלץ. יעדן טאָג לייענט מען אין די צייטונגען, אז מ׳באצאָלט א גוטן פרייז פאר צוריקברענגען געגנבעטע שרייב=מאשינען, פערזער=טעפיכער, עלעקטרישע זייגערס, שטאָפן א. אז. וו., א. אז. וו. די גרויסע זייגערס אויף די גאסן ווערן אָפּמאָנטירט, די טעלעפאָנען אין די קאבינעם ווערן ארויסגעגנבעט ביז אויפן לעצטן דראָט.

די שטימונג פון דער באפעלקערונג קאָן נישט זיין קיין גוטע. מיט דער וואָכנראציע קאָן מען שווער אויסקומען. די אינוואזיע לאָזט אויף זיך ווארטן, די מענער מוזן פאָרן קיין דייטשלאנד. די קינדער זענען אונטערדערנערט און ווערן קראנק. כמעט אלע מענטשן זענען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. א פּאָר זוילן קאָסטן אויף שווארץ 7,50 גולדן. דערביי נעמען די מיינסטע שוסטערס נישט אָן קיין ארבעט, אָדער זיי לאָזן ווארטן 4 חדשים, אויף א פּאָר זוילן. טיילמאָל ווערן זיי אין דער צייט נעלם.

איין זאך איז גוט: אויף וויפל די דערנערונג ווערט ערגער און די מאָסמיטלען שטרענגער, אויף אזוי פיל פארשטארקט זיך דער סאבאָטאזש קעגן אָקופּאנט. די באאמטע פון דער לעבנסמיטל פארטיילונג און פון אנדערע אינסטיטוציעס, העלפן אין א גרויסער מאָס די אויסבאהאלטענע, אָבער ס׳זענען אויך פאראן אזעלכע וואָס פאראָטן זיי און ברענגען זיי אין תפיסה. צום גליק איז נאָר א טייל פון די נידערלענדער אויף דער זייט פון די אָקופּאנטן.

דיין אנא.

פרייטיק, 31. מערץ 1944.

ליבע קיטי!

ס׳איז נאָך גענוג קאלט, אָבער די מיינסטע מענטשן זיצן שוין א חודש אָן קוילן. א מחיה, א יאָ? די שטימונג איז אין אלגעמיין זייער אָפּטימיסטיש פארן רוסישן פראָנט, ווייל דאָרט גייט עס אויסגעצייכנט. איך שרייב נישט קיין סך, וועגן פּאָליטיק, אָבער איך מוז דיר דאָך מיטיילן, וו זיי שטייען איצנד, געמלעך גאנץ נאָענט פונעם גענעראל גווערנאמענט און לעבן פרוט ביי דער רומענישער גרענעץ. זיי זענען גאנץ נאָענט פון אָדעס. דאָ ווארט מען יעדן אָוונט אויף אן עקסטרא קאָמוניקאט פון סטאלין. אין מאָסקווע שיסט מען אזוי פיל סאלוט סאלוון, אז די שטאָט

טרייסלט זיך מין הסתם א גאנצן טאָג. צי דאָס געפעלט זיי צו טון אזוי ווי גלייך די מלחמה דערנענטערט זיך ווידער, אָדער זיי קאָנען אנדערש נישט אויסדריקן זייער פרייד, דאָס ווייס איך נישט.

אונגארן איז אָקופירט פון די דייטשע טרופן. דאָרט זענען פאראן איין מיליאָן יידן. איצט איז אויך געקומען די ריי אויף זיי.

דאָ איז גאָרנישט באזונדערס, היינט איז הער וואן דאנס געבוירנטאָג, ער האָט באקומען צוויי פעקלעך טאבאק, קאווע פאר איינמאָל (דאָס האָט זיין פרוי אָפּגעשפּאָרט פאר דעם טאָג), לימאָנאדע פון קראלערן, סארדינען פון מיפּן, פון אונדז אָדע־קאָלאָן, פלידער און טולפּן און חוץ דעם א טאָרט מיט מאלינעס און אָזשענעס, וואָס האָט זיך אביסל געברעקלט דורך דעם שלעכטן מעל און שלעכטער פוטער, אָבער פונדעסטוועגן איז ער גוט געווען.

די פּליאָטקעס וועגן מיר און פּעטערן, האָבן זיך אביסל איינ־געשטילט. מיר זענען זייער גוטע פריינט, מיר זענען אסך אינאיינעם און רעדן וועגן אלץ. ס'איז אזוי גוט וואָס איך מוז מיך נישט צוריקהאלטן, ווי מיט אנדערע יינגלעך, ווען מיר רעדן וועגן פריקרע ענינים. ווען מיר האָבן למשל גערעדט וועגן דער טעמע בלוט, האָבן מיר אויך דערמאָנט מענסטרואציע. ער האלט אז מיר פרויען זענען הארט. רא, רא, רא, פארוואָס?

מיין לעבן איז דאָ בעסער געוואָרן. אסך בעסער. גאָט האָט מיך נישט פארלאָזט און וועט מיך נישט פארלאָזן.

דיין אנא.

שבת, 1. אפּריל 1944.

ליבע קיטי!

און דאָך איז נאָך אלץ אזוי שווער. דו ווייסט מסתם וואָס איך מיין, יאָ? איך בענק אזוי נאָך א קוש, וואָס לאָזט אויף זיך אזוי לאנגווארטן. צי באטראכט ער מיך נאָך אלץ נאָר אלס פריינט? צי בין איך פאר אים נישט מער? דו ווייסט און איך ווייס, אז איך בין שטארק, אז איך קאָן אליין טראָגן די גאנצע לאסט און אז איך בין קיינמאָל נישט געווינט געווען, זי מיט עמיצן

צו טיילן. איך האָב מיך קיינמאָל נישט געקלאַמערט אין מיין מאַמע. אַצינד וואָלט איך אַזוי גערן געליגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל, און נאָר גאַנץ שטיל געזעסן.

איך קאָן קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם חלום פון פּעטערס פּנים, ווען אַלץ, אַלץ איז געווען אַזוי שיין. צי בענקט ער אויך נישט נאָך דעם? פאַרוואָס וויל ער איך זאָל אָפט קומען צו אים? אוי, פאַרוואָס רעדט ער נישט? איך וויל מאַכן אַ סוף, איך וויל זיין רויק. איך וויל בלייבן שטאַרק און האָבן געדולד, וועט דאָס אַנדערע במילא קומען, אָבער... און דאָס איז דאָס ערגסטע: ס'זעט אַזוי נאַריש אויס, ווי גלייך איך וואָלט אים נאָכגעלאָפן, ווייל איך מוז תמיד גיין אַרויף צו אים און ער קאָן נישט קומען צו מיר. אָבער די סיבה דערפון זענען די וווינונגסבאַדינגונגען און ער פאַרשטייט דאָס. ער מוז נאָך אַסך מער פאַרשטיין.

דיין אַנאַ.

מאָנטיק, 3. אַפּריל 1944.

ליבע קיטי!

קענען מיין געוווינהייט, וויל איך דיר נאָך אַמאָל שרייבן וועגן עסן, ווייל דאָס איז געוואָרן איינע פון די שווערסטע זאַכן נישט נאָר אין הינטערהויז, נישט נאָר אין גאַנץ נידערלאַנד נאָר אין גאַנץ אייראָפּע, אומעטום.

אין די 21 חדשים וואָס מיר זענען דאָ, האָבן מיר געמאַכט אַסך „עס־פּעריאָדן". וואָס דאָס באַטייט וועסטו תיכף געוווייר ווערן. „עס־פּעריאָד" הייסט אַ צייט אין וועלכער מען באַקומט נאָר איין מאכל און שטענדיק דעמזעלבן סאָרט גרינס. אַ היפּש שטיקל צייט האָבן מיר נישט געגעסן עפּעס אַנדערש ווי נאָר אַ מין קרויט, אַמאָל מיט זאַמד אַמאָל אָן זאַמד, אויסגעמישט מיט קאַרטאָפל, אַמאָל די קאַרטאָפל באַזונדער, אָדער געבאַקן. דערנאָך איז געגאַנגען אַ סדרה שפּינאַט, דערנאָך קאָלראַבי, שוואַרץ־וואָרצלען, אוגערקעס, פּאָמאַטן, זויערקרויט א. אז. וו., א. אז. וו., לויט דעם סעזאָן. ס'איז זיכער נישט אָנגענעם צו עסן אינדערפרי און אויפדערנאַכט זויער־קרויט. אָבער אַז מען איז הונגעריק עסט מען. דערווייל האָבן מיר דעם שענסטן פּעריאָד, ווייל אַצינד באַקומט מען נישט קיין פריש גרינס. אונדזער וואָכן

מעגן באשטייט פון: מיטאָג ברוינע פאסאָליעס, א זופּ פון אַרבעס, קאַרטאָפל מיט קניידלעך, א קאַרטאָפל־קוגל, אז גאָט העלפט אמאָל אויך בעריקלעך אָדער צוגעפוילטע מייערן ווידער מיט ברוינע פאסאָליעס. קאַרטאָפל עסן מיר צו יעדער מאָל־צייט אין מיר הייבן אָן עסן קאַרטאָפל אויך צום פרישטיק, צוליב ברויט מאנגל, דער זופּ איז אויך פון ווייסע אָדער ברוינע פאסאָליעס, קאַרטאָפל און דאַן די באַוואוסטע פּעקלעך: זשוליען זופּ, אָדער ברוינע פאסאָליעס זופּ: אומעטום זענען פאַראַן ברוינע פאסאָליעס, זיכער אויך אין ברויט. אָוונט עסן מיר קאַרטאָפל מיט א פאלשן סאָס און סאלאט פון רויטע בערעקעס. וועגן די מעל קניידלעך מוז איך נאָך דערציילן. דאָס מאַכן מיר פון רעגירונגס־מעל מיט וואסער און הייוון. פאַרשטייט זיך אז זיי זענען קלעפּיק און הארט, און זיי ליגן אין מאָגן ווי שטיינער. מילא!

די גרעסטע געשעעניש פון דער וואָך איז דאָס רעפּטעלע לעבער ווורשט און מאַרמעלאַד אויפן הוילן ברויט. אָבער מיר לעבן נאָך און אָפט באַקומט אונדז די אָרעמע מאָלצייט זייער גוט.

דיין אנא.

דינסטיק, 4. אַפּריל 1944.

ליבע קיטי!

א צייט לאַנג האָב איך מער נישט געוווּסט צוליב וואָס איך אַרבעט. דער סוף פון דער מלחמה איז נאָך אַזוי ווייט, אַזוי אילוזאָריש, ווי אין א מעשהלע. אויב די מלחמה וועט זיך נישט ענדיקן ביז סעפּטעמבער, וועל איך נישט מער קאָנען גיין אין שול, ווייל איך וויל נישט אַרונטער בלייבן מיט צוויי יאָר. די טעג זענען אויסגעפולט מיט פּעטערן, נאָר מיט פּעטערן, אין געדאנק, אין חלום, אַזוי אז שבת האָב איך מיך געפילט פאַרביטערט. איך בין געזעסן ביי פּעטערן און האָב געמוזט איינהאלטן די טרערן, איך האָב געלאכט מיט דער פרוי וואַן דאַן ביי דער לימאָנאַד, איך בין געווען פריילעך און האָפערדיק, אָבער ווי איך בין נאָר געבליבן אליין, האָב איך מיך געמוזט אויסוויינען. אין הוילן נאכטהעמד האָב איך מיך אראָפּגעלאָזט

אויפן דיל און האָב צוערשט תפילה געטון מיט גרויס כוונה און דאן האָב איך געוויינט מיטן קאָפּ פארגראָבן אין די הענט, מיט צונויפגעצויגענע קני גאנץ איינגעקאָרטשעט אויפן נאקעטן דיל. ביי דעם שטארקן געיאָמער בין איך אביסל צו מיר געקומען, האָב גובר געווען דאָס געוויין, כדי מ'זאָל מיך נישט הערן אין אנדערן צימער. דאן האָב איך אָנגעהויבן מיך אליין דערמוטיקן, איך האָב צו מיר אליין געזאָגט: „איך מוז, איך מוז, איך מוז...“

אינגאנצן פארגליווערט פון דעם איינגעקאָרטשעטן זיצן בין איך אנידער געפאלן אויפן ראנד פונעם בעט און האָב ווייטער מיט מיר געקעמפט, ביז האלב עלף אזייגער, ווען איך האָב מיך געלייגט שלאָפן. איך בין עס איבערגעקומען! און אצינד איז עס אינגאנצן אריבער. איך מוז ארבעטן, כדי נישט צו בלייבן קיין נאר, כדי פאָרויסצוגיין, כדי צו ווערן א זשורנאליסטקע, דאָס וויל איך. איך ווייס אז איך קאָן שרייבן, עטלעכע דערציילונגען זענען גוט, מיינע באשרייבונגען פונעם הינטערהויז זענען הומאָריסטישע, מיין טאָגבוך זאָגט אויך זייער אסך. אָבער... צי איך האָב באמת טאַלאַנט, דאָס מוז איך נאָך באוויזן. „עוואס חלום“, איז מיין בעסט מעשהלע, און מאָדנע איז, וואָס איך ווייס באמת נישט פון וואנען איך האָב עס. טיילן פון „קאַדיס לעבן“ זענען אויך גוט אָבער אינגאנצן גענומען טויג עס נישט.

איך בין מיין בעסטע און שארפסטע קריטיקערן. איך ווייס וואָס ס'איז גוט געשריבן און וואָס נישט. פריער האָט מיר באנג געטון וואָס איך קאָן נישט שיין צייכענען, אָבער אצינד בין איך זייער גליקלעך וואָס איך קאָן ווייניקסטנס שרייבן. אויב איך בין נישט גענוג טאַלאַנטירט, כדי צו שרייבן ארטיקלען פאר צייטונגען אָדער ביכער, קאָן איך דאָס טון פאר מיר.

איך וויל פאָרויסגיין. איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן אז איך וועל מוזן פירן אזא לעבן ווי די מאמע, פרוי וואן דאן און אלע אנדערע פרויען, וואָס טוען טאקע אן ארבעט, אָבער שפּעטער ווערן זיי פארגעסן. חוץ דעם מאן און די קינדער מוז איך האָבן נאָך עפּעס א זאך וועלכע איך זאָל מיך אינגאנצן אָפּגעבן! איך וויל אויך לעבן נאָך מיין טויט. דעריבער דאנק איך גאָט, וואָס ער האָט מיר ביי מיין געבורט שוין מיטגעגעבן די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען מיין גייסט, און צו קאָנען שרייבן, אויסדריקן אלץ וואָס לעבט אין מיר.

ווען איך שרייב פארגעס איך אָן אַלץ, מיין ביטערקייט פאר=שווינדט און איך ווער מוטיקער... אָבער, און דאָס איז די גרויסע פראגע, וועל איך אמאָל עפּעס באדייטנדיקס אָנשרייבן, וועל איך קאָנען ווערן א זשורנאליסטקע אָדער א שריפטשטעלערין? איך האָף, איך האָף פון גאנצן הארצן! אין שרייבן קאָן איך אַלץ קלאָר מאכן, מיינע געדאנקען, מיינע אידעאַלן, מיינע פאנטאזיעס. ביי „קאדים לעבן" האָב איך שוין לאנג נישט געארבעט. אין געדאנק ווייס איך פּינקטלעך וואָס ס'דארף געשען ווייטער, אָבער ביים שרייבן גייט עס נישט אזוי גרינג. אפשר וועל איך דאָס קיינמאָל נישט פארענדיקן, און דער סוף דערפון וועט זיין אין פּאפּיר קויבער אָדער אין אויוון: קיין תענוג פארשאפט מיר נישט דער געדאנק אָבער דאן טראכט איך ווייטער: „ביי 14 יאָר, מיט אזוי ווייניק דערפארונג, קאָן מען דאָך אייגנטלעך נישט אָנשרייבן קיין פילאָזאָפיעס".

און אצינד פאָרויס מיט נייעם מוט. ס'וועט מיר געלונגען ווייל שרייבן וויל איך.

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 6. אפּריל 1944.

ליבע קיטי!

דו האָסט מיך געפרעגט וואָס פאר א ספּעציעלע אינטערעסן איך האָב און איך וועל דיר ענטפערן. דערשרעק דיך נישט, ווייל אסך זאכן אינטערעסירן מיך.

ערשטנס, פארשטייט זיך, שרייבן, אָבער דאָס איז נישט קיין ליבהאָבעריי.

צווייטנס די גענעאלאָגיע פון דער דינאסטיע. איך האָב גע=פונען אין צייטונגען, ביכער און דאָקומענטן מאטעריאל וועגן פראנצויזישע, דייטשע, שפּאנישע, ענגלישע, עסטרייכישע, רוסישע, נאָרוועגישע און נידערלענדישע משפחות, איך האָב שוין אסך צונויפגעזאמלט, ווייל איך קאָנספּעקטיר שוין פון לאנג אַלע ביאָגראפיעס און ביכער פון געשיכטע וואָס איך לייען. איך שרייב אפילו ארויס גאנצע קאפּיטלען פון דער געשיכטע. אזוי אז מיין דריטע ליבהאָבעריי איז געשיכטע, און דער טאטע האָט מיר געקויפט אסך ענגלישע ביכער. איך קאָן שוין קוים דער=

ווארטן דעם טאָג ווען איך וועל קאָנען פארברענגען אין די עפנטלעכע ביבליאָטעקן.

פערטנס אינטערעסירט מיך גריכישע און רוימישע מיטאָלאָגיע, און איך האָב אויף דער טעמע א געוויסע צאָל ביכער. איך האָב אויך א שוואכקייט פאר פילם־סטארס און משפחה בילדער. איך האָב שטארק ליב צו לייענען ביכער און אינטערעסיר מיך פאר אלץ וואָס איז נוגע שרייבער, דיכטער, מאָלער און אויך קונסט־געשיכטע. אפשר וועט שפעטער אויך צוקומען מוזיק. איך האָב אן אויסגעשפראָכענע אנטיפאטיע פאר אלגעברע, געאָמעטריע און מאטעמאטיק. אלע שול־דיסיצפלינען האָב איך ליב, אָבער געשיכטע שטייט איבער אלעם.

דיין אנא.

דינסטיק, 11. אפריל 1944.

ליבע קיטי!

ס'האמערט מיר אין קאָפ! איך ווייס נישט מיט וואָס איך זאָל אָנהייבן. פרייטיק (פרייטיק פאר פאסכא) האָבן מיר נאָכמיטאָג זיך פארוויילט מיט געזעלשאפט־שפילן, אזוי אויך שבת. די טעג לויפן גלייכמעסיק און גיך. זונטיק האָב איך געבעטן פעטערן ער זאָל קומען צו מיר, דאן זענען מיר ארויפגעגאנגען און זענען געבליבן ביז 6 אזייגער. פון א פערטל אויף זיבן ביז זיבן האָט מען איבערגעגעבן אין ראדיאָ א זייער שיין מאָצארט קאָנצערט, באזונדערט איז מיר געפעלן די „קליינע נאכט מוזיק" איך קאָן מיך נישט קאָנצענטרירן ווען אלע זיצן דערביי, וייל שיינע מוזיק רירט מיך תמיד זייער טיף.

זונטיק אין אָוונט ביז איך מיט פעטערן ארויפגעגאנגען אויפן בוידעם. און כדי צו זיצן באקוועם האָבן מיר מיטגענומען עטלעכע קישעלעך פון דער סאָפע פון אונדזער צימער און מיר האָבן זיך אנידערגעזעצט אויף א קאסטן. ס'איז געווען זייער ענג מיר זענען געזעסן נאָענט איינער צום אנדערן, אָנגעלעגט אויף קאסטענעס. מושי איז געווען מיט אונדז, אזוי אז מיר האָבן געהאט א שומר. פלוצים ארום דריי פערטל אויף ניין האָט וואן דאן געטון א פייף און האָט געפרעגט צו מיר האָבן נישט גענומען א קישעלע פון דיסעלן. מיר זענען ביידע אויפגעשפרינגען און זענען אראָפגעגאנגען איניינעם מיט די קישן, מיט דער

קאַץ און מיט הער וואן דאן. צוליב דעם דאָזיקן קישעלע האָט זיך אָפּגעשפּילט א גאנצע טראגעדיע, ווייל דיסעל איז געווען זייער ברוגז וואָס מיר האָבן גענומען א קישעלע, וועלכעס ער באַנוצט אלס „נאַכטקישן". ער האָט מורא ס'זאָל זיך נישט אָנפולן מיט פליי, און האָט צוליב דעם נישטיקן קישעלע גע־שטעלט דאָס גאנצע הויז אויפן קאָפּ. כדי זיך נוקם צו זיין, האָבן פּעטער און איך אים אריינגעלייגט צוויי הארטע בערשטלעך אין בעט. מיר האָבן נאָך אסך געלאַכט פון דעם דאָזיקן אינ־טערמעצאָ.

אונדזער פארגעניגן האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. האַלב צען אזייגער האָט פּעטער אָנגעקלאַפּט און געבעטן דעם טאַטן ער זאָל ארויסקומען אים העלפן א שווערן ענגלישן זאַץ.

— דאָס געפעלט מיר עפּעס נישט, האָב איך א זאָג געטון צו מאַרגאָן.

— דאָס איז א פּשוטער שווינדל.

מיין השערה איז געווען א ריכטיקע. מ'האָט פּונקט אויפ־געבראָכן די טיר פונעם מאַגאַזין. דער טאַטע, פּעטער, וואן דאן און דיסעל זענען תיכף אראָפּגעגאַנגען. די מאַמע, מאַרגאָ, פרוי וואן דאן און איך האָבן געוואַרט. פיר דערשראָקענע ווייבער מוזן רעדן. אזוי אויך מיר, ביז מיר האָבן געהערט דעם ערשטן קלאַפּ פון אונטן. דערנאָך איז אַלץ געוואָרן שטיל. דער זייגער האָט אויסגעקלינגען דריי פערטל צען. מיר אַלע זענען געווען בלייך, מיר זענען געשטאַנען שטיל, אָבער זייער דערשראָקן, ווו זאָלן זיין די מענער? וואָס איז דאָס פאַר א קלאַפּ? קעמפן זיי אפשר מיט די גנבים? צען אזייגער איז ארויפגעקומען דער טאַטע, בלייך און נערוועז. נאָך אים דער הער וואן דאן.

— פארלעשט דאָס ליכט, גייט אַלע שטיל ארויף, מיר דער־ווארטן ס'זאָל קומען די פּאָליציי.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט מורא צו האָבן, מ'האָט פארלאָשן דאָס ליכט, איך האָב געכאַפּט א זשעמפּערל און מיר זענען שוין געווען אויבן.

— וואָס איז געשען? זאָג איך!

אָבער ס'האָט שוין נישט געהאַט ווער צו ענטפערן, די מענער זענען אַלע ווידער אראָפּגעגאַנגען. צען מינוט נאָך צען, זענען זיי אַלע פיר ווידער ארויפגעקומען. צוויי זענען געשטאַנען אויף דער וואַך ביי פּעטערס אָפענעם פענצטער, די טיר צום קאָרידאָר איז געווען פארמאַכט, די דרייטיר פארשלאָסן. מיר האָבן אויפגעהאָנגען א סוועטער איבערן נאַכט־לעמפּל און זיי

האָבן דערציילט: „פּעטער האָט פון אויבן געהערט צוויי
שטאַרקע קלעפּ, איז תּיכף אַראָפּגעלאָפן און האָט געזען אַז
אין דער לינקער זייט פון דער לאַגער-טיר פעלט א גרויס ברעט.
ער איז גיך ארויפגעלאָפן, האָט אַלאַרמירט די מענער פון דער
משפּחה און זיי זענען אַלע פיר אַראָפּגעגאַנגען. ווען זיי זענען
אַראָפּגעקומען אין לאַגער האָבן די גנבים געהאַלטן אין מיטן
דער אַרבעט. נישט באַרעכנענדיק זיך וואָס ער טוט, האָט וואַן
דאַן א געשריי געטון: „פּאָליציי" די גנבים זענען גיך אַנטלאָפן.
כדי די פּאָליציי פּאַטרולע זאָל נישט באַמערקן דאָס לאָך, האָבן
די מענער ווידער אַריינגעשטעלט דאָס ברעט. אָבער דורך א
העפטיקן קלאַפּ פון דרויסן איז דאָס ווידער אַרויסגעפאַלן. פון
אַזא חוצפּה זענען אַלע פיר נשתּומם געוואָרן. הער וואַן דאַן
און פּעטער האָבן געוואָלט דערהרגענען די חברה. הער וואַן דאַן
האָט א שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיט דער האַק אויפן דיל, דאַן
איז ווידער אַלץ רויק געוואָרן. זיי האָבן געוואָלט נאָך אַמאָל
אַריינשטעלן דאָס ברעט. מ'האָט זיי ווידער אַמאָל געשטערט!

אינדרויסן איז געשטאַנען א פּאָרפאָלק און דער שיין פון
א טאַשן לאָמפּ האָט באַלויכטן דעם גאַנצן רוים.

„צום טייוול", האָט געברומט איינער פון די מענער, און...
תּיכף האָבן זיי געביטן זייער ראָל פון פּאָליציסטן צו גנבים.
אַלע פיר זענען אַרויפגעקומען. פּעטער האָט גיך געעפנט די טיר
און פענצטער אין קיך און אין פּריוואַט קאָנטאָר, האָט אַראָפּ=
געוואָרפן דעם טעלעפאָן אויפן דיל און סוף כּל סוף זענען זיי
אַלע געווען הינטער דער שוצוואַנד. סוף פון ערשטן טייל.

ס'ווייזט אויס אַז דאָס פּאָרפאָלק האָט אַלאַרמירט די פּאָ=
ליציי. ס'איז געווען זונטיק אָפּדערנאַכט, דער ערשטער פאסכא=
אָוונט, דעם צווייטן טאָג וועט קיינער נישט זיין אין ביוראָ, און
מיר וועלן ביז דינסטיק אינדערפרי זיך נישט קאָנען א ריר
טון. שטעל דיר פאָר אַנדערטהאַלבן מעת-לעת צו לעבן אין
אַזא פּחד! מיר האָבן צו גאָרנישט געטראַכט, זענען געזעסן
אין דער פינצטער, ווייל פרוי וואַן דאַן האָט פאַרלאָשן דאָס
ליכט, מיר האָבן גערעדט זייער שטיל און ביי יעדן שאָרך האָט
מען געהערט „פּס, פּס!"

ס'איז געוואָרן האַלב עלף, עלף, מ'האָט גאָרנישט געהערט.
יעדעס מאָל איז צו אונדז געקומען דער טאַטע אָדער הער
וואַן דאַן.

א פערטל אויף צוועלף האָט מען געהערט א רעש. ביי אונדז האָט מען געקאָנט הערן דעם אָטעם פון יעדן איינעם. מיר האָבן זיך נישט גערירט. טריט אין הויז, אין פריוואט קאָנטאָר, אין קיך, דאן... אויף אונדזערע טרעפּ. קוים וואָס מיר אָטעמען, אכט הערצער קלאַפּן. טריט אויף אונדזערע טרעפּ, דאן האָט מען זיך געפּאָרעט ביי אונדזער דריי שאפע. די דאָזיקע רגעס זענען אומבאשרייבלעכע.

„אציגד זענען מיר פארלוירן", האָב איך געטראכט, און האָב שוין געזען ווי די געשטאפּאָ פירט אונדז אלע אוועק טאקע אין דער נאכט. מ'האָט זיך צוויי מאָל געפּאָרעט ביי אונדזער דריי שאפע, דאן איז עפּעס אראָפּגעפאלן און די טריט האבן זיך דערווייטערט. ס'האָט אונדז אלע דורכגענומען א פראָסט. איך האָב געהערט דאָס קלאַפּן פון די ציין. קיינער האָט נאָך אלץ נישט געקאָנט ארויסרעדן א וואָרט.

אין הויז האָט מען שוין גאָרנישט געהערט, אָבער דאָס ליכט אין פאָרהויז איז געפאלן דירעקט אויף דער שאפע. איז דאָס געווען אזוי דערפאר, ווייל די שאפע האָט אויסבאהאלטן א סוד? האָט די פּאָליציי פארגעסן אויסצולעשן דאָס ליכט? איז נאָך עמיצער געקומען כדי אויסצולעשן דאָס ליכט? אציגד האָבן מיר באקומען לשון, ס'איז קיינער נישט מער געווען אין הויז, אפשר נאָר א פּאָליציי־באאמטע ביי דער טיר.

יעדער פון אונדז האָט נאָך אלץ געציטערט פון שרעק, יעדער האָט געמוזט... די עמערס זענען געשטאנען אויפן בוידעם אזוי אז מ'האָט זיך געמוזט באנוצן מיט פעטערס בלעכערנעם פּאפּיר־קויבער. וואן דאן האָט גענאכט דעם אָנהויב, דאן דער טאטע, די מאמע האָט זיך זייער געשעמט. דער טאטע האָט ארייינגעבראכט די כלי אין שטוב אריין און מארגאָ, פרוי וואן דאן און איך האָבן זי גערן באנוצט, צום סוף אויך די מאמע. די נאָכפראגע אויף פּאפּיר איז געווען זייער גרויס, איך האָב צום גליק געהאט פּאפּיר אין קעשענע. די כלי האָט געשטונקען, אלע האָבן געשעפּטשעט, מיר זענען געווען זייער מיד, ס'איז געווען 12 אזייגער.

— לייג דיך אויפן דיל און שלאָף! מארגאָ און איך האָבן באקומען קישן און קאָלדרעס, מארגאָ איז געלעגן נאָענט צו דער שפּייז־שאפע, איך צווישן די פיס פונעם טיש. אויפן דיל האָט עס נישט אזוי שטארק געשטונקען, אָבער פרוי וואן דאן, האָט שטילערהייט געבראכט אביסל הלאָר, און אלט טיכעל איבערן טאָפּ האָט געדינט אלס צווייטער שוץ.

רעדן, שושקען, געשטאנק, פחד, ריחות, און אייביק עמיצער אויפן טאָפּ. נו, פרווו שלאָפן. האלב דריי אזייגער בין איך געווען אזוי מיד, אז איך האָב גאָרנישט געהערט ביז האלב פיר. ג.י.־ האָב מיך אויפ־עכאפּט, ווען פרוי וואן דאן איז געלעגן מיטן קאָפּ אויף מיין פוס.

— גיט מיר אצינד עפּעס אָנצוטון, האָב איך געבעטן. מען האָט מיר עפּעס געגעבן, אָבער פרעג נישט וואָס, וואָלענע הויזן איבער מיין פּיזשאמא, א רויטן סוועטער און א שווארץ קלייד, דערצו ווייסע זאָקן און א פּאָר צעריסענע קני־זאָקן איבער זיי.

אצינד האָט זיך פרוי וואן דאן אנידערגעזעצט אויף א בענקל און הער וואן דאן האָט זיך אויס־עצויגן אויפן דיל ווידער מיטן קאָפּ אויף מיינע פיס. איך האָב אָנגעהויבן צו טראכטן ווענן אלץ און האָב דערביי נאָך אזוי געציטערט, אז הער וואן דאן האָט נישט געקאָנט שלאָפן. איך האָב דערוואַרט אז די פּאָליציי וועט צוריק קומען און מיר וועלן מוזן זאָגן, אז מיר זענען אויס־באהאלטענע. וועלן דאָס זיין גוטע האָלענדער — וואָלטן מיר געווען געראטעוועט — וועלן דאָס זיין נאצים, דאן וועלן מיר זיי מוזן אונטערקויפן מיט געלט!

— באהאלט דעם ראדיאָ, האָט געזיפצט די פרוי וואן דאן.

— יאָ, אין אויוון, האָט געענטפערט איר מאן, אז זיי וועלן אונדז געפינען, מעגן זיי געפינען דעם ראדיאָ אויך.

— דאן וועלן זיי געפינען אנאס טאָגבוך, האָט געזאָגט דער טאטע.

— פארברען עס, האָט פאָרגעשלאָגן דער גרעסטער פחדן פון אונדז אלע.

דאָס און דאָס קלאַפּן פון דער פּאָליציי ביי דער דרייטיר זענען פאר מיר געווען די שרעקלעכסטע רגעס.

— מיין טאָגבוך נישט! מיין טאָגבוך, נאָר מיט מיר איינ־נעם. אָבער דער טאטע האָט געלויבט צו גאָט, גאָרנישט געזאָגט.

ס'האָט נישט קיין זין איך זאָל איבערגעבן אלע רייד וואָס איך געדענק נאָך, מ'האָט גערעדט אָן א שיעור. איך האָב גע־טרייסט די פרוי וואן דאן, וואָס האָט זייער מורא געהאט. מיר האָבן גערעדט פון אנטלויפן, פון געשטאפּאָ, אויספאָרשונג און אז מיר מוזן אצינד ארויסווייזן מוט.

— אצינד מוזן מיר זיך אויפירן ווי סאָלדאטן, פרוי וואן דאן! אויב ס'וועט דערצו קומען, איז פאר דער קיניגן, פארן פאָ־טערלאנד, פאר פרייהייט, פאר אמת און יושר, ווי מיר הערן אין

אָראַניאַ=זענדער. דאָס איינציקע אומגליק איז, וואָס מיר שלעפּן אַריין אויך די אַנדערע אין דער צרה.

דער הער וואַן דאַן האָט ווידער געביטן דעם פּלאַץ מיט זיין פרוי, דער טאַטע איז געקומען צו מיר. די מענער האָבן די גאַנצע צייט געראַכערט, פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ זיפץ, דאַן האָט ווידער עמיצער געדאַרפט גיין אויפן נאַכט=טאָפּ, און אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט. פיר אַזייגער, פינף אַזייגער, האַלב זעקס. איך בין אַריינגעגאַנגען צו פּעטערן. מיר זענען געזעסן האַרבנדיק אַזוי נאָענט באַנאַנד ביים אָפענעם פענצטער, אַז מיר האָבן געפילט דעם ציטער פון אונדזערע קערפּערס. פון צייט צו צייט האָבן מיר אַרויסגערעדט אַ וואָרט און מיר האָבן געשפּיצט די אויערן. אין אַ שכניש הויז האָט מען אַראָפּגענומען דעם קאַמופלאַזש פונעם פענצטער.

זיבן אַזייגער האָבן די מענער געוואָלט אָנקלינגען דעם הער קאָפּהויס, כדי עמיצער זאָל קומען. זיי האָבן אויפגעשריבן וואָס זיי דאַרפן זאָגן ביים טעלעפאָן. די סכנה אַז דער וועכטער ביי דער לאַגער טיר קאָן הערן דאָס קלינגען, איז געווען גרויס, אָבער די געפאַר, אַז די פּאָליציי קאָן צוריקקומען, איז געווען נאָך גרעסער. אָט זענען די ווערטער וואָס זיי האָבן פאַרשריבן:

אויפגעבראָכן די טיר: די פּאָליציי איז געווען אין הויז ביז צו דער דריטער, ווייטער נישט.

די גנבים זענען וואַרשיינלעך געשטערט געוואָרן, זיי האָבן אויפ=געבראָכן די לאַגער טיר און זענען אַנטלאָפן דורכן גאָרטן.

דער הויפּט אַריינגאַנג איז פאַרינגלט. קראַלער מוז האָבן אַרויס=געגאַנגען דורך דער צווייטער טיר. די שרייב און רעכן מאַשינקעס, זענען אין דער שוואַרצער שאַפע אין פּריוואַט קאַנטאָר.

פּרוווט מודיע זיין העַנקן, נעמען דעם שליסל ביי עלין און גיין אין ביוראָ מיט דעם תירוץ, אַז מ׳דאַרף דער קאַץ געבן עסן.

אַלץ איז גוט אָפּגעלאָפן. מ׳האָט קאָפּהויסן אָנגעקלינגען, מ׳האָט די שרייב=מאַשינען (וואָס זענען געווען ביי אונדז) באַהאַלטן אין דער שוואַרצער שאַפע. מיר זענען געזעסן ביים טיש און האָבן געוואַרט אויף הענקן — אָדער אויף דער פּאָליציי.

פּעטער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, וואַן דאַן און איך זענען געלעגן אויפן דיל און פּלוצים האָבן מיר דערהערט שווערע טריט. איך בין שטיל אויפגעשטאַנען: — דאָס איז הענק!

— ניין, ניין, דאָס איז די פּאָליציי! האָב איך געהערט עמיצן זאָגן.

מ'האָט געקלאפּט אין דער טיר, ס'האָט זיך געהערט מיפּס פּייף! פאר פרוי וואן דאן איז דאָס געווען צו פיל. זי איז געזעסן בלייך ווי דער טויט און אויסגעלאָשן אויף איר בענקל, און ווען די שפּאנונג דויערט נאָך איין מינוט, וואָלט זי געווען געפאלן אין חלשות.

ווען מיפּ און הענק זענען אריינגעקומען, האָט אַנדזער צימער געהאט יענץ פּנים. דער טיש אליין איז ווערט געווען מ'זאָל אים פאָטאָגראפירן. דאָ איז געלעגן אויפגעמישט א צייטשריפט „פילם און טעאטער", די בילדער פון דער שיינער טענצערין פארשמירט מיט מארמעלאד, א רפואה קעגן דיארע, צוויי גלעזער מארמעלאד, אנדערטהאלבן ברויט, א שפּיגל, א קעמל, שוועבעלייד עייז צינא-רעטן, טאבאק, אשנבעכערס, א זאָקנהאלטער, א טאשן-לאָמפּ, טוא-לעט פּאפּיר א. אז. וו., א. אז. וו., זענען געלעגן איינס איבער דאָס אנדערע.

פארשטייט זיך אז מיפּן מיט הענקן האָט מען באגריסט מיט יובל און טרערן. הענק האָט צוגעקלאפּט דאָס לאָך מיט א ברעט און איז גיך אוועקגעגאנגען, כדי מודיע צו זיין דער פּאָליציי וועגן דער גנבה. מיפּ האָט געפונען אונטער דער לאגער טיר א צעטאלע פון אונדזער נאכטוועכטער, אז ער האָט דאָס לאָך געזען און האָט מודיע געווען דער פּאָליציי. הענק האָט געוואָלט גיין אויך צו אים.

מיר האָבן געהאט א האלבע שעה צייט כדי זיך אביסל צו ברענגען אין אָרדענונג. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אזא מעטאמאָרפאָזע אין א האלבער שעה. מארגאָ און איך האָבן צו געבעט אונטן, זענען געגאנגען אין טואלעט, האָבן זיך געוואשן, געפוצט די ציין און צוגעקעמט. דאן האָבן מיר אביסל צוגעראָמט און זענען ווידער ארויפגעגאנגען. פונעם טיש איז שוין געווען אָפּ-געראָמט. מיר האָבן געבראכט וואסער, האָבן געמאכט קאווע און טיי און געגרייט צום טיש. דער טאטע און פּעטער האָבן ארויסגע-טראָגן די נאכט-טעפּ, און זיי אויסגעוואשן מיט הייס וואסער און כלאָר.

עלף אזייגער זענען מיר ווידער געזעסן מיט הענקן ביים טיש און זיך פּאוואָליע בארויקט. הענק האָט דערציילט:

— די פרוי פון אונדזער נאכטוועכטער סלאכטער האָט דער-ציילט — ער אליין איז געשלאָפן — אז איר מאן האָט בעת דער וואך געזען דאָס לאָך און האָט געבראכט א פּאָליציי מאן, מיט וועלכן ער האָט דורכגעזוכט דאָס גאנצע הויז. ער האָט געוואָלט דינסטיק גיין צו קראלערן, כדי ווייטער צו באריכטן. ביים

פּאָליציי קאָמיסאריאט האָט מען פון דער גנבה גאָרנישט געוווסט, זיי האָבן עס אָבער תיכף פארשריבן און אָפּגעלייגט צו קומען. דינסטיק אויף צוריק וועגס איז הענק צופעליק אריינגעגאנגען צו אונדזער גרינצייג הענדלער און האָט אים דערציילט אז מ׳האָט איינגעבראָכן די טיר. „דאָס וויים איך“ האָט ער רויק געזאָגט, „איך בין נעכטן אויפדערנאכט מיט מיין פרוי פארביגעגאנגען ביי דעם הויז און האָב געזען דאָס לאָך אין דער טיר. מיין פרוי האָט זיך גישט געוואָלט אָפּשטעלן, אָבער איך האָב א בליץ געטון מיט דער טאשן־לאָמפּ. די גנבים זענען זיך צולאָפן. צוליב זיכערקייט האָב איך די פּאָליציי גישט גערופן, ווייל איך האַלט אז פאר אייך טויג דאָס נישט. איך וויים אייגנטלעך גאָרנישט, אָבער איך בין דאָך מיך משער!“

הענק האָט אים געדאנקט און איז אוועקגעגאנגען. דער מענטש איז זיך זיכער משער אז מיר זענען דאָ, ווייל ער ברענגט די קארטאָפל תמיד צו מיטאָג. א לייטישער מענטש!

גאָכדעם ווי הענק איז אוועקגעגאנגען און מיר האָבן געוואשן געשיר — ס׳איז געווען איינס אזייגער — האָבן מיר זיך אלע געלייגט שלאָפן. דריי פערטל דריי האָב איך מיך אויפגעכאפּט און האָב געזען אז הער דיסעל איז שוין פארשוווּנדן. צופעליק האָב איך באגעגנט פּעטערן אין באָד־צימער מיט א פארשלאָפן פּנים און מיר האָבן זיך צונויפגערעדט זיך צו טרעפן אונטן. איך האָב מיך נאָך אביסל צוגעקעמט און בין דאן אראָפּגעגאנגען.

— וואגסטו נאָך ארויפצוגיין אויפן בוידעם? האָט ער געפרעגט. איך האָב מסכים געווען, האָב מיר גענומען מיין קישעלע און מיר זענען ארויפגעגאנגען. ס׳איז געווען א הערלעך וועטער און באלד האָבן זיך געלאָזט הערן די סירענעס. מיר זענען געבליבן אויפן אָרט. פּעטער האָט מיך ארום גענומען, איך אים און אזוי רויק האָבן מיר געוואַרט ביז פיר אזייגער, ווען מארגאָ איז אונדז געקומען רופן צו דער קאווע.

מיר האָבן געגעסן אונדזער ברויט, געטרונקען לימאָנאַד און מיר האָבן שוין ווידער געקאָנט שפּאסן, חוץ דעם איז נישט געווען גאָרנישט באזונדערס. אין אָוונט האָב איך געזאָגט פּעטערן, אז ער איז געווען דער מוטיקסטער פון אלע.

קיינער פון אונדז האָט נאָך קיינמאָל נישט געשוועבט אין אזא סכנה ווי אין דער נאכט. נאָר גאָט האָט אונדז אָפּגעהיט. טו נאָר א טראכט, די פּאָליציי ביי אונדזער שוץ־שאפע, אקעגן דער שאפע דער ברענענדיקער לאָמפּ. און דאָך האָבן זיי גאָרנישט אנדעקט.

אז די אינוואזיע קומט מיט די באָמבאַרדאמענטן, קאָן יעדער זיין שטעטל באשטיין, אָבער דאָ זענען געווען אין געפאר אונדזערע אומשולדיקע און גוטע באשיצער.

„מיר זענען געראטעוועט! העלף אונדז ווייטער!“ דאָס איז דאָס איינציקע וואָס מיר קאָנען דיך בעטן!

די דאָזיקע געשעעניש האָט אריינגעטראָגן אייניקע פארענדערונגען. הער דיסעל זיצט מער נישט אויפדערנאכט אין קראָלערס ביוראָ, נאָר אין באָדצימער. האלב ניין און האלב צען גייט זיך פעטער דורך אין גאנצן הויז, כדי צו קאָנטראָלירן. זיין פענצטער טאָר מער גישט אָפן בלייבן איבער נאכט. נאָך האלב צען טאָר מען נישט אָפציען דאָס וואסער אין טואלעט. היינט אויפדערנאכט וועט קומען א טישלער, כדי צו באפעסטיקן די טיר פונעם לאגער. וויכוחים פאר און קעגן פולן אָן אונדזער הויז. קראָלער האָט אונדז פאָרגעוואָרפן אונדזער אומפאָרזיכטיקייט, אויך הענק האָט געזאָגט, אז אין אזא פאל טאָרן מיר נישט אראָפגיין. מען האָט באזונדערט אונטערגעשטראָכן אז מיר זענען אויסבאהאלטענע, געפענטעטע יידן, צוגעבונדן צו איין אָרט, רעכטלאָז אָבער מיט טויזנט פליכטן. מיר יידן, טאָרן נישט נאָכגעבן אונדזערע געפילן. מיר מוזן זיין מוטיק און שטארק, מיר מוזן טראָגן אונדזער גורל און נישט ברומען, מיר מוזן טון וואָס מ׳קאָן און האָפן צו גאָט. אמאָל וועט זיך די שרעקלעכע מלחמה דאָך ענדיקן, אמאָל וועלן מיר דאָך ווידער זיין אויך מענטשן און נישט נאָר יידן.

ווער האָט אונדז דאָס אויפגעצווינגען? ווער האָט אונדז געשטעלט מחוץ למחנה פון אלע פעלקער? ווער האָט אויף אונדז געבראכט אזוי פיל ליידן? גאָט האָט דאָס אזוי געטון, און גאָט וועט אונדז אויסלייזן. אויב מיר וועלן אריבערטראָגן דאָס דאָזיקע לייד און ס׳וועלן נאָך איבערבלייבן יידן, קאָנען זיי זיך פארוואנדלען פון פארדאמטע מענטשן אין א פאָרבילד פאר דער וועלט ווער ווייסט אפשר וועט גאָר די גאנצע וועלט, אלע פעלקער, דורך אונדזער גלויבן, לערנען דאָס גוטע און דערפאר, טאקע דערפאר, מוזן מיר ליידן. מיר קאָנען דאָך קיינמאָל נישט זיין נאָר האָלענדער, נאָר ענגלענדער, אָדער פארטרעטער פון סיי וואָס פאר א לאנד, נאָר מיר זענען דערביי אויך יידן, און מיר ווילן אויך בלייבן יידן.

זייט מוטיק! מיר דארפן פארשטיין אונדזער אויפגאבע, נישט קלאָגן, ס׳וועט קומען אן אויסוועג. גאָט האָט נאָך קיינמאָל נישט פארלאָזט אונדזער פאָלק! דורך אלע יאָרהונדערטער זענען יידן לעבן געבליבן. אין אלע יאָרהונדערטער האָבן יידן געמוזט לייד:

אָבער אין אלע יאָרהונדערטער זענען זיי געווען שטארק. די שוואכע פאַלן, אָבער די שטארקע וועלן בלייבן און נישט אונטערגיין.

אין דער דאָזיקער נאכט האָב איך געטראכט, אז איך מוז שטארבן. איך האָב געווארט אויף דער פּאָליציי, איך בין געווען גרייט ווי די סאָלדאטן אויפן שלאכטפעלד. איך האָב מיך געוואָלט מקריב זיין פארן פאָטערלאנד, אָבער אצינד נאָכדעם ווי איך בין געראטעוועט געוואָרן, איז מיין ערשטער ווונטש נאָך דער מלחמה צו ווערן א האָלענדערין.

איך האָב ליב די האָלענדער, איך האָב ליב אונדזער לאנד, איך האָב ליב די שפראך און וואָלט געוואָלט דאָ ארבעטן. און ווען איך דארף אפילו שרייבן צו דער קיניגין, כדי צו דערגרייכן מיין ציל, וואָלט איך מיך נישט אָפּגעהאלטן און עס געטון!

איך ווער אלץ מעראומאָפּהענגיקער פון מיינע עלטערן. ווי יונג איך בין האָב איך מער לעבנסמוט, האָב איך א ריינער און זיכערער יושר געפיל פון מיין מאמען. איך ווייס וואָס איך וויל, איך האָב א ציל, א מיינונג, א גלויבן און א ליבע. לאָזט מיך זיין אזוי ווי איך בין און איך וועל זיין צופרידן. איך ווייס אז איך בין א פרוי, א פרוי מיט אינערלעכער קראפט און מיט א סך מוט. אויב גאָט וועט מיך לאָזן לעבן, וועל איך דערגרייכן מער ווי ס'האָט דערגרייכט מיין מאמע. איך וועל נישט בלייבן אומבאדייטנדיק. איך וועל ארבעטן פאר דער וועלט און פאר די מענטשן!

אצינד ווייס איך אז פאר אלעמען איז דאָס וויכטיקסטע מוט און לעבנס־פרייד!

דיין אנא.

פרייטיק, 14. אפריל 1944.

ליבע קיטי!

די שטימונג דאָ איז זייער געשפּאנט. פּים איז צעקאָכט, פרוי וואן דאן איז פארקילט און ליגט אין בעט, הער וואן דאן איז בלאס פון נישט רויכערן, דיסעל איז אומצופרידן, ווייל ער מוז מקריב זיין פון זיין באקוועמלעכקייט.

דערווייל גייט אלץ קאפּויר. די וואסער־לייטונג אין טואלעט־צימער איז צעבראָכן און דער קראן איז איבערגעדרייט. א דאנק אונדזערע באציונגען וועט דאָס אלץ פאריכט ווערן.

צומאָל בין איך סענטימענטאל, דאָס ווייס איך, אָבער... צומאָל איז אויך פאראן א סיבה צו זיין סענטימענטאל. ווען פּעטער און איך זיצן ערגעץ צווישן אלטווארג און שטויב אויף אן אלטן קאסטן, ענג באנאנד־ארומגענומען. און ער שפּילט זיך מיט מיינער א לאָק; ווען אינדרויסן זינגען די פייגעלעך, ווען מען זעט ווי די ביימער ווערן גרין, ווען די זון לאָקט אין דרויסן ארויס און די לופט איז אזוי בלוי, אוי, דעמלט גלוסט זיך מיר אזוי פיל זאכן!

אָבער דאָ זעט מען נישט מער ווי נאָר אומצופרידענע פּנימער. מען זיפצט און מען קלאָגט און ס'זעט אויס, אז ס'איז פּלוצים ערגער געוואָרן. יאָ, אלץ איז נאָר אזוי שלעכט, ווי די מענטשן מאכן עס. דאָ אין הינטערהויז גיט קיינער נישט קיין גוטן ביישפּיל. דאָ מוז יעדער זיך אליין באהערשן. „וואָלט עס שוין גענומען א סוף!" הערט מען יעדן טאָג.

מיך דערהאלט ביים חיות מיין ארבעט, מיין האָפענונג, מיין ליבע, מיין מוט, און דאָס אלץ מאכט מיך גוט און גליקלעך.

מיר דאכט זיך, קיטי, אז איך בין היינט אביסל צעדרייט, איך ווייס נישט פארוואָס. איך האָב אלץ אויסגעמישט, מען פילט נישט קיין צוזאמענהאנג און איך צווייפל צומאָל באמת, צי עמיצער וועט זיך אמאָל אינטערעסירן מיט מיין שרייבעכץ.

„די פלאפלעריי פון א יונג מיאוס קאטשקעלע" וועט זיין דער טיטל פון אָט דעם גאנצן שטות. די הערן באָלקענשטיין און גערבראנדי* וועלן נישט האָבן קיין סך נחת פון מיין טאָגבוך.

דיין אנא.

**שבת, 15. אפּריל 1944.**

ליבע קיטי!

איין שרעק קומט נאָך דער אנדערער. ווען וועט דאָס שוין נעמען א סוף? אזוי קאָן מען זיך פרעגן. הער נאָר וואָס ס'האָט זיך אציגד געטראָפן. פּעטער האָט פארגעסן צו עפענען דעם ריגל פון דער אייגנאנג־טיר (ביינאכט ווערט פון אינעווייניק פאריגלט). און דער שלאָס פון דער אנדערער טיר איז צעבראָכן.

* צוויי מיניסטאָרן פון דער האָלענדישער רעגירונג.

דער סוף איז געווען, אַז קראַלער און די אַרבעטער האָבן נישט געקאָנט אַריינקומען. ער איז געגאַנגען צו אַ שכן, האָט פון דאָרט אויס אויפגעבראָכן דאָס פענצטער אין קיך און איז אַריינגעקומען. ער איז מלא כעס, וואָס מיר האָבן אָפּגעטון אַזאַ נאַרישקייט. איך קאָן דיר זאָגן, אַז פּעטער איז גאַנץ אויסער זיך. ווען די מאַמע האָט געזאָגט ביים טיש, אַז זי האָט אויף אים רחמנות, זענען אים כמעט געקומען טרערן אין די אויגן. מיר זענען אַלע פּונקט אַזוי שולדיק, ווייל די מענער פרעגן כמעט יעדן טאָג, צי מען האָט געעפנט דעם ריגל, נאָר היינט האָט קיינער נישט געפרעגט. אפשר וועל איך אים קאָנען אַביסל טרייסטן, איך וואָלט אים אַזוי געוואָלט העלפן.

ס׳פאָלגן איצט עטלעכע מיטיילונגען וועגן געשעענישן, וואָס זענען לעצטנס פאָרגעקומען אין הינטערהויז: נעכטן איז געוואָרן אַ וואָך, אַז מאָפּי איז פּלוצים קראַנק געוואָרן. מיפּ האָט אים גיך איינגעוויקלט אין אַ טיכל און געטראָגן צו דער קליניק. דער דאָקטער האָט אים געגעבן אַ רפואה צום מאָגן. פון דעמלט אָן זעט מען מאָפּין זעלטן, ער איז טאָג ווי נאַכט אונטערוועגנס, מין הסתם ביי זיין געליבטער.

דאָס פענצטער פונעם בוידעם בלייבט איצינד ביינאַכט אָפן. אין אָוונט זיצן איך און פּעטער אָפּט ביים פענצטער.

מיט דער הילף פון קאָפּהויס און אַביסל אייל־פאַרב, איז דאָס טואַלעט-צימער ווידער אין אָרדענונג. דעם איבערגעדרייטן קראַן האָט מען געביטן. דעם חודש האָבן מיר באַקומען אַכט שפּייזקאַרטן. אונדזער נייעסטע נאַשעריי איז „פּיקאַלילי". אַז מען האָט נישט קיין מזל געפונט מען אין סלוי נאָר אַ פּאָר אוגערקעס מיט זענף. גרינצייג איז אינגאַנצן נישטאָ. פאַר דעם עסן מיר סאַלאַט און נאָך דעם אויך סאַלאַט. אונדזערע מאָלצייטן באַשטייען איצינד נאָר פון קאַרטאָפל מיט סאָס.

מען באָמבאַרדירט אָן אַ שיעור.

אין האַג האָט אַ באָמבע צעשטערט דאָס ראָטהויז און אין איין וועגס אַסך דאָקומענטן. אַלע האָלענדער וועלן באַקומען נייע אַקטן.

גענוג פאַר היינט!

דיין אַנאַ.

זונטיק פאָרמיטאָג, קנאפ פאר עלף אזייגער, 16. אפריל 1944

ליבע קיטי!

דעם נעכטיקן טאָג טאָרסטו נישט פארגעסן, ווייל ער איז זייער וויכטיק פאר מיין גאנץ לעבן. צי איז דען נישט פאר יעדן מיידל וויכטיק ווען זי באקומט דעם ערשטן קוש? ביי מיר איז דאָס אויך אזוי. דער קוש פון הער בראם צײלט נישט און אויך נישט דער קוש אין דער האנט פון מיסטער וואָלקער. הער גאָר, וויאזוי איך האָב פלוצים באקומען דעם ערשטן קוש.

נעכטן פארנאכט, אכט אזייגער, בין איך געזעסן מיט פעטערן אויף זיין סאָפע. ער האָט מיך ארומגענומען.

— לאָמיר זיך אביסל אוועקרוקן, האָב איך געזאָגט, כדי איך זאָל מיר נישט אָנקלאָפן דעם קאָפּ אין קאסטן.

ער האָט זיך אוועקגערוקט ביז אין עק. איך האָב מיין האנט ארונטערגעלייגט אונטער זיין אָרעם און ער האָט מיך פעסט ארומגענומען. מיר זענען שוין אָפט אזוי געזעסן, אָבער נאָך קיינמאָל נישט אזוי ענג באַנאנד ווי נעכטן. ער האָט מיך שטארק צוגעדריקט צו זיך, מיין ברוסט איז געווען נאָענט צו זיינער, מיין הארץ האָט גיך געקלאפט — אָבער ס'איז געקומען נאָך שענערס. ער איז נישט איינגעזעסן ביז איך האָב נישט געלייגט מיין קאָפּ אויף זיין אקסל. ווען איך האָב מיך ווידער געוואָלט אויסגלייכן האָט ער גענומען מיין קאָפּ אין זיינע הענט און מיך צוגעצויגן צו זיך. ס'איז געווען אזוי גוט. איך האָב אזש נישט געקאָנט רעדן. ער האָט אביסל אומגעשיקט געגלעט מיין פנים, זיך געשפילט מיט מיינע לאָקן, און מיר זענען אזוי געבליבן זיצן. דאָס געפיל וואָס האָט מיך ארומגענומען, קיטי, קאָן איך דיר נישט באשרייבן. איך בין געווען אזוי גליקלעך און איך מיין, אז ער אויך. האלב ניין אזייגער האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און פעטער האָט אָנגעטון זיינע גימנאסטיק-שיך, כדי מען זאָל נישט הערן ווען ער גייט מאכן דעם קאָנטראָל אין גאנצן הויז. איך בין געשטאנען דערביי. וויאזוי דאָס איז געשען ווייס איך נישט, אָבער איידער מיר זענען אראָפּגעגאנגען האָט ער מיך געקושט אויף די האָר, האלב אויף דער לינקער באק, האלב אויפן אויער. איך בין אראָפּגעלאָפן נישט אומקוקנדיק זיך און... ווארט מיט בענקשאפט אויפן היינטיקן אָוונט.

דיין אנא.

מאָנטיק, 17. אפּריל 1944.

ליבע קיטי!

דו מיינסט אַז דער טאַטע און די מאַמע האַלטן עס פאַר ריכטיק אַז איך זאָל זיצן אויף דער סאָפע און מיך קושן מיט אַ ייִנגל, אַ ייִנגל פון 17 יאָר און איך אַ מיידל פון כמעט 15 יאָר? איינגעטלעך גלויב איך דאָס נישט, אָבער איך מוז מיך שוין פאַרלאָזן אויף מיר אַליין. ס'איז אַזוי רויק און זיכער צו ליגן אין זיינע אָרעמס און צו חלומען, ס'איז אַזוי אָנרעגנדיק צו פילן זיין פּנים אויף מיינעם, ס'איז אַזוי גוט — אַז עמיצער וואַרט אויף דיר!

אָבער — און דערביי איז באמת פאַראַן אַן אָבער — וועט פּעטער נאָר ביי דעם בלייבן? ער האָט מיר צוגעזאָגט, אָבער... ער איז דאָך אַ ייִנגל!

איך ווייס, אַז ס'איז נאָך אַביסל צו פרי פאַר מיר, מיט כמעט 15 יאָר צו זיין אַזוי זעלבסטשטענדיק, אַנדערע מענטשן קאָנען דאָס נישט באַגרייפן. איך ווייס כמעט אויף זיכער, אַז מאַרגאָ וועט נישט געבן אַ קוש אַ ייִנגל, איידער ס'וואָלט געווען די רייד פון חתונה האָבן. פּעטער און איך האָבן נישט אַזעלכע פּלענער. די מאַמע האָט זיכער אויך נישט אָנגערירט אַ מאַן איידער זי האָט חתונה געהאַט. וואָס וואָלטן געזאָגט מיינע חברטעס, ווען זיי וואָלטן געוווּסט אַז איך בין געלעגן אין פּעטערס אָרעמס, מיין האַרץ ביי זיין ברוסט, מיין קאָפּ אויף זיין אַקסל?

אוי, אַנאַ, ס'איז בושה, אָבער דעם אמת געזאָגט, איך האַלט דאָס נישט פאַר קיין בושה. מיר זיצן דאָ אָפּגעשלאָסן, אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, אין פּחד און אין זאָרג, באַזונדערס אין דער לעצטער צייט. פאַרוואָס זאָלן מיר, וואָס האָבן זיך ליב, שטיין דערווייטערט איינער פונעם אַנדערן? פאַרוואָס זאָלן מיר וואַרטן ביז מיר וועלן זיין אין די פּאַסיקע יאָרן? פאַרוואָס זאָלן מיר אַסך פרעגן?

איך האָב מיר פירגענומען אַליין אויף מיר אַכטונג צו געבן. ער וועט מיר קיינמאָל נישט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש. פאַרוואָס זשע זאָל איך נישט טון וואָס מיין האַרץ הייסט מיר און וואָס ס'מאַכט אונדז ביידע גליקלעך? איך מיין פאָרט, קיטי, אַז דו באַמערקסט עפּעס פון מיינע צווייפל. מיין ערלעכקייט איז אין שטרייט מיט מיינע אויסבאַהאַלטענע מעשׂים. מיינסטו אַז איך דאַרף אַלץ דערציילן דעם טאַטן? מיינסטו אַז אונדזער סוד דאַרף אָנפאַרטרויט ווערן, אַ דריטן? ס'וואָלט אַסך פאַרלוירן געגאַנגען

פון דער צארטקייט. צי וועל איך אינערלעך רויקער ווערן דערפון? איך וועל מיט אים רעדן.

יאָ, איך וועל מיט „אים" רעדן איבער אזויפיל זאכן, ווייל נאָר זיך האַלדזן און קושן האָט נישט קיין זין. מען דאַרף אסך צוטרוי, כדי אַלץ ארויסצורעדן, אָבער דאָס באַוווסטזיין אז מיר האָבן דעם דאָזיקן צוטרוי, וועט אונדז געבן אסך כוח!

דיין אנא.

דינסטיק, 18. אפריל 1944.

ליבע קיטי!

דאָ איז אַלץ אין אָרדענונג. דער טאַטע האָט גראָד געזאָגט, אז דעם 20 מאַי דערוואַרט מען גרויסע מיליטערישע אָפּעראַציעס אין רוסלאַנד, איטאַליע און אויך אין מערב. וואָס לענגער ס'גע-דויערט, אַלץ ווייניקער קאָן איך מיר פאָרשטעלן אונדזער באַ-פרייונג. נעכטן האָב איך מיט פּעטערן געהאַט א שמועס, וועלכן איך האָב געפלאַנט שוין פאַר צען טעג. איך האָב אים דערקלערט אַלע אונדזערע מיידלישע סודות, איך האָב מיך נישט געשעמט צו רעדן פון די אינטימסטע זאכן. דער אָוונט האָט זיך פארענדיקט מיט א קענגזייטיקן קוש גאַנץ נאָענט צו מיין מויל. דאָס איז באמת א וואונדערבאַר געפיל.

אפשר וועל איך אמאָל ארויפברענגען מיין בוך, אין וועלכן איך פאַרצייכן אַלץ וואָס ס'געפעלט מיר, און מיר וועלן קאָנען זיך מער פאַרטיפן אין די שיינע זאכן. איך האָב נישט ליב שטענ-דיק צו ליגן אין זיינע אָרעמס. איך וואָלט גערן געוואָלט ער זאָל אויך אזוי טראַכטן.

נאָך דעם לאַנגן ווינטער האָבן מיר א פּרעכטיקן פרילינג. דער אַפּריל איז באמת וואונדערבאַר, נישט צו ווארעם און נישט צו קאַלט. און פון צייט צו צייט אביסל רעגן. אונדזער קאַשטאַניען-בוים איז שוין היפּש גרין און דאָ און דאָרט זעט מען שוין א קליין ליכטל פון צוויט. עלי האָט אונדז שבת פאַרשאַפט א גרויסע פרייד. זי האָט געבראַכט בלומען, דריי בוקעטלעך נאַרציסן, און פאַר מיר א בינטעלע וווּנדערשיינע, קליינע, בלויע היאַצינטן.

קיטי, איך מוז לערנען אַלגעבּרע, אויף ווידערזען!

דיין אנא.

מיטוואָך, 19. אפריל 1944.

ליבער שאַץ!

(דאָס איז דער נאָמען פון א פילם מיט דאָריט קרייזלער, אידא וויסט און האראָלד פּאולזען).

איז דען פאראן עפּעס שענערס אויף דער וועלט, ווי ארויסצוקוקן פון אן אָפענעם פענצטער אין דער נאַטור, צו הערן דאָס זינגען פון די פייגעלעך, צו פילן די זון אויף דיין פּנים און צו האַלדזן שווייגנדיק א ליב ייִנגל? דאָס קאָן נישט זיין שלעכט, ווייל אָט די שטילקייט ווירקט אזוי גוט. אוי, ווען מען וואָלט אונדז גאָר קיינמאָל נישט געשטערט, אפילו נישט מושי!

דיין אנא.

פרייטיק, 21. אפריל 1944.

ליבע קיטי!

נעכטן נאָכמיטאָג בין איך געלעגן מיט האַלדזווייטיק אין בעט. אזוי ווי דאָס האָט מיר שוין נעגודיעט, טאַקע פונעם ערשטן טאָג אָן און איך האָב נישט געהאַט קיין פיבער, בין איך היינט ווידער אויפגעשטאנען. ס'איז דער אכצענטער געבוירנטאָג פון דער קרוין־פּרינצעסן עליזאבעט פון יאָרק. בי־בי־סי האָט געמאָלדן, אז מען האָט זי נאָך נישט דערקלערט פאר פּוליעריק, ווי דאָס ווערט געוויינטלעך געטון ביי פירשטן. מיר האָבן ארומגערעדט מיט וועלכן פּרינץ די שיינהייט וועט זיך משדך זיין, מיר האָבן אָבער נישט געקאָנט געפונען פאר איר א פּאסיקן שידוך. אפשר וועט איר שוועסטער, די פּרינצעסן מארגארעט ראָזע, אמאָל חתונה האָבן מיטן פּרינץ בודאָען פון בעלגיע?

דאָ פאלן מיר פון איין אומגליק אין אנדערן. קוים האָט מען באפעסטיקט די אויסנטיר, האָט זיך ווידער באוויזן דער לאַגער־ארבעטער. לויט אלע סימנים האָט ער געגנבעט קראָכמאַל און וויל אצינד ארויפלייגן די שולד אויף עלין. דאָס גאנצע הינטערהויז איז, פארשטייט זיך, ווידער אויפגערעגט. עלי איז אויסער זיך פון כעס.

איך וויל מיך אָנפרעגן ביי א צייטשריפט צי זיי וואָלטן נישט געדרוקט מיינס א מעשהלע, פארשטייט זיך, אונטער א פסעוו-דאָנים.

ביז צום אנדערן מאָל, מיין ליבינקע!

דיין אנא.

דינסטיק, 25. אפריל 1944.

ליבע קיטי!

שוין 10 טעג רעדט נישט דיסעל מיט וואן דאנען און נאָר דערפאר, ווייל זינט דער צווייטער גנבה האָבן מיר אָנגענומען שטרענגע מאָסמיטלען, וואָס געפעלן אים נישט.

— דאָ ווערט אלץ געטון קאפויער, האָט ער מיר געזאָגט, — איך וועל אמאָל רעדן מיט דיין טאטן וועגן דעם. — אצינד טאָר ער מער נישט זיצן אונטן אין קאָנטאָר, אפילו נישט שבת נאָכמיטאָג און זונטיק, אָבער ער טוט עס פונדעסטוועגן יאָ. וואן דאן איז געווען אין כעס און דער טאטע איז אראָפּגעגאנגען, כדי מיט אים צו רעדן. פארשטייט זיך, אז ער האָט ווידער גע-פונען פארשידענע תירוצים, אָבער דאָס מאָל איז ער מיטן טאטן אויך נישט דורכגעקומען. דער טאטע רעדט אצינד וואָס ווייניקער מיט דיסעלן, ווייל ער האָט אים באליידיקט. קיינער ווייסט נישט וויאזוי, אָבער ס'איז מין הסתם געווען זייער מיאוס.

איך האָב אָנגעשריבן א הארציקע דערציילונג, זי הייסט „בלורי דער וועלט-אנטדעקער". זי איז מיינע דריי צוהערער זייער געפעלן.

איך בין נאָך אלץ זייער פארקילט און האָב אויך אָנגעשטעקט אי מארגאָן, אי טאטע-מאמע. פעטער זאָל זיך נאָר נישט אָנעמען! ער האָט פון מיר געוואָלט א קוש און האָט מיך אָנגערופן זיין „עלדאָראדאָ", אצינד טאָר מען נישט, מיין טייערער! אָבער ליב איז ער דאָך!

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 27. אפּריל 1944.

ליבע קיטי!

היינט אינדערפרי איז פרוי וואן דאן געווען שלעכט אויפגעליינגט; זי האלט זיך אין איין באקלאָגן: אז זי איז פארקילט, אז ס'זענען נישט פאראן קיין טראָפּן, אז זי האלט עס נישט מער אויס אזויפיל צו שנייצן די נאָז. דערנאָך, אז ס'שיינט נישט די זון, אז ס'קומט נאָך נישט די אינוואזיע, אז מיר טאָרן נישט ארויסקוקן דורכן פענצטער א. אז. וו. מיר האָבן געמוזט פון איר לאכן, נאָר ווייזט אויס, אז ס'איז געווען צום דערליידן, ווייל זי אליין האָט אויך געלאכט.

איך לייען אצינד „קייסער קארל דער פינפטער", פון אן אוניווערסיטעט-פּראָפעסאָר פון געטינגען. פערציק יאָר האָט ער געארבעט ביי דעם דאָזיקן בוך. אין פינף טעג האָב איך קוים איבערגעלייענט 50 זייטן, מער איז נישט מעגלעך, דאָס ביכל האָט 598 זייטן. רעכן נאָר אויס ווי לאנג איך וועל דארפן דערביי זיצן, און דאן קומט ערשט א צווייטער טייל! אָבער... זייער אינטערעסאנט!

וואָס א שילערן לערנט איז גאָרנישט קעגן דעם וואָס איך טו אויף אין א טאָג.

קודם האָב איך איבערגעזעצט פון האָלענדיש אויף ענגליש א פראגמענט פון נעלזאָנס לעצטער שלאכט. דערנאָך בין איך איבערגעגאנגען צו דעם נאָרדישן קריג (1700—1721), פּעטער דער גרויסער, קארל דער צוועלפטער, אויגוסט דער שטארקער, סטאניסלאוו לעשטשינסקי, מאזעפּא, בראנדנבורג, פאר פּאָמערן, הינטער פּאָמערן און דענעמארק, איניינעם מיט די דאטעס וואָס געהערן דערצו. דערנאָך האָב איך געלאנדעט אין בראזיליע. איך האָב געלייענט וועגן באכיא-טאבאק, וועגן איבערפלוס פון קאווע, וועגן די אנדערטהאלבן מיליאָן איינוווינער פון ריאָ דע זשאנעירא, וועגן פערנאמבוקא און סאאָ פּאולאָ, נישט צו פארגעס! וועגן אמאזאָנאַ-טייך, וועגן נעגער, ווייסע, מולאטן, מעסטיצן, וואָס זענען מער ווי 50% אנאלפאבעטן. און וועגן מאלאריע. אזוי ווי איך האָב נאָך געהאט אביסל צייט האָב איך גיך זיך א נעם געטון צו א יחוס-בריוו: יאן דער אלטער, ווילהעלם לודוויג, ערנסט קאזימיר, היינריך קאזימיר דער ערשטער, ביז צו דער קליינער מארגאריט פראנציסקא (געבוירן אין 1943 אין אָטאווא).

צוועלף אזייגער: אויפן בוידעם האָב איך פאָרגעזעצט מיין סטודיע. געמלעך, קירכן-געשיכטע... פּפּפו ביז איינס אזייגער.

צוויי אזייגער איז דאָס אָרעמע קינד שוין ווידער געזעסן ביי דער ארבעט. (הם... הם...). איצט זענען געווען אין דער ריי מאלפעס מיט שמאָלע און ברייטע נעז. קיטי, זאָג מיר אויף גיך, וויפל פינגער האָט א גיל=פערד! דאן האָט געפאָלגט די ביבל, נח'ס תיבה, שם חם ויפת, דערנאָך קארל דער פינפטער. דערנאָך מיט פעטערן ענגליש: „דער קאָלאָנעל“ פון צעקעריי. איינחזרן פראנצויזישע וואָקאבלען און דערנאָך פארגלייכן מיסיסיפי און מיסורי. גענוג פאר היינט, אדיע!

דיין אנא,

פרייטיק, 28. אפריל 1944.

ליבע קיטי!

מיין חלום פון פעטער וועסל האָב איך קיינמאָל נישט פארגעסן. ווען איך טראכט דערפון פיל איך נאָך אצינד זיין פנים לעבן מיינעם, מיט יענעם וואונדערבארן געפיל. מיט פעטערן דאָ, האָב איך געהאט דאָס דאָזיקע געפיל. אָבער קיינמאָל נישט אין אזא גרויסער מאָס, ביז... מיר זענען נעכטן געזעסן צוזאמען ארומגענומען אויף דער סאָפע. פלוצים איז די אלטע אנא פארשוואונדן און די צווייטע אנא איז געווען דאָ. די צווייטע אנא, וואָס איז נישט פרייליך און פארשייט, וואָס וויל נאָר ליב האָבן און זיין רויק.

איך בין געזעסן ענג לעבן אים און האָב געפילט ווי די אויפרעגונג וואקסט אין מיר. די טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן און האָבן זיך אראָפּגעקייקלט אויף מיין פנים. צי האָט ער דאָס באמערקט? ער האָט עס מיט גאָרנישט ארויסגעוויזן. צי פילט ער פונקט ווי איך? ער האָט קוים ארויסגערעדט א וואָרט. צי ווייסט ער, אז ער האָט פאר זיך צוויי אנאס? וויפל נישט פארענטפערטע פראגן!

האלב ניין בין איך אויפגעשטאנען און בין צוגעגאנגען צום פענצטער, וווּ מיר פלעגן זיך תמיד געזעגענען. איך האָב נאָך געציטערט, איך בין נאָך אלץ געווען אנא נר. 2. ער איז מיר נאָכגעגאנגען, איך האָב אים ארומגענומען און געקושט אויף דער לינקער באק. ווען איך האָב אים געוואָלט א קוש טון אויך אויף דער רעכטער, האָבן מיינע ליפּן באגעגנט זיינע. פאר-

שיכורט האָבן מיר זיך ענג ארומגענומען, נאָכאמאָל און ווידער אמאָל, כדי קיינמאָל נישט אויפצוהערן!

פּעטער האָט אזא בּאדערפעניש נאָך צערטלעכקייט! ער האָט צום ערשטן מאָל אנטדעקט א מיידל, צום ערשטן מאָל געזען אז די „פארשאָלטענע באשעפענישן" האָבן אויך א הארץ און זענען גאָר אנדערש, ווען מען איז מיט זיי אליין. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער אוועקגעשענקט זיין פריינטשאפט און זיך אליין, ער האָט פריער קיינמאָל נישט געהאט א חבר אָדער א חברטע. אצינד האָבן מיר זיך געפונען אייגס דאָס אנדערע. איך האָב אים אויך נישט געקענט. איך האָב אויך נישט געהאט קיין פריינט, וואָס איך זאָל אים קאָנען אלץ אָנפארטרויען, און אצינד האלט איך שוין אזוי ווייט... כסדר מאטערט מיך די פראגע:

„איז דאָס גוט, איז דאָס ריכטיק, וואָס איך בין אזוי נאָכגיביק, אזוי ליידנשאפטלעך, פונקט אזוי ליידנשאפטלעך און פול מיט פארלאנגען ווי פעטער? מעג איך, אלס מיידל, מיר דאָס אלץ דערלויבן?" אויף דעם איז נאָר פאראן איין ענטפער:

„איך האָב געהאט אזא בענקשאפט, שוין אזוי לאנג, און בין געווען אזוי איינזאם, און אצינד האָב איך געפונען א טרייסט און פריידן!" אינדערפרי פירן מיר זיך אויף ווי געוויינטלעך, צומיטאָג אויך. אָבער אין אָוונט לאָזן זיך מער נישט אונטערדריקן די פארלאנגען און דאָס טראכטן צו דעם פארגעניגן און צו דעם גליק פון יעדער באגעגעניש. דעמלט געהערן מיר נאָר זיך אליין. יעדן אָוונט, נאָך דעם לעצטן קוש האָב איך דאָס געפיל אז איך מוז אנטלויפן, כדי אים נישט מער קוקן אין פנים אריין. אוועק, אוועק, אוועק, כדי צו זיין גאנץ אליין אין דער טונקל!

אָבער וואוהין קום איך, ווען איך גיי אראָפּ די 14 טרעפּ? אין פולן ליכט, וו מען דערציילט, מען לאכט, מען פרעגט מיך עפעס, איך מוז ענטפערן און טאָר גאָרנישט ארויסווייזן. מיין הארץ איז נאָך צו ווייך, כדי גובר צו זיין אזעלכע אויפברויזנדיקע מאָמענטן ווי נעכטן אויפדערנאכט. די זאנפטע אנא איז א זעלטענע. אָבער דערפאר לאָזט זי זיך נישט תיכף פאריאָגן. פעטער האָט מיך אזוי טיף בארירט ווי נאָך קיינמאָל נישט, חוץ אין חלום. פעטער האָט מיך פארכאפט און אינגאנצן צערודערט. איז דאָס נישט זעלבסטפארשטענדלעך פאר יעדן מענטשן, ער זאָל זיך דערנאָך אָפּרוען און ווידער געווונען דאָס גלייכגעוויכט? אוי, פעטער וואָס האָסטו מיט מיר געטון? וואָס

זוילסטו פון מיר? ווהיז זאָל דאָס פירן? אצינד פארשטיי איך עלין, אצינד, ווען איך האָב דאָס אליין איבערגעלעבט, פארשטיי איך אויך צוווייפל. ווען איך וואָלט געווען עלטער און ער וואָלט וועלן מיט מיר חתונה האָבן, וואָס וואָלט איך אים געענטפערט? אנא, זיי ערלעך! חתונה האָבן וואָלסטו מיט אים נישט געקאָנט, אָבער אים אָפּלאָזן איז אויך שווער! פּעטערס כאראקטער איז נאָך נישט אויסגעגליכן, ער האָט נאָך צו ווייניק ענערגיע, צו ווייניק מוט און קראפט. אינערלעך, איז ער נאָך א קינד, נישט עלטער פון מיר, ער וויל קודם כל רו און גליק.

בין איך באמת ערשט 14 יאָר אלט? בין איך נאָך א נאריש שול-מיידל? בין איך נאָך באמת אזוי אומדערפארן? איך האָב מער דערפארונג ווי די אנדערע, איך האָב עפּעס איבערגעלעבט, וואָס כמעט קיינער אין מיינע יאָרן האָט נאָך נישט איבערגעלעבט. איך האָב מורא פאר מיר אליין, איך האָב מורא אז איך גיב זיך נאָך מיין פארלאנג, וויאזוי וועט דאָס זיין שפּעטער מיט אנדערע יינגלעך? אוי, ס'איז אזוי שווער, דאָס הארץ מיטן מוח זענען אין אייביקן שטרייט, יעדער פון זיי רעדט צו זיין צייט. אָבער ווייס איך דען צי איך האָב אויסגעקליבן די פּאסיקע צייט?

דיין אנא.

דינסטיק, 2. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

שבת אין אָוונט האָב איך פּעטערן געפרעגט צי ער מיינט, אז איך דארף עפּעס דערציילן דעם טאטן וועגן אונדז. נאָך א קורצן שמועס האָט ער געזאָגט, אז ער האלט דאָס פאר ריכטיק. איך בין צופרידן, דאָס איז א סימן אז ער האָט ריינע כוונות. תיכף ווי איך בין אראָפּגעקומען בין איך געגאנגען מיטן טאטן ברענגען וואסער, און שוין אויף די טרעפּ האָב איך אים געזאָגט:

— טאטע, דו פארשטייסט מין הסתם, אז ווען איך בין צוזאמען מיט פּעטערן זיצן מיר נישט אויף א מעטער ווייט איינער פונעם אנדערן. האלסטו דאָס פאר א פעלער?

דער טאטע האָט נישט תיכף געענטפערט, דאן האָט ער גע-זאָגט: — ניין, א פעלער איז דאָס נישט, אנא, אָבער דאָ אין דעם באגרענעצטן רוים מוזטו אכטונג געבן...

ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט אין דעם זין און דאן זענען מיר ארויפגעגאנגען. זונטיק אינדערפרי האָט ער מיך צוגערופן, און

מיר געזאָגט: — אנא, איך האָב נאָכאמאָל וועגן דעם געטראכט. (איך האָב שוין אָנגעהויבן מורא האָבן). — דאָ אין הינטערהויז איז דאָס אייגנטלעך נישט ריכטיק! איך האָב געמיינט אז איר זענט חברים. איז פעטער פארליבט?

— הייבט זיך נישט אָן, האָב איך געזאָגט.

— אנא, דו ווייסט אז איך פארשטיי אייך זייער גוט, אָבער דו מוזט זיין צוריקגעהאלטן, אים נישט מער דערמוטיקן. גיי נישט צו אָפט ארויף. אין אזעלכע ענינים איז תמיד דער מאן דער אקטיווער טייל, די פרוי קאָן האמעווען. אינדרויסן, אויף דער פריי איז דאָס גאָר עפּעם אנדערש. דו זעסט אנדערע יינגלעך און מיידלעך, רו קאָנסט גיין שפּאצירן, טרייבן ספּאָרט א. אז. וו. אָבער אז איר זענט דאָ צופיל אינאיינעם און אויב דו ווילסט עס אמאָל נישט, איז פיל שווערער. איר זעט אייך די גאנצע צייט, אייגנטלעך שטענדיק, זיי פאָרזיכטיק, אנא, און נעם עס נישט צו ערנסט.

— דאָס טו איך נישט טאטע, און פעטער איז אָרנטלעך, ער איז א ווויל יינגל!

— יאָ, אָבער ער האָט נישט קיין פעסטן כאראקטער און מען קאָן אים גרינג באיינפלוסן אי צום גוטן, אי צום שלעכטן. איך האָף, אז ער וועט בלייבן גוט, ווייל אין תוך איז ער אָרנטלעך.

מיר האָבן נאָך א ווילע גערעדט, דאן האָבן מיר זיך איינפארשטאנען, אז דער טאטע וועט מיט אים אויך רעדן. זונטיק בייטאָג, ווען מיר זענען געווען אויבן, האָט פעטער געפרעגט:

— דו האָסט גערעדט מיט דיין טאטן, אנא?

— יאָ, האָב איך געזאָגט, איך וועל דיר דערציילן. ער מיינט, אז סאיז נישט קיין פעלער, אָבער ווייל מיר זענען דאָ אזוי ענג ביינאנד, קאָנען מיר זיך אויך לייכט צעקריגן.

— מיר האָבן דאָך באשלאָסן, אז מיר זאָלן זיך נישט קריגן און איך וויל, אז מיר זאָלן האלטן וואָרט.

— איך אויך, פעטער, אָבער דער טאטע מיינט, אז ס'קאָן אויך זיין אנדערש. ער האָט געמיינט, אז מיר זענען נאָר חברים. דו האלטסט אז דאָס איז אצינד נישט מעגלעך?

— איך האלט אז יאָ. און דו?

— איך אויך. איך האָב דעם טאטן געזאָגט, אז איך האָב צו דיר צוטרוי. איך האָב צו דיר צוטרוי, פעטער, פונקט אזוי ווי איך האָב צום טאטן, און איך מיין אז דו ביסט עס ווערט, אמת?

— איך האָף (ער איז געוואָרן רויט און פארשעמט).

— איך גלויב אין דיר, איך גלויב, אז דו האָסט א גוטן כאראַק־טער און אז דו וועסט זיך צו עפּעס דערשלאָגן.

מיר האָבן נאָך גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן, דאַן האָב איך געזאָגט:

— אז מיר וועלן פון דאָ ארויס, וועסטו זיך סייווי מער נישט אומקוקן אויף מיר.

ער האָט זיך צעפּלאַמט: דאָס איז נישט אמת, אנא! נײַן, טאָרסט נישט אזוי טראַכטן וועגן מיר!"

דאַן האָט מען מיך גערופן.

מאָנטיק האָט ער מיר דערציילט, אז דער טאַטע האָט מיט אים גערעדט.

— דײַן טאַטע האַלט אז פון פרייענטשאַפט קאָן ווערן א ליבע, אָבער איך האָב אים געזאָגט, אז ער מעג זיך אויף אונדז פאַרלאָזן.

דער טאַטע וויל, אז איך זאָל אָוונט איצט זעלטענער ארויפגיין, אָבער דאָס וויל איך נישט. נישט נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב ליב צו זיין מיט פּעטערן, איך האָב אים געזאָגט, אז ער מעג האָבן צוטרוי צו אונדז. איך האָב אויך צו פּעטערן צוטרוי און איך וויל אים דעם דאָזיקן צוטרוי באַווייזן! ווען איך גיי אָבער נישט ארויף צוליב אומצוטרוי, קאָן איך אים דאָס נישט באַווייזן.

ניין, איך גיי יאָ ארויף!!

אינצווישן איז די דיסעל־דראַמע אויך פאַרביי. שבת אין אָוונט ביים טיש האָט ער געבעטן אנטשולדיקונג אין א שיינער קלאָ־רער האָלענדישער רעדע. וואַן דאַן האָט זיך תיכף איבערגעבעטן. דיסעל האָט מין הסתם די דאָזיקע לעקציע געחזרט א גאַנצן טאָג. זיין געבוירנטאָג, זונטיק, איז אדורך בשלום. ער האָט פון אונדז באַקומען א פלאַש וויין פון 1919, פון די וואַן דאַנס (וואָס האָבן אים אצינד געקאָנט געבן א מתנה), א גלאָז „פּיקאַלילי" און א פּעקל ראַזירמעסערלעך, פון קראַלער, אייגגעמאַכטס פון לימע־נעס, פון מיפּ א ביכל און פון עלי א וואַזאָנע. ער האָט יערן פון אונדז געשענקט אן איי.

דיין אנא.

**מיטוואָך, 3. מאי 1944.**

ליבע קיטי!

קודם די נייעס פון דער וואָך. די פּאָליטיק האָט פּעריען. עס איז גאָרנישט, טאַקע לחלוטין גאָרנישט געשען. איך הייב אויך אָן פּאַוואָליע צו גלויבן, אַז די אינוואַזיע קומט. זיי קאָנען דאָך נישט לאָזן די רוסן אַליין קעמפן. אגב איז ביי זיי אַצינד אויך שטיל.

הער קאָפּהויס קומט ווידער יעדן טאָג אין ביוראָ. ער האָט געבראַכט אַ נייע פּרוזשינע פאַר פּעטערס סאָפע, און פּעטער וועט זיך מוזן נעמען צו דער אַרבעט, כאָטש ס'שטייט אים נישט אָן. הער קאָפּהויס האָט אויך געבראַכט אינסעקטן-פּראָשעק פאַר דער קאַץ. צי האָב איך דיר דערציילט אַז מאָפּי איז פאַרשוווּנדן? זייט דעם לעצטן דאָנערשטיק איז פון אים קיין סימן נישט פאַראַן. מין הסתם איז ער שוין לאַנג אין „קעצישן גן-עדן“, עפּעס אַ צער-בעל-החיימניק האָט זיך אוודאי פון אים געמאַכט אַ גוטן אָנבייסן. אפשר וועט פון זיין פעל נאָך ווערן אַ קינדער-קוטשמעלע. פּעטערן טוט זייער באַנג. זייט שבת עסן מיר אָנבייסן האַלב צוועלף אַזייגער. אינדערפרי עסן מיר נאָר אַ שיטערע קאַשע, און דאָס מוז זיין גענוג. אַזוי אַרום שפּאָרן מיר איין אַ מאָלצייט. גרינוואַרג איז נאָך אַלץ אַזוי שווער צו באַקומען. היינט האָבן מיר געהאַט אַביסל צוגעפוילט קרויט. סאַלאַט, שפּיגאַט און קרויט, עפּעס אַנדערש איז נישט פאַראַן. דערנאָך פאַרדאָרבענע קאַרטאָפל, אַ וווּנדערבאַרע קאָמבינאַציע!

שוין מער ווי צוויי חדשים האָב איך נישט געהאַט די מענסטרואַציע, זינט שבת האָב איך זי ווידער באַקומען. טראָץ דעם עקל און דער אומבאַקוועמלעכקייט בין איך צופרידן וואָס זי האָט מיך נישט פאַרלאָזט.

דו קאָנסט אוודאי פאַרשטיין, אַז דאָ פרעגט מען זייער אָפט: פאַרוואָס און צוליב וואָס טויג די מלחמה? פאַרוואָס קאָנען די מענטשן נישט לעבן אין שלום? פאַרוואָס אַזויפיל צעשטערונג? די דאָזיקע פראַגן זענען פאַרשטענדלעך, אָבער אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער האָט ביז אַצינד נאָך קיינער נישט געפונען. פאַרוואָס בויט מען אין ענגלאַנד אַלץ גרעסערע אַעראָפּלאַנען, שווערערע באָמבעס און אין דער זעלבער צייט טיפּ-הייזער פאַר דעם ווידעראויפבוי? פאַרוואָס פאַרשווענדט מען יעדן טאָג מיליאָנען פאַר דער מלחמה, אָבער פאַר מעדיצין, פאַר קינסטלער און פאַר אָרעמע

לייט איז נישט פאראן קיין גראָשן? פאַרוואָס מוזן מענטשן הונגערן, בעת אויף אנדערע קאָנטינענטן גייען לאיבוד שפּייז־ארטיקלען? פאַרוואָס זענען די מענטשן אזוי מטורף?

איך גלויב נישט אז נאָר די פירנדיקע מענער, די הערשער און קאפּיטאליסטן זענען שולדיק אין דער מלחמה. ניין, דער פּשוטער מענטש, איז ווייזט אוים, אויך שולדיק, ווייל אנדערש וואָלטן די פעלקער זיך שוין לאנג אנטקעגנגעשטעלט דעם דראנג צו הריגה, און רציחה. און כל זמן די גאנצע מענטשהייט וועט נישט דורכמאכן א פולשטענדיקע מעטאמאָרפאָזע וועלן אלץ זיין מלחמות. מ'טרעט מיט די פים אלץ וואָס מ'האָט אויפגעבויט, געפלעגט און געבאָוועט. די מענטשהייט מוז אצינד אָנהייבן פונדאָסניי.

איך בין אָפט געווען דערשלאָגן, אָבער קיינמאָל נישט פאַרצווייפלט. דאָס אויסבאהאלטן זיך, באטראכט איך ווי א געפערלעכע אוואנטיורע, וואָס איז ראָמאנטיש און אינטערעסאנט. איך האָב מיר פירגענומען צו פירן אן אנדער לעבן ווי אלע מיידלעך בכלל און שפּעטער, אויך נישט דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון א הויזווירטן. דאָס איז א גוטער אָנהויב און אן אינטערעסאנטער. אפילו אין די געפערלעכסטע רגעס באמערק איך דאָס הומאָריסטישע פון דער סיטואציע און מוז וועגן דעם לאכן.

איך בין יונג און האָב נאָך געווים אסך פאַרבאָרגענע אייגנשאפטן. איך בין יונג און שטארק און לעב איבער באוווסטזיניק די גרויסע אוואנטיורע. פאַרוואָסזשע זאָל איך א גאנצן טאָג נאָר קלאָגן? איך בין געבוירן געוואָרן מיט אסך מעלות, מיט א גליקלעכער נאטור, מיט פריילעכקייט און קראפט. יעדן טאָג פיל איך, אז איך וואקס אינערלעך, איך פיל די נאָענטע באַפרייונג, איך פיל, אז די נאטור איז שיין און אז ארום מיר זענען פאראן מענטשן. פאַרוואָסזשע זאָל איך זיין פאַרצווייפלט?

דיין אנא.

פרייטיק, 5. מאי 1944.

ליבע קיטי!

דער טאטע איז מיט מיר נישט צופרידן. ער האָט געמיינט, אז נאָך אונדזער שמועס פון שבת, וועל איך שוין במילא נישט ארויפגיין יעדן אָוונט. ער וויל נישט מער דאָס „קוצעניו מוצע־

ניו". דאָס דאָזיקע וואָרט קאָן איך נישט הערן. ס'איז שוין גענוג שלעכט ווען מען רעדט דערפון, אָבער מען דאַרף דאָס נישט פאַראַכטן. איך וויל הײַנט מיט אים וועגן דעם רעדן. מאַרגאָ האָט מיך גוט געעצהט; הער וואָס איך וועל אים לערך זאָגן:

„מאַמע, איך מײַן, אַז דו וואַרטסט אויף אַן אויפקלערונג פון מײַן זײַט, און איך וועל זי דיר געבן. דו ביסט זיכער אַנטוישט און האָסט דערוואַרט איך זאָל זײַן מער צוריקגעהאַלטן. דו ווילסט זיכער, איך זאָל זײַן ווי אַנדערע פערצן=יעריקע מיידלעך, אָדער ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זײַן. אין דעם האָסטו נישט קיין טעות!

זינט מיר זענען דאָ פון יולי 1942, ביז פאַר אייניקע וואָכן איז מיר געווען גענוג שווער. ווען דו וואָלטסט געוווּסט ווי אָפט איך האָב אין אָוונט געוויינט, ווי אומגליקלעך איך בין געווען, ווי אײנזאַם איך האָב מיך געפילט, וואָלטסטו פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך וויל אַרויפגיין. ס'איז מיר נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען צו לעבן אַזוי אינגאַנצן אָן אַ מאַמען, אָן אַן אָנשפאַר. ס'האָט מיך געקאָסט אַסך טרערן און אַסך קאַמף, ביז איך בין געוואָרן אַזוי זעלבסטשטענדיק ווי איך בין אַצינד. דו מעגסט לאַכן, און וועסט מיר אפשר נישט גלויבן, אָבער דאָס ענדערט גאָרנישט. איך ווייס, אַז איך בין אַ מענטש וואָס דאַרף אַליין באַשטיין זײַן שטעטל און איך פיל מיך לגבי אײַך מיט גאָרנישט פאַראַנט=וואָרטלעך. איך האָב דיר דאָס דערציילט, כדי דו זאָלסט נישט מיינען אַז איך וויל עפּעס אויסבאַהאַלטן, אָבער פאַר מײַנע מעשים טראָג איך אַליין די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווען מיר איז געווען שווער האָט איר — אויך דו — פאַר=מאַכט די אויגן און פון גאָרנישט געוואָלט וויסן. דו האָסט מיר נישט געהאָלפן, פאַרקערט, דו האָסט געפאָדערט איך זאָל נישט זײַן אַזוי טומלדיק. איך האָב געטומלט, כדי נישט צו זײַן תמיד אומגליקלעך, איך בין געווען פאַרשייט, כדי נישט צו הערן שטענדיק דאָס אינערלעכע קול. איך האָב געשפּילט די קאָמעדיע אַנדערטהאַלבן יאָר, טאָג איין, טאָג אויס, איך האָב מיך נישט באַקלאָגט, איך בין נישט אַרויסגעפאַלן פון דער ראָלע, איך האָב מיך דורכגעקעמפט ביז אַצינד און איצט האָב איך עס גובר געווען. איך בין זעלבסטשטענדיק אין קערפּער און גײַסט, איך דאַרף נישט מער די מאַמע, נאָך דעם גאַנצן קאַמף בין איך שטאַרק געוואָרן.

און אַצינד, ווען איך האָב דאָס דערגרייכט, ווען איך ווייס, אַז איך האָב מיך דורכגעזעצט, וויל איך אויך ווײַטער גיין אַליין מײַן אייגענעם וועג, דעם וועג, וואָס איך געפון פאַר ריכטיק. דו

קאָנסט נישט און טאָרסט נישט מיך באטראכטן ווי א פערצן יעריקע. אלע שוועריקייטן האָבן מיך עלטער געמאכט, איך וועל נישט באדויערן מיינע מעשים, און וועל האנדלען אזוי, ווי איך וועל געפונען פאר ריכטיק.
דו קאָנסט מיך נישט מיט דיין גוטהארציקייט אויפהאלטן ארויפ־צוגיין. אָדער פארווערסטו מיר אלץ, אָדער פארטרויסטו מיר אלץ. נאָר לאָז מיך צו רו!"

דיין אנא.

שבת, 6. מאי 1944.

ליבע קיטי!

נעכטן פארן עסן האָב איך אריינגעלייגט דעם טאטן אין קעשענע א בריוו, אין וועלכן איך האָב געשריבן דאָס, וואָס איך האָב דיר נעכטן מיטגעטיילט. נאָכדעם ווי ער האָט געלייענט, איז ער דעם גאנצן אָוונט געווען אויסער זיך, האָט מיר געזאָגט מארגן (איך בין געווען אויבן ביים געשירוואשן). אָרעמער פים. איינגעטלעך האָב איך געדארפט פארשטיין וואָס פארא ווירקונג מיין בריוו וועט האָבן. ער איז אזוי עמפפינדלעך! איך האָב תיכף געזאָגט פעטערן ער זאָל מער גאָרנישט פרעגן. פים האָט מיט מיר וועגן דעם פאל מער גאָרנישט גערעדט. צי וועט ער נאָך מיט מיר רעדן?
דאָ איז אלץ ווידער קאלעמוטנע. ווען מען דערציילט פון דעם יקרות און פון די מענטשן אינדרויסן איז כמעט נישט צו גלויבן: א האלב פונט טיי קאָסט 350 גולדן, א פונט קאווע 80 גולדן, א פונט פוטער 35 גולדן, אן איי 1,45 גולדן. פאר 100 גראם בולגארישן טאבאק צאָלט מען 14 גולדן. יעדער טרייבט שווארצן האנדל, יעדעם שיק־יינגל האָט עפעס צו פארקויפן. אונדזער בעקער־יינגל האָט אונדז געבראכט באנוועלעך, א דין מאָטיקל פאר 90 סענט, דער מילך־ליפעראנט פארשאפט אונדז די לעבנסמיטל־קארטן, א קברן האנדלט מיט קעז. יעדן טאָג הערט מען פון גנבות און רציחות, ביי וועלכע ס'באטייליקן זיך אָפטמאָל, חוץ פראָפעסיאָנעלע פארברעכער, אויך פאָליציסטן. יעדער וויל עפעס אריינבאקומען אין מאָגן. און אזוויי לוין־הוספות זענען פארבאָטן, נעמען זיך די מענטשן צום שווינדל.

די יוגנט־פּאָליציי איז די גאַנצע צייט באַשעפטיקט. טעגלעך פאַרשווינדן יונגע מיידלעך פון 15, 16, 17 יאָר און אויך עלטערע. אויף ווידערזען! (דאָס איז אייגנטלעך פאַלש. די דייטשע זענדונג פון ענגלאַנד פאַרענדיקט זיך תמיד: אויף ווידערהערן. אַזוי וואָלט ביי מיר געדאַרפט זיין: אויף ווידערשרייבן!).

דיין אַנאַ.

זונטיק אינדערפרי, 7. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

איך האָב נעכטן צומיטאָג געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיטן טאַטן. איך האָב געמוזט שטאַרק וויינען און ער האָט אויך געוויינט. ווייסטו, קיטי, וואָס ער האָט מיר געזאָגט?

— איך האָב שוין באַקומען אַסך בריוו אין מיין לעבן, אָבער דאָס איז געווען דער ערגסטער! דו, אַנאַ, וואָס האָסט באַקומען אַזויפיל ליבע פון דיינע עלטערן, וואָס זענען תמיד גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאַר דיר, וואָס האָבן דיך תמיד פאַרטיידיקט, וואָס ס'זאָל נישט געווען זיין, דו זאָגסט, אַז דו פילסט נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי זיי, דו האַלטסט דיך פאַר אַ פאַרשטויסענער און פאַרלאָזטער? ניין, אַנאַ, דו טוסט אונדז אַ גרויסע עוולה. אפשר האָסטו עס נישט אַזוי געמיינט אָבער אַזוי האָסטו עס געשריבן. אַזאַ מין פאָרוואורף, אַנאַ, האָבן מיר זיך נישט פאַרדינט.

— יאָ, איך האָב געטון אַ גרויסן פעלער, דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס איך האָב געטון אין מיין לעבן. איך האָב נאָר געוואָלט איבערטרייבן מיט מיינע טרערן און וויינען, כדי זיי זאָלן זיך צו מיר באַציִען מיט מער דרך־ארץ. אוודאי האָב איך אַסך געליטן, אָבער דעם גוטן פים אַזוי צו באַשולדיקן, אים, וואָס האָט אַלץ פאַר מיר געטון און טוט עס נאָך היינט, דאָס איז מער ווי געמיין.

ס'איז גוט, וואָס מ'האָט מיך אַראָפּגעבראַכט פון מיינע נישט דערגרייכבאַרע הייכן, וואָס מיין גאווה האָט געליטן אַ בראָך, ווייל איך בין שוין ווידער געווען צו שטאַרק צופרידן פון מיר אַליין. וואָס פרייַלן אַנאַ טוט, איז נאָך לאַנג נישט גוט. אַז עמיצער קאָן אָנטון אַזויפיל צער אַ מענטשן, ווען ער זאָגט שטענדיק אַז

ער האָט אים ליב, און דערצו נאָך בכיוון, איז ער נידעריק, זייער נידעריק! מער פון אלץ איז מיך מבייש דער אופן וויאַזוי דער טאַטע האָט מיר מוחל געווען. ער וויל דעם בריוו פאַרברענען און איז צו מיר אַזוי ליב, ווי גלייך ער וואָלט געזינדיקט. יאָ, אַנאַ, דו דאַרפסט נאָך זייער אַסך לערנען. הייב־זשע אָן מיטן לערנען, איידער אויף אַנדערע צו קוקן פון אויבן אַראָפּ, אָדער זיי צו באַשולדיקן!

איך האָב אַסך איבערגעלעבט אָבער צי ליידט דאָס נישט יעדעם מיידל אין מיינע יאָרן? איך האָב אָפט געשפּילט די קאָמעדיע, אָבער איך האָב דאָס נישט אַזוי ווייט געוווּסט. איך האָב מיך געפילט איינזאַם, אָבער פאַרצווייפלט בין איך דאָך קיינמאָל נישט געווען. ס'איז מיר אַ גרויסע בושה און איך שעם מיך טאַקע!

דאָס וואָס ס'איז געשען קאָן מען נישט ענדערן. אָבער מען קאָן דערפאַר זאָרגן, אַז ס'זאָל זיך מער נישט איבערחזרן. איך וויל ווידער אָנהויבן פונדאַסניי און ס'וועט מיר נישט זיין שווער, ווייל איך האָב דאָך פּעטערן. מיט זיין שטיצע קאָן איך דאָס טון. איך בין נישט מער אַליין, ער האָט מיך ליב און איך אים אויך. איך האָב מיינע ביכער, מיינע דערציילונגען, מיין טאָגבוך, איך בין נישט קיין מיאוסע, נישט זייער נאַריש, איך האָב אַ פריילעכע נאַטור און וואָלט געוואָלט האָבן אַ גוטן כאַראַקטער!

יאָ, אַנאַ, דו האָסט זייער גוט געפילט, אַז דיין בריוו איז צו האַרט און נישט אמת, אָבער דו ביסט פּאָרט מיט אים שטאָלץ געווען! איך וויל מיר ווידער נעמען אַלס ביישפּיל דעם טאַטן און איך וועל מיך בעסערן!

דיין אַנאַ.

מאָנטיק, 8. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

האָב איך דיר אַמאָל עפּעס דערציילט פון מיין משפּחה? מיר דאַכט זיך אַז נישט, און דערפאַר וויל איך עס איצט טון. מיין טאַטע האָט געהאַט זייער רייכע עלטערן. זיין טאַטע האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, און זיין מאַמע שטאַמט אויך פון אַ רייכער און בכבודיקער משפּחה. אַזוי אַרום האָט דער טאַטע אין זיינע יונגע

יאָרן געפירט א לעבן ווי א נגידיש קינד: יעדע וואָך פארוויילונ־
גען, בעלער, שמחות, שיינע מיידלעך, באנקעטן, א רייך הויז...
אין דער אינפלאציע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי
פארלוירן דאָס גאנצע פארמעגן. דער טאטע האָט, הייסט עס,
באקומען אן ערשטקלאסיקע דערציונג און דערפאר האָט ער
געכטן געמוזט שטארק לאכן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין
זיין לעבן, ביי 55 יאָר, אויסגעשאָבן דעם טאָפּ ביים טיש.

אויך די מאמע שטאמט פון א רייכער משפחה, און אָפט
הערן מיר פארגאפט, די מעשה פון אירע תנאים מיט 250 געסט,
פון הויז־בעלער און באנקעטן. אצינד קאָן מען אונדז בשום אופן
נישט פארעכענען פאר רייכע, אָבער איך שטעל מיין גאנצע האָ־
פענונג אויף דער צייט פון נאָך דער מלחמה. איך פארזיכער
דיך אז איך לייג נישט קיין ווערט אויף אזא פשוט לעבן ווי
ס'ווילן עס די מאמע און מארגאָ. איך וואָלט גערן געפאָרן אויף
א יאָר קיין פאריז און אויף א יאָר קיין לאָנדאָן, כדי אויסצו־
לערנען די שפּראכן און כדי צו שטודירן קונסט־געשיכטע. פאר־
גלייך דאָס מיט מארגאָ, וואָס וויל ווערן א הייבאם אין ארץ־
ישראל! איך טראכט גערן צו שיינע קליידער, צו אינטערעסאנטע
מענטשן, איך וויל עפּעס זען און דערלעבן, דאָס האָב איך דיר
תמיד געזאָגט, און דערצו קאָן נישט שאטן אביסל מער געלט.

מיפּ האָט היינט דערציילט פון א קנס־מאָל אויף וועלכן זי
איז געווען פארבעטן. די כלה און דער חתן זענען פון א רייכער
משפחה און דערפאר איז אויך אלץ געווען באזונדערס פיין. מיר
זענען מיפּן מקנא געווען, ווייל זי האָט דערציילט פון די פיינע
מאכלים, וואָס מ'האָט דאָרט געגעסן: א זופּ פון גרינס מיט
פלייש־קניידעלעך, סאנדוויטש מיט קעז, סאלאטן מיט אייער, גע־
בראָטנס, צוקער־געבעקס, וויין און ציגארעטן און פון אלעמען
מער ווי גענוג (פארשטייט זיך, געקויפט אויף שווארץ). מיפּ
האָט אויסגעטרונקען 10 גלעזלעך בראָנפן. אזוי טוט אן אנטי־
אלקאהאָליקער? אויב מיפּ האָט אזויפיל געטרונקען, וויפל־זשע
האָט אריינגעגאָסן איר מאן? אויף דער שמחה זענען זיי אלע
געווען אביסל בגילופין. ס'זענען אויך געווען אלס געסט, צוויי
פּאָליציסטן, וואָס האָבן אראָפּגענומען פאָטאָגראפיעס. ווייזט אויס,
אז מיפּ פארגעסט קיינמאָל נישט אירע אויסבאהאלטענע. זי האָט
פארצייכנט נעמען און אדרעסן פון די מענטשן, פארן פאל אז
ס'וועט עפּעס געשען און מ'וועט זיך נויטיקן אין גוטע האָלענדער.
מיפּ האָט אונדז דערציילט פון די פיינע מאכלים, אונדז, וואָס מיר
באקומען צום פרישטיק עטלעכע לעפל פון דער שיטערער קאשע,

און געפונען זיך דאָן קיין אָרט נישט פאַר הונגער, אונדז, וואָס מיר עסן טאָג איין טאָג אויס, נאָר האַלברויען שפּינאַט (צוליב די וויטאַמינען) און פאַרדאָרבענע קאַרטאָפל, אונדז, וואָס שטופּן אָן דעם ליידיקן מאָגן נאָר מיט סאַלאַט, קרויט, שפּינאַט און נאָכאַמאָל שפּינאַט! אפשר וועלן מיר נאָך אַמאָל זיין אַזוי שטאַרק ווי פּאַפּייע* כאָטש איך גלויב נאָך נישט אין דעם.

ווען מיפּ וואָלט אונדז געווען מיטגענומען צו דער שמחה, וואָלט פאַר די אַנדערע געסט זיכער קיין סך נישט געבליבן. איך קאָן דיר זאָגן, אַז מיר האָבן ממש געשלונגען מיפּס ווערטער ווען מיר זענען געשטאַנען אַרום איר, ווי גלייך מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון גוטע מאכלים און עלעגאַנטע מענטשן. און דאָס זענען אייניקלעך פון אַ מיליאָנער. אַ פאַרדרייטע וועלט!

דיין אַנאַ.

דינסטיק, 9. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

די דערציילונג „עלען, די פיי" איז פאַרטיק. איך האָב זי איבערגעשריבן אויף גוט פּאַפּיר, פאַרצירט מיט רויטער טינט, שיין צונויפגעבונדן און זי זעט אַצינד אויס גאַנץ לייטיש. אָבער צי איז דאָס נישט צו ווייניק פאַרן טאַטנס געבוירנטאָג? איך ווייס נישט. די מאַמע און מאַרגאָ האָבן געשריבן פערזן.

היינט צומיטאָג איז געקומען הער קראַלער מיט דער ידיעה, אַז די פרוי ב. וואָס איז פריער געווען אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער פירמע, וויל יעדן טאָג דאָ פאַרברענגען דעם מיטאָג־איבערייס. שטעל דיר פאָר: קיינער וועט נישט קאָנען צו אונדז אַרויפקומען. די קאַרטאָפל וועט מען מוזן ברענגען אין אַנדערט מאָל, עלי וועט נישט האָבן וואָס צו עסן, מיר וועלן נישט טאָרן גיין אין טואַלעט־צימער, מיר וועלן זיך נישט טאָרן רירן א. אז. וו.

מיר האָבן געטראַכט צו פאַרשידענע פאָרשלאָגן. כדי אירער פּטור צו ווערן. וואַן דאַן מיינט, אַז אַ גוטער פּורגאַטיוו אין איר קאַווע וואָלט אפשר געווען גענוג..

---

* אַ געשטאַלט פון אַ באַקאַנטן צייכן־פילם.

— נײן, האָט געזאָגט הער קאָפּהויס, איך בעט אײַך, טוט דאָס נישט. אַזוי אַרום וועט זי גאָר אינגאַנצן נישט אַראָפּ פונעם טראָן.

שאַלגדיקער געלעכטער! „פונעם טראָן", האָט געפרעגט פרוי וואַן דאַן, „וואָס הייסט דאָס?"

מ'האָט איר דערקלערט. „זאָגט מען אַזוי?" האָט זי אומשולדיק געפרעגט.

— טו גאָר אַ טראַכט, האָט געקײַכט עלי, ווען זי זאָל פרעגן אין „סײַענקאַרף"* ווו ס'איז דער טראָן!

דיסעל זיצט יעדן טאָג פּינקטלעך האַלב אײנס אַזײגער אויפן טראָן, (כדי צו באַנוצן דעם שײנעם אויסדרוק).

מוטיק, האָב איך הײַנט אויפגעשריבן אויף אַ שטיק פּאַפּיר:

טואַלעט־דינסט־רעגולאַמין: פאַרן הער דאָקטער!

אינדערפרי פון 7,15 ביז 7,30.

מיטאָג נאָך אײנס אַזײגער.

ווײַטער לויט ווונטש!

איך האָב דאָס צוגעקלאַפּט צו דער טיר ווען ער איז נאָך דאָרטן געזעסן. איך האָב נאָך געדאַרפט צוגעבן:

„ביים עובר זיין אויף דעם געזעץ ווערט פאַראָרדנט אָפּצושפּאַרן!".

אונדזער טואַלעט־טיר קאָן מען פאַרמאַכן פון אינעווייניק און פון דרויסן. אוי, קיטי, ס'איז אַזאַ שײן וועטער, ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט אַרויס!

דײַן אַנאַ.

מיטוואָך, 10. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

מיר זענען נעכטן געזעסן אויפן בוידעם און געלערנט פראַנצויזיש. פּלוצים האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער ריגען וואַסער הינטער מיר. איך האָב געפרעגט פּעטערן וואָס דאָס באַטײַט, אָבער ער האָט מיר נישט געענטפערט און איז אַרויפגעלאָפן אויפן אויבערשטן בוידעם, ווײַל ער האָט געאַנט פון וואַנען ס'קומט דאָס אומגליק און האָט אַ שטופּ געטון מושין, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער שיסל, ס'האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ און

---

* אוניווערסאַל מאַגאַזין אין אַמסטערדאַם.

מושי, וואָס האָט זיך דערווייל נעטון אירם, איז אראָפּגעלאָפן.
כדי נישט צו פארציכטן אינגאנצן אויף איר געמיטלעכקייט, האָט
זיך מושי געזעצט אויף דעם זעגעכץ, אָבער דאָס טייכל איז תיכף
אראָפּגערונען דורך די ברעטער אויף אונדזער בוידעם, טייל=
ווייז און פאס מיט קארטאָפל. די קארטאָפל און דאָס זעגעכץ
וואָס דער טאטע האָט נאָך אראָפּגעבראכט נעכטן אויפדערגאכט,
האָבן שרעקלעך געשטונקען! אָרעמע מושי! פון וואנען האָסטו
געקאָנט וויסן, אז דאָס איז שווער צו באקומען?

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 11. מאי 1944.

ליבע קיטי!

עפּעס נייעס צום לאכן!
דער פריזער האָט גע=
פעטער האָט זיך געמוזט אָפּשערן.
דארפט זיין, ווי תמיד, זיין מוטער. פעטער איז פארשוואונדן אין
זיין צימער און איז דערשינען פינקטלעך האלב אכט אזייגער,
כמעט נאקעט. נאָר אין באָד=הויזן און אין גימנאסטיק=שיך.
— גייסטו? האָט ער געפרעגט זיין מאמע.
— יאָ, אָבער איך זוך די שער!
פעטער האָט געהאָלפן זוכן און האָט זיך געפּאָרעט אין
טואלעטן=קעסטעלע פון דער פרוי וואן דאן.
— פעטער, מאך נישט אָן קיין איבערקערעניש, האָט זי גע=
שריגן. איך האָב נישט פארשטאנען וואָס ער האָט געענטפערט,
אָבער דאָס האָט געדארפט זיין עפּעס עזותדיקס, ווייל זיין מאמע
האָט אים דערלאנגט. ער האָט איר צוריקגעגעבן, זי האָט אים
ווידער ערנסט דערלאנגט און פעטער איז אנטרינען געוואָרן
לאכנדיק.
— קום, אלטע! זי איז געבליבן שטיין, פעטער האָט זי אָנגע=
נומען ביי די הענט און זי געשלעפּט איבערן גאנצן צימער. זי
האָט געוויינט, געלאכט און געזידלט. ס'האָט איר גאָרנישט נישט
געהאָלפן, פעטער האָט געבראכט זיין געפאנגענעם ביז צו די
טרעפּ, ווו ער האָט זי אָבער געמוזט אָפּלאָזן. די פרוי וואן דאן
איז צוריקגעקומען אין צימער און האָט זיך זיפצנדיק א וואָרף
געטון אויף א בענקל.
— די פארפירונג פון דער מוטער. האָב איך געשפּאסט.
— יאָ, ס'האָט מיר ווי געטון!

איך האָב זי אָנגערירט און האָב איך דאַן געקילט דעם דויטן, הייסן רפק, מיט וואסער, פּעטער, וואָס איז נאָך געשטאנען אויף די טרעפּ איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער איז דערשינען מיט זיין גארטל אין דער האנט ווי א הונטשלעגער. אָבער פרוי וואַן דאַן איז נישט מיטגעגאנגען. זי איז געבליבן זיצן ביים שרייב־טיש און האָט געזוכט איר נאָז־טיכל.

— ער מוז קודם בעטן אנטשולדיקונג!

— גו גוט, איך בעט אנטשולדיקונג, ווייל אויב נישט ווערט צו שפּעט.

זי האָט געמוזט לאכן קעגן איר ווילן. זי איז אויפגעשטאנען און איז געגאנגען צו דער טיר. זי האָט זיך געפילט פארפליכ־טעט אונדז צו געבן דערקלערונגען, „אונדז", דאָס הייסט, דעם טאטן, דער מאמען און מיר, וואָס האָבן גראָד געוואשן געשיר.

— אינדערהיים איז ער נישט געווען אזוי, האָט זי געזאָגט, איך וואָלט אים געווען איינס דערלאנגט, אז ער וואָלט זיך אראָפּגעקייקלט פון די טרעפּ (!); ער איז קיינמאָל נישט געווען אזא עזות־פּנים. ער פלעגט אויך מער ארייננכאפּן. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער מאָדערנער דערציונג. יאָ, מאָדערנע קינדער! איך וואָלט קיינמאָל נישט געווען געוואגט אזוי אָנצוגעמען מיין מוטער. איר האָט אויך אזוי באהאנדלט אייער מוטער, הער פראנק?

זי איז געווען שטארק אויפגערעגט, איז געלאָפן אהין און אהער, האָט געהאלטן אין איין רעדן, אָבער דערווייל איז זי נישט ארויפגעגאנגען. סוף כל סוף איז זי געגאנגען. זי איז אָבער אויבן נישט לענגער געווען ווי 5 מינוט און איז אראָפּגע־שטורעמט די טרעפּ א ברוגזע און האָט א וואָרף געטון דאָס פּארטוך. ווען איך האָב זי געפרעגט צי זי איז פּארטיק האָט זי געענטפערט, אז זי וויל גיך אראָפּ און איז טאקע שוין אראָפּ־געפלויגן די טרעפּ ווי א וויכער, מין הסתם אין די אָרעמס פון איר פוטי. זי איז אריינגעקומען אינײנעם מיט איר מאן ערשט 8 אזייגער. מ'האָט פּעטערן אראָפּגעבראכט און ער האָט באקומען זיין סילוק. ס'האָט געהאָגלט מיט: „גראָבער יונג, עזות־פּנים, מיאוס ביישפּיל, אנא איז... מארגאָ טוט..." מער האָב איך נישט פארשטאנען. מאָרגן וועט מין הסתם אלץ זיין אין אָרדענונג.

דיין אנא.

פּ. ס. דינסטיק און מיטוואָך אויפדערנאכט האָט געערדט אונדזער באליבטע קיגין. זי פאָרט אויף אָפּרו, כדי אויסגע־

רוט — און האָפּומילער באַלד — צוריקצוקומען קיין האָלאַנד. זי האָט צווישן אַנדערע געזאָגט: „באַלד, ווען איך וועל צוריקקומען... באַלדיקע באַפרייונג... העלדן־מוט און שווערע לאַסטן".

דאַן האָט גערעדט דער מיניסטער גערבראַנדי. דעם אָוונט האָט מען געשלאָסן מיט אַ תפילה צו גאָט, ער זאָל באַשיצן די יידן, די מענטשן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די תפיסות און אין דייטשלאַנד.

דיין אַנאַ.

פרייטיק, 12. מאי 1944.

ליבע קיטי!

איך האָב לעת עתה זייער אסך צו טון, און כאָטש ס'קלינגט אפשר קאָמיש, האָב איך צו ווייניק צייט, כדי צו באַוועלטיקן דעם באַרג מיט אַרבעט. זאָל איך דיר און קורצן דערציילן וואָס איך האָב אַלץ פאַר? למשל: ביז מאָרגן מוז איך אויסלייענען דעם ערשטן טייל פון גאַליליים לעבנס־געשיכטע, ווייל מען מוז דאָס ביכל אָפּגעבן אין ביבליאָטעק. איך האָב עס ערשט נעכטן אָנגעהויבן, אָבער איך וועל עס פאַרענדיקן. די אַנדערע וואָך וויל איך לייענען „ארץ־ישראל אויפן שיידוועג", און דעם צווייטן טייל פון גאַליליי. נעכטן האָב איך פאַרענדיקט דעם ערשטן טייל פון דער ביאָגראַפיע פון קאַרל דעם 5־טן און מוז דרינגענד באַאַרבעטן דעם באַרג נאָטיצן און גענעאַלאָגישע דאַטעס, וואָס איך האָב אַרויסגעשריבן. דאַן האָב איך אַרויסגעשריבן דריי זייטלעך פרעמד־ווערטער פון פאַרשידענע ביכער, וואָס איך דאַרף איינחזרן. נומער 4: אין מיין זאַמלונג פון פילם־סטאַרס איז אַ שרעקלעכע איבערקערעניש, און איך מוז דאָס אין אָרדנונג ברענגען. אַזוי ווי דאָס פאָדערט אָבער עטלעכע טעג און פּראָפעסאָר אַנאַ איז פאַרשיט מיט אַרבעט, ווערט דער כאַאָס מוזן בלייבן נאָך אַ שטיקל צייט. דאַן וואַרטן טעזעוס, עדיפּוס, פּעלעוס, אָרפעוס, יאַזאָן און הערקולעס, ווייל זייערע העלדן־טאַטן האָבן זיך מיר פאַרפּלאָנטערט אין קאָפּ, ווי פאַרביקע פעדים. כדי איך זאָל האָבן דעם צוזאַמענהאַנג, וויל איך אויך באַאַרבעטן מיקאָן און פידיאַס. דאָס זעלבע מיט דער 7־און־9־יעריקער מלחמה. אויף דעם אופן מוש איך אַלעס אויס. וואָס וועל איך אויפטון מיט אַזאַ זכרון! שטעל דיר פאָר, ווי פאַרגעסלעך איך וועל זיין ביי די 80! יאָ, די ביבל. באַלד וועל איך

צוקומען צו דער געשיכטע שושנה ביים באָדן. אין וואָס באַשטייט די זינד פון סדום ועמורה? ס'זענען נאָך פאַראַן אַזויפיל פראַגן און נאָך אַזויפיל צו לערנען! ליזעלאָט פון דער פפאַלץ, האָב איך דערוויילן אַוועקגעלייגט.

זעסטו, קיטי, ווי איך בין פאַרשיט מיט אַרבעט?

און נאָך עפּעס: דו קענסט דאָך מיין הייסעסטן ווונטש צו ווערן אַ זשורנאַליסטקע און שפּעטער אַ באַרימטע שריפטשטעלערן. צי דער דאָזיקער גרייסגאַוואַן (אָדער שגעון) וועט אַמאָל מקוים ווערן, וועט זיך לאָזן זען. אָבער טעמעס האָב איך שוין גענוג. נאָך דער מלחמה וויל איך אומבאַדינגט אַרויסגעבן אַ בוך: ד אָ ס הינטערהויז. צי דאָס וועט זיך מיר איינגעבן, איז נאָך אַ פראַגע, אָבער מיין טאָגבוך איז שוין אַ באַזע דערפאַר. חוץ דעם הינטערהויז האָב איך נאָך אַנדערע אידייען. וועגן דעם וועל איך דיר שרייבן אויספירלעך, ערשט ווען זיי וועלן אָנעמען ממשות־דיקערע פאָרמען.

**דיין אַנאַ.**

שבת, 13. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

נעכטן האָט דער טאַטע געהאַט געבוירנטאָג. דער טאַטע און די מאַמע זענען שוין 19 יאָר פאַרהייראַט. די פרוי וואָס מאַכט ריין איז נישט געווען אונטן און די זון האָט אַזוי געשיינט ווי נאָך קיינמאָל נישט דאָס יאָר. אונדזער קאַשטאַניען־בוים איז אָפּגעשיט מיט צווייט און איז אַסך שענער ווי פאַראַיאָרן. דער טאַטע האָט באַקומען פון קאָפּהויזן לינעוס ביאָגראַפיע; פון קראַלערן אַ בוך פון נאַטור־געשיכטע; פון דיסעל, „אַמסטערדאַם אויפן וואַסער" און פון די וואַן דאַנס אַ גראַנדיעזן פאַרצירטן קויבער, ווי פון דעם בעסטן דעקאָראַטאָר. אין קויבער זענען געווען: דריי אייער, אַ פלאַש ביר, אַ פלאַש יאָהורט און אַ גרין קראַוואַטל. אונדזער סלוי מיט איינגעמאַכטס איז לגבי דעם געווען אַ זייער נעבעכדיקע מתנה. מיינע רויזן האָבן פאַרשפּרייט אַ ווונדערבאַרן ריח, צום אונטערשיד פון מיפּס און עלים נעלקן,

וואָס שמעקן נישט, אָבער זענען זייער שיין. מ'האָט אים צעבאַ־לעוועט. ער האָט באַקומען 50 שטיקלעך צוקער־געבעקס, הערלעך! דער טאַטע האָט געשענקט לעקעכלעך, פאַר די מענער אַ פלאַש ביר און פאַר די פרויען יאָהורט. ס'איז געווען אַ שיינע שמחה!

דיין אַנאַ.

דינסטיק, 16. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

אַזויווי מיר האָבן שוין לאַנג נישט גערעדט דערפון, וויל איך דיר דערציילן פון אַ קליינער דיסקוסיע וואָס איז נעכטן פאָרגע־קומען צווישן הער און פרוי וואַן דאַן.

פרוי וואַן דאַן: „די דייטשן האָבן מין הסתם גוט באַפעסטיקט דעם אַטלאַנטיק־וואַל און זיי וועלן טון אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי אויפצוהאַלטן די ענגלענדער. ווי שטאַרק די דייטשן זענען!“

הער וואַן דאַן: „אַוודאי, שרעקלעך!“

פרוי: „יאָ!“

ער: „די דייטשן וועלן נאָך געווינען די מלחמה, אַזוי שטאַרק זענען זיי“.

זי: „דאָס איז נאָך מעגלעך, איך בין נאָך נישט איבערצייגט פונעם היפוך“.

ער: „איך וועל דיר בעסער נישט מער ענטפערן“.

זי: „דו ענטפערסט דאָך אָבער יאָ, דו קאָנסט דיך נישט איינהאַלטן!“

ער: „אַוודאי, מיין ענטפער האָט נישט קיין ווערט“.

זי: „אָבער די ענטפערסט דאָך יאָ און ווילסט תמיד האָבן רעכט. דיינע נביאות ווערן אָבער נישט מקוים“.

ער, „ביז אַצינד זענען מיינע נביאות געווען ריכטיקע!“

זי: „דאָס איז נישט אמת, ביי דיר איז די אינוואַזיע שוין געווען פאַראיאָרן, מיט פינלאַנד איז שוין געווען שלום, מיט איטאַליע האָסטו נאָך דעם ווינטער געמאַכט אַ סוף און די רוסן האָבן ביי דיר שוין איינגענומען לעמבערג. ניין, איך האַלט נישט פון דיינע נביאות!“

ער: (שטייט אויף) „האַלט שוין אַמאָל דיין גרויסן פּיסק. איך וועל דיר נאָכאַמאָל באַווייזן, אַז איך בין גערעכט. ס'וועט דיר שוין אַמאָל נמאס ווערן, איך קאָן נישט מער הערן דיינע נאַריש־קייטן, זיי רעגן מיך אויף, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!“ — (פאָרהאַנג).

פ. ס.: איך האָב געמוזט שרעקלעך לאַכן, די מאמע אויך. פעטער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן. די נארישע דערוואַקסענע, זיי וואָלטן אַליין געדאַרפט אָנהויבן לערנען, איידער צו געפונען אַזויפיל חסרונות ביי די קינדער.

דיין אנא.

פרייטיק, 19. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

נעכטן האָב איך געהאַט א ביטערן טאָג, איך האָב אויסגעבראָכן דאָס עסן, געהאַט בויך־ווייטיק, דאָס ערגסטע וואָס דו קאָנסט דיר פאָרשטעלן. היינט איז מיר שוין בעסער. איך בין שטאַרק הונגעריק, אָבער די ברוינע פאַסאָליעס וועל איך בעסער נישט עסן. צווישן פעטערן און מיר איז אַלץ אין אָרדענונג; דאָס אָרעמע יינגל נויטיקט זיך מער אין צערטלעכקייט ווי איך. ער ווערט נאָך אַלץ רויט ביי יעדן קוש. ווען מיר געזעגענען זיך, און בעט מיך איך זאָל אים געבן נאָך איינעם. בין איך אפשר א בעסערע שטעלפאַרטרעטערן פון מאַפין? איך האַלט אז דאָס איז נישט שלעכט. ער איז אזוי גליקלעך זינט ער ווייסט, אז עמיצער האָט אים ליב.
נאָך דער דאָזיקער שווערער דעראָבערונג, שטיי איך אביסל איבער דער סיטואַציע, אָבער דו זאָלסט נישט מיינען, אז מיין ליבע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ער איז זייער ליב, אָבער מיין נשמה האָב איך גיך ווידער פאַרשלאָסן. אויב ער וויל ווידער אויפברעכן דעם שלאָס, מוז ער האָבן זייער א האַרט כלי־זיין!

דיין אנא.

שבת, 20. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

ווען איך בין נעכטן אין אָוונט אראָפּגעקומען, האָב איך תיכף געזען, אז די שיינע וואַזע מיט נעלקן איז געלעגן אויף דער ערד. די מאמע האָט געווישט דעם דיל, בעת מארגאָ האָט צוזאַמענגעקליבן מיינע פאַפּירן. — וואָס איז דאָ געשען, האָב

איך געפרעגט מיט מורא, און נישט ווארטנדיק אויף אן ענטפער האָב איך געפרואווט מיר צו מאכן א בילד פונעם שאָדן. מיין גאנצע מאפע פון די יחוס־בריוו, העפטן, ביכער, אלץ איז געשווימען. איך האָב כמעט געוויינט און בין געווען אזוי אויפגערעגט, אז איך קאָן מיך אפילו נישט דערמאנען וואָס איך האָב געזאָגט, אָבער מארגאָ דערציילט אז איך האָב עפּעס געשטאמלט פון „אומדערזעצבארן שאָדן, שוידערהאפט, שרעקלעך, נישט מער גוט צו מאכן!” וכדומה. דער טאטע האָט שטארק געלאכט, די מאמע און מארגאָ אויך, אָבער מיר איז אויסגעקומען צו יאָמערן נאָך דער פארלוירענער צייט און נאָך די זאָרגעוודיק באארבעטע פארצייכענונגען. ווען איך האָב מיך נענטער צוגעקוקט, האָב איך געזען אז דער „ריזיקער שאָדן” איז נישט אזוי גרויס. און האָב צונויפגעזוכט אלע צוזאמענגעקלעפּטע פּאפּירלעך פונעם דיל און זיי צעגומען. דאן האָב איך זיי אויפגעהאָנגען אויפן שטריק, אז זיי זאָלן זיך טרוקענען. ס'איז געווען א קאָמישער אָנבליק און איך האָב דאָ אליין געמוזט לאכן: מאריא דע מעדיצי לעבן קארל דעם 5־טן, ווילהעלם פון אָראניא לעבן מאריא אנטאָנעט.

— דאָס איז ראסן־שאנדע, האָט זיך געוויצלט הער וואן דאן. נאָכדעם ווי איך האָב אָנפארטרויט פּעטערן די השגחה איבער מיינע פּאפּירן, בין איך ווידער אראָפּגעגאנגען.

— וועלכע ביכער זענען קאליע געוואָרן? האָב איך געפרעגט מארגאָן, וואָס האָט קאָנטראָלירט מיין ביכער־אוצר.

— אלגעברע, האָט זי געזאָגט, אָבער צו מיין באדויערן איז דאָס אלגעברע־בוך נישט אינגאנצן קאליע געוואָרן. איך האָב מיר געוווּנטשן, אז ס'זאָל געווען אריינפאלן אין דער וואזע; איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאט אזא ווידערווילן קעגן א ביכל, ווי קעגן דעם אלגעברע־בוך. אויפן ערשטן בלעטל זענען פאראן לכל הפּחות 20 נעמען פון מיידלעך, וואָס זענען געווען די פריערדיקע באזיצערנס, ס'איז אלט, פארגעלט, באשריבן און אסך אויסגעבעסערט. ווען איך וועל אמאָל זיין אויפגערעגט, וועל איך דאָס פּאסקודנע ביכל צערייסן אויף שטיקער!

בײַן אנא.

מאָנטיק, 22. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

דער טאטע האָט דעם 20־טן מאַי פארלוירן פינף פלעשלעך יאהורט אין א געוועט מיט דער פרוי וואן דאן. די אינוואזיע איז באמת נאָך נישט געקומען. איך קאָן רויק זאָגן, אז גאַנץ אמסטער־דאם, גאַנץ נידערלאנד, דער גאנצער אייראָפּעישער מערב־ברעג, ביז אראָפּ קיין שפּאניע, רעדט טאָג ווי נאכט נאָר פון דער אינוואזיע, מען ווערט זיך וועגן דעם... און מען האָפט!

די שפּאנונג שטייגט אומדערטרעגלעך. נישט אלע מענטשן, וואָס מיר האָבן זיי פארעכנט צו די „גוטע" נידערלענדער האָבן אויפגעהערט דעם צוטרוי צו די ענגלענדער, נישט אלע האלטן אז דער ענגלישער בלאָף איז א מייסטערווערק, ניין די מענטשן ווילן אצינד זען מעשים, גרויסע העלדן־טאטן! קיינער זעט נישט ווייטער פון זיין אייגענער נאָז. קיינער טראכט נישט דערצו, אז די ענגלענדער קעמפן פאר זיך און פאר זייער לאנד, און יעדער מיינט, אז זיי זענען פארפליכטעט צו ראטעווען האָלאנד, ווי גיך און ווי גוט ס'איז נאָר מעגלעך. וואָס פארא פארפליכטונגען האָבן דען די ענגלענדער לגבי אונדז. מיט וואָס האָבן זיך די האָלענדער פאר־דינט אזא איידעלע הילף וואָס זיי ווארטן אויף איר אזוי זיכער? די נידערלענדער זאָלן נישט האָבן קיין טעות, די ענגלענדער האָבן, נישט קוקנדיק אויף זייער בלאָף, זיך נישט מער בלאמירט ווי די אנדערע לענדער און לענדלעך, וואָס זענען אצינד אָקופּירט. די ענגלענדער דארפן זיך נישט אנטשולדיקן ביי אונדז ווייל אויך מיר ווארפן זיי פאָר, אז זיי זענען נעשלאָפן די גאנצע צייט ווען דייטשלאנד האָט זיך באוואָפנט, קאָנען מיר אויך נישט לייקענען, אז די אנדערע לענדער, באזונדערס יענע וואָס גרענעצן זיך מיט דייטשלאנד, זענען אויך געשלאָפן. מיט שטרויס־פּאָליטיק קומט מען נישט ווייטער, דאָס האָט אייגעזען ענגלאנד און אויך די גאנצע וועלט, דערפאר מוזן אצינד אלע אליאטן, איינער נאָכן אנדערן און נישט ווייניקער ענגלאנד, ברענגען קרבנות. קיין שום לאנד וועט נישט מקריב זיין זיינע מענער פאר אן אנדער לאנד, אויך נישט ענגלאנד. די אינוואזיע, די באפרייונג, די פרייהייט וועלן קומען, אָבער ענגלאנד און אמעריקע וועלן באשטימען די צייט און נישט די איינוווינער פון די אָקופּירטע לענדער.

צום באדויערן הערן מיר, אז די שטימונג פון אסך מענטשן לגבי אונדז יידן האָט זיך געביטן, אז דער אנטיסעמיטיזם

הערשט אציגד אין קרייזן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געטראכט דערצו. דאָס האָט אונדז געטראָפן זייער טיף. די סיבה פון אָט דער ייִדן=שנאה איז באגרייפלעך, אָבער זי איז א מיספארשטענדעניש. די קריסטן ווארפן פאָר די ייִדן, אז זיי דערנידעריקן זיך צופיל פאר די דייטשן, אז זיי פאראטן זייערע העלפערס, אז אסך קריסטן מוזן ליידן שרעקלעכע שטראָף דורך ייִדן. דאָס אלץ איז אמת, אָבער מיר מוזן באטראכטן, ווי א יעדן עניָן, אויך די צווייטע זייט פון דער מטבע. וואָלטן די קריסטן אויף אונדזער אָרט אנדערש געהאנדלט? צי קאָן דען א מענטש, סיי ייִד, סיי קריסט, בלייבן שטארק ביי די דייטשע מעטאָדן? יעדער ווייסט אז דאָס איז אומעגלעך. פארוואָסזשע פאָדערט מען דאָס אומעגלעכע ביי ייִדן? מען רעדט אין אומלעגאלע קרייזן, אז דייטשע ייִדן, וואָס האָבן עמיגרירט קיין האָלאנד, און זענען אציגד דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פוילן, וועלן נישט מער טאָרן צוריקומען קיין האָלאנד. זיי האָבן געהאט אין האָלאנד אזיל=רעכט, אָבער אז היטלער וועט האָבן א מפּלה וועלן זיי מוזן צוריקפאָרן קיין דייטשלאנד. ווען מען הערט דאָס אלץ, פרעגט מען זיך צוואָס אייגנטלעך ווערט געפירט אָט די לאנגע, שווערע מלחמה? מיר הערן אלץ, אז מיר קעמפן געמיינזאם פאר אמת, פרייהייט און יושר. צי הויבט שוין אָן די שנאה טאקע בעת דעם קאמף, איז דער ייִד ווידער ווייניקער ווי די אנדערע? יאָ, ס'איז טרויריק זייער טרויריק, וואָס דאָס אלטע שפּריכוואָרט איז אויך היינט וואָר: „וואָס איין קריסט טוט, מוז ער אליין פאראנטפערן, וואָס איין ייִד טוט, מוזן אלע פאראנטפערן!“

דעם אמת געזאָגט, קאָן איך נישט פארשטיין, אז האָלענדער, וואָס געהערן צו אָט דעם ערלעכן און אָרנטלעכן פאָלק, זאָלן אונדז אזוי פארורטיילן, זיי זאָלן אזוי פארורטיילן דאָס סאמע גערודפטע, אומגליקלעכע פאָלק צווישן אלע פעלקער פון דער וועלט. איך האָף נאָר איינס, אז די דאָזיקע ייִדן=שנאה וועט זיין א צייטווייליקע און אז די נידערלענדער וועלן ווייזן ווער זיי זענען! אז זייער יושר=געפיל וועט זיי קיינמאָל נישט פארלאָזן, ווייל אנטיסעמיטיזם איז אומיושרדיק!

איך האָב ליב האָלאנד, איך האָב געהאָפט און האָף נאָך אלץ, אז פאר מיר, דער היימלאָזער, וועט דאָס ווערן א היימלאנד. איך האָף נאָך אלץ!

דיין אנא.

דאָנערשטיק, 25. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

יעדער טאָג ברענגט עפּעס נייס. הייגט אײַנדערפרי האָבן זיי ארעסטירט אונדזער ליבן גרינצייג־הענדלער. ער האָט אויסבאהאַלטן צוויי יידן בײַ זיך אין הויז. דאָס איז פאַר אונדז א שווערע קלאַפּ, נישט נאָר דערפאַר ווייל די אָרעמע יידן שטייען אצינד ווידער ביים ראַנד פונעם תהום, נאָר ס'איז אויך שרעקלעך פאַר דעם דאָזיקן מענטשן גופא.

א פאַרקערטע וועלט: אָרענטלעכע מענטשן שיקט מען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס, אין תּפיסות, אין איינצלקעמערלעך, און אויסוואורפן געוועלטיקן איבער אַלט און יונג, אָרעם און רייך? איינער פאַלט אריין צוליב שוואַרץ־האַנדל, א צווייטער — ווייל ער שיצט יידן אָדער אנדערע אויסבאהאַלטענע מענטשן. ווער ס'איז נישט קיין מיטגליד פון די נאַציס, ווייסט נישט וואָס ס'וועט אים ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג. אויך פאַר אונדז איז דער ארעסט פון דעם דאָזיקן מענטשן א שווערער קלאַפּ. די מיידלעך קאָנען נישט און טאָרן נישט ברענגען גרעסערע קוואַנטיטעטן קאַרטאָפל און ס'בלייבט אונדז נאָר איין ברירה, צו עסן ווייניקער. וויאַזוי מיר וועלן דאָס אויסהאַלטן וועסטו נאָך געוואויר ווערן. קיין פאַרגעניגן וועט דאָס בשום אופן נישט זיין. די מאַמע זאָגט, אז מיר וועלן אינדערפרי גאָרנישט עסן, צומיטאָג נאָר קאַשע מיט ברויט, און אָוונט געבראָטענע קאַרטאָפל און אפשר — איינמאָל אָדער צווימאָל א וואָך סאַלאַט אָדער אנדער גרינצייג, מער גאָרנישט. דאָס הייסט, אז מיר וועלן מוזן צוהונגערן; אָבער וואָס ס'זאָל אונדז נישט פעלן, איז בעסער ווי איידער די דייטשן זאָלן אונדז אנטדעקן.

דיין אנא.

פרייטיק, 26. מאַי 1944.

ליבע קיטי!

ענדלעך האַלט איך אַזוי ווייט, אז איך קאָן זיצן רויק בײַ מיין טישעלע לעבן פענצטער, וואָס האָט אַן אָפענע שפּאַרינע, כדי דיר צו שרייבן וועגן אַלץ.

איך פיל מיך אזוי אומגליקלעך, ווי איך בין עס נישט געווען זינט חדשים. אפילו נאָך דער גניבה בין איך נישט געווען אזוי צעבראָכן. פון איין זייט — דער גרינצייג-הענדלער, די יידן פּראַגע, וועגן וועלכער מען רעדט אויספירלעך אין גאַנצן הויז, די אינוואזיע וואָס פּאַרזאַמט זיך. דאָס שלעכטע עסן, די שפּאַנונג, די שלעכטע שטימונג, די אַנטוישונג אין פּעטער, אין פון דער אַנדערער זייט — עלים קנס-מאָל, פאַרווײַלונגען, דער יום-טוב שבועות, בלומען, קראַלערס געבוירנטאָג, טאָרטן און דאָס וואָס זיי דערציילן פון קינאָ, קאַבאַרעט און קאָנצערטן. אָט דער אונטערשיד, דער גרויסער אונטערשיד איז כסדר פאַראַן. איין טאָג לאַכן מיר וועגן די קאָמישע מאָמענטן פון אונדזער סיטואַציע אַלס אויסבאַהאַלטענע, דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר מורא און אָפּט קאָן מען דעם פּחד, די געשפּאַנטקייט און די פאַרצווייפלונג לייענען אויף אונדזערע פּנימער. מיפּ און קראַלער טראָגן די שווערסטע לאַסט פאַר אונדז. מיפּ מיט איר אַרבעט און קראַלער, וועמען די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערדריקט צומאָל און וועלכער קאָן אַסך מאָל קוים רעדן פון נערוועזקייט און אויפרעגונג. קאָפּהויס און עלי זאָרגן אויך כסדר פאַר אונדז, זיי קאָנען אָבער אַמאָל אויך פאַרגעסן אָן דעם הינטערהויז, ווען אפילו נאָר אויף עטלעכע שעה, אויף איינעם אָדער צוויי טעג. זיי האָבן זייערע אייגענע זאָרגן. קאָפּהויס מיט זיין געזונט, עלי מיט איר קנס-מאָל, אָבער חוץ די דאָזיקע זאָרגן האָבן זיי זייערע פאַרגעניגנס, זייער איינן לעבן, וואָס פאַרלויפט ווי געוויינטלעך. זיי קאָנען דאָך אַמאָל אויסמיידן די שפּאַנונג, ווען אפילו נאָר פאַר א קורצער צייט, אונדז אָבער פאַרלאָזט זי קיינמאָל נישט. צוויי יאָר געדויערט דאָס שוין און ווי לאַנג קאָנען מיר נאָך אויסהאַלטן אָט די שווערע דערדריקנדיקע שטימונג, וואָס האַלט אין איין וואַקסן און ווערט אומדערטרעגלעך.

די קאַנאַליזאַציע איז פאַרשטאָפּט; ס'טאָר נישט רינען קיין וואַסער נאָר טראָפּנווייז. מיר טאָרן נישט באַנוצן דאָס טואַלעטצימער, נאָר אויב מיר נעמען מיט א באַרשט, דאָס שמוציקע וואַסער האַלטן מיר אין איינעם פון די גרויסע סלויעס. היינט גייט דאָס נאָך, אָבער וואָס וועט זיין אז דער אינסטאַלאַטאָר וועט דאָס נישט קאָנען פאַריכטן? דער שטאָטישער קאַנאַלדינסט קומט ערשט די אַנדערע וואָך.

מיפּ האָט אונדז געשיקט א קוכן מיט ראָזשינקעס, מיט דער אויפשריפט „פרייליכע שבועות“! ס'קלינגט כמעט ווי חוזק. אונדזער שטימונג און פּחד זענען גאָרנישט „פריילעך“. זינט

מ'האָט ארעסטירט דעם גרינצייג־הענדלער לעבן מיר ווידער מער אין פּחד. פון אלע זייטן הערט מען „פּס, פּס", און אלץ ווערט געטון שטילער. דאָרט האָט די פּאָליציי אויפגעבראָכן די טיר, זעגען מיר, הייסט עס, אויך נישט באוואָרנט קעגן דעם. ווען ס'זאָל ביי אונדז אויך איינמאָל... ניין, איך וויל דאָס אפילו נישט שרייבן, אָבער די דאָזיקע פראגע לאָזט זיך היינט נישט פארשווייגן, פארקערט: דער פּחד, וואָס איך האָב איינמאָל דורכגעמאכט, שטייט ווידער פאר מיר אין זיין גאנצער גרויזאמקייט.

אכט אזייגער אין אָוונט האָב איך געמוזט אליין אראָפּגיין אין טואלעט־צימער. אונטן איז קיינער נישט געווען, אלע זענען געזעסן ביים ראדיאָ. איך האָב געוואָלט זיין מוטיק, אָבער דאָס איז מיר זייער שווער אָנגעקומען. איך פיל מיך דאָ אויבן נאָך אלץ זיכערער ווי אונטן, אליין אין דעם גרויסן שטילן הויז. אליין מיט די סודותדיקע גערוישן פון אויבן און מיט דעם געפּילדער פון די אויטאָס אויף דער גאס. איך ציטער, ווען איך אליין איין מיך נישט און טראכט צופיל וועגן דער לאגע. איך פרעג מיך כסדר צי ס'וואָלט נישט געווען בעסער פאר אונדז, ווען מיר וואָלטן זיך נישט געווען אויסבאהאלטן, ווען מיר וואָלטן אצינד געווען טויט און נישט געדארפט מיטמאכן די אלע צרות. אזוי ארום וואָלטן אונדזערע באשיצער נישט געווען אין געפאר. אָבער אויך פאר אָט דעם געדאנק ווערן מיר אלע אויפגעציטערט, מיר האָבן ליב דאָס לעבן, מיר האָבן נאָך נישט פארגעסן די שטימע פון דער נאטור, מיר האָפן נאָך, מיר האָפן נאָך אויף גוטע צייטן און הלוואי וואָלט שוין עפּעס געשען, זאָל מען אפילו שיסן; דאָס קאָן אונדז אויך נישט מער דערדריקן ווי די אומזיכערקייט. זאָל שוין קומען א סוף, ווי ביטער ער זאָל נישט זיין, דאן וועלן מיר כאָטש וויסן צי מיר זיגן, צי מיר גייען אונטער.

דיין אנא.

מיטוואָך, 31. מאי 1944.

ליבע קיטי!

שבת, זונטיק, מאָנטיק און דינסטיק איז געווען אזוי ווארעם, אז איך האָב פּשוט נישט געקאָנט האלטן די פּען אין דער האנט; ס'איז מיר געווען אומעגלעך דיר צו שרייבן. פרייטיק איז די קאנאליזאציע ווידער קאליע געוואָרן און שבת האָט מען זי

פאַריכט. בייטאָג האָט אונדז באַזוכט די פרוי קאָפּהויס און האָט אונדז אַסך דערציילט פון קאַרין, אַז זי איז איינגעם מיט יאָפּין אין האָקיי־קלוב. זונטיק איז געקומען עלי, כדי צו זען צי ס'האָבן זיך ווידער נישט אַריינגעריסן קיין גנבים און איז ביי אונדז געבליבן צום פרישטיק. מאָנטיק (צווייטער טאָג שבועות) האָט הענק וואַן סאַנטן געהאַט דינסט אַלס וועכטער פון דער באַהעלטעניש און דינסטיק האָבן מיר ענדלעך געמעגט עפענען אַביסל דאָס פענצטער. אַזאַ שיינעם וואַרעמען שבועות האָבן מיר זעלטן געהאַט. די היץ, איז דאָ, אין הינטערהויז, אַ שרעקלעכע. איך וועל דיר קורץ באַשרייבן די הייסע טעג, כדי דו זאָלסט דיר מאַכן אַ בילד. שבת: „הערלעך, ס'אַזאַ שיין וועטער!" האָט מען געזאָגט אינדערפרי; ווען ס'זאָל גאָר נישט זיין אַזוי הייס!" האָט מען געזאָגט צום מיטאָג, ווען מען האָט געמוזט פאַרמאַכן די פענצטער.

זונטיק: „די היץ איז נישט אַריבערצוטראָגן. די פּוטער צעטאָפּעט זיך, ס'איז נישט פאַראַן קיין קיל ווינקל אין הויז, דאָס ברויט ווערט פאַרטרוקנט, די מילך ווערט זויער, מען טאָר נישט עפענען קיין פענצטער. מיר, אָרעמע פאַרשטויסענע מענטשן, זיצן דאָ און ווערן דערשטיקט, בעת אַנדערע מענטשן האָבן הנאָה פונעם שבועות".

מאָנטיק: ס'טוען מיר אַזוי וויי די פיס, איך האָב נישט קיין דינע קליידער אָנצוטון, אין דער היץ קאָן איך נישט וואַשן קיין געשיר". אַזוי זאָגט די פרוי וואַן דאַן. ס'איז געווען שווער. איך פאַרטראָג אויך נישט די היץ און איך בין צופרידן, וואָס הייגט בלאָזט אַ ווינטל און ס'שיינט דאָך די זון.

דיין אַנאַ.

מאָנטיק, 5. יוני 1944.

ליבע קיטי!

נייע צרות אין הינטערהויז: אַ שטרייט צווישן אונדז און דיסעל וועגן גאָרנישט. די פאַרטיילונג פון פּוטער. דיסעל האָט קאַפּיטולירט. גרויסע פריינטשאַפט צווישן אים און פרוי וואַן דאַן. פלירטן, קושן, ליבעשמייכעלער; דיסעל באַקומט פרילינגס־געפילן.

די פינפטע אַרמיי האָט איינגענומען רוים. די שטאָט איז נישט פאַרוויסט און נישט באָמבאַרדירט געוואָרן.

ווייניק גרינצייג און קארטאָפל. שלעכט וועטער. דויערנדיקע שווערע באָמבארדאמענטן אויף פּאַ-דע-קאלע און אויפן פראנצויזישן ברעג.

דיין אנא.

דינסטיק, 6. יוני 1944.

ליבע קיטי!

„This is D.-day“ האָט צוועלף אזייגער געמאָלדן דער ענגלישער ראדיאָ און מיט רעכט! דאָס איז דער טאָג. די אינוואזיע האָט אָנגעהויבן: אכט אזייגער אינדערפרי האָבן געמאָלדן די ענגלענדער: שווערע באָמבארדאמענטן אויף קאלע, בולאָניע, ל'האוור און שערבור, ווי אויך אויף פּאַ-דע-קאלע (ווי געוויינטלעך!) ווייטער: זיכערקייטס מאָססמיטלען פאר אלע איינוווינער פון די אָקופּירטע לענדער: אלע מענטשן, וואָס וווינען אין דער זאָנע, 35 קילאָמעטער פונעם ברעג, מוזן זיך צוגרייטן פאר באָמבארדאמענטן. אויב ס'וועט זיין מעגלעך, וועלן די ענגלענדער מיט א שעה פריער אראָפּווארפן פלוג-בלעטער.

לויט דייטשע מעלדונגען, האָבן ענגלישע פאראשוטיסטן געלאנדעט אויפן פראנצויזישן ברעג. בי-בי-סי מעלדעט: „דער דייטשער פלאָט איז אין קאמף מיט ענגלישע לאנדונג-שיפן“.

א דיסקוסיע אין הינטערהויז, ניין אזייגער ביים פרישטיק:

איז דאָס א פּראָבע-לאנדונג ווי צוריק מיט צוויי יאָר ביי דיעפּ? צען אזייגער ענגלישע זענדונגען אין דייטש, האָלענדיש, פראנצויזיש און אין אנדערע שפראכן: „די אינוואזיע האָט אָנגעהויבן! הייסט עס די „אמתע אינוואזיע“. די ענגלישע מעלדונג פון עלף אזייגער אין דייטשער שפראך: רעדט פונעם אויבערקאָמאנדיר גענעראל דווייט אייזענהאוער. די ענגלישע זענדונגען אין ענגלישער שפראך פון צוועלף אזייגער“.

גענעראל אייזענהאוער רעדט צום פראנצויזישן פאָלק: „אצינד וועלן זיין שווערע קאמפן. אָבער נאָך זיי וועט קומען דער זיג. אין א גוטער און מזלדיקער שעה!“.

ענגלישע זענדונגען פון איינס אזייגער: עלף טויזנט אוויאָנען שטייען גרייט און פליען אומויפהערלעך הין און צוריק, כדי צו לאנדן טרופּן און כדי צו באָמבארדירן דאָס הינטערלאנד. פיר

טויזנט לאנדונגס־שיפן ברענגען כסדר טרופן און מאטעריאל צום ברעג צווישן שערבור און ל'האוור. ענגלישע און אמעריקאנישע טרופן זענען שוין פארוויקלט אין שווערע קאמפן. רעדעס פון גערבראנדי, פונעם בעלגישן פרעמיער, פון נאָרוועגישן קיניג האקאָן, פון דע גאָל אין נאָמען פון פראנקרייך, פונעם ענגלישן קיניג און פון טשערטשיל.

דאָס הינטערהויז איז פארשיכורט. זאָל טאקע באמת זיך דערנענטערן די לאנג דערווארטע באפרייונג, די באפרייונג פון וועלכער מ'האָט אזויפיל גערעדט, וועלכע איז אָבער צו שיין, צו פאנטאסטיש, כדי צו ווערן א ווירקלעכקייט? צי וועט דאָס יאָר 1944 אונדז ברענגען דעם זיג? מיר ווייסן דאָס נאָך נישט, אָבער די האָפענונג באלעבט אונדז, גיט אונדז ווידער מוט, מאכט אונדז ווידער שטארק. מוטיק מוזן מיר אריבערטראָגן דעם פחד, דעם מאנגל, די ליידן. אצינד, הייסט עס, בלייבן רויק און שטארק. מער ווי תמיד דארפן מיר צונויפבייסן די ציין, כדי נישט צו שרייען. שרייען פון אומגליק מעגן פראנקרייך, רוסלאנד, איטאליע, און אויך דייטשלאנד, אָבער מיר האָבן נאָך נישט קיין רעכט דערצו!

אָ, קיטי, דאָס שענסטע איז, וואָס איך האָב דאָס געפיל, אז ס'דערנענטערן זיך פריינט. די שרעקלעכע דייטשן האָבן אונדז אזוי לאנג אונטערדריקט און געהאלטן דאָס מעסער ביים האלדז, אז נאָר דער געדאנק, וואָס מיר האָבן פריינט און ס'דערנענטערט זיך די רעטונג, גיט אונדז ווידער בטחון! איצט איז נישט מער די רייר פון יידן, איצט איז דאָס א זאך פון האָלאנד און פון גאנץ אייראָפע.

מארגאָ זאָגט, אז אין סעפטעמבער אָדער אָקטאָבער וועל איך אפשר ווידער קאָנען גיין אין שול אריין!

דיין אנא.

פּ. ס.: איך וועל דיר תמיד מיטיילן די נייעסטע ידיעות:

ביינאכט און קאיאָר האָבן געלאנדעט הינטער די דייטשע ליניעס פופן פון שטרוי און האָבן אויפגעריסן ווי נאָר זיי האָבן אנגערירט די ערד. אויך אסך פאראשוטיסטן האָבן געלאנדעט; זיי זענען געווען אָנגעטון אין שווארץ, כדי מען זאָל זיי נישט זען ביינאכט. זיבן אזייגער אינדערפרי האָבן געלאנדעט די ערשטע אויטאָס, נאָכדעם ווי מ'האָט ביינאכט באָמבארדירט דעם ברעג מיט פינף מיליאָן קג. באָמבעס. צוואנציק טויזנט אוויאָנען זענען

הײנט געװען און אקציע. בעת דער לאנדונג האָבן די דײטשע ברעג־באַטעריעס נישט מער אָנטײל גענומען אין קאמף. עס איז געשאפן געװאָרן א קלײנער בריקן־קאָפּ. כאָטש דאָס װעטער איז שלעכט, גײט אלץ גוט צו. די ארמײ און דאָס פאָלק זענען: „One will and one Lope“.

פרײטיק, 9. יוני 1944.

ליבע קיטי!

די אינװאזיע גײט אױסגעצײכנט, די אליאטן האָבן אײנגענומען באיע, א דאָרף אױפן פראנצױזישן ברעג און אצינד קעמפן זײ פאר קאן. ס'איז קלאָר אז די כװנה איז אָפּצושנײדן דעם האלב־אינדזל אױף װעלכן ס'ליגט שערבור. יעדן אָװנט דערצײלן די מיליטער־קאָרעספּאָנדענטן פון די שװעריקײטן, פון דעם מוט און באגײסטערונג אין דער ארמײ; זײ רעדן פון אומפארגלײכלעכע לײסטונגען. ס'האָבן אױך גערעדט פארװונדעטע, װאָס זענען צוריקגעקומען קײן ענגלאנד. טראָץ דעם שלעכטן װעטער פליט מען פלײסיק. פון בי־בי־סי האָבן מיר געהערט אז טשערטשיל האָט געװאָלט מיטמאכן די אינװאזיע אײנגעם מיט די טרופּן. אָבער לױט דער עצה פון אײזענהאַוער און פון אנדערע גענעראלן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. טראכט נאָר װאָס פאר א מוט פין אן אלטן מאן, ער איז דאָך זיכער א זיבעציקער!

דאָ איז די אױפרעגונג אביסל קלענער געװאָרן. מיר האָפן דאָך, אז די מלחמה װעט זיך דאָס יאָר ענדיקן. ס'איז שױן צײט! די פּלאפּלערײ פון דער פרוי װאן דאן איז נישט מער צום אריבערטראָגן. אזױװי זי קאָן אונדז נישט מער משוגע מאכן מיט דער אינװאזיע, נודיעט זי א גאנצן טאָג מיטן שלעכטן װעטער. איך װאָלט חשק געהאט זי ארײנצוזעצן אין אן עמער מיט קאלטן װאסער.

דאָס גאנצע הינטערהױז, חוץ הער װאן דאן און פּעטער, האָט געלײענט די טרילאָגיע „די אונגארישע ראפּסאָדיע“. דאָס בוך באהאנדלט די לעבנס־געשיכטע פונעם קאָמפּאָזיטאָר און קלאװיר־װירטואָז, פראנץ ליסט. דאָס בוך איז זײער אינטערעסאנט, אָבער איך האלט, אז מ'רעדט אביסל צופיל פון פרױען. ליסט איז געװען צו זײן צײט נישט נאָר דער גרעסטער און סאמע באקאנטסטער פיאניסט, נאָר אױך דער גרעסטער דאָן זשואן ביז צו די

זיבעציק יאָר. ער האָט געלעבט מיט מארי ד'אגו, מיט דער פירשטן קאראָלינע פאָן וויטגענשטיין, מיט דער טענצערן לאָלא מאָנטעז, מיט דער פיאניסטקע אגנעס קינגסוואָרם און מיט סאָפי מאָנטע, מיט דער טשערקעסן־פירשטן אָלגא יאנינא, מיט דער באראָנעסע אָלגא מאייענדאָרף, מיט דער שוישפילערן לילא... איך וויים נישט וויאזוי זי הייסט, א. אז. וו., א. אז. וו. דאָס נעמט נישט קיין סוף! דאָרט ווו ס'ווערט גערעדט פון מוזיק און פון אנדערער קונסט, איז דאָס ביכל אסך אינטערעסאנטער. ס'קומען פאָר: שומאן, קלארא וויק, העקטאָר בערליאָז, יאָהאנעס בראמס, בעטהאָווען, יאאָכים. ריכארד וואגנער, האנס פאָן בילאָוו, „אנטאָן רובינשטיין, פרעדעריק שאָפען, וויקטאָר הוגאָ, האָנאָרע דע באלזאק, הילער, הומעל, טשערני, ראָסיני, כערוביני, פאגאניני, מענדעלזאָן און אסך אנדערע.

ליסט אליין איז געווען א פיינער מאן. זייער ברייטהארציק, באשיידן, אָבער שרעקלעך איידל. ער האָט יעדן געהאָלפן, האָט נישט געוווסט פון קיין העכערס ווי קונסט, ער האָט שטארק ליב געהאט קאָניאק און פרויען, ער האָט נישט געקאָנט צוקוקן ווי עמיצער וויינט, איז געווען א דזשענטעלמען, וואָס האָט קיינעם גאָרנישט אָפּגעזאָגט. ער איז נישט געווען קיין געלט־מענטש, ער איז געווען וועלטלעך און פאר רעליגיעזער פרייהייט.

דיין אנא.

דינסטיק, 13. יוני 1944.

ליבע קיטי!

ס'איז ווידער אריבער מיין געבוירנטאָג, אצינד בין איך אלט 15 יאָר. איך האָב באקומען שיינע מתנות: פינף בענד שפרינגערס קונסט־געשיכטע, א גארניטור אונטערוועש, צוויי גארטלען, א נאָזטיכל, צוויי פלעשער יאהורט, א סלוי איינגעמאכטס, א לעקער פון טאטע־מאמע, פון מארגאָ א בראנזלעט פון דובלע. נאָך א ביכל פון די וואן דאנס, ביאָ־מאלץ פון דיסעל, זיסווארג און העפטן פון מיפּ און עלין, און דער עיקר דאָס בוך „מאריא טערעזא" און דריי רעפטלעך פעטן קעז פון קראלערן, פון פעטערן א שיינעם בוקעט רויזן; דאָס אָרעמע ייגנגל האָט זיך אזוי באמיט עפּעס צו געפונען, אָבער ס'איז אים נישט געלונגען.

די אינוואזיע גייט ווייטער אויסגעצייכנט, טראָץ דעם שלעכטן וועטער, די שרעקלעכע שטורעם-ווינטן און דעם רעגן אויפן ים.

טשערטשיל, סמאטס, אייזענהאוער און ארנאָלד, זענען נעכטן געווען אין די פראנצויזישע דערפער, וואָס די ענגלענדער האָבן דעראָבערט און באפרייט. טשערטשיל איז געווען אין א טאָרפעדאָ-שיף, וואָס האָט געשאָסן צום ברעג. ס'ווייזט אויס אז ער ווייסט אויך נישט פון קיין מורא.

וועגן דער שטימונג און האָלאנד איז שווער זיך צו דערוויסן אין אונדזער באהעלטעניש. בלי ספק זענען די מענטשן צופרידן, וואָס ענגלאנד, וועלכעס איז געשטאנען מיט פארלייגטע הענט (!) האָט זיך סוף כל סוף גענומען צו דער ארבעט. מען מוז גוט דורכטרייסלען יעדן איינעם וואָס האָט פיינט די דייטשן אָבער וואָס קוקט דאָך פון אויבן אראָפּ אויף די ענגלענדער און זידלט זיי און רופט זיי אָן די אלטע-הערן-רעגירונג, און האלט זיי פאר פחדנים. אפשר וועלן זיך אָפּקילן די צעהיצטע מוחות.

דיין אנא.

מיטוואָך, 14. יוני 1944.

ליבע קיטי!

אסך ווונטשן, אסך געדאנקען, אסך באשולדיקונגען און אסך פאָרווורפן שווירבלען ארום אין מיין קאָפּ. איך האלט באמת נישט אזויפיל פון מיר, ווי אסך מיינען; איך קען בעסער מיינע אומצאָליקע פעלער און חסרונות ווי יעדער אנדערער, נאָר דער חילוק איז, וואָס איך ווייס אויך, אז איך וויל מיך בעסערן, און אז איך האָב מיך שוין אסך געבעסערט. איך פרעג מיך אסך מאָל פון וואנעט ס'נעמט זיך, וואָס יעדער האלט מיך פאר איינגעבילדעט און פאר אומבאשיידן. בין איך באמת אזוי איינגעבילדעט? בין איך באמת אזוי, צי אפשר זענען עס אויך די אנדערע? ס'קלינגט משונה, איך באמערק דאָס, אָבער איך מעק פאָרט נישט אויס דעם לעצטן זאַץ, ווייל ער איז גאָרנישט אזוי משונהדיק. פרוי וואן דאן, מיין הויפט-באשולדיקער, איז ווי באקאנט נישט קיין בר שכל, מיר מעגן רויק זאָגן, א נ א ר. נארישע מענטשן קאָנען געוויינטלעך נישט לײַדן, אז אנדערע ווייסן מער פון זיי.

די פרוי וואן דאן האלט מיך פאר א נאר, ווייל איך בין נישט אזוי נאריש ווי זי, זי האלט מיך פאר אומבאשיידן, ווייל זי איז אסך אומבאשיידענער פון מיר, זי האלט אז מיינע קליידער זענען צו קורץ, ווייל אירע זענען אסך קורצער, זי האלט מיך פאר אן „אלץ=וויסער“, ווייל זי רעדט צוויימאָל אזויפיל וועגן זאכן, פון וועלכע זי האָט נישט קיין אנונג. מיין ליבסט ווערטל איז: „אין יעדן פאָרוואורף איז פאראַן א קערנדל אמת“.

אזוי ארום וועל איך אָנערקענען, אז צומאָל רעד איך מיר טאקע איין, אז איך וויים אלץ. די צרה איז, וואָס קיין מענטש מוסרט מיך נישט און קריטיזירט מיך נישט אזויפיל ווי איך אליין. ווען די מאמע גיט נאָך צו אירע עצות, ווערט דער בארג פון מוסר אזוי הויך, אז פון גרויס פארצווייפלונג ווער איך חוצפהדיק און דאן קומט פון זיך אליין דאָס אלטע באקאנטע אנאָ ווערטל: „מיך פארשטייט קיינער נישט!“ דאָס דאָזיקע וואָרט שטעקט אין מיר — און אפילו ס׳ווייזט זיך אוים נישט וואָר, איז דאָך פאראַן אין דעם א קערנדל אמת. מיינע זעלבסטבאשולדיקונגען ווערן צומאָל אזוי גרוים, אז איך גאר נאָך א טרייסטוואָרט, וואָס זאָל אלץ אומקערן צו א נאָרמאלן צושטאנד, וואָס זאָל זיך באשעפטיקן אויך מיט דעם, וואָס מאטערט מיין נשמה. אָבער צום באדויערן זוך איך אומזיסט אזא מין טרייסט=וואָרט. איך וויים, אז דו טראכסט אצינד צו פעטערן, אמת, קיטי? יאָ. פעטער האָט מיך ליב. נישט אלס פארליבטער, נאָר אלס חבר. זיין צונייגונג וואקסט פון טאָג צו טאָג, אָבער דאָס סודתדיקע, וואָס האמעוועט אונדז ביידע, פארשטיי איך אליין נישט. צומאָל טראכט איך, אז מיין שטארקע בענקשאפט צו אים איז איבערגעטריבן; דאָס איז אָבער נישט אמת, ווייל אז איך גיי צוויי טעג נישט ארויף, בענק איך נאָך אים מער ווי תמיד. פעטער איז ליב און גוט, אָבער איך טאָר נישט לייקענען, אז אין אסך זאכן האָט ער מיך אנטוישט. קודם כל זיין באציונג צו רעליגיע, זיין רעדן וועגן עסן און נאָך אסך אנדערע זאכן געפעלן מיר נישט. פונדעסטוועגן בין איך איבערצייגט, אז לויט אונדזער אָפמאך וועלן מיר זיך קיינמאָל נישט קריגן. פעטער איז א רודף=שלום. געדולדיק און נאָכגיביק, ער הערט זיך צו צו מיינע רייד, ניכער ווי צו זיין מוטערס רייד. ער פרווט עקשנותדיק צו האלטן אין אָרדענונג זיינע ענינים. פארוואָס אנטפלעקט ער נישט זיין נשמה, פארוואָס קאָן איך אים נישט דערגרונטעווען? ער איז אסך פארשלאָסענער פון מיר, דאָס איז אמת, אָבער איך וויים פון דערפארונג, אז אפילו די פארשלאָסנסטע מענטשן בענקען

צומאָל צו א נאָענטן מענטשן. פעטער און איך האָבן אונדזערע יאָרן פון טראכטן פארבראכט אין הינטערהויז; מיר רעדן אָפט וועגן פארגאנגענהייט, קעגנווארט און צוקונפט; אָבער ווי געזאָגט, פעלט מיר דאָס אמתע וואָרט; כאָטש איך ווייס זיכער, אז ס'איז פאראן.

דײַן אנא.

דאָנערשטיק, 15. יוני 1944.

ליבע קיטי!

צי האָב איך מער ליב באקומען די נאטור, ווייל איך בין שוין אזוי לאנג נישט געווען אינדרויסן? איך געדענק נאָך זייער גוט, אז א בלויער הימל, זינגענדיקע פייגל, בליענדיקע בלומען און לבנה-שיין האָבן מיך פריער נישט געקאָנט פארכאפן. איצט איז אנדערש. שבועות־צייט, למשל, ווען ס'איז געווען אזוי ווארעם, האָב איך קוים אָפן געהאלטן די אויגן ביז האלב צוועלף אזויגער, כדי איינמאָל א קוק צו טון דורכן פענצטער, צו דער לבנה. צום באדויערן איז מיין קרבן געווען אומזיסט. די לבנה האָט געשיינט אזוי שטארק, אז איך האָב מורא געהאט צו עפענען די פענצטער. אן אנדערטמאָל, צוריק מיט עטלעכע חדשים, בין איך צופעליק געווען אָוונטצייט, אויבן ווען דאָס פענצטער איז געשטאנען אָפן. איך בין נישט אראָפּגעגאנגען אזוי לאנג ווי מ'האָט געלופטערט. דער טונקלער רעגנערישער אָוונט, דער שטורעם, די יאָגנדיקע כמארעס האָבן מיך צוגעקאָוועט; נאָך אנדערטהאלבן יאָר האָב איך ווידער געזען די נאטור פנים אל פנים, אין יענעם אָוונט איז דער ווונטש נאָכאמאָל צו זען די נאטור געווען שטארקער ווי דער פחד פאר די שטשורעס און פאר גנבים. איך בין גאנץ אליין אראָפּגעגאנגען און האָב ארויסגעקוקט דורכן פענצטער פונעם פריוואט־ביוראָ אָדער פון דער קיך. אסך מענטשן האָבן ליב די נאטור, אסך שלאָפן צומאָל אונטער פרייען הימל, אסך בענקען אין תפיסות און שפיטאָלן נאָך דעם טאָג, ווען זיי וועלן קאָנען ווידער געניסן די פרייע נאטור, אָבער ווייניק מענטשן זענען אזוי אָפּגעשלאָסן און איזאָלירט מיט זייער בענקשאפט פון דעם, וואָס געהערט אונדז אלע, אָרעם צי רייך. ס'איז נישט קיין איינגערעדטע זאך, אז דאָס באטראכטן דעם הימל, די כמארעס, די לבנה און די שטערן, בארויקט מיך און

פולט מיך אָן מיט דערוואַרטונג. דאָס דאָזיקע מיטל איז בעסער ווי וואַלעריאַן און בראָם; די נאַטור מאַכט מיך הכנעהדיק און גרייט לייכטער אַריבערצוטראָגן די צרות.

ס'האָט לײדער געמוזט געשען אַזוי, אַז איך זאָל זען די נאַטור — און אויך דאָס נאָר זעלטן — דורך שמוציקע פענצטער און פאַרשטויבטע פירהענגלעך. אַזוי זי צו זען איז באמת נישט קיין פאַרגעניגן, ווייל קיינער האָט נישט אַזוי פיינט קיין סוראָגאַטן ווי די נאַטור.

דיין אנא.

פרייטיק, 16. יוני 1944.

ליבע קיטי!

נייע פּראָבלעמען! פרוי וואַן דאַן איז פאַרצווייפלט, רעדט פון: אַ קויל אין די שלייפן, תפיסה, זיך אויפצוהענגען און זעלבסט־מאָרד.

זי איז אייפערזיכטיק וואָס פּעטער פאַרטרויט מיר און נישט איר. זי איז באַליידיקט וואָס דיסעל רעאַגירט נישט גענוג אויף אירע פלירטן, זי האָט מורא, אַז איר מאַן וועט פאַרוויכערן דאָס גאַנצע געלט פון איר פעלץ־מאַנטל, זי קריגט זיך, זידלט, וויינט, באַקלאָגט זיך, לאַכט, און הייבט זיך ווידער אָן צו קריגן. וואָס טוט מען מיט אַזאַ מין נאַרישער מטורפער בריה? קיינער נעמט זי נישט ערנסט. זי האָט נישט קיין כאַראַקטער, באַקלאָגט זיך פאַר יעדן און לויפט אַרום ווי אַ צעדרייטע. דאָס ערגסטע איז, וואָס פּעטער איז אַן עזות־פּנים, הער וואַן דאַן איז אין כעס און די מאַמע ווערט ציניש. איז דאָס אַ צושטאַנד! דאָ איז פאַראַן נאָר איין כלל, וואָס דו מוזט אים תמיד האַלטן פאַר די אויגן; לאַך פון אַלץ און לאָז דיך פון קיינעם נישט שטערן! ס'זעט אויס עגאָיסטיש, אין דער אמתן איז דאָס די איינציקע רפואה פאַר די וואָס מוזן זיך אַליין טרייסטן.

קראַלער האָט ווידער באַקומען אַן איינלאַדונג אויף 4 וואָכן צו גיין גראָבן. ער פּרוּווט זיך צו באַפרייען מיט אַן אַטעסטאַט פון עם דאָקטער און מיט אַ בריוו פון דער פירמע. קאָפּהויס דאַרף זיך ווידער אָפּערירן דעם מאָגן. נעכטן עלף אַזייגער האָט מען אָפּגע־שניטן אַלע פּריוואַט־טעלעפאָנען.

דיין אנא.

פרייטיק, 23. יוני 1944.

ליבע קיטי!

דאָ איז גאָרנישט באַזונדערס פאָרגעקומען! די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן דעם גרויסן אָנגריף אויף שערבור. פים און וואַן דאַן מיינען, אז ביז דעם 10-טן אָקטאָבער וועלן מיר זיין פריי! די רוסן נעמען אָנטייל אין דער אקציע און האָבן אָנגעהויבן די אָפענסיווע ביי וויטעבסק, פונקט אין דעם טאָג ווען ס'זענען געוואָרן דריי יאָר זינט די דייטשן זענען אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד.

מיר האָבן שוין כמעט ניט מער קיין קאַרטאָפל; פון היינט אָן ווילן מיר זיי אָפּציילן און זיי פארטיילן צווישן אונדז אכט; אזוי ארום וועט יעדער וויסן וויאזוי זיך איינצוטיילן.

דיין אנא.

דינסטיק, 27. יוני 1944.

ליבע קיטי!

די שטימונג איז א געהויבענע, ס'גייט אויסגעצייכנט. שערבור, וויטעבסק, און זלאָבין זענען היינט געפאלן; אסך טראָפייען און געפאנגענע; ביי שערבור זענען געפאלן פינף דייטשע גענעראלן און צוויי האָט מען גענומען געפאנגען. אצינד קאָנען די ענגלענדער ברענגען וואָס זיי ווילן, ווייל זיי האָבן א האפן. דער גאנצער האלב-אינדזל קאטאנטאָן איז נאָך דריי וואָכן קאמף אין די הענט פון די ענגלענדער, אן אומגעהייערע לייסטונג, און דריי וואָכן זינט דעם טאָג פון דער לאנדונג, האָט אלץ גערעגנט און געשטורעמט, אי דאָ, אי אין פראנקרייך, אָבער דאָס שלימזל האלט ניט אָפּ די ענגלענדער און אמעריקאנער צו באווייזן זייער ריזיקן כוח און נאָך וויאזוי צו באווייזן! דער „וואונדערוואָפן" איז טאקע אין פולער אקציע, אָבער וואָס באטייטן שוין אזעלכע ראקעטעס, מער ווי א קליינער שאָדן אין ענגלאנד און פולע צייטונגען ביי די „מאָפן"*. אגב אז מ'וועט אין „מאָפ-

* מאָפן — א זידל נאָמען פאר די דייטשן. (איבערזעצער).

ריקא״ הערן אז די „באָלשעוויסטישע געפאר״ דערנענטערט זיך וועלן זיי נאָך מער ציטערן.

אלע דייטשע פרויען און קינדער וואָס קאָנען נישט ארבעטן פאר דער ווערמאכט, ווערן עוואקוירט פונעם ברעג־געביט קיין גראנינגען, פריזלאנד און געלדער־לאנד. מוסערט* האָט דער־קלערט אז ער וועט אָנטון דעם מונדיר אויב די אינוואזיע וועט זיך דערנענטערן. וויל דאָס גראָבע נפש אפשר קעמפן? דאָס האָט ער געקאָנט שוין פריער טון אין רוסלאנד. פינלאנד האָט בשעתו צוריק־געוויזן דעם פרידנס־אָנגעבאָט, אצינד אָבער זענען די אונטערהאנדלונגען איבערגעריסן געוואָרן. ס'וועט זיי באנג טון, די נארישע קעפ!

ווי מיינסטו, ווי ווייט וועלן מיר זיין דעם 27־טן יולי?

דיין אנא.

פרייטיק, 30. יוני 1944.

ליבע קיטי!

שלעכט וועטער אָדער **fad weather at a stretch to the 30 th of Iunie איז דאָס ריכטיק? איך קאָן שוין גאנץ גוט ענגליש איך לייען שוין, למשל, דעם „אידעאלן מאן״ (מיט א ווערטערבוך). די מלחמה גייט אויסגעצייכנט. באָברויסק, מאָגילעוו און ווארשע זענען געפאלן, אסך געפאנגענע. דאָ איז אלץ אין אָרדענונג, די שטימונג איז א גוטע. אונדזערע היפער־אָפטימיסטן טריומפירן. עלי האָט זיך געביטן די פריזור. מיפּ האָט באקומען א וואָך אורלויב. דאָס זענען די לעצטע נייעס.

דיין אנא.

---

* מוסערט — דער פירער פון דער נאצי־באוועגונג אין האָלאנד. (באמערקונג פון אוטאָר).

** שלעכט וועטער וואָס האָט אָנגעהאלטן ביז דעם 30־טן יוני.

דאָנערשטיק, 6. יולי 1944.

ליבע קיטי!

ס'טוט מיר ווײ דאָס האַרץ, ווען פּעטער זאָגט, אַז ער וועט שפּעטער ווערן אַ פאַרברעכער אָדער אַ ספּעקולאַנט. כאָטש ער זאָגט דאָס אין שפּאַס, האָב איך אָבער דאָס געפיל, אַז ער אַליין האָט מורא פאַר זײַן שוואַכן כאַראַקטער. איך הער כסדר אי פון מאַרגאָ, אי פון פּעטערן: „יאָ, ווען איך זאָל זײַן אַזוי שטאַרק און מוטיק ווי דו, ווען איך זאָל אַזוי קאָנען דורכזעצן מײַן ווילן, ווען איך זאָל האָבן אַזויפיל אויסדויער, יאָ, דאַן...!“.

איז דאָס באמת אַ מעלה וואָס איך לאָז מיך נישט באײַנפלוסן? איז דאָס אמת אַז איך גיי כמעט אויסשליסלעך אויף דעם וועג פון מײַן אייגענעם געוויסן? דעם אמת געזאָגט, קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן וויאַזוי עמיצער קאָן זאָגן: „איך בין שוואַך!“ און ער זאָל דאַן נאָך בלײַבן שוואַך. אַז מען ווייסט דאָס שוין, פאַרוואָסזשע זאָל מען נישט קעמפן קעגן דעם און האַרטעווען דעם כאַראַקטער? דער ענטפער איז געווען: „ווײַל אַזוי איז אַסך באַקוועמער“. דער דאָזיקער ענטפער האָט מיך אַביסל אַנט־מוטיקט. באַקוועם! קאָן מען דען זאָגן אַז אַ פוילע, אָפּגענאַרט לעבן הייסט באַקוועם? ניין, דאָס קאָן נישט זײַן, דאָס טאָר נישט זײַן, אַז ווילנלאָזיקייט און... געלט זאָלן עמיצן קאָנען אַזוי גיך פאַרפירן. איך האָב לאַנג געטראַכט וואָס איך זאָל ענטפערן, וויאַזוי איך זאָל איבערצײַגן פּעטערן צו גלויבן אין זיך און קודם כל זיך בעסערן. צי איך וועל האָבן דערפאָלג ווייס איך נישט.

איך האָב מיר אָפּטמאָל פאָרגעשטעלט, אַז ס'דאַרף זײַן זייער שיין ווען עמיצער שענקט דיר צוטרוי, אָבער איצט זע איך ערשט ווי שווער ס'איז זיך אינגאַנצן אײַנצולעבן אין פרעמדע געדאַנקען און דאַן נאָך צו געבן עצות, באַזונדערס ווײַל די באַגריפן „באַ־קוועם“ און „געלט“ זענען פאַר מיר גאַנץ פרעמד און ניי. פּעטער הויבט זיך אָן שטיצן אויף מיר און דאָס טאָר בשום אופן נישט זײַן. פאַר אַ פאַרשוין ווי פּעטער איז שווער צו שטיין אויף די אייגענע פיס און נאָך שווערער איז צו בלײַבן שטאַנדהאַפט פאַר אַ מענטשן, וואָס לעבט באַוווסטזיניק און זוכט אַ וועג אין דעם ים פון פּראָבלעמען. איך דריי מיך אַביסל אין מײַן אייגענעם קרייז, און וואָלט גערן געוואָלט געפונען אַ לייזונג פאַר דעם מיאוסן

באגריף „באקוועם". וויאזוי קאָן איך פּעטערן באווייזן, אז דאָס וואָס ס׳ווייזט אויס צו זיין באקוועם און שיין, וועט אים אראָפּציען אין תהום, וו ס׳איז נישט מער פאראן קיין פרייד, קיין אָנשפּאר, קיין שיינס, אין תהום פון וועלכן ס׳איז כמעט אוממעגלעך זיך ארויסצורייסן.

מיר לעבן אלע, אָבער מיר ווייסן נישט צוליב וואָס, צוליב ווען, מיר לעבן אלע מיט דעם ציל צו ווערן גליקלעך, מיר לעבן אלע פארשידן און דאָך גלייך. מיר דריי זענען אויפגעוואקסן אין גוטע פארהעלטעניש, מיר קאָנען אביסל לערנען, מיר האָבן די מעגלעכקייט עפּעס צו דערגרייכן, מיר האָבן אלע גרונט אויף א שיין לעבן, אָבער... מיר מוזן דאָס אויך אליין פארדינען. דאָס קאָן מען אָבער נישט דערגרייכן אויף א באקוועמען אופן. פ א ר ד י נ ע ן דאָס גליק, הייסט ארבעטן דערויף, גוט זיין, נישט ספּעקולירן און נישט פויל זיין. פוילקייט קאָן זיך א ו י ס ו ו י י ז ן זייער אָנגענעם, ארבעט גיט אָבער ב א פ ר י ד י ק ו נ ג. איך קאָן נישט באגרייפן מענטשן וואָס ארבעטן נישט גערן, אָבער פּעטער איז נישט אזעלכער. ער האָט נאָר נישט קיין פעסטן ציל פאר די אויגן, האלט זיך פאר צו נאריש און אומבאדייטנדיק, כדי עפּעס אויפצוטון. אָרעם יינגל, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געקענט דאָס געפיל אנדערע גליקלעך צו מאכן, און דאָס קאָן איך אים נישט אויסלערנען. ער האָט נישט קיין רעליגיע, ער רעדט מיט שפּאס פון יעזוס, ער שעלט מיט גאָטס נאָמען; כאָטש איך בין אויך נישט קיין אָרטאָדאָקסע, טוט עס מיר דאָך צומאָל וויי, ווען איך זע ווי פארלאָזט ער איז, אָרעם און פול מיט פאראכטונג.

מענטשן וואָס גלויבן מעגן זיך פרייען, ווייל נישט יעדער איז זוכה צו גלויבן אין איבערערדישע זאכן. מען דארף אפילו נישט מורא האָבן פאר דער שטראָף נאָכן טויט. דאָס פייער פון גהינום און דער גן-עדן זענען זאכן אין וועלכע אסך צווייפלען, אָבער כאָטש אזוי פירט זיי די איינע אָדער די אנדערע רעליגיע אויפן דרך הישר. דאָס איז נישט קיין מורא פאר גאָט, דאָס הייסט הויך האלטן דעם אייגענעם כבוד, דאָס אייגענע געוויסן. ווי שיין און גוט וואָלטן געווען די מענטשן, ווען זיי זאָלן זיך האלטן פאר די אויגן, יעדן אָוונט, יעדן אָוונט פארן שלאָפן גיין, די מעשים פון א גאנצן טאָג און זאָלן זיך אָפּגעבן חשבון, וואָס ס׳איז גוט געווען און וואָס שלעכט!

נישט וועלנדיק פּרוווט מען יעדן טאָג זיך פונדאָסניי צו בעסערן, און נאָך א געוויסער צייט דערגרייכט מען טאקע עפּעס

דאָס דאָזיקע מיטל קאָן יעדער נוצן, ס'קאָסט גאָרנישט און יעדער קאָן זיך עס פארגינען. ווער ס'ווייסט נישט, מוז לערנען און וויסן זיין: „א רויק געוויסן מאכט שטארק“.

דיין אנא.

שבת, 8. יולי 1944.

ליבע קיטי!

דער הויפט־פארטרעטער פון דער פירמע, הער ב. איז געווען אין בעווערוויק און האָט פון דאָרט געבראכט יאגדעס. זיי זענען אָנגעקומען אהער פארשטויבט און פול מיט זאמד, אָבער אין גרויסע קוואנטיטעטן, נישט ווייניקער ווי 42 קעסטלעך, פארן קאָנטאָר און פאר אונדז. תיכף האָט מען קאָנסערווירט אכט סלויעס און געמאכט אכט טעפ מיט מארמעלאד. מאָרגן וויל מיפ קאָכן איינגעמאכטס פארן קאָנטאָר.

האלב איינס אזייגער טאָר קיינער נישט אריינגיין אין הויז, די דרויסן־טיר ווערט פארשלאָסן און מ'ברענגט אריין די קעסטלעך. פעטער, דער טאטע, וואן דאן גייען ארויף און אראָפּ די טרעפּ, אנא ברענגט ווארעם וואסער פונעם קעסל, מארגאָ ברענגט די עמערס, יעדער טוט עפּעס! אין דער קאָנטאָר־קיך בין איך אריינגעקומען מיט אן אייגנארטיק געפיל: מיפּ, עלי, קאָפּהויס, הענק, דער טאטע, פעטער, אויסבאהאלטענע און באשיצער, אלע באנאנד און דערצו נאָך אין מיטן העלן טאָג.

דורך די פירהענגלעך קאָן מען נישט אריינזען, אָבער די קולות, דאָס קלאפּן מיט די טירן, איך ציטער אזש פון אויפרעגונג. זענען מיר באמת נאָך אויסבאהאלטענע, האָב איך מיך אליין געפרעגט; אזא מין געפיל האָט מען אוודאי, אז מען באווייזט זיך ווידער אויף דער ליכטיקער וועלט. וויבאלד דער טאָפּ איז פול געווען, האָט מען אים תיכף ארויפגעטראָגן. אין אונדזער קיך זענען געשטאנען ביים טיש די איבעריקע פון דער משפחה און האָבן אָפּגעריסן די שטענגלעך. ס'איז מער געגאנגען אין מויל אריין ווי אין עמער, פעטער איז ווידער אראָפּגעגאנגען אין קיך — פּלוצים האָט מען צווייטאָל געקלונגען; דער עמער איז געבליבן שטיין, פעטער איז אין דער גיך ארויפגעגאנגען כדי צו פארשליסן די דרייטיר. מיר האָבן געציטערט פאר שרעק.

מ׳האָט געמוזט אָפּשטעלן די וואסערלייטונג, — כאָטש די האלב געוואשענע יאגדעס האָבן געווארט אויפן באָד. דעם כלל פון אויסבאהאלטענע מוז מען אָפּהיטן: „אויב א פרעמדער איז פאראן אין הויז מוז די וואסערלייטונג אָפּגעשטעלט ווערן. מחמת דער סכנה פונעם ליארעם. איינם אזייגער איז ארויפגעקומען הענק און האָט אונדז געזאָגט, אז דאָס איז געווען דער בריווטרעגער. פּעטער איילט אראָפּ די טרעפּ. ווידער דאָס גלעקל, פּעטער בלייבט שטיין, איך האָרך קודם ביי דער דרייטיר, צי ס׳קומט נישט עמיצער, דאן גאנץ שטיל אויבן ביי די טרעפּ. סוף כל סוף זענען פּעטער און איך געשטאנען ווי צוויי גנבים אויף די טרעפּ און זיך צוגעהערט צו דעם גערויש פון אונטן. מ׳הערט נישט קיין פרעמד קול; פּעטער גייט פּאוואָליע אראָפּ די טרעפּ, אויפן האלבן וועג בלייבט ער שטיין און רופט אויס: „עלי!“ קיין שום ענטפער. נאָך אמאָל „עלי!“ דאָס גערויש אין קיך איז שטארקער ווי פּעטערס קול. ער גייט אראָפּ אין קיך אריין; איך שטיי און קוק געשפּאנט.

—גיי גיך ארויף פּעטער, דער רעוויזאָר איז דאָ. ס׳איז געווען קאָפּהויס קול. זיפצנדיק, קומט פּעטער ארויף, די דרייטיר ווערט ווידער פארמאכט. האלב צוויי איז ענדלעך ארויפגעקומען קראלער.

—מיין גאָט, איך זע נאָר יאגדעס, מיין פרישטיק איז באַ־שטאנען פון יאגדעס. קאָפּהויס נאשט יאגדעס, מיפּ קאָכט יאגדעס, ס׳שמעקט מיט יאגדעס. אצינד וויל איך דאָס נישט מער זען און קום ארויף, וואשט מען דאָ אויך יאגדעס.

דער רעשט יאגדעס ווערט קאָנסערווירט. אויפדערנאכט: צוויי סלויעס האָבן אויפגעשפּילט. דער טאטע קאָכט אינדערגיך פון זיי מארמעלאד. דעם אנדערן טאָג: צוויי סלויעס האָבן ווידער אויפגעשפּילט, צו מיטאָג פיר. וואן דאן האָט זיי נישט גענוג סטעריליזירט. אצינד קאָכט דער טאטע יעדן אויפדערנאכט מארמעלאד. מיר עסן קאשע מיט יאגדעס, מאסלינקע מיט יאגדעס, ברויט מיט יאגדעס, יאגדעס צום דעסערט, יאגדעס מיט צוקער, יאגדעס מיט זאמד. צוויי טעג איז אומעטום פול געווען מיט יאגדעס. יאגדעס, יאגדעס; דאן האָט זיך דער זאפּאס געענדיקט, אָדער איז געשטאנען אין סלויעס און אין טעפּ, פארשלאָסן און פארינגלט.

— הער נאָר, אנא, זאָגט מארגאָ, מיר האָבן באקומען פונעם גרינצייג־הענדלער שויטן־ארבעס, 19 פונט!

— דאָס איז שיין פון זיין זייט, האָב איך געזאָגט. ס'איז באמת זייער שיין, אָבער די ארבעט... אוי!

— שבת אינדערפרי מוזט איר אלע העלפן אויסשיילן, האָט אונדז די מאמע אָנגעזאָגט ביים טיש. און באמת האָט היינט אינדערפרי, נאָכן פרישטיק, זיך באוויזן אויפן טיש די גרויסע עמאיל־שיסל פול מיט שויטן ביז צום ראנד. דאָס שיילן איז א לאנגווייליקיע ארבעט, אָבער מען מוז אמאָל פרווון צו עסן די שאָלעכץ. איך ווייס, אז די מיינסטע מענטשן אנען אפילו נישט ווי פיין די שאָלעכץ איז. ווען מען ציט אראָפּ דאָס אינעווייניקסטע הייטל. די גרעסטע מעלה דערפון איז, וואָס די פּאָרציעס ווערן מיט דריי מאָל גרעסער ווי פון הוילע ארבעס. דאָס אָפּציען דאָס הייטל איז אן אויסערגעווינטלעך פּרעציזע ארבעט, וואָס אייגנט זיך אפשר פאר פעדאנטע ציין־דאָקטוירים און קליינע ביוראָ־מענטשן; פאר אן אומגעדולדיק מיידל ווי איך בין, איז דאָס פשוט שרעקלעך. מיר האָבן אָנגעהויבן האלב צען אזייגער, האלב עלף האָב איך געמאכט אן איבערייס, כדי אין א שעה ארום ווידער אָנצוהויבן. ס'זשומעט מיר אין די אויערן! דאָס אָפּברעכן די שפּיצן, דאָס אָפּציען די הייטלעך און די פעדים, דאָס ארייַנוארפן די ארבעס און דער שיסל א. אז. וו., א. אז. וו. ס'פונקלט מיר פאר די אויגן, גרין, גרין, ווערמלעך, פעדים, פארפוילטע שויטן, גרין, גרין, גרין.

פון לאנגווייליקייט און כדי עפּעס צו טון, האָב איך דעם גאנצן פאָרמיטאָג גערעדט כלערליי נארישקייטן, איך האָב אלע געמאכט צום לאכן און האָב דערביי אליין געהאט דאָס געפיל, אז ס'גודיעט מיך צום טויט. ביי יעדן פעדימל וואָס איך האָב אראָפּגעצויגן, האָב איך געוווסט אלץ זיכערער אז איך וועל קיינמאָל נישט ווערן קיין הויזווירטן!!

צוועלף אזייגער האָבן מיר ענדלעך געפרישטיקט, אָבער פון האלב איינס ביז א פערטל אויף צוויי האָבן מיר ווייטער געמוזט אראָפּציען די הייטלעך. צום סוף האָב איך כמעט באקומען די ים־קראנקהייט, די אנדערע פילן דאָס אויך צו ביסלעך; איך בין געשלאָפן ביז פיר אזייגער און בין נאָכדעם נאָך אלץ געווען אינגאנצן צעבראָכן פון די גימאוסע ארבעס.

דיין אנא.

שבת, 15. יולי 1944.

ליבע קיטי!

מיר האָבן באַקומען א ביכל פון דער ביבליאָטעק מיט דעם שרייענדיקן טיטל: „ווי געפעלט אייך דאָס מאָדערנע יונגע מיידל?“ היינט וויל איך רעדן וועגן דער דאָזיקער טעמע. די מחברטע פון דעם ביכל קריטיקירט פון אויבן ביז אראָפּ „די היינטיקע יוגנט“, כאָטש זי לייקנט נישט אָפּ אַלץ וואָס איז יונג. פאַרקערט, זי האַלט אַז ווען די יוגנט וויל, וואָלט זי געקאָנט אויפבויען א שענערע און א בעסערע וועלט. זי מיינט אַז די יוגנט האָט די מיטל דערצו, אָבער זי באַשעפטיקט זיך מיט אויבערפלעכלעכע זאַכן און טוט נישט אפילו א קוק אויפן באמת שיינעם. ביי איניקע קאַפּיטלען האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי טרעפן מיך פּערזענלעך און דערפאַר וויל איך אַצינד אַנטפּלעקן מיין גאַנצע נשמה, כדי מיך צו פאַרטיידיקן קעגן דעם דאָזיקן אָנגריף.

איך האָב א כאַראַקטער שטריך וועלכער פאַלט יעדן אויף וואָס קען מיך: מיין זעלבסטקריטיק. אַלץ וואָס איך טו באַטראַכט איך ווי גלייך איך וואָלט געווען א פרעמדע! איך שטיי דאַן קעגנאיבער יענער אַנא אָן שום פאָרורטיילן, אָדער מיט א גאַנצן זאַק אַנטשולדיקונגען און זע וואָס זי טוט שלעכטס און וואָס זי טוט גוטס. די דאָזיקע זעלבסטבאַטראַכטונג לאָזט מיך קיינמאָל נישט אָפּ, און ביי יעדן וואָרט וואָס איך רעד אַרויס ווייס איך תיכף: „דאָס האָט געדאַרפט זיין אַנדערש“ אָדער „דאָס איז גוט אַזוי“. אין אַסך זאַכן באַשולדיק איך מיך אַליין און זע אַלץ מער ווי וואָר דעם טאַטנס ווערטל איז: „יעדעם קינד מוז זיך אַליין דערציען“, אַנדערע קאָנען נאָר געבן אַן עצה אָדער מדריך זיין: „די ענדגילטיקע, אויסבילדונג פונעם כאַראַקטער, ליגט ביי יעדן מענטשן אין דער האַנט. דערצו האָב איך נאָך זייער אַסך לעבנס־מוט, איך פיל מיך תמיד שטאַרק און בכוח אַסך אַריבערצוטראָגן, איך פיל מיך אַזוי פריי און אַזוי יונג“. ווען איך האָב דאָס צום ערשטן מאָל דערפילט, האָב איך מיך זייער געפרייט, ווייל איך האָב נישט געגלויבט, אַז די קלעפּ וואָס יעדער דאַרף אַריינכאַפּן זאָלן מיך קאָנען גיך צעברעכן. אָבער וועגן דעם האָב איך שוין אָפט גערעדט. איך וויל אַצינד קומען צום עיקר: „מיין טאַטע און מיין מאַמע פאַרשטייען מיך נישט“. מיין טאַטע און מיין מאַמע האָבן מיך זייער צעבאַלעוועט, זענען געווען גוט צו מיר, האָבן מיך פאַרטיידיקט און האָבן געטון אַלץ וואָס

עלטערן קאָנען טון. און דאָך האָב איך מיר געפילט א לאַנגע צייט שרעקלעך איינזאם, אָפּגעזונדערט, פארנאכלעסיקט, נישט פארשטאנען. דער טאטע האָט אלץ געטון, כדי מיינע באגערן צו מעסיקן, — אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן; איך האָב מיך אליין געהיילט מיט דעם, וואָס איך האָב מיר געהאלטן פאר די אויגן דעם היפוך פון מיינע מעשים. ווי קומט עס, וואָס דער טאטע איז נישט געווען קיין אָנשפאר אין מיין קאמף? וואָס ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן אפילו דעמלט, ווען ער האָט מיר געוואָלט העלפן? דער טאטע האָט אָנגעווענדט די פארקערטע מיטל, ער האָט תמיד מיט מיר גערעדט ווי מיט א קינד, וואָס האָט זיינע קינדערישע זאָרגן. דאָס קלינגט משוגה, ווייל דווקא דער טאטע האָט מיר תמיד געשענקט צוטרוי, דווקא ער האָט מיר געגעבן דאָס געפיל, אז איך בין פארנונפטיק. אָבער איין זאך האָט ער פארנאכלעסיקט, ער האָט קיינמאָל נישט געטראכט דערצו, אז מיין קאמף זיך ארויסצורוקן, איז מיר פיל וויכטיקער ווי אלץ. איך האָב נישט געוואָלט הערן: „טיפישע דערשיינונגען... אנדערע מיידלעך. דאָס וועט אריבער...“ א. אז. וו. איך האָב נישט געוואָלט ער זאָל מיך באהאנדלען ווי אלע אנדערע מיידלעך, נאָר ווי א פערזענלעכקייט, ווי אנא ן, דאָס האָט פים נישט פארשטאנען. און איך קאָן נישט שענקען צוטרוי א מענטשן וואָס דערציילט מיר זייער ווייניק וועגן זיך; אזוי ווי איך ווייס זייער ווייניק פון פים, וועלן מיר קיינמאָל נישט ווערן גאנץ אינטים. פים, שטעלט זיך אָבער תמיד אויפן שטאנדפונקט פון אן עלטערן. וואָס האָט אויך אמאָל געהאט אזעלכע צייטווייליקע נייגונגען. וואָס קאָן אָבער נישט מיטלעבן און מיטפילן ווי אן עלטערער חבר מיט א יונגערן, כאָטש ער פרווט עס צו טון. דערפאר בין איך אזוי ווייט געקומען, אז איך אנטפלעק פאר קיינעם נישט מיינע אָנשויונגען וועגן לעבן און מיינע גוט דורכגעטראכטע טעאָריעס, סיידן אמאָל פאר מארגאָן. פארן טאטע האָב איך אלץ אויסבאהאלטן וואָס ס'האָט מיך באטראָפן, איך האָב אים קיינמאָל נישט אנטפלעקט מיינע אידעאלן און האָב אים בכיוון פון מיר אָפּגעפרעמדט. איך האָב אנדערש נישט געקאָנט, איך האָב נאָר געהאנדלט לויט מיין געפיל, אָבער איך האָב אזוי געהאנדלט ווי ס'האָט עס געפאָדערט מיין רו, ווייל איך וואָלט געווען ווידער פארלוירן מיין זעלבסטצוטרוי און מיין רו, וואָס איך האָב אזוי וואקלענדיק אויפגעבויט, אויב מען וואָלט קריטיקירט מיין האלב פארטיק ווערק. דאָס בין איך נישט גרייט צו טון אפילו פאר פימען, ווי הארט דאָס זאָל נישט קלינגען, ווייל איך האָב נישט געמאכט פימען פאר קיין שותף צו מיין

נשמה־לעבן, נאָר פאַרקערט איך האָב אים אַלץ מער דערווייטערט דורך מיין אויפגעבראכטקייט. דאָס איז אן ענין, וואָס באשעפטיקט מיך זייער: ווי קומט עס וואָס פים איריטירט מיך אזוי? פאַר־וואָס קאָן איך מיט אים כמעט נישט לערנען? פאַרוואָס ווייזן מיר אוים זיינע צערטלעכקייטן געמלאכהטע? און איך וואָלט אמליבסטן געוואָלט ער זאָל מיך אביסל צו רו לאָזן, ביז איך וועל שטיין זיכערער אקעגן אים? נאָך אַלץ גריזשעט מיך דער פאָרוואורף פון יענעם געמיינעם בריוו, וואָס איך האָב אים געוואגט צו שרייבן אין מיין אויפרעגונג. אוי, ווי שווער ס'איז תמיד צו זיין שטארק און מוטיק!

דאָס איז אָבער נישט דאָס ערגסטע אין מיין אנטוישונג; אסך מער, ווי פון טאטן, טראכט איך פון פעטערן. איך ווייס גאנץ גוט, אז איך האָב אים דעראָבערט, און נישט פאַרקערט; איך האָב מיר פון אים געשאפן א טרוים־בילד, איך האָב אים געזען ווי א ליב, שטיל, עמפפינדלעך יינגל, וואָס נויטיקט זיך אין ליבע און פריינטשאפט. איך האָב מיך געמוזט אמאָל אויס־טענהן מיט א לעבעדיקן מענטשן, איך האָב געוואָלט האָבן א חבר, וואָס זאָל מיר העלפן אויף מיין וועג. איך האָב דאָס שווערע ווערק פאַרענדיקט, איך האָב אים פאוואָליע, אָבער זיכער צוגעצויגן צו מיר. ווען איך האָב סוף כל סוף אין אים געוועקט פריינטשאפטלעכע געפילן צו מיר. איז במלא געקומען צו אינטי־מיטעטן, וואָס איך האלט זיי אצינד פאַר אומדערהערט; מיר רעדן וועגן די אינטימסטע זאכן, אָבער וועגן זאכן מיט וועלכע מיין הארץ איז פול, האָבן מיר אצינד געשוויגן. איך קאָן נאָך אַלץ פון פעטערן נישט ארויס; ער איז אויבערפלעכלעך, אָדער האלט אים צוריק די שעמעוודיקייט מיר קעגניבער? איך בין באגאנגען איין פעלער, איך האָב באזייטיקט אַלע אנדערע מעגלעכקייטן, כדי אים צו געווינען אַלס פריינט, און האָב אים געוואָלט צוציען נאָך דורך אינטימיטעטן. ער גארט נאָך ליבע און האָט מיך מיט יעדן טאָג ליבער, דאָס פיל איך גאנץ גוט. אים באפרידיקט אונדזער צוזאמענזיין, ביי מיר דערוועקט עס נאָך דעם דראנג אַלץ ווידער צו פרוון מיט אים צו באַרירן טעמעס וואָס איך וואָלט אזוי גערן ארומגערעדט. איך האָב פעטערן צוגעצויגן מיט געוואלד. מער ווי ער אליין ווייסט; אצינד האלט ער זיך פעסט אָן מיר און איך זע לעת עתה נישט קיין זיכער מיטל אים ווידער אָפּצורייסן פון מיר און אים אוועקצושטעלן אויף אייגענע פיס. וויבאלד איך האָב באמערקט, אז ער איז נישט דער ריכטיקער פריינט פאַר מיינע באגריפן,

האָב איך געשטרעבט אים כאָטש ארויסצורייסן פון זיין באַשרענקטקייט, כדי עפּעס צו מאכן פון זיין יוגנט. „ווייל אין טיפסטן גרונט איז די יוגנט איינזאמער ווי די עלטער". די ווערטער געדענק איך פון א ביכל און האלט אז זיי זענען אמת.

איז עס דען אמת, אז די דערוואקסענע לעבן דאָ שווערער ווי די יונגע? ניין, דאָס איז זיכער נישט אמת! עלטערע מענטשן האָבן א מיינונג וועגן אלץ און וואקלען זיך נישט מער אין לעבן. מיר יונגערע האָבן א טאָפּלטע מי, דורכצוזעצן אונדזערע מיינונגען אין א צייט, אין וועלכער אלע אידעאלן זענען פאַרניכטעט און צעשטערט געוואָרן, אין וועלכער די מענטשן באווייזן זיך פון זייער מיאוסער זייט, אין וועלכער מען צווייפלט אין אמת, אין יושר, אין גאָט!

עמיצער וואָס באהויפּט, אז די עלטערע לעבן שווערער אין הינטערהויז, דעם איז אליין נישט קלאָר ווי מעכטיק ס'שטורעמען אויף אונדז די פּראָבלעמען, פּראָבלעמען פאר וועלכע מיר זענען אפשר נאָך צו יונג, וואָס צווינגען זיך אָבער אויף מיט געוואלד, ביז מיר מיינען, נאָך א לאנגער צייט, אז מיר האָבן געפונען די ליידונג, א ליידונג וואָס ווערט אין די מיינסטע פאלן צונישט לגבי דערווירקלעכקייט. דאָס איז דאָס שווערע אין דער דאָזיקער צייט: אידעאלן, טרוימען, שיינע האָפענונגען ווערן ביי אונדז נאָך נישט געבוירן, אָדער זיי ווערן געטראָפן פון דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט און אינגאנצן צעשטערט.

ס'איז א וואונדער וואָס איך האָב נאָך נישט אויפגעגעבן אלע מיינע האָפענונגען, ווייל זיי ווייזן אויס אבסורד און נישט דערפולבאר. פונדעסטוועגן האלט איך מיך נאָך פעסט אָן זיי, ווייל איך גלויב נאָך אלץ אז דער מענטש איז גוט. איך קאָן אָבער נישט, אפילו ווען איך וויל, אלץ אויפבויען אויף די יסודות פון טויט, עלנט און פארווירונג. איך זע ווי די וועלט ווערט אלץ מער און מער פארוואנדלט אין א מדבר, איך הער אלץ שטארקער דעם דונער וואָס וועט אויך אונדז דערהרגענען, איך פיל די יסורים פון מיליאָנען מענטשן, און דאָך, ווען איך קוק ארויף צום הימל טראכט איך, אז אלץ וועט ווידער ווערן גוט, אז אויך דאָס שלעכטס מוז האָבן א סוף און אז אויף דער וועלט וועט ווידער הערשן שלום און רו.

דערווייל מוז איך הויך האלטן מיין אידעאל; אפשר וועט מען דאָס קאָנען דערגרייכן אין די צייטן וואָס וועלן קומען.

דיין אנא.

פרייטיק, 21. יולי 1944.

ליבע קיטי!

ענדלעך האָב איך האָפענונג, ענדלעך גייט אַלץ גוט! יאָ, ס'גייט באמת גוט! הערלעכע בשורות! מ'האָט געמאכט אן אטענטאט אויף היטלערן, אָבער נישט אפילו קיין יידישע קאָמוניסטן, אָדער ענגלישע קאפּיטאליסטן, נאָר אן אדעליק-גערמאנישער דייטשער גענעראל. דערצו איז דער גראף נאָך זייער יונג! די „געטלעכע השגחה" האָט דעם פירער געראטעוועט דאָס לעבן, און ער איז ליידער, אָפּגעקומען מיט אייניקע קליינע בראנד-וואונדן. ס'זענען דערהרגעט אָדער פארוואונדעט געוואָרן אויך עטלעכע אָפיצירן און גענעראלן פון זיין סביבה. דעם הויפּטשולדיקן האָט מען דערשאָסן. דאָס איז דער בעסטער באווייז, אז אסך אָפי-צירן און גענעראלן זענען זאט פון דער מלחמה און וואָלטן גערן באגראָבן היטלערן אין די טיפסטע טיפענישן. נאָך היטלערס טויט שטרעבן זיי אויפצושטעלן א מיליטער-דיקטאטור צו שליסן שלום מיט די אליאטן, פונסניי זיך צו באוואָפענען, כדי אין צוואנציק יאָר ארום ווידער אָנהייבן א נייע מלחמה. אפשר האָט די השגחה אייגנס נאָך אביסל אָפּגעליינט היטלערס באזייטיקונג, ווייל ס'איז אסך באקוועמער און גינסטיקער פאר די אליאטן, ווען די אומבאפלעקטע גערמאנען קוילען זיך אויס איינס דאָס אנדערע; ס'בלייבט ווייניקער ארבעט פאר די רוסן און ענגלענדער און זיי קאָנען גיכער אָנהייבן אויפבויען זייערע אייגענע שטעט. אָבער אזוי ווייט האַלטן מיר נאָך נישט. און איך וויל אויך דורכויס נישט פאָרויס אײַלן. דו זעסט דאָך אָבער אז דאָס וואָס איך זאָג אציגנד איז ניכטערע ווירקלעכקייט, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויף דער ערד; דאָסמאָל פלאפּל איך דווקא נישט וועגן הויכע אידעאלן.

היטלער איז געווען אזוי פריינטלעך און האָט מיטגעטיילט זיין געטרייען און איבערגעגעבענעם פאָלק, אז פון היינט אָן שטייט אויך דאָס מיליטער אונטער דער אויפזיכט פון דער געשטאַפּאָ און אז יעדער סאָלדאט, וואָס ווייסט, אז זיין פאָרגעזעצטער איז געווען באטייליקט אין דעם פחדנישן און נידעריקן אטענטאט, מעג אים דערשיסן אָן קיין שום פּראָצעס.

פון דעם קאָן ארויס א שיינע מעשה. האנס דאמפּן טוען וויי די פיס פון אסך לויפן; זיין שעף, דער אָפיציר שרייט אָן אויף אים. האנס נעמט די ביקס און שרייט: „דו האָסט געוואָלט דער-

הרגענעז דעם פירער, נא דיר דעם שכר! א קנאַל און דער גוואהדיקער שעף, וואָס האָט געוואגט צו מוסרן דעם קליינעם סאָלדאט האָט דאָס אייביקע לעבן (אָדער דעם אייביקן טויט?). סוף כל סוף וועלן די הערן אָפיצירן זיך באמאכן אין די הויזן און וועלן פון מורא נישט מער וואגן עפּעס צו זאָגן א סאָלדאט.

דו פארשטייסט? צי האָב איך ווידער געהיקעט שרייבנדיק? איך קאָן אָבער גאָרנישט טון. איך פריי מיך צו שטארק, כדי צו קאָנען זיין לאָגיש ביי דעם געדאנק, אז אין אָקטאָבער וועל איך ווידער זיצן אויף א שול-באנק. אוי, צי האָב איך נישט, נאָר וואָס, געזאָגט אז איך וויל נישט פאָרויסאײַלן? זיי מיר נישט ברוגז, נישט אומזיסט רופט מען מיך א בינטל ווידערשפּרוכן.

דיין אנא.

דינסטיק, 1. אויגוסט 1944.

ליבע קיטי!

„א בינטל ווידערשפּרוכן“! דאָס איז דער לעצטער זאַץ פון מיין פאָריקן בריוו און דער ערשטער פון מיין היינטיקן. „א בינטל ווידערשפּרוכן“, צי קאָנסטו מיר דערקלערן וואָס דאָס איז? וואָס הייסט א ווידערשפּרוך? דאָס האָט, ווי אסך ווערטער צוויי באדייטונגען. א דרויסנדיקער און אן אינעווייניקסטער ווידערשפּרוך. דער ערשטער איז דער פּשוטער „נישט צופרידן זיין מיט דער מיינונג פון אנדערע מענטשן, אליין בעסער צו וויסן, האָבן דאָס לעצטע וואָרט“. דאָס אלץ זענען נישט קיין גרויסע מעלות און יעדער ווייסט פון זיי. דער צווייטער, פון וועלכן מען ווייסט נישט, איז מיין אייגענער סוד. איך האָב דיר שוין איינמאָל דערציילט, אז אייגנטלעך האָב איך צוויי נשמות. אין איינער ווינט מיין פארשייטקייט, מיין שפּאָט קעגן אלץ, מיין לעבנס-לוסט און קודם כל, מיין אופן אלץ צו נעמען פון דער לייכטער זייט. אונטער דעם פארשטיי איך: נישט צו זיין קעגן א פלירט, קעגן א קוש, קעגן האלדזן זיך, קעגן א וואולגארן וויץ. די דאָזיקע נשמה לויערט שטענדיק אויף דער אנדערער, וואָס איז אסך שענער. ריינער און טיפער. אמת, די גוטע זייט פון אנאן קען קיינער נישט. און דערפאר קאנען מיך ליידן אזוי ווייניק מענטשן.

פארשטייט זיך, איך בין אן אמוזאנטער קלאָוון פאר איין נאָכמיטאָג; דערנאָך איז יעדער פון מיר זאט א גאנצן חודש. אייגנטלעך דאָס זעלבע וואָס א ליבע=פילם פאר ערנסטע מענטשן, פשוט א פארוויילונג, א באלוסטיקונג פאר איינמאָל. עפּעס וואָס מען פארגעסט תיכּף, וואָס איז נישט שלעכט אָבער אויך נישט זייער גוט. ס׳איז אביסל פריקרע דיר צו דערציילן דאָס אלץ, אָבער פארוואָס זאָל איך עס נישט טון, אויב דאָס איז פּאָרט אמת? מיין לייכטקייט, אויבערפלעכלעכקייט, וועט תמיד גובר זיין מיין טיפקייט און וועט ארויפקומען פון אויבן. דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן ווי אָפט איך האָב שוין געפּרווט אוועקצורוקן אין א זייט און צו באהאלטן די דאָזיקע אנא, וואָס איז דאָך נאָר די העלפט פון דעם וואָס אנא איז באמת; ס׳גייט אָבער נישט און איך ווייס אויך פארוואָס ס׳גייט נישט.

איך האָב מורא, אז אלע וואָס קענען מיך אזוי ווי איך בין תמיד, וועלן אנטדעקן, אז איך פארמאָג אויך אן אנדערע זייט, א שענערע און א בעסערע. איך האָב מורא אז זיי וועלן פון מיר חוזק מאכן, זיי וועלן מיך האלטן פאר לעכערלעך און סענטימענטאל, זיי וועלן מיך נישט ערנסט נעמען. איך בין געוווינט מען זאָל מיך נישט ערנסט נעמען; אָבער נאָר די „לייכטע“ אנא איז דערצו געוווינט און קאָן דאָס אריבערטראָגן, די „שווערע“ איז צו שוואך דערצו. אויב איך ברענג אמאָל, איבערדאנק, ארויס, נאָר פאר איין פערטל שעה, די גוטע אנא, ציט זי זיך תיכּף צוריק ווי דאָס בלימל „ריר מיך נישט אָן“, ווי גלייך זי וואָלט געזאָגט, מען זאָל לאָזן קומען צום וואָרט די אנא נר. 1, און איידער איך קוק מיך אום איז זי פארשוואונדן.

אזוי ארום איז די ליבע אנא נאָך קיינמאָל נישט ארויס געקומען אין געזעלשאפט, אָבער ווען איך בין אליין, פירט זי תמיד דאָס וואָרט. איך ווייס גענוי וויאזוי איך וואָלט געוואָלט זיין, און אויך וויאזוי איך בין, אָבער ליידער בין איך עס נאָר פאר מיר אליין. און דאָס איז אפשר, ניין, גאנץ זיכער, די סיבה צוליב וועלכער איך האלט מיך פאר א גליקלעכער אינעווייניק און אנדערע מענטשן האלטן מיך פאר א גליקלעכער פון דרויסן. אינעווייניק ווייזט מיר דעם וועג די ריינע אנא, פון דרויסן בין איך נישט מער ווי א פארשייט האָפּקענדיק ציגעלע.

אזוי ווי איך האָב שוין געזאָגט, פיל איך אלעס אנדערש ווי איך רעד ארויס, און דערפאר האָב איך דעם שם פון א מיידל, וואָס לויפט נאָך יינגלעך, וואָס פלירטעוועט, וואָס איז חוצפּהדיק און לייענט ראָמאנען. די פריילעכע אנא לאכט דערפון, ענטפערט

אָפּ מיט עזות, ציט גלײַכצײַטיק מיט די אַקסלען, ווי גלײַך ס'וואָלט זי גאָרנישט געאַרט. אָבער אוי ווײ, די שטילע אַנאַ רעאַגירט פּונקט פאַרקערט. אַזוי ווי איך בין זײער ערלעך, וויל איך מיך מודה זײַן, אַז ס'טוט מיר באַנג, וואָס איך גיב מיר אַזוי פיל מי, צו ווערן אַנדערש, אָבער יעדעס מאָל מוז איך קעמפן קעגן מעכטיקערע כּוחות.

ס'יאָמערט אין מיר: „דו זעסט, דאָס איז דערפון געוואָרן: שלעכטע מיינונג, שפּעטישע און פאַרצערטע פּנימער, מענטשן וואָס האַלטן דיך פאַר אומסימפּאַטיש, און נאָר דערפאַר, ווײַל דו פאָלגסט נישט די עצה פון דײַן גוטער נשמה" — אוי, איך וואָלט שוין געפאָלגט, אָבער איך קאָן נישט; ווען איך בין שטיל און ערנסט, מײנט יעדער, אַז איך שפּיל ווידער אַ קאָמעדיע, און דאַן מוז איך אַרויס מיט אַ וויץ. אַז איך שווײַג אײַנגאַנצן פאַר מײַן ענגערער משפּחה, מײנען זײ אַז איך בין קראַנק, גיבן מיר פּילן קעגן קאָפּווייטיק און קעגן נערוועזקייט, טאַפּן מיר דעם דפק און דעם שטערן, צי איך האָב נישט קיין היץ, פרעגן מיך צי דער מאָגן איז אין אָרדענונג, און קריטיקירן דאַן מײַן שלעכטע שטימונג. דאָס קאָן איך נישט אַריבערטראָגן. אַז מען גיט אַזוי אַכטונג אויף מיר, ווער איך ערשט רעכט צערייצט, דערנאָך טרויעריק און סוף כּל סוף, קער איך ווידער איבער מײַן נשמה מיט דער שלעכטער זײַט אַרויס און מיט דער גוטער זײַט אַרײַן און זוך פונדאָסנײַ אַ מיטל אַזוי צו ווערן, ווי איך וואָלט געוואָלט און ווי איך וואָלט געקאָנט זײַן אויב... יאָ, אויב ס'וואָלטן נישט געלעבט אויף דער וועלט קיין אַנדערע מענטשן.

דײַן אַנאַ.

דאָ ענדיקט זיך אַנאַס טאָגבוך.

# נאָכוואָרט

דעם 4־טן אויגוסט איז אָנגעפאלן די „גרינע פּאָליציי“ אויפן הינטערהויז, האָט ארעסטירט די אויסבאהאלטענע, ווי אויך קראלערן און קאָפּהויסן און זיי פארשיקט אין דייטשע און האָלענדישע קאָנצענטראציע־לאגערן.

די געשטאפּאָ האָט אויסגערויבט דאָס „הינטערהויז“. מיפּ און עלי האָבן געפונען צווישן אלטע ביכער, צייטשריפטן און צייטונגען, וואָס זענען געבליבן ליגן אין א זייט, אויך אנאס טאָגבוך. מיט דער אויסנאמע פון אייניקע שטעלן, וואָס זענען אינגאנצן נישט וויכטיק פארן לייענער, האָט מען דעם אורשפּרינגלעכן טעקסט אָפּגעדרוקט.

פון די אויסבאהאלטענע איז געבליבן לעבן נאָר דער פאָטער.

קראלער און קאָפּהויס האָבן איבערגעלעבט די צרות אין די האָלענדישע לאגערס און געפונען זיך אצינד אינאיינעם מיט זייערע משפּחות.

אנא איז געשטאָרבן אין חודש מערץ, 1945, אין קאָנצענטראציעלאגער בערגען בעלזן, צוויי חדשים פאר דער באפרייונג פון האָלאנד.